STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02346

ALE VERK

Samuel Leib Zitron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. ציטראָן.

דריי ליטעראַרישע דורות

זכרונות

וועגן יידישע שריפטשטעלער.

דריטער באַנד.

פערלאַג / ש. שרעבערק.

פערקויף געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשע.

Printed in Poland
Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

דינעזאָן און לעוואַנדע . 12—3

II צו דער געשיכטע פון׳ם יידישן טעאַטער 29—12

III שמעון שמואל פרוג . . . 33—29

IV אברהם אליהו הארקאַווי . . 65—33

V יהודה ליב קאַנטאָר . . . 53—45

VI בער באָראָכאָוו . . . 63—53

VII ש. אַנ־סקי . . . . 85—63

VIII צו דער געשיכטע פון „דבוק" . 96—85

IX רעדאַקטאָרן:

א) אַלעקסאַנדער צעדערבוים 130—96

ב) פרץ סמאָלענסקין 152—130

ג) ישראל לעווי 164—152

דינעזאָן און לעוואַנדע.

I.

אין יאָר 1885 בין איך צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אויף העברעאיש העפטן־ווייז, אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „אספת־ספורים, איבערזעצטע ערציילונגען פונם יידישן לעבן פון די באַוואוסטעסטע בעלעטריסטן ווי: אויערבאַך, קאָמפּערט, פראַנצאָז, לעוואַנדע באָגראָוו און אַנדערע. כ׳האָב דעמאָלט געוואוינט אין וואַרשע, און מיין פאַרלעגער איז געווען י ע ק ב ס אַ פ י ר ש ט י י ן, וועלכער האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע און איז דאָרטן געוואָרן דער אַרויסגעבער פון דער ניו־יאָרקער גרויסער האַלב־אָרטאָדאָקסישער טעגליכער צייטונג „מאָרגן־זשורנאַל”. דער דאָזיקער סאַפירשטיין האָט דאַן אין די אַנאָנסן, וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט אין פאַרשיידענע צייטונגען וועגן מיין דערמאָנטער ליטעראַרישער אונטערנעמונג, מודיע געווען, אַז אין די העפטן וועלן אַריינגיין ניט בלויז איבערזעצטע, נאָר אויך אָ ר י ג י נ ע ל ע ערציילונגען פון די בעסטע העברעאישע שריפטשטעלער.

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם, ווי ס׳איז אַרויס פון דרוק דאָס ערשטע העפט, וועלכע האָט אַנטהאַלטן צוויי קליינע ערציילונגען פון קאַרל עמיל פראַנצאָז, איז עס אויספירליך רעצענזירט געוואָרן אין דעם יול־ביכל פונם רוסיש־יידישן חדש־זשורנאַל „וואָסכאָד” (1886). דער אַנאָנימער רעצענזענט, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטער צוויי שטערנדלאַך, איז געווען דער דאַמאָלסט זעער פּאָפּולערער יידיש־רוסישער נאָוועליסט און פּובלי־

ציסט ל. לעוואַנדע. אין דער דערמאָנטער רעצענזיע האָט לעוואַנדע פאַרבייגייענדיק באַמערקט, אַז לויט ווי ער געפינט, וואָלט געווען צוועקמעסיקער, ווען די העפטן וואָלטן באַשטאַנען אויסשליסליך נאָר פון איבערזעצטע ערציילונגען, ווייל די ניי־העברעאישע ליטעראַטור איז זייער אָרעם אין אָריגינעלע קינסטלערישע שאַפונגען. „פון דער גאַנצער פלעיאַדע העברעאישע שריפטשטעלער, וועלכע אַרבעטן אויפן בעלעטריסטישן געביט — אַזוי האָט לעוואַנדע געשריבן — האָבן נאָר מאַפּו פון די אַלטע און בראַנדשטעטער פון די נייע דאָס רעכט גערעכנט צו ווערן פאַר אמת׳ע בעלעטריסטן; אַלע איבעריקע, און אפילו ניט אַרויסנעמענדיק פון כלל דעם באַרימטן און אין אַנדערע הינזיכטן באַגאַבטן סמאָלענסקינען, שטייען אַלס ערציילער נאָך נידעריקער פון דער מיטלמעסיקייט.“ דערביי האָט לעוואַנדע אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די יידישע בעלעטריסטיק שטייט קינסטלעריש פיל העכער פון דער העברעאישער. די דאָזיגע מיינונג איז מיר נאָך אַ סך פריער אויס געקומען צו הערן פון לעוואַנדען מונדליך.

שמועסנדיק אַמאָל מיט דינעזאָנען וועגן לעוואַנדעס באַציאונג צו דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער מיך געבעטן, אַ איך זאָל ביי אים אָנפרעגן אין אַבריוו, צי לייענט ער איצט יידיש בכלל, און צי איז ער אַבעלן דורכצולייענען זיין נייע ווערק „צוויי בריוו צו אַמחבר.“ איך האָב ממלא געווען דינעזאָנס בקשה, און אָט וואָס לעוואַנדע האָט מיר אויף דעם געענטפערט (4־טען אַווגוסט 1896): „... דעם ראָמאַן „הנאהבים והנעימים“ פון ה׳ דינעזאָן האָב איך אין זיין צייט געלייענט. דאָס נייע ווערק פון ה׳ דינעזאָן „צוויי בריף צו אַמחבר“ וועל איך לייענען גאַנץ גערן, ווייל די אידעע פון דער ערציילונג אינטערעסירט מיך זייער. אויב כ׳וועל געפינען דאָס ווערק כאָטש ווי־פיל ס׳איז ליטעראַריש, וועל איך עס דאַן, קען זיין, איבערזעצן אין רוסיש“... *)

---

*) זע שלום עליכם׳ס „פאָלקס־ביבליאָטעק“, ערשטער באַנד זייטל 348.

אַז איך האָב איבערגעגעבן דינעזאָנען לעוואַנדעס תשובה, איז ער פון איר געווען ווי אופן זיבעטן הימל. די פּערספּעקטיוו צו ווערן איבערזעצט אין דער רוסישער שפּראַך, און נאָך פון לעוואַנדען אַליין, צו וואָס ס'האָט נאָך ביז דאַמאָלסט ניט זוכה געווען קיין איין־איינציקער פון די יידישע שריפטשטעלער, האָט אים אַנטציקט. ער האָט ניט געמאַכט קיין שהיות און האָט שוין געכאַפּט און אַוועקגעשיקט לעוואַנדען אַן עקזעמפּליאַר פון זיין נייעם ווערק צוזאַמען מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן מיט דער ספּעציפיש דינעזאָנישער עניוות, אַ שטרייגער שופט צו זיין און ניט צו פאַרדעקן קיין איינציקן פון זיינע פעלער, וועלכע זיי זאָלן ניט זיין. פונם דאָזיגן בריוו, וועלכן דינעזאָן האָט מיר דאַן באַוויזן, איז ביז אופן היינטיגן טאָג פאַרבליבן אין מיין זכרון די פאָלגנדע פראַזע: „בין איך נאָר ווערט, פאַרלאַנג איך געמשפּט צו ווערן בראש גלי; לאָז די וועלט וויסן, אַז יעקב דינעזאָן איז ניט קיין שרייבער, נאָר אַ פאַרטאַטש.“

II.

דער יידישער לעזער, וועלכער איז נאָר באַהאַוונט אין די־בעזאַנס ווערק, וועט זיך, לייענענדיג מיינע אויבערשטע שורות, געוויס חדושן און קווענקלען מיט די פּלייצעס: קיינעם איז ניט באַקאַנט, אַז דינעזאָן זאָל ווען ס'איז האָבן געשריבן אַ ווערק מיטן נאָמען „צוויי בריוו צו אַ מחבר“; און בכלל האָט זיך גאָר אַזאַ מין ספר אופן יידישן ביכער־מאַרק קיינמאָל ניט געפונען. דינעזאָן האָט אָבער דאָך אַזאַ ווערק פאַרפאַסט; ער האָט נאָר אויף אים זיין נאָמען ניט אַוועקגעשטעלט און דורך בוכהאַנדלונגען אונטערן ברייטן עולם ניט פאַרשפּרייט. די מעשה דערפון איז אַזוי געווען:

אין צעדערבוימס „יודישעס פאָלקס־בלאַט“ פאַרן יאָר 1885 האָט זיך אין אַ מאַסע נומערן געדרוקט אַ פעליעטאָן אונטער דעם קעפּל „אַ ב ר י ו ו צ ו אַ מ ח ב ר“ פון N. N. אין אמתן האָט דער דאָזיגער פעליעטאָן אַנטהאַלטן ניט איין בריוו, נאָר צוויי

מיט נאָך אַ דריטן דערצו, אַלס תשובה פון מחבר. דער N. N. איז דאָס געווען יעקב דינעזאָן, וועלכער האָט אין דער פאָרם פון בריוו, וואָס אַ מאָהליוועו גימנאַזיסטקע האָט צו אים געשריבן, דערציילט זעער אַ האַרצרייסנדיקע טראַגעדיע אופן באָדן פון דער פאַרדאָרבענער יידישער קינדער-ערציאונג אין ליטע. לויט דעם דאַמאָלסדיקן מנהג האָט דינעזאָן פאַר זיין ערציילונג פון צעדער-בוימען קיין האָנאָראַר אין מזומן-געלט ניט באַקומען. ער האָט אים נאָר געגעבן ביי אַ פּאָר הונדערט אפּצוגן, און דאָס אויך אין אַן אומגעלומפּערטן אויסזעען און אָן אַ שער-בלעטל. אין וואָר-שע האָט דינעזאָן צו זיינע עקזעמפּלאַרן אָפּגעדרוקט שער-בלעט-לאַך מיט שיינע הילעס, אויף וועלכע ער האָט אָנגערופן זיין ווערק „צוויי בריוו צו אַ מחבר" און האָט אויך אַוועקגעשטעלט זיין מפורשן נאָמען י ע ק ב ד י נ ע ז אָ ן. איינער פון די דאָזיקע עקזעמפּליאַרן מיט אַ וואַרעמער אויפשריפט האָט ער דאָס אַריינ-געשיקט לעוואַנדען.

אַ לאַנגע צייט איז אַוועק, אין דינעזאָן האָט פון לעוואַנדען קיין ענטפער ניט דערהאַלטן. דינעזאָן איז געוואָרן אומגעדולדיק, און האָט אַריינגעשיקט לעוואַנדען אַ צווייטן עקזעמפּליאַר און ווי-דער מיט אַ בריוו. ער איז אָבער ווייטער געבליבן אָן אַ תשובה. אָט האָט דינעזאָן מיך געבעטן, אַז א י ך זאָל דערגיין ביי לעוואַנ-דען די סיבה פון זיין שווייגן. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז איך בין דעמאָלט אַליין געפאָרן אַהיים קיין מינסק דורך ווילנע— דאָס איז שוין געווען אינמיטן ווינטער 1887—און האָב גערעכנט זיך דורכריידן דאָרטן מיט לעוואַנדען פּערזענליך וועגן דעם ענין. קומענדיק קיין ווילנע און אַריינגייענדיק צו לעוואַנדען, האָב איך אים געפונען אין זעער אַ געדריקטער און כמעט מעלאַנכאָלישער שטימונג. בשעת דעם געשפּרעך, וואָס כ'האָב מיט אים דאַן גע-האַט, האָט ער מיר דערציילט, אַז שוין פון אַ חדשים דריי, פיר, ווי ער ליידט כסדר פון נערוויייאישע אַטאַקעס, און אַז די דאָק-טורים האָבן אים לגמרי פאַרבאָטן צו לייענען צייטונגען און ביכער און אויך צו באַשעפטיגן זיך מיט יעדן מין שרייבעריי. דערביי האָט ער מיר באַוויזן אויף גאַנצע פּעק מיט נאָך ניט קיין אויפ-

געשניטענע ביכער און זשורנאַלן און צייטונגס־נומערן ניט קיין אַרויסגענומענע פון די באַנדעראָלן. באַטראַכטנדיק די ביכער, האָב איך פון דערווייטן דערזען דינעזאָנס „צוויי בריוו צו אַ מחבר״, און האָב תיכּף פאַרשטאַנען, אַז לעוואַנדע האָט עס גאָרניט אָנ־געהויבן צו לייענען. כּהאָב שוין דעריבער גיט געפונען פאַר נייטיג צו פאַרפירן מיט אים וועגן דעם אַ וועלכן ס׳איז שמועס.

איך דערמאָן מיך אָן אַ קליינעם פּרט:

צווישן די ניט געעפנטע ביכער האָט זיך געפונען אויך דאָס יידישע לידער־ביכל פונם באַרימטן העברעאישן דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן „שיחת חולין״ מיט דער פאָלגנדער אויפ־שריפט אופן שער־בלאַט:

„טוט אָן, ר׳ לייב, אייערע שפּאַקולן
און לייענט, זייט מוחל, מיין „שיחת חולין״,
געשריבן אופן לשון פון דער באָבן מיטן זיידן
(זאָלן זיי האָבן אַ ליכטיגן גן־עדן! ...)
און פון שרה בת־טובים, די קלאָגערקע פון די תחינות
לייענט און זאָגט אייערע מבינות.״

איך דאַרף דערצו באַמערקן, אַז ביי לעוואַנדען האָבן זיך שוין דאַמאָלסט אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימפּטאָמען פון יענער שרעקליכער קראַנקהייט, פון וועלכער ער איז מיט דריי פערטל יאָר שפּעטער געשטאָרבן אין אַ פּעטערבורגער פּסי־כיאַטרישער קליניק. פונדעסטוועגן האָב איך מיט אים דאַמאָלסט פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אָן ערך און אַרומגערעדט מיט אים פאַר־שיידענע פראַגן, און באַזונדערס וועגן דער העברעאישער ליטע־ראַטור און חבת ציון. אַז כ׳האָב אים באַזוכט צוריקפאָרנדיק קיין וואַרשע אָן אַכטאָג נאָך פּסח, האָט ער מיך שוין ניט דערקאָנט...*)

III.

דינעזאָנס ערציילונג „צוויי בריוו צו אַ מחבר״ האָט ניט קיין

*) זע מיינע ערינערונגען וועגן לעוואַנדען אין „הזמן״ יאָרגאַנג 1913 נומ. 82

שום קינסטלערישן ווערט; זי איז גאָר ניט אין דער ערך בלאָסער פון זיין „הנאהבים והנעימים" און פון אַלץ, וואָס ער האָט ווען סאיז געשריבן בכלל, און האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גאַנץ שוואַכן רושם *). דערפאַר אָבער גיט זי היבשן, און אויך אינטערעסאַנטן שטאָף דעם קומענדיקן דינעזאָנס ביאָגראַף. מיר געפינען אין איר דעם שליסל צו דער רעטעניש, פאַרוואָס איז דינעזאָן נאָך זיין „הנאהבים והנעימים", וועלכער האָט געהאַט ביי דעם לעזע-פובליקום אַזאַ גרויסן ערפאָלג, מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אין משך פון שיינע עטליכע יאָר גאָרנישט געדרוקט.

אין מיינע עראינערונגען וועגן דינעזאָנען (זע מיין ווערק „דריי ליטעראַרישע דורות" ערשטער טייל), האָב איך אַ ביסל אויפגעקלערט די זאַך דורך דעם, וואָס אויף דינעזאָנען האָט געמאַכט זעער אַ שווערן איינדרוק סמאָלענסקינס באַמערקונג צו זיין אַרטיקל אין „השחר", אַז „זיין געבילדעט און שרייבן יידיש זיינען צוויי קאָנטראַסטן", און אַז כדי צו שרייבן אויף דעם דאָזיקן לשון דאַרף מען ניט האָבן ניט קיין קענטעניש און ניט קיין פייאיגקייט. דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי סאיז אַרויס דער „הנאהבים והנעימים", און דעריבער האָט דאַמאָלסט דינעזאָן גענומען סמאָלענסקינס ווערטער אויף ז י י ן רעכענונג. האַלטנדיק סמאָלענסקינען פאַר דעם גרעסטן אַוטאָריטעט, האָט דאָס אים דאַמאָלסט אָפגעשטויסן פון יידיש.

אינטערעסאַנט איז אָבער צו הערן דאָס, וואָס דינעזאָן אַליין האָט וועגן דעם דאָזיקן אינצידענט דערציילט אין צ ע ן יאָר אַרום:

„וועגן אייער בקשה צו מיר—אַזוי ענטפערט דינעזאָן זיין מאָהילעווער קאָרעספאָנדענטקע **)—צו געברויכען דיזען טייערען

---

*) ס'קען זיין, אַז דאָס איז אויך צוליב דעם, וואָס מהאָט דאַן ניט געוואוסט, אַז איר מחבר איז יעקב דינעזאָן.

**) איך ציטיר דינענזאָנען לויט זיין דעמאָלטיגן לשון.

און זעער בעדייטענדען מאַטעריאַל, דיזען טרויעריגען און האַרצרייסנ־
דען פאַקט צו אַ נייען ראָמאַן, מוז איך אייך די וואַרהייט זאָגען: דאָס
וויל איך ניט טאָהן און וועל ניט טאָהן! איך וועל עס ניט טאָהן
איבער דעם, ווייל איך צווייפעל זעער, אויב איך קען דערמיט
וועמען נוצען. איר וועט פרעגען: פאַר וואָס מיין איך אַזוי? וועל
איך אייך ערקלערען — געוויינליך האַלט עס דער געבילדעטער יוד
פאַר אַ חרפה צו לייענען אַ זשאַרגאָנישען ראָמאַן, און אַז עס
טרעפט זיך ער לעזט יאָ, האַלט ער בעוויינליך דעם זשאַרגאָנישען
שרייבער פאַר אַ מענטשען אָהן פערנונפט און אָהן פעהיגקייטען — אַזוי
האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט ערגעץ אין אַ זשורנאַל אַ בעריהמטער
רעדאַקטאָר — וואָס איז שוין איבריגענס ניט מער קיין רעדאַק־
טאָר **) — און ווייל קיינער האָט אים אויף זיין דומהייט ביז
איצט ניט געענטפערט, איז דאָך אַ בעוויז, אַז אַלע געבילדעטע
יידישע שרייבער האַלטען מיט אים; דעריבער איז געגוג פאַר מיר
אַז איך האָב איין בוך אָנגעשריבען אין זשאַרגאָן און דעם עולם
געלאָזט וויסען, אַז איך בין אַ שרייבער אָהן שכל און אָהן טאַלענט.
צו וואָס זאָל איך עס טאָן צום צווייטען מאָל? ווען מען קען האָפען
אויף כבוד, איז כדאי צו פּרובען, אַז מ׳האָט אָבער מיט דעם ער־
שטען מאָל ניט געטראָפען, צו וואָס זאָל איך אַזאַ נאַר זיין און
זיך ניט בענוגענען מיט דעם ערשטען אום־כבוד, וואָס איך האָב
שוין געהאַט״?...

דאָס איז נאָך אָבער ניט גאָר. דינעזאָן האָט אויפגעהערט
צו שרייבען יידיש אויך צוליב דעם, וואָס די יידישע גאַס האָט
אָנגעהויבן פאַרפלייצט צו ווערן מיט דער אַזויגערופענער שונד־
ליטעראַטור.

„יאָ — שרייבט דינעזאָן ווייטער — דער המון־עם ליגט מיר
געוויס שטענדיג אין זינען, פאַר אים וואָלט איך איבערגעטראָגען
האָטש נאָך צעהן מאָל אום־כבוד און שרייבען און זיך באַמיהען פון
זיינעטוועגען, ווען איך וואָלט האָטש פיעל וויניג איבערצייגט זיין,

**) סמאָלענסקין איז אין יענעם יאָר געשטאָרבען.

אַז איך קען איהם נוטצען ברייגגען, אַז מיינע רייד וועלען ניט זיין אומזיסט אַרויסגעוואָרפען. ליידער פעהלט מיר דיזע איבערצייגונג שטענדיג, בעזונדערס די לעצטע צייט, וואָס דורך שלעכטע און ניט גערופענע (דער קורסיוו איז דינעזאָנס) שרייבער איז זיין געשמאַק אַזוי פערדאָרבען געוואָרען".

באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען דינעזאָנס פאָלגענדע ווערטער:

„איך בין כמעט דער ערשטער מחבר געוועזן מיט אַ זשאַר־גאָניש ווערק, וואָס האָלט באַהענט פון 29 דרוקבויגען. איך בין אָבער צו יונג, צו ווייניג ערפאַהרען געוועזען און צו מיין אייביגער פאַרדרוס אומפערצייליכע געדרוקטע פעהלער אָנגעמאַכט. די פעהלער און דער אינדיפערענטיזם, וואָס אונזערע אויטאָריטעטען האָבען מיר דאַמאָלסט געוויזען, האָבען מיין ענערגיע געליימט, מיינמוט געבראָכען, ניט מעהר די העזה צו האָבען אַרויסצוטרעטען מיט אַ נייע ווערק, חאָטש מיין הארץ האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז מיינע לעזער זיינען צופרידען און מיינע רייד האָבען טייל גוטעס געטאָן. איך האָב פונדעסטוועגען די פעדער פון דער האַנט ניט אַוועקגעלייגט און שרייב נאָך עד היום, חאָטש ניט מיט יענער ענערגיע און פייער ווי אַ מאָל, אָבער דאָס דרוקען (דינעזאָנס קורסיוו) ערלויבען מיר מיינע פערהעלטענישע ניט".

אַ ביטערע איראָניע פילט זיך אין די ווערטער, מיט וועלכע דינעזאָן פאַרענדיגט זיין בריוו צו דער מאָהליווער גימנאַזיסטקע, וואָס בעט אים, אַז די פאַקטען, וועלכע זי האָט אים איבערגעגעבען אין אירע בריוו, זאָל ער באַנוצן צו אַ נייעם ראָמאַן.

„איך דרוק זיך ניט, ווייל איך האָב צופיל אַכטונג פאַר אונזערע (העברעאישע) אויטאָריטעטען. עס קען זיין, אַז זיי זיינען פיעלייכט גערעכט מיט זייער אינדיפערענטיזם. אויס דעם גרונד און נאָך אַנדערע קען איך איצט צו דער הייסער רגע אויך אייער טייערען מאַטעריאַל ניט געברויכען. איך וויל עס פונדעסטוועגען ביי זיך באַהאַלטען, ביז איך וועל פיעלייכט זעלבסט צו דער איבערצייגונג קומען, אַז די אויטאָריטעטען האָבען אומרעכט און וועל עס אין זשאַרגאָן שרייבען, נאָר טאָמער האָבען זיי רעכט, וועל איך מיט

גאָטס הילף אַליין אַ העברעאישער ליטעראַטאָר ווערען און געברוי=כען דיזען פאַקט צו אַ לשון קודשן ראָמאַן״.

גאַנצע פופצען יאָר האָט געדאַרפט געדויערן, ביז דינעזאָן האָט ביי זיך געפּועלט צו באַפרייען זיך פון דעם רעספּעקט פאַר די אויטאָריטעטן, און האָט זיך ווידער גענומען דרוקען אין יידיש.

צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

I.

דער יידישער טעאַטער, וועלכער האָט שון הינטער זיך אַ געשיכטע פון העכער 50 יאָר, האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט געפונען זיין היסטאָריקער. דעם ברייטן עולם זיינען געבליבן אומבאַקאַנט ניט בלויז די ביזאַהעריקע איבערלעבענישן פון דער דאַזיקער העכסט וויכטיקער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אינסטיטוציע, נאָר אויך פיל פאַקטן בנוגע איר עצם גרינדונג דורך אברהם גאָלדפאַדען. נאָכמער: אַפילו דאָס ביסל, וואָס מיר וויסן וועגן דעם ענינ'ן לויט פאַרשיידענע צייטונגס-ידיעות און ענציקלאָפּעדישן מאַטעריאַל, מוז נאָך ערשט שטריינג קאָנטראָלירט און רעווידירט ווערן.

וועגן דעם, ווי אַזוי גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט דעם ערשטן יידישן טעאַטער, גייען ביי אונז אַרום די פאָלגנדע צוויי ווערסיעס: אַנדערע דערציילן, אַז אָנהויב די 70-ער יאָרן פונ'ם פאָריקן יאָרהונדערט פלעגן קליינע גרופּעס יידישע יונגעלייט אין דרום-רוסלאַנד, און באַזונדעס אין אָ ד ע ס, אַרומגיין איבער די וויינקעלערס און טייהייזער און פאָרטראָגן פאַרן עולם פאַר אַ קליין געצאָלט יידישע פאָלקס-לידער. אָט די דאָזיקע זינגערס זאָלן זיך אַמאָל האָבן געווענדט צו גאָלדפאַדענען מיט דער בקשה, ער זאָל פאַר זיי אָנשרייבן אַ וועלכע ס'איז פּיעסע. גאָלדפאַדן האָט ממלא געווען זייער בקשה, און זיין פּיעסע איז דורך זיי אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס ערפאָלג אין דיזעלביקע וויינקעלערס. דאָס האָט אַרויפגעבראַכט גאָלדפאַדענען אויפן געדאַנק צו אָרגאַניזירן פון די דאָזיקע „קעלער-זינגערס" אַ טעאַטראַלע טרופּע.

דערביי האָט ער אויף זין געגומען צו זיין אַליין דער דירעקטאָר פון דער טרופע און דער רעזשיסאָר און באַשאַפן פאַר איר די נייטיקע פּיעסן צו שפּילן.

לויט אַ צווייטער ווערסיע האָט זיך גאָלדפאַדן אין דער צייט פון רוסיש-טערקישן קריג אויפגעהאַלטן אין רומעניע. צוליב די פיל מחנות פון רוסישן חייל, וועלכע זיינען דאַן דורכגעגאַנגען דורך רומעניע, האָט זיך אין די גרויסע רומענישע צענטרס צוזאַמענגעקליבן אַ היבשע צאָל יידישע פּאָדריאַטשיקעס מכל המינים, וואָס פלעגן זיך אין די נאָכמיטאָג-שעה'ן לאַנגווײלן אין די פּאַר-שיידענע קאַפע-שאַנטאַנען און רעסטאָראַנען. כדי צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט פונ'ם דאָזיקן זייער זעער פּובליקום און מאַכן דערביי אַ גוט געשעפט, איז גאָלדפאַדענען אַרויף אויפן זינען צו פּרובן זיך געבן פאַר די לייט מיט די פול-געפּאַקטע געלט-טייס-טערס קאָמישע, האַלב בדחנישע פאָרשטעלונגען אין דער יידישער שפּראַך, ביי וועלכע זיי זאָלן קענען פאַרברייגען זייער איבעריקע צייט אין אַ לעבעדיקער, לוסטיקער שטימונג. ניט לאַנג גע-טראַכט האָט גאָלדפאַדן געגומען זוכן אַקטיאָרן. קיין באַזונדערע שוישפּילערישע פאָדערונגען האָט ער ניט אַרויסגעשטעלט. דער עיקר איז ביי אים געווען יונגע לייט מיט שיינע קול'כלאַך און מיט לייכטע פיסלאַך, וואָס זאָלן קענען דינגען קופּלעטן און אַביסל אונטערטאַנצן. אַזעלכע יונגע לייט האָט גאָלדפאַדן באַקומען אין יאַס', אין גאַלאַץ און אין אַנדער רומענישע שטעט און שטעטלאַך. גראָד האָבן זיך צווישן זיי געפונען עטלאַכע, וואָס זיינען געווען פון דער נאַטור אויסגעצייכנטע קאָמיקער, און פון זיי האָט גאָלד-פאַדען צוזאַמענגעשטעלט זיין טרופּע, מיט וועלכער ער איז אַרויס פאַרן פּובליקום אין אַ באַלאַגאַן. די שטורמישע אָוואַציעס, וואָס דער עולם האָט געמאַכט גאָלדפאַדענען מיט זיין טרופּע, האָבן אים באַוואויגן צו נעמען זיך ערנסט פאַר דער זאַך, און אַזוי אַרום איז געלייגט געוואָרן דער גרונט-שטיין צום יידישן טעאַטער.

אָט אַזעלכע מעשיות זיינען פאַרשפּרייט צווישן עולם וועגן דער אַנטשטייאונג פונ'ם יידישן טעאַטער. לויט זיי קומט אויס, אַז גאָלדפאַדן איז צוגעטראָטן צו בויען דעם יידישן טעאַטער נאָר

צוליב ריין מאַטעריעלע צוועקן, ד. ה. צוליב דער מטבע, און דאָס איז אויך די סבה, וואָס האָט אים באַוואויגן צוצופאַסן זיינע ערשטע פיעסן צו דעם פאַרגרעבטן געשמאַק פון דעם המון. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. מיט דעם געדאַנק צו באַשאַפן אַ יידישן טעאַטער האָט זיך גאָלדפאַדן אַרומגעטראָגן נאָך פון זיין פרישסטער יוגנט, און נאָר מיט דער איינציקער מחשבה, אַז דאָס זאָל דינען אַלס אינסטרומענט פאַר דער פאָלקס-בילדונג. נאָך זיצנדיק אויף דער באַנק פון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשטע קאָמעדיע אין 4 אַקטן „די מומע סאָסיע י״, וועלכע איז אין ענגן קרייז פון צושויער פאָרגעשטעלט געוואָרן אויף דער בינע דורך אים און זיינע חברים. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז לויט זיין איניציאַטיוו האָט זיך געגרינדעט צווישן די תלמידים פון ראַבינער-שול אַ קליינער קרייזל „ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט״. דער דאָזיקער קרייזל האָט אַמאָל אופגעפירט, מיט גאָלדפאַדענען אין דער הויפט-ראָל, דער ד״ר שלמה עטינגערס שטיק „סערקעלע״. פון דאַמאָלסט אָן האָט גאָלדפאַדן אָנגעהויבן חלומען וועגן אַ יידישן טעאַטער.

גאָלדפאַדען האָט באַזעסן זעער אַ אָנגענעמע שטים. יינגלוויז פלעגט ער אַמאָל אונטערהעלפן ביים עמוד דעם חזן פון זיין געבורטס-שטאָט אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו, וואָלינער גובערניע. דער דאָזיקער חזן איז געווען דער פאָטער פונ׳ם באַקאַנטן העברעאישן דיכטער גאָטלאָבער, דעם שפּעטערדיקן גאָלדפאַדנס לערער אין זשיטאָמירער ראַבינער-שול. גאָטלאָבער אַליין האָט אויך גאַנץ שיין געזונגען און געהאַט גרויסע פייהיגקייטן צו מוזיק. ביי אים אין שטוב, אין זשיטאָמיר, פלעגן זיך גאַנץ אָפט צונויפקומען די גרעסטע מנגנים פון שטאָט. עס פלעגן פאָרקומען ביי אים באַזונדערע געזאַנג-אָוונטן, אין וועלכע עס פלעגן אַרומגערעדט ווערן פאַרשיידענע ענינים פון מוזיק אַלגעמיינע און יידישע. די דאָזיקע אָוונטן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דעם יונגן גאָלדפאַדענען, וואָס האָט שוין דאַמאָלסט אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן זיינע נאָכדעם זעער פאָפולער געוואָרענע לידער, וועלכע ער האָט אויך אַליין אָראַנזשירט אין מוזיק. כדי צו מאַכן זיינע מאָטיוון פאָלקס-

טימליך, האָט גאָלדפאַדן אָנגעהויבן צו קלייבן און צו פאַרשרייבן אַלערליי חזנישע נגונים און לידלאַך, וואָס ווערן געזונגען צווישן פאָלק. אין די זומער=חדשים, בעת אין ראַבינער=שול פלעגן ניט פאָר־ומען קיין למודים, פלעגט גאָלדפאַדן אַרומפאָרן איבער די וואָלינער שטעטלאַך אום אויפצוזאַמלען פאַרשיידענע נגונים, און אויסנוצן זיי נאָכדעם פאַר זיינע לידער. גאָטלאָבער, וועלכער פלעגט צייטנווייז אויך פאַרפאַסן יידישע לידער מיט אייגענער מוזיק, האָט געהאָלפן גאָלדפאַדענען צו באַאַרבעטן און איבערצואַנדערשן די צונויפגעקליבענע נגוגים און כלל=ערליי וואַריאַציעס.

נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט געענדיקט ראַבינער=שול אַלס פעדאַגאָג, האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס, און איז דאָרטן געוואָרן אַ לערער אין דער יידישער קרוינישער שול. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער דאָרטן חתונה געהאַט פאַר דער טאָכטער פון דעם העברעאישן פּאָעט י ע ק ב ו ע ר ב ל, וועלכער איז אויך געווען אַ לערער אין דערזעלבער שול. בעת ווערבל האָט פאַרעפנטליכט זיין שירים=ביכל „כנף=רננים”, אין וועלכן ס'האָט זיך צווישן אַנדערע, אָפּגעדרוקט אויך דער שיר „החולדה והבאר” (די קאַץ און דער ברונען), האָט דאָס גאָלדפאַדענען געגעבן דעם אָנשטויס צו שרייבן אויף דער זעלביקער טעמע זיין באַוואוסטע פּיעסע „ש ו ל מ י ת” צוגלייך מיט דעם האָט זיך ביי אים דערוועקט דער געדאַנק צו אָראַנזשירן דאָס שטיק אין מוזיק אין דער פאָרם פון אַ אָפּערע. אָבער אַ ווערק פון היסטאָרישן מזרח-לעבן קען ניט אָנגעקליידט ווערן אין חזנישע נגונים און פאָלקס=לידלאַך; דערצו דאַרף אָנגעווענדט ווערן עכט אָריענטאַלישע אדער, לכל הפחות, אָריענטאַליש=ענליכע מוזיק. ווייסנדיק, אַז קיין אָדעס קומען אָפטמאָלס אַראָפּ פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון סמירנע און אויך פון אַנדערע טערקישע און גריכישע שטעט אַרומשלעפּנדיקע זינגער און מוזיקאַנטן, וועלכע באַזוכן די ווייַנקעלערס און די איבעריקע וואָלוועלע פאַרוויילונגס=ערטער פון די אונטערשטע פאָלקס=שיכטן, פלעגט גאָלדפאַדן גאַנץ אָפט אַהינקומען אום צו פאַרשרייבן און פאַרנאָטירן זייערע געזאַנגען. אָבער די אַלטע מאָטיוון, וואָס ער האָט דעמאָלט צונויפגעקליבן, זיינען נאָך אים געווען גאַנץ ווייניק.

גאָלדפאַדענען, וועלכער איז געלעגן אין דער וועלט פון
פּאָעזיע, געזאַנג און מוזיק, האָט די פּעדאַגאָגישע טעטיגקייט
אָנגעהויבן צו ווערן איבערדריסליך, און אים האָט גענומען צי=
הען אין דער גרויסער וועלט אַריין. בעת ס'האָט אויסגעבראָכן
דער רוסיש=טערקישער קריג, און לייט האָבן זיך פון אומעטום אַ לאָז
געטאָן אויף דער מלחמה צו זוכן גליק, איז גאָלדפאַדן אויך
אַוועק מיטן שטראָם. אַלס בוכהאַלטער ביי אַ קישינעווער סוחר,
וועלכער איז אַוועק אויף דערמלחמה פאַר אַ פּראָוויאַנטירער פון
דער רוסישער אַרמיי, איז גאָלדפאַדן געקומען קיין רומעניע. אין
אַ שמועס, וועלכן איך מיט דינעזאָנען האָבן אַמאָל געהאַט מיט
גאָלדפאַדענען אין וואַרשע, האָט ער אונז דערציילט, אַז ניט צו=
ליב פּרנסה האָט ער זיך באַשלאָסן אָנצונעמען די שטעל ביים
פּאָדריאַטשיק און מיטצופאָרן מיט אים אויף דער מלחמה, נאָר
ווייל דעמאָלט האָט אין אים אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז זיי=
נענדיק נאָהענט צו די מזרח=לענדער, וועט זיך אים איינגעבן
צונויפזאַמלען די אָריענטאַלישע געזאַנגען, וועלכע זיינען אים נויטיק
פאַר זיין געפּלאַנטער אָפּערע „שולמית". און זיין געדאַנק האָט
אים ניט אָפּגענאַרט. באַזוכנדיק אין די רומענישע שטעט די פאַר=
שיידענע קאַפע=הייזער און טראַקטירן, האָט ער דאָרטן אָפּגעשריבן
גאַנצע אוצרות מיט מאָטיוון פון די אַלערליי באַלקאַנישע פעלקער
און פון די מזרח=איינוואוינער בכלל. צווישן די געזאַנגען זיינען
געווען פיל יידיש=שפּאַניאָלישע און פאַרצייטיקע ארץ=ישראלדיקע,
וועלכע האָבן גאָלדפאַדענען ממש באַגייסטערט. אַ באַזונדערע
התפעלות האָט ער באַקומען זיצנדיק אַמאָל מיט זיין פּרינציפּאַל
אין אַ יאַסיער טיי=הויז און צוהערנדיק זיך צו דעם געזאַנג פון
אַ יידישן קוואַרטעט. דאָס זיינען געווען פיר יונגע לייט, ברי=
דער, זין פון אַ טאַטן אַ חזן, אַלע מוזיקאַליש זעער באַגאַבט,
וועלכע האָבן זיך געמאַכט פאַר אַ פּרנסה אַרומצופאָרן פון שטאָט
צו שטאָט און זינגעז פאַרן עולם יידישע פאָלקס=לידער, באַזונ=
דערס קאָמישע קופּלעטן. אין אַ געשפּרעך, וואָס גאָלדפאַדן האָט
פאַרפירט מיט די דאָזיקע זינגער, האָבן זיי אים דערציילט, אַז
אַזעלכע קוואַרטעטן ווי זיי שלעפּן זיך אַרום איבער רומעניע און

דער נאָהענטער גאַליציע נאָך עטליכע, וועלכע באַשטייען דאָס רוב פון געוועזענע משורריםלאַך, פון קלויזניקעס מיט שיינע קול בגיה׳ים, וואָס רייסן זיך פון די קלויזן און בתי=מדרשים צו קונסט, און ניט האָבנדיק קיין מיטלען צו דערגרייכן זייער צוועק, פאָרן זיי אַרום איבער דער וועלט כּדי צו מאַכן דעם גראָשן. גאָלדפאַדן האָט זיך גענומען צום האַרצן דעם שווערן גורל פון די דאָזיקע טאַלעטפולע יונגע לייט, וואָס די נויט צווינגט זיי אַריינצולאָזן זיך אין אַזעלכע שפל׳ע פרנסות, ווי אַרומצושלעפּן זיך איז בער די נידעריקסטע הייזלעך. נאָכטראַכטנדיק ווי אַזוי זיי באַהילפיק צו זיין, האָט ער באַשלאָסן צו געבן קודם כּל זייער פּראָפּעסיע אַ שענערן און אַ בכּבודיקערן פּנים, און פּרובן זיי אויסניצן נאָך דעם צו דער פאַרווירקליכונג פון זיין געדאַנק וועגן דער באַשאַפונג פון דער ספּעציעל יידישער אָפּערע.

ביז וואָס ווען האָט זיי גאָלדפאַדן גענומען אָפּגעוויינען פון ווייערע קאָמיש=פּאַיאַצישע און טיילס ציגײַשע קופּלעטן, און האָט זיי פאַרגעלייגט פאָרצוטראָגן פאַרן עולם ז י י נ ע לידער. דאָס האָט ביי אים געזאָלט דינען אַלס התחלה, אַלס איבערגאַנג צו דער אָפּערע, וועלכע ער האָט דערנאָך געדאַרפט שטעלן אויף דער בינע מיט דער הילף פון די דאָזיקע פיר יונגע לייט מי זייערע חברים, וואָס געפינען זיך נאָך אין די אַנדערע שטעט גאָלדפאַדן האָט זיך אָבער באַלד געמוזט איבערצייגן, אַז פאַר דער אמתער ריינער קונסט איז נאָך ביים יידישן פובליקום ניט געקומען די צייט און אַז כּדי ס׳זאָל וואָס גיכער אָנקומען די דאָזיקע „גאָלדענע צייט“, דאַרף מען נאָך פיל קעמפן מיט דער פאַרטעמפּקייט פון די געפילן און מיט דעם פאַרדאָרבענעם געשמאַק ניט בלויז פון דער מאַסע, נאָר אויך פון דער מיטעלער בעל=הבתּישער שיכט.

גאָלדפאַדענען איז אויסגעקומען צו זען מיט די אויגן, אַז בשעת די געשמאַקלאָזעסטע, פאַרדאָרבנסטע קופּלעטן ברײַנגען אַריין דעם עולם אין דעם גרעסטן ענטוזיאַזם, און ער ווערט פון זיי אַזש באַצויבערט, הויבן ז י י נ ע לידער ניט אָן צו מאַכן אויף אים דעם קלענסטן אײַנדרוק. דאָס פובליקום הערט זיי צו גאַנץ

קאַלט און גלייכגילטיק, און די גרעסטע התמדה פון די זינגער מיט זייערע שיינע, זיסע שטימען העלפט ניט אַרויסצורופן ביי אים דעם קלענסטן רושם. יידן ווערן שטאַרק נתפעל הערנדיק ווי מ'לאַכט און מ'חוזקט אָפּ פון יידישע מנהגים און זיטן און פון אַלטן פאַרצייטיקן יידישן לעבנס-שטייגער, און ס'הייבט זיי ניט אָן צו רירן פון אַ אָנציענדיקן יידישן לעגענדאַרן בילד, פון אַ יידישער היסטאָרישער העלדן-טראַגעדיע, פון אַ יידישן- מאָנומענטאַלן קול-טור-אַקט.

וואָלט רער געדאַנק פון יידישן טעאַטער ניט געווען גאָלד-פאַדענען אַזוי טייער און אַזוי באַהעגט צום האַרצן, וואָלט ער זיך אונטער דער השפעה פון דעם דאָזיקן שווערן איינדרוק אָפּגע-טרייסלט אינגאַנצן פון דער זאַך. א י ם האָט דאָס אָבער, פאַר-קערט, געטריבן צו דער פאַרווירקליכונג פון זיין פלאַן. אָט דוקא ווייל דער פאָלק-געשמאַק איז אַזוי פאַרגרעבט, דאַרף מען אים ערשט דורכן טעאַטער פאַרשענערן און פאַראיידעלערן און אַרויס-צורופן ביי אים צום לעבן די פאַראַליזירטע נאַטירליכע באַדערפע-ניש נאָך שיינקייט, נאָך שעפערישער קונסט.

און נאָך מער: כדי דער קונסטטעמפּל זאָל דאָס פאָלק ניט אָפּשטויסן, דאַרף מען עס אַהין פאַרנאַרן, פאַרנאַרן דורך פאַר-שיידענע צוציאונגסמיטלען, אַפּילו ניט קיין שיינע, אַפּילו ניט קיין עסטעטישע: דורך אַ „שמענדריק" דורך אַ „קונעלעמל", אַ „ניע בע ניע מע" וכדומה. דאָס איז מער ניט אויף דער ער-שטער צייט, ביז דאָס פאָלק וועט פאַרשטיין צו אונטערשיידן צווישן שונד און קונסט.

אין יאַסי האָט זיך גאָלדפאַדען אַוועקגעזעצט און האָט איי-נע נאָך דער אַנדערער אָנגעשריבן די דריי דערמאָנטע פּיעסעס, און באַלד נאָך זיי די אַנדערע צוויי: „די רכילות'טרייבערקע דוואָ-שע" און „די כשופמאַכערקע". מיט דעם דאָזיקן זעער אָרימען און געשמאַקלאָזן רעפּערטואַר איז ער אויפגעטראָטן פאַר דעם צונויפגעפאָרענעם יידישן „ערב-רב": פון רוסלאַנד, גאַליציע, בעסאַראַביע, מאָלדוי-וואַלאַכיע. דער קערן פון דער טרופּע איז געווען דער אויבנדערמאָנטער קוואַרטעט מיט נאָך עטליכע פון

זייערע חברים, וועלכע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פון די אַרומיקע רומענישע שטעט.

דער רעפּערטואַר און דאָס עצם שפּילן האָבן אַרויסגערופן ביים עולם גרויס פּוראָר. צו די אַפּלאָדיסמענטן מיט די אָוואַציס האָט ניט געגומען קיין סוף. די הכנסה איז אויך געווען זעער גרויסע. גאָלדפאַדן אַליין האָט אָבער דערפון בשעת מעשה מאָראַליש פיל געליטען. ער האָט געזען און געפילט, אַז דאָס אַפּלאָדירט מען דעם פוילען וויץ, אַז דאָס איז מען באַגייסטערט פון דער ציניִשער פּראָזע, פון דעם אויסגעלאַסענעם טאַנץ...

גלענצנדע געשעפטן האָט די דאָזיקע ערשטע יידישע טרופּע געמאַכט אין רומעניע אין דער גאַנצער צייט פון קריג. גאָלדפאַדען אַליין האָט אָבער דערפון גאַנץ ווייניק פּראָפיטירט. ביז דער לעצטער מינוט איז ער ניט אַוועק פון זיין פּאָדריאַטשיק... די טעאַטער פּרנסה האָט אים ניט באַזונדערס געשמעקט.

אין מיין ווערק „ד ר י י ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ד ו ר ו ת" (ערשטער טייל) האָב איך דערציילט, ווי כ'האָב אַמאָל אין דער רעדאַקציע פון'ם וואַרשעווער העברעאיש ן זאַמלבוך „כ נ ס ת י ש ר א ל" בייגעוואוינט אַ ויכוח, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן פּרצ'ן מיט גאָלדפאַדענען וועגן די פּיעסעס, וועלכע דער לעצטער האָט געשריבן פאַר דער יידישער בינע. פּרץ האָט דאַן באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוואַרפן גאָלדפאַדענען זיין „שמענדריק" מיט זיין „קונעלעמל" וכדומה, וועלכע זיינען ניט קיין אמתע באַשעפענישן, געגומען פון יידישן לעבן, נאָר קאַריקאַטורן. גאָלדפאַדן האָט זיך געפּרובט פאַרענטפערן און אויפווייזן, אַז ס'איז ניט אַזוי, אַז נאָר צוליבן עפּעקט האָט ער צוגעריכט זיינע פּיעסעס מיט פאַרשיידענע מינים „טעאַטער־קרייטיכער".

אין אַ צייט אַרום נאָך דעם דאָזיקן ויכוח, איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו הערן פון גאָלדפאַדענען די פאָלגנדע ווערטער:

— אונזערע אינטעליגענטן האָבן מיך פיל מאָל שאַרף קריטיקירט, און אַנדערע האָבן מיך, פּשוט, צוגלייך געמאַכט מיט דער ערד פאַר מיינע ערשטע פּיעסעס. אין דער עפנטליכקייט האָב איך אויף דעם קיינמאָל ניט רעאַגירט, ווייל אין פלוג זיינען ז י י גע־

רעכט. א י ך בין אָבער אויך ניט אומגערעכט. ווען ניט מיין „שמענדריק" מיט מיין „מכשפה" וואָלטן מיר ביי היינטיקן טאָג דעם יידישן טעאַטער לגמרי ניט געהאַט. און איך ווייס ניט וואָס עס איז ערגער: צי גאָרנישט האָבן, צי האָבן עפּיס, וואָס מ'זאָל קענען בעסערן און בעסערן און ברייגגען לתכלית השלמות. דער וועג איז אויסגעטראָטן; געוויס וועלן קומען אַנדערע און שאַפן וואָס בעסערס...

·II

אין די לעצטע 70־ער יאָרן איז גאָלדפאַדן אַריבערגעפאָרן מיט זיין טרופּע קיין אָדעס, וואו זי האָט אָנגעהויבן צו געבן אירע פאָרשטעלונגען אין איינעם פון די גרעסטע שטאָטזאַלן. דער אינטערעס צו דער יידישער טרופּע אין אָדעס איז געווען אומגעהויער גרויס. מ'איז, ממש, געלאָפן אין טעאַטער קוקן אויף חדושים. צווישן די באַזוכער פון די יידישע פאָרשטעלונגען זיינען געווען מענטשן פון דער העכסטער אינטעליגענץ ביז די סאַמע ברייטסטע פאָלקס־שיכטן. איינגיכן האָט מען אין אַלע יידישע וואַרשטאַטן איבערגעזונגען ביי דער אַרבעט די לידלאַך פונ'ם יידישן טעאַטער. אַפילו אין אַזעלכע הייזער, וואו מ'איז געווען ווייט פון יידן און פון יידישקייט, וואו מ'האָט געהאַסט יידיש ווי דעם טויט, האָט מען גאַנץ אָפט געהערט שפּילן אויפן קלאַוויר דיזעלביקע לידלאַך.

מיט דעם יידישן טעאַטער האָבן זיך פאַראינטערעסירט אייניקע פון די באַוואוסטע יידיש־העברעאישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן. ל י ל י ע נ ב ל ו ם האָט דאַמאָלסט אָנגעשריבן אַ דראַמע מיטן נאָמען „דער מאַן פון די צוויי ווייבער", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע דורך גאָלדפאַדענס טרופּע מיט גרויס ערפאָלג. אַ צווייטער שריפטשטעלער, י ו ס ף י ה ו ד ה ל ע ר נ ע ר, איז צוגעטראָטן צו פאַרגרעסערן דעם יידישן רעפּערטואַר דורך איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן. זיין ערשטע אי־

בערזעצונג איז געװעזן „די יידן“ פון קאַרל גוטצקאָװ. דעראַינטערעס צום יידישן טעאַטער איז געװאַקסן פון טאָג צו טאָג.

ערמוטיקטע דורך די גרויסע מאַטעריעלע ערפאָלגן, װאָס דער יידישער טעאַטער האָט געהאַט אין אָדעס, האָבן זיך באַלד געבילדעט נאָך אַ צװיי, דריי טרופּעס, װעלכע האָבן זיך געלאָזן איבער דער פּראָװינץ, אין דעם נאָהענטן װאָלין און אויך אין ליטע און פּוילן. און אומעטום האָבן די פאָרשטעלונגען פון די דאָזיקע טרופּעס אַרויסגערופן ביים יידישן עולם גרויסע התפּעלות. אין די גרעסטע שטאָט=זאַלן האָבן ניט געקלעקט קיין ערטער, און נאַכט פאַר נאַכט פלעגן זיך גאַנצע מאַסן מוזן צוריקקערן אַ היים ניט באַקומענדיק קיין בילעטן. דאָס אָנקומען פון אַ יידישער טרופּע, װעגן װאָס מ׳האָט מודיע געװעזן אין די צייטונגען מיט אַ געװיסער צייט פריער, האָט אַרויסגערופן צװישן דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג אַ מין יום=טובדיקע שטימונג און די ערשטע פאָרשטעלונגען זיינען דערװאַרט געװאָרן פון אַלעמען מיט דער גרעסטער אומגעדולד.

אינ׳ם משך פון דער צייט האָט גאָלדפאַדן באַװיזן צו פאַרפאַרטיקן זיין אָפּערע „שולמית“ און אָנצושרייבן נאָך צװיי בייע היסטאָרישע אָפּערעס: „בר=כּוכבא“ און „ד״ר אַלמאַסאַדאָ“. די דאָזיקע אָפּערעס האָבן ביים גרויסן עולם שטאַרק נושא חן געװעזן, האָבן זיך נאָכאַנאַנד געשפּילט און תּמיד ביי פול געפּאַקטע זאַלן.

אין אָנהויב די 80=ער יאָרן האָט זיך די ערשטע אַלגעמיינע גװאַלטיקע באַגייסטערונג פאַרן יידישן טעאַטער אַ ביסל איינגעשטילט, און ביי דעם ברייטן יידישן פּובליקום האָט זיך גענומען גאַנץ בולט אַרויסװייזן אַ פאַרשיידענאַרטיקע באַציהונג צו דער זאַך. די גרויסע יידישע מאַסן זיינען געװען פון טעאַטער ניט בלויז קאָנטעט, נאָר, פּשוט איבערגליקליך. דאָס האָט מען געזען אָן דער אומבאַשרייבליכער ענגשאַפט, אָן דער מסירת=נפשדיקער דערשטיקעניש, קען מען זאָגן, װעלכע איז ביי איטליכער פאָרשטעלונג געװען אויף דער גאַליאָרקע. די אַרבעטער מאַסע, מאַנסביל און פרויען, יינגלאַך מיט מיידלאַך, האָבן קוים דערלעבט פאַרנאַכט, און זיי האָבן האַסטיק געװאָרפן די אַרבעט, און זיך הענדום=פענדו

געלאָזט לויפן אין טעאַטער, וועלכער האָט ביי זיי געדינט אַלס גב-עדנדיקער אָפּרו-ווינקעלע נאָך דער שווערער טאָג-האָרעוואַניע. „שמענדריק", „קונעלעמל", „שולמית", „בר-כוכבא" — אַלץ האָט ביי זיי אַרויסגערופן דיזעלביקע רושנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, דיזעלביקע רוישנדיקע אָוואַציעס.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די באַציהונג צום יידישן טעאַטער מצד די אָרטאָדאָקסן. די חסידים האָבן זיך שטאַרק געבלאָזן אויפן יידישן טעאַטער, פאַרוואָס ער מאַכט חוזק פון רביים און גוטע יידן. באַזונדערס איז מען קעגן דעם געווען אויפגעבראַכט אין פוילן און אין וואָלין, וואו דער חסידיזם איז אַממערסטן פאַרשפּרייט. אין אַנדערע ערטער האָבן זיך געפונען אַזעלכע הייסע, פאַרברענטע חסידים, וועלכע האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט ווערטערליכע פּראָטעסטן אַליין, און האָבן בשעת די פאָרשטעלונגען געמאַכט די גרעסטע סקאַנדאַלן, וואָס האָבן זיך גאַנץ אָפט געענדיקט מיט דער אַריינמישונג פון דער פּאָליציע. מער פאַר אַלץ האָט דערצאָרנט די חסידים גאָלדפאַדענס פּיעסע „ניע בע ניע מע", אין וועלכער עס ווערט פאָרגעשטעלט אַ גוטער ייד אַלס גרויסער עם-הארץ און באַטריגער, וואָס דורך פאַלשקייטן און רמאות נאַרט ער אויס געלט ביים פאַרבלענדעטן און פאַנאַטישפינסטערן חסידישן עולם. אין אַנדערע שטעט האָבן די חסידים געפאָדערט, אַז מ'זאָל דאָס דאָזיקע שטיק אַראָפּנעמען פון רעפּערטואַר, און וואו זיי האָבן דאָס ניט געקענט אויספירן מיט גוטן, האָבן זיי דאָס פאַרווירקליכט מיט בייזן.

די מתנגדישע פרומע האָבן בכלל באַטראַכט דעם טעאַטער פאַר אַ זאַך, וואָס איז ניט ערלויבט לויטן יידישן דין, און בפרט ווען מ'לאַכט אין אים אָפּ פון יידן דורך אַלערליי מיני ליצנות. ליצנות טאָר מען סתם ניט געברויכן, און באַזונדערס ווען עס קומט פאָר מיט אויסגעלאַסנקייט און מיט פּריצות, ווען עס טאַנצן דערביי יידישע בחורים און מיידלעך, און מיט טאַנצן אַליין איז מען נאָך ניט יוצא, נאָר מ'קושט זיך אויך בשעת מעשה, און דערצו נאָך האַלב-נאַקעט... די דאָזיקע „מתנגדים" האָבן אַפילו קעגן דעם יידישן טעאַטער קיין עפנטליכע סקאַנדאַלן ניט געמאַכט,

האָבן קיינמאָל אין ערגיץ ניט געפּרובט איבעררייסן די פאָרשטע־לונגען; דערפאַר האָבן זיי זיך אָבער באַנוצט קעגן טעאַטער מיט אַנדערע כּלי־זין: רבנים און מגידים האָבן געהאַלטן אין שולן און בתי־מדרשים פייערדיקע דרשות וועגן דעם יידישן טעאַטער. אין די דאָזיקע דרשות איז אויפגעוויזן געוואָרן, אַז דער יידישער טע־אַטער איז אַ פאַרברעכן קעגן דעם יידישן גלויבן, אַז ער פירט אוּאָפּ ערליכע יידן מדרך הישר, אַז צוליב דעם שטאַרבן קליינע קינדער און עס ברעכן אויס אַלערליי מגפות.

קעגן דעם יידישן טעאַטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אויך די א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ. די אינטעליגענץ האָט געפונען, אַז גאָלדפאַ־דנס פּיעסעס אַנטהאַלטן נאָר קאַריקאַטורן פונ׳ם יידישן לעבן, וועלכע קענען בלויז העלפן פאַרמיאוסן דעם יידן אין די אויגן פון דער גרויסער באַפעלקערונג, און פון דער אַנדער זייט זיינען זיי מסוגל צו פאַרגרעבן און צו פאַרווילדן דעם געשמאַק פון דער יידישער מאַסע. אויסערדעם—אַזוי האָט די דערמאָנטע אינטעלי־גענץ גטענעט—וועט דער יידישער טעאַטער פאַרשטאַרקן ביים יידן דעם סעפּאַראַטיזם, די אָפּגעזונדערטקייט, און וועט פאַרפעס־טיקן די „זשאַרגאָן“, — אָט די דאָזיקע קללה פון גאָט, פון וועל־כער מיר דאַרפן זען וואָס גיכער פּטור צו ווערן. קיין באַזונדערע טריט קעגן דעם יידישן טעאַטער האָט אָבער די אינטעליגענץ ניט אָנגענומען — האָט נאָר אויפגעהערט צו באַזוכן די יידישע פאָר־שטעלונגען גלויבנדיק, אַז זי וועט מיט דעם דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע.

עס הבן אָבער געטראָפן איינצעלנע כאַראַקטעריסטישע פאַלן ווען עקסט צימיליר׳טע אינטעליגענטן זיינען אַרויסגעטראָטן מיט עפנטליכע סקאַנדאַלן קעגן דעם יידישן טעאַטער. אַזאַ פאַל האָט פּאַסירט אין מ י נ ס ק ביי דער פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַ־דנס „שמענדריק“.

אונטן אי פּאַרטער, אין דער ערשטער ריי שטולן, האָט זיך צווישן די צושויער געפונען דער דירעקטאָר פון מינסקער האַנדלס־באַנק א. ו ו ע נ ג ר אָ ו ו (דער פאָטער פון געשמדטן פּראָפעסאָר סעמיאָן אַפאַנאַסיעוויטש ווענגעראָוו און דער מאַן פון פּוילינע

ווענגעראָוואַ, דער פאַרפאַסערין פון די „יידישע מעמואַר"). דער דאָזיקער ווענגעראָוו איז געווען פון די אַלטע האַלב-אַסימילירטע משכּילים, וועלכע האָבן נאָר געשטרעבט צו איין זאַך: צו געפינען גענאָד און לייטזעליגקייט אין די אויגן פון די גוים און האָבן צוליב דעם געזוכט אויסמיידן אַלץ, וואָס ס'האָט געקענט בולט מאַכן זייער יידישקייט. דערצו איז ער געווען פאַרקנעפּלט מיט דער פּעטערבורגער יידישער געלט-אַריסטאָקראַטיע, צווישן וועלכער ער האָט געהאַט אַ שם פון אַן אויטאָריטעט, באַזונדערס בנוגע די אינטערעסן פון יידן און יידישקייט. אָט דער ווענגעראָוו איז גראָד אַריינגעפאַלן אין יידישן טעאַטער, בעת מ'האָט געשטעלט אויף דער בינע די באמת געשמאַקלויזע אָפּערעטקע „שמענדריק".

באַלד ביים ערשטן אַקט איז ווענגעראָוו געוואָרן העכסט אויפגעבראַכט און האָט ניט געקענט איינזיצן אויף זיין אָרט. אינמיטן צווייטן אַקט האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אויסגערופן: „ס'איז אַ חרפה!" אָבער קיינער, ניט ער עולם, ניט די אַקטיאָרן, האָבן דעם אויסגעשריי גענומען אין אַכט, און דאָס שפּיל איז זיך געגאַנגען ווייטער. דאָ איז ווענגעראָוו אַריינגעשפּרונגען מיט אַ ליאַרם הינטער די קוליסן, איז אָנגעפאַלן אויף די שוישפּילער מיט קולות: „סטייטש, ווי האָט איר דאָס גאָר קיין בושה און קיין חרפה ניט, אונטן אין לאָזשע זיצט דאָך דער פּאָליצמייסטער! עס וועט דאָך מיט אונז אויף-זיין די וועלט!" דערביי האָט ווענגעראָוו פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל דאָס שטיק איבעררייסן אינמיטן, און מ'זאָל פאַרענדיקן דעם אָוונט מיט אַן אַנדער זאַך. נאָכדעם ווי די אַקטיאָרן האָבן אים ניט געוואָלט נאָכגעבן, איז ער אַרויסגעלאָפן פון טעאַטער ווי אַ פאַרסמטער און קריצנדיק מיט די ציין. אויף מאָרגן האָט עקלונגען גאַנץ מינסק מיט דעם, אַז ווענגעראָוו האָט אָפן פאַר אַמען געזאָגט אין באַנק, אַז ער וועט זיך ניט באַרואיקן, ביז עס'וועלן זיך געפינען אין פּעטערבורג מענטשן, וועלכע וועלן זיך מטריח זיין פאַר וועמען מען באַדאַרף און זען פועלן, מ'זאָל די יידישע פאָרשטעלונגען פאַרבאָטן.

בשעת דער דירעקטאָר פון דער מינסקער טרופּע האָט איבערגעגעבן גאָלדפאַדענען אין אַ בריוו די גאַנצע מעשה מיט וועגנעראָוון און מיט וואָס ער דראָט דעם יידישן טעאַטער, האָט אים דאַן אויף דעם גאָלדפאַדן גלייך געענטפערט פאָלגענדעס: „מיין עצה איז, אַז איר זאָלט זיך מיט אייער טרופּע פאַרקירעווען פון מינסק גלייך אויף פּעטערבורג; מיידט אויס ווילנע, מיידט אויס דענעבורג (די היינטיקע דווינסק) און פאָרט אַריין מיט דער חבריא גלייך אין דער הויפּשטאָט. אויב אונזערע פּעטערבורגער שיינע יידן וועלן אונז וועלן מקבר זיין, טאָ לאָזן זיי כאָטש פריער אָנקוקן דעם בר-מינן"...

ביי דער לעצטער יידישער פאָרשטעלונג אין מינסקער שטאָט-טעאַטער האָט דער דאַמאָלסט ביים עולם זייער באַליבטער שוי-שפּילער, דער קאָמיקער צוקערמאַן, פאָרגעלייענט פון דער בינע אַראָפּ פאַרן פּובליקום די דאָזיקע גאָלדפאַדענס תשובה, וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן פון גאַנצן טעאַטער מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און מיט פייפערייען און חוזק-אויסגעשרייען, באַזונדערס מצד דער גאַליאָרקע, קעגן וועגנעראָוון מיט דער פּעטערבורגער יידישער פּלוטאָקראַטיע.

און כך הוה. אויפן סמך פון אַ טעלעגראַפישער ערלויבעניש מצד דעם פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק איז די טרופּע אין עטליכע טעג אַרום אָפּגעפאָרן פון מינסק קיין פּעטערבורג, וואו זי האָט אָנגעהויבן געבן אירע פאָרשטעלונגען. די פּעטערבורגער יידישע באַפעלקערונג האָט אויפגענומען די יידישע טרופּע גאַנץ וואַרעם. בשעת די פאָרשטעלונגען איז דער טעאַטער געווען באַזעצט ביז צום לעצטן אָרט; מ'איז געשטאַנען און געזעסן, ממש, אויף די קעפּ. די צוויי יידיש-רוסישע וואָכנבלעטער, וואָס זיינען דאַן אַרויס אין פּעטערבורג, דער „רוסקי יעווריי", און דער „ראַזסוועט", האָבן געבראַכט אויספירליכע באַריכטן וועגן איטליכער פּיעסע. געוויינליך איז די מיינונג פון דער פּרעסע ניט געווען איינע און דיזעלבע אויף יעדער פּיעסע. אַזוינע ווי „שמענדריק", „קונעלעמל" און דערגלייכן זיינען שאַרף קריטיקירט געוואָרן, און, פאַרקערט, אַזעלכע פּיעסן ווי „שולמית", „בר-כוכבא" וכדומה,

זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס סימפאַטיע. באַזונדערס האָט די טרופע געהאַט גרויס התקרבות מצד דער יידישער סטודענטנשאַפט, וועלכע האָט כמעט ביי יעדער פאָרשטעלונג די מער טאַלאַנטפולערע שוישפילער אונטערגעטראָגן בלומען=קרענץ און אַנדערע מתנות, צייכנס פון דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג.

אַזאַ שיינעם, סימפאַטישן קבלת=פנים האָט מען דערזועלביקער טרופע געמאַכט אויך אין מאָסקווע, וואוהין זי איז געקומען לויט גאָלדפאַדענס פאָרשלאָג, גלייך אין פעטערבורג. די מאָסקעווער יידישע אינטעליגענץ האָט אַרויסגעוויזן דעם יידישן טעאַטער גרויס פאַרשטענדעניש. מ'האָט וועגן דעם אין די אינטעליגענטע קרייזן גערעדט און דעבאַטירט. עס זיינען דאַן פאָרגעקומען קליינע באַראַטונגען וועגן דער פראַגע, ווי אַזוי צו אונטערשטיצן דעם יידישן טעאַטער און געפינען די וועגן און די מיטלען צו זיין געהעריקער אַנטוויקלונג. הערנדיק פון דערווייטן די גרויסע ערפאָלגן, וואָס די יידישע טרופע האָט אין מאָסקווע, איז אַהין געקומען גאָלדפאַדן אום אַליין אָנצופירן מיט די פאָרשטעלונגען. גאָלדפאַדנס רעזשי האָט די פיעסן צוגעגעבן מער חן און מער אינטערעס, און בעת ס'האָט זיך געענדיקט ביי דער טרופע דער טערמין פון דער ערלויבעניש צו שפילן, האָבן זיך געפונען אייניקע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך משתדל געווען פאַר דער מאָסקווער מאַכט, אַז מ'זאָל איר פראָלאָנגירן און לאָזן פאָרזעצן אירע פאָרשטעלונגען נאָך אַ חדש צייט.

פון מאָסקווע האָט זיך גאָלדפאַדען צוריקגעקערט קיין אָדעס דערמוטיקט דורך נייע האָפענונגען און פערספעקטיוון אַוועקצושטעלן דעם יידישן טעאַטער אויף זיין געהעריקער הויך. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוטראָגן מיט פרישע פלענער וועגן אַ נייעם רעפערטואַר. ער אַליין האָט ביי זיך באַשלאָסן אָפצושטעלן זיך נאָר אויף דער באַשאַפונג פון אָפערעס אויף היסטאָרישע טעמעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַאַרבעט אַלס אָפערעס די געשיכטעס פון „מגילת=אסתר״ און „עקידת יצחק״, און האָט זיך צוגעגרייט אָנהויבן שרייבן אַ פיעסע מיט געזאַנג פון דער אינקוויזיציאָנס=צייט, פון שפאַנישן גירוש.

מיט אַמאָל — דאָס איז געווען אָנהויב 1883־טען יאָר — האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן צו באַקומען ידיעות, אַז די מאַכט אין פאַרשיידענע שטעט פאַרבאָט די יידישע טרופּעס צו שפּילן אויף דער בינע. די דאָזיקע ידיעות האָבן גאָלדפאַדענען ווי דעם קאָפּ אַראָפּגענומען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס אַרבעטן אין דעם פאַרבאָרגענע הענט אין פּעטערבורג און האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל אָנהויבן קעגן דעם צו טאָן. איין שטיקל האָפענונג איז אים נאָר געבליבן, אַז די מאָסקווער יידישע אינטעליגענץ, וועלכע סימפּאַטיזירט מיטן יידישן טעאַטער, וועט זיך, אפשר, משתדל זיין אין דער זאַך מ׳זאָל מבטל מאַכן דעם גזר־דין. גאָלד־פאַדען איז תיכף אַוועקגעפלויגן קיין מאָסקווע. באַכדעם ווי מ׳האָט אים דאָרטן דערקלערט, אַז מ׳דאַרף אָנווענדן אַלע כחות נאָר ביי דער העכערער מאַכט, איז ער אַוועקגעלאָפן קיין פּעטערבורג. אין פּעטערבורג האָט גאָלדפאַדען באַזוכט די גרעסטע יידישע פּאַר־שטייער און קיינער פון זיי האָט אים ניט געקאָנט געבן קיין באַ־שייד אין דער זאַך, ווייל אָפיציעל איז דער פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער ניט פּובליקירט געוואָרן, און אין די רעגירונגס־אינסטאַנ־ציעס האָט מען וועגן דעם ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. נאָר צע־דערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ״, האָט איין טאָג אין אַ געשפּרעך מיט גאָלדפאַדענען אַ זאָג געטאָן: זעט אַקאָרשט צי איז דאָס ניט קיין שפּיצל פון סאַמואיל פאָליאַקאָוו, וועלכער איז, ווי כ׳ווייס, שטאַרק אָנגעשטויסן אויף דעם יידישן טעאַטער; אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן איר זאָלט זיך מיט אים דורכריידן. אַלענ־פאַלס קען ער אין דעם פיל אויפטאָן. אָבער וואָס גאָלדפאַדען האָט זיך ניט צומאַטערט אַליין און דורך מענטשן צו באַקומען אַ אוי־דיענץ ביי פאָליאַקאָוון, האָט זיך דאָס אים ניט איינגעגעבן. אויף אַלע זיינע בריוו האָט ער פון פאָליאַקאָוון ניט באַקומען קיין ענטפער.

דעם לעצטן טאָג פאַר זיין אָפּפאָרן פון צעדערבוים האָט צעדערבוים אויסגעווירקט פאַר גאָלדפאַדענען אַן אוידיענץ ביי דעם דאַמאָלסדיקן בילדונגס־מיניסטער גראַף דעליאַנאָוו. דעליאַ־נאָוו האָט זיך אין זיין געשפּרעך מיט גאָלדפאַדענען באַצויגן זעער

קריטיש צו דעם יידישן טעאַטער, האַלטנדיק, אַז אַזאַ אַנשטאַלט איז אַ גרויסע שטרויכלונג אויפן וועג צו דער רוסיפיקאַציע, און אַז יידן דאַרפן זיך אַליין באַמיען, אַז אַזעלכע שטרויכלונגען זאָלן זיין וואָס ווייניקער. אַז גאָלדפאַדן האָט אים געענטפערט, דאָס ער קען אים אָנווייזן פיל יידישע עקסט רוסיפיצירטע אינטעליגענטן, וואָס שטייען שטאָל און אייזן פאַרן יידישן טעאַטער, האָט אויף דעם דעליאַנאָוו באַמערקט: ראָס זיינען אַלץ, קענטיק, ניט קיין פראַק־טישע מענשן: אייער סאַמואיל פאָליאַקאָוו, למשל, קען אַזאַ מיינונג ניט האָבן.

אָט דאָ האָט גאָלדפאַדן פאַרשטאַנען, וואו דער הונט איז באַגראָבן.

עטליכע טעג נאָכדעם ווי גאָלדפאַדן איז געקומען קיין אָדעס, איז אין די צייטונגען פאַרעפנטליכט געוואָרן דער אָפיצי־עלער פאַרבאָט וועגן יידישן טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד.

אין אַ יאָר ,אַנ׳ערך, אַרום האָט זיך איינגעגעבן צו פועלן, אַז די יידישע טרופּעס זאָלן מעגן שטעלן זייערע פּיעסעס אין ד י י ט ש. מיט דעם האָבן זיך באַנוצט אייניקע טרופּעס, וועלכע האָבן אויף דער בינע גערעדט דורכאויס אין געבראָכענעם דייטש, דהיינו אין „סמאַרגאָנער אשכנז”...

לגמרי איז דער פאַרבאָט אָפיציעל בטל געוואָרן ערשט אין די פרייהייטס־טעג פון יאָר 1905.

שמעון שמואל פרוג.

I

זייענדיק קורץ פאַר פסח 1915 עטליכע טעג אין אָדעס האָב איך באַזוכט פרוגן. דאָס אויסזעען פון דיכטער האָט אויף מיר געמאַכט זעער אַ שווערן אײַנדרוק. דאָס איז ניט געווען יענער יונג=מונטערער, יענער לעבענס=פריידיגער פרוג מיט די פייער=שפריצענדיקע אויגן, מיט די ענערגישע באַוועגונגען און מיטן סימפאַטישן זיסן שמייכל אויף די ליפּען, מיט וועלכן איך האָב מיך באַקאַנט מיט אַ יאָר 10 צוריק אין פעטערבורג. דעם מאָל איז פאַר מיר געשטאַנען אַ מענש געל ווי אַ וואַקס מיט אַן אײַנגעפאַלענעם פנים און מיט אַ מידן, כמעט אויסגעלאָשענעם, בליק, און גאַנץ הילפלאָז אין זיין באַוועגונג. מיט אַ יאָר דריי צוריק איז דער פאָעט איבערגעקומען זעער אַ געפערליכע מאָגן=אָפעראַציע, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו ליידן, און איז ניט געקומען צו זיך. דאָס האָט אים כמעט אָפּגעריסן פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. זעלטן ווען, באַזונדערס פאַר אַ יום=טוב, פלעגט ער אַריינשיקן אַ מעניגא=דיומא=פעליעטאָן אין „ראַזסוועט". דאָס זיינען געווען שטימונגס=פעליטאָנען געפלאָכטן פון פראָזע און פאָעזיע. ווען עס איז פלעגט ער זיך אויך אָפּרופן אויף אַ ספּעציעל יידישער פראַגע אין דעם אָרטיגן „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי". זיינע אַלע איבעריגע מינוטן, ווען זיין שוואַכקייט האָט אים נאָר ניט צוגעדריקט און ער האָט זיך געפילט עפּעס בעסער, האָט ער אָפּגעגעבן זיין רוסישער איבערזעצונג פון ביאַליקס „ספר האגדה". צו דער דאָזיגער אַרבעט האָט ער

זיך איבערגעגעבן מיט אַ באַזונדער ליבע, מיט אַ „הייליגער התלה־בות״—ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין געשפּרעך מיט מיר וועגן דעם ענין.

פרוג האָט פון שטענדיג אָן זייער הויכגעשעצט די אוצרות פון דער א.ג.ד.ה״. אין פיל פון זיינע קינסטלערישע פּאָעטישע שאַפונגען שטראַלט אָפּ דער גלאַנץ פון די פּערל און בריליאַנטן, וועלכע ער האָט אַרויסגעשעפּט פון די דאָזיגע אוצרות. ווי פרוג האָט מיר דערציילט, האָט ער זיך פון תמיד אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק באַקאַנט צו מאַכן דער יידישער אינטעליגענץ מיט די גרויסע קולטורווערטן, וואָס געפינען זיך אין אונזערע אגדות. פרוג האָט געהאַלטן, אַז דאָס קען דינען פאַר אַ מיטל צוצובינדן אונזער דערווייטערטער, לייכט זיך אַסימילירנדיקערן אינטעליגענץ צו אונזער גייסטיגע היסטאָרישע דיינקמעלער, און דורך דעם צו דעם יידישן פאָלק. ער, פרוג אַליין, האָט אָבער זיי געדאַנק ניט געקענט פאַרווירקליכן. אים האָט געפעלט דערצו די נייטיגע תלמודישע ערודיציע. אַז עס איז אַרויס ביאַליקס „ספר־האגדה״, איז פאַר פרוגן געווען אַן אמת׳ר יום־טוב. פון אַלץ האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, אַלץ האָט ער אַוועקגעוואָרפן, און האָט זיך גענומען צו דער איבערזעצונג. דער ערשטער טייל פון דער דאָזיגער איבערזעצונג איז פאַרעפנטליכט געוואָרן מיט אַ יאָר פינף צוריק, און כמעט די גאַנצע יידישע פרעסע האָט איינשטימיג אָנערקענט, אַז אונזער אַלטע אגדה האָט געפונען אין פרוגן איר איינציקן ריכטיג צוגעפּאַסטן מאָדערנעם איבערזעצער. „הלואי ענדיק איך שוין מיין אגדה־איבערזעצונג״ — האָט מיר פרוג געזאָגט—וואָלט איך שוין מער גאָרנישט פאַרלאַנגט״. ליידער אָבער איז פרוגס וואונש ניט ערפילט געוואָרן. דער טויט האָט אים פון אונז אַוועקגערויבט איגמיטן דער אַרבעט.

II.

מיין באַזוך ביי פרוגן איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געוויסן צוועק. אין מיין „געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע״, וואָס איז געווען געדרוקט אינם אָדעסער וואָכן־זשורנאַל „העולם״, איז מיר אויסגעקומען, ריידנדיק וועגן דעם באַקאַנטן העברעאישן

לירישן דיכטער אַבאָ (קאָנסטאַנטין) שפּיראָ, אונטערצושטרייכן
זיינע קעגנזייטיגע באַציאונגען צו פרוגן. אין דער רעדאַקציע
פון „העולם" האָט מען מיר איבערגעגעבן אין פרוגס נאָמען, אַז
איינציגע שטריכן פון דער כאַראַקטעריסטיק, וועלכע איך האָב גע=
געבן קאָנסטאַנטין שפּיראָן דעם משומד, זיינען לויט זיין מיי=
נונג, ניט גאָר צוטרעפנדיק. פאַראינטערעסירנדיק זיך שטאַרק
מיט דער דאָזיקער פרוגס מיינונג, האָב איך איר געוואָלט הערן
פון אים, פון פרוגן אַליין.

אין פאַרלויף פון מיין געשפּרעך מיט פרוגן וועגן קאָנ=
סטאַנטין שפּיראָן, זיינען אַרויפגעקומען די רייד וועגן די שרעק=
ליכע פיזישע און מאָראַלישע יסורים, וואָס באַרימטע יידישע
זשורנאַליסטן און ליטעראַטן האָבן אַמאָל געהאַט אויסצושטיין
אין פּעטערבורג צוליב זייער „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", און
וועלכע עס האָבן געבראַכט איינציגע פון זיי אומטריי צו ווערן
זייער גלויבן. דערביי האָט מיר פרוג איבערגעגעבן איינציגע זע=
ער אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן די געבערענטע ליידן, וואָס ער
אַליין האָט די ערשטע פאָר יאָר איבערגעליטן פאַר זיין וואוינ=
רעכט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט. אַ געוויסע צייט נאָך זיין
קומען אין פּעטערבורג איז ער געווען פאַרשריבן אַלס משרת
ביים געשוואָרענעם אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי. צוליב
אַ סכסוך, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן וואַרשאַווסקין מיט דעם
דאַמאָלסדיקן פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק, גרעסער,
האָט פרוג אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקומען דעם באַפעל „צו
פאַרלאָזן פּעטערבורג אין 24 שעה". פרוג האָט שוין דאַן
געהאַט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פון זיינע לידער, דורך
וועלכן ער האָט זיך ערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין די רוסישע
ליטעראַרישע קרייזן. פיל פון די ליבעראַלע רוסישע שריפט=
שטעלער איז גריילאַך ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, מ'זאָל אַזאַ
גרויסן דיכטער אַרויסשיקן פון פּעטערבורג, נאָר איבער דעם,
וואָס ער איז אַ ייד. און איינער פון זיי, דער דאַמאָלסדיקער
פּאָפּולערער ראָמאַניסט ד. ל. מאָרדאָווצעוו, וועלכער
האָט שטאַרק געהאַלטן פון פרוגן, האָט זיך פונזיינטוועגן משתדל

געוועזן פאַרן פּעטערבורגער גאַלאָווא, אַז ער זאָל זען ווירקן אויף גרעסערן, דאָס מ׳זאָל פרוגן ערלויבן וואוינען אין פּעטערבורג ניט אַלס משרת, נאָר אַלס דיכטער. דער סוף איז געווען, אַז גרעסער האָט געגעבן פרוגן וואוינרעכט אין פּעטערבורג, אָבער נאָר צייטווייליג, ווייל אָן ערלויבעניש וועגן שטענדיגע וואוינרעכט האָט זיך שוין געווענדט נאָר אָן אינערן־מיניסטער. בכן איז פרוג ווייטער געבליבן הייגען אין דער לופטן. קיינמאָל איז ער ניט זיכער געווען מיט זיין וואוינרעכט, און תמיד איז ער געווען אין שרעק, אַז אָט אָט קומט מען פון „אוטשאַסטאָק“ און מ׳הייסט אים אַרויספאָרן פון פּעטערבורג. די דאָזיגע ספיקות האָבן אים זעער נערווייאיש געמאַכט, און עס זיינען געווען צייטן, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צודולטער און האָט ניט געקענט נעמען אַ פעדער אין האַנט. ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז געקומען אַ סוף צו זיינע צרות. סענאַטאָר טאַגאַנצעוו, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון „ליטעראַרישן פאָנד“ האָט געפועלט ביי דעם אינערן־מיניסטער דורנאָוואָ צו געבן פרוגן שטענדיקע וואוינרעכט אין פּעטערבורג. אָבער אויך דאַמאָלסט האָט פרוג געמוזט יעדעס מאָל ביים אַרויסנעמען אַ נייעם פּאַס דערלאַנגען אַ בקשה וועגן זיין וואוינרעכט צום גראַדאָנאַטשאַלניק. עס איז אַוועק נאָך אַ יאָר און מ׳האָט פרוגן אויך פון דעם באַפרייט, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער באַקומען פולע וואוינרעכטס־פרייהייט אין פּעטערבורג „צוליב זיינע פאַרדינסטן אויפ׳ן פעלד פון דער רוסישער פּאָעזיע“.

„איך האָב נאָך גוט אָפּגעשפּילט — מיט די ווערטער האָט פרוג געענדיגט זיין ערציילונג — אַנדערע האָבן ווייניקער מזל געהאַט פון מיר, האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון, און האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אויפן צווייטן ברעג. ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז טאָמער פלעגט ווען עס איז אַ יידישער ליטעראַט באַקומען וואוינרעכט אין פּעטערבורג, פלעגן אים דאָן זיינע חברים אין דער שטיל חושד זיין, אַז ער איז פון די איבערגעוואָרפענע.“

אברהם אליהו הארקאווי.

(פון דער סעריע „משכילים“).

I

געווען ביי אונז מיט אַ יאָר זיבעציק=אַכציק צוריק מענשן באַקאַנטע אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מ ש כ י ל י ם“. יידן האָבן זיי דאַמאָלסט גערופן „בערלינטשיקעס“. דאָס איז געווען אַזאַ מין זידל=וואָרט, מיט וועלכן מ׳האָט געמיינט יענע, וואָס לערנען תנ״ך מיטן ביאור פונ׳ם בערלינער יידישן פילאָסאָף משה מענדעלסאָן. דער פירוש אַליין וואָלט נאָך, אפשר, גאָרנישט אויס=געמאַכט. דער מחבר רעדט עפּעס יע אַמאָל וועגן אַזוינע זאַכן, וואָס „ניט אונזערע אבות און ניט אונזערע אבות=אבותינו האָבן דערפון געוואוסט“, ווי „דיקדעק סמיקדעק“ למשל; דאָס וואָלט נאָך אָבער געווען אַ האַלבע צרה. ווען מ׳וויל קען מען זאָגן, אַז דער ווילנער גאון האָט אויך געלערנט דאָס וואָס מ׳רופט „חכמת=הדקדוק“. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס די, וועל=כע האָבן געלערנט תנ״ך מיט יענעם פירוש, האָבן זיך שוין, אגב, אויך ערלויבט צו טאָן מעשים אשר לא יֵעָשׂו, ווי אונטערצושערן אַביסל די פאות, אַריינצוקוקן אין אַ „טרייף=פסול“ און צו ריידן עפּעס וועגן „שקאָלעס“...

אָט אַזוי האָט דער ברייטער עולם געגלויבט צו פאַרשטיין דעם מהות פון די „משכילים“ אַמאָל אין ז י י ע ר צייט. פון דעם

היינטיקן מאָדערנעם יידן וועט איר שוין הערן וועגן דיזעלביקע „משכילים" גאָר אַנדערע מיינונגען און גאָר אַנדערע דבורים.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס וועלן אייך זאָגן, אַז די אַמאָליקע „משכילים" זיינען געוועזן בטלנים, מענשן אָפּגעריסענע פון דער וועלט און פון דער טעגליכער ווירקליכקייט, פוסטע מליצה־שרייבער, נאַרישע פראַזעאָלאָגן, „חכמי־לעזשאַנקע" וכדומה.

און עס זיינען דאָ ווידער אויך אַזוינע, וואָס קוקן אויף יענע „משכילים" ווי אויף אַסימילאַטאָרן, ווי אויף מענשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט לחלוטין פון אונזערע נאַציאָנאַלע פרינציפּן, וועלכע האָבן פאַרשוועכט די יידישע הייליגטימער און געקוקט מיט גרויס ביטול אויף אונזערע קולטורעלע ווערטן, און וועלכע האָבן פאַר דעם פּראָבלעם פון דער יידישער צוקונפט געהאַט נאָר איין תשובה: די פולקומע צונויפמישונג מיט דער אַרומיגער פרעמדער סביבה.

וויל מען אָבער ניט זיין אויבערפלעכליך און ניט אָפּערירן מיט אייסגעדראָשענע פראַזן, נאָר ערנסט און אויפריכטיק פונאַנדערקלייבן זיך אין דעם אַזויגערופענעם „משכיליזם", מוז מען אַרויסטראָגן די פעסטע איבערצייגונג, אַז אַזוי ווי די „משכילים" זיינען ניט פאַרשטאַנען געוואָרן פון זייער אייגענעם דור, אַזוי זיינען זיי פאַרבליבן אומפאַרשטאַנען ביז אויפן היינטיקן טאָג.

לגמרי גאָר אַן אַנדער בילד באַקומט זיך פון די ערשטע „משכילים" (און איך רייד דאָ וועגן דעם כלל, און ניט וועגן פרטים, וועלכע דאַרפן ניט אַרייַנגענומען ווערן אין חשבון), ווען מ'קוקט אויף זיי ניט פון'ם „פויגלשן פלי", נאָר פונדערנאָענטן, אויפן גרונד פון זייערע פערזענליכע איבערלעבענישן, פון זייער געזעלשאַפטליכער אַרבעט און גייסטיגע שאַפונגען, אין וועלכע זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן פיל פון זייער האַרץ און פון זייער נשמה...

ניט אַלע „משכילים" גייען אַרונטער אונטער איין מאָסשטאַב. עס זיינען געווען „משכילים" פון גאַנץ פאַרשיידענע פּיזאָנאָמיעס. עס זיינען געווען „משכילים", וואָס האָבן זיך דערוואָרבן זייער השכלה מיט גרויס סכנה און מסירות־נפש און נאָך שטאַר־

קע, ביטערע מלחמות מיט זיך אַליין, מיט עלטערן און מיט דער געזעלשאַפט. די דאָזיגע „משכּילים" זיינען דאָס רוב פאַרביטערטע קעמפער געוואָרן, האָבן באָמבאַרדירט אין דער יידישער גאַס די כינעזישע וואַנט פון אומוויסנקייט און פון פאַנאַטיזם, האָבן שטור־מיש געבראָכן די אַלטע, פאַרשימלטע לעבנס־פאָרמען, און אויס־געטראָטן דעם וועג און באַשאַפן דעם באָדן פאַר נייע, פאַר מער וועלטליכערע. אַ פעסטונג נאָך אַ פעסטונג און אַ פּאָזיציע נאָך אַ פּאָזיציע האָבן זיי אַוועקגענומען ביי דעם אַבערגלויבן און ביי דער פינסטערניש און ביי דער אָפּגעשטאַנענקייט און ביי דער פאַרגליווערטקייט. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז אָט דער דאָזיקער הייפל מענשן האָט דאָס אַרויסגערופן יענע גרויסע און שטאַרקע השכּלה־באַוועגונג, וועלכע האָט אַרומגענומען דאָס ליטווישע יידנ־טום אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, אַז זיי אַליין האָבן דאָס אַריבערגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די גאַנצע טרחה און די גאַנצע משא און דעם גאַנצן גרויסן און שווערן יאָך און די גאַנצע פונאַנדערגעפּלאַקערטע אינעווייניקסטע און אויסווייניקס־טע מלחמה, וועלכע די דערמאָנטע באַוועגונג האָט מיט זיך גע־בראַכט,—וועלן מיר מוזן זאָגן, אַז דאָס זיינען געווען ניט קיין גע־וויינליכע פּשוטע מענשן, נאָר פערזאָנען—ריזן...

און נאָך אַ צווייטער סאָרט „משכּילים" איז געווען. דאָס זיינען געווען „משכּילים" בעלי־חלומות, אָט די, וואָס זאַנגוויל האָט זיי באַצייכנט מיט דעם נאָמען „די טרוימער פון געטאָ". דאָס זיינען געווען מענשן „שיינ־גייסטער", וואָס האָבן געטראָגן אין האַרצן אַ גרויסע און אַ טיפע פאַראַכטונג צו דעם טרוקענעם, אַסקעטישן געטאָ־לעבן, און וואָס זייער פיינפילנדיקע נשמה האָט זיך געצויגן מיט אַ שטאַרקער בענקעניש צו אַ פרייען און געזונטן און פון נאַטור־שיינקייט באַשטראַלטן לעבן. די דאָזיגע משכּילים זיי־נען ניט געווען קיין קעמפער, זיי זיינען ניט געווען קיין וועג־ברעכער, נאָר אין דער שטיל האָבן זיי פון׳ם קוואַל פון זייער רייכער, פּאָעטישער נשמה פונאַנדערגעגאָסן אַרום זיך איב׳ם יידישן תהום ליכט און וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ, וואָס עס איז שיין, פאַר אַלץ וואָס עס איז דערהויבן.

און ניט מיט ליידיגן זיינען אָט די אַלע „משכילים" אריין אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. זיי זיינען נ"ט געקומען מיט אַ באַגאַזש פון איבערפלעכליכע, וואַסערדיגע ידיעות, גענאַשט און אָפּגעלעקט, אַ כאַפּ, אַ לאַפּ פון דאַנען און פון דאָרטן. אַ סך געלערנט האָבן זיי פריהער, און ניט סתם געלערנט, נאָר גע־ממ׳תט האָבן זיי זיך, ממש, אין די געצעלטן פון חכמה, פון ווי־סנשאַפט, איטליכער פון זיי איז געווען אַן עילוי אויף זיין געביט, אַ פענאָמען אין זיין פאַך. איטליכער פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ וואונדערבאַרע ערודיציע, אַן אוצר פון ידיעות, און זייערע מיט אַזוי פיל קרבנות דערגרייכטע ידיעות האָבן זיי ניט געהאַלטן פאַר זיך אַליין; אַלע זייערע קענטענישן האָבן זיי זיך געטיילט מיט לייטן, און אומזיסט, אָן יעטווידער געצאָלט. גייסטיגע פאַרשווענדער זיינען זיי געווען, אויף אַלע זייטן, אויף רעכטס, און אויף לינקס, האָבן זיי פונאַנדערגעשאָטן זייערע ידיעות, און אויך מיט דער פו־לער האַנט...

און קען מען אויף די דאָזיגע „משכילים" זאָגן, אַז זייער לעצטער אידעאַל איז געווען די זיך־זעלבסט־פאַרלייקענונג, איז געווען די אַסימילאַציע? קען דאָס דען גאָר געמאָלט זיין, אַז מענשן, וועלכע זאָלן זיך האָבן תמיד אַרומגעטראָגן מיט אַסימי־לאַטאָרישע געדאַנקען און שטרעבונגען, זאָלן אָפּגעבן אַזוי פיל צייט און אַזוי פיל כחות דער העברעאישער שפּראַך? ווען ניט די דאָזיקע „משכילים", וואָלטן מיר דאָך ביי היינטיקן טאָג ניט געהאַט יענע שיינע און רייכע העברעאישע שפּראַך און יענע שיינע און רייכע העברעאישע ליטעראַטור, וועלכע מיר פאַרמאָגן, און ווען ניט די דאָזיקע „משכילים" וואָלט דאָך נאָך די יידישע וויסנשאַפט ביז איצט אַרומגעגאַנגען איבער פרעמדע הייזער, אָפּגעקלאַפּט גויאישע טירן און געכאַפּט ברעקלאַך פון זייערע טישן.

געשטאָרבן איז דאָ ניט לאַנג דער לעצטער פון די אַלטע „משכילים" — אברהם אליהו הארקאווי. ווי האָט אַזעל־כער דורכגעמאַכט זיין „משכילישן וועג? —

דאָס וועלן מיר זעען אין צווייטן קאַפּיטל.

II.

מיט אברהם אליהו האַרקאַווי'ן איז אָפּגעשטאָרבן דער לעצטער פון די אַלטע „משכילים”. ער איז אָבער ניט געווען פון די ערשטע. אין זיינע בחור'שע יאָרן האָט שוין אַרום אים געפלאַקערט דאָס פייער פונ'ם השכלה־קאמף, וועלכע אַנדערע, די עלטערע, האָבן אויפגעלאָזן. זיינע עלטערן, שיינע יידן און גרויסע מיוחסים אין נאַוואַרעדאָק, מינסקער גובערניע, האָבן פאַרריגלט טיר און פענסטער פאר דער דאָזיקער השכלה. געציטערט האָבן זיי און געפלאַטערט, אַז ס'זאָל נאָך, חלילה, ניט פאַרכאַפּט און ניט אָנגעצונדן ווערן פון איר זייער יונגער אברהם־אליִנקע, דער עלוי, דער אויפלייכטנדיקער שטערן אויפן יידישן האָריזאָנט. די ערשטע אָפּקלאַנגען פון דער השכלה־מלחמה האָבן דערלאַנגט צו די אויערן פון דעם נאַוואַרעדקער עילוי ביי דער גמרא אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. דאָרטן האָט זיך צום ערשטן מאָל אַ צאַפּל געטאָן זיין יונגע נשמה אונטער די נייע ביז אַהער ניט געהערטע מאָטיוון וועגן ליכט און בילדונג. אין זיין מח האָבן גענומען עקבערן נייע מחשבות, און אַלע האָבן זיי זיך געדרייט אַרום איין פונקט, אַרום דעם פּראָבלעם פון זיין קומענדיגן לעבן. ער האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד מיט אַ שווער און שוויגער, וועלכע האָבן אים מבטיח געווען אייביגע קעסט אויף זייער טיש, בתנאי ער זאָל זיצן און לערנען און זיך מכין זיין צו רבנות. צוליב דעם צוועק איז ער געקומען קיין וואָלאָזשין. ביז אַהער איז אַוועקגעגאַנגען אַלץ כשורה. ערשט מיט אַ מאָל...

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט האַרקאַווי פאַרלאָזן וואָלאָזשין, און איז געקומען אַהיים קיין נאַוואַרעדאָק. זיין פאַמיליע האָט ער געזאָגט אַ תירוץ, אַז ער פילט זיך מיד און שוואַך, און איז געקומען זיך אויסרוען. אינאמת'ן איז שוין זיין רו דאַן געווען צושטערט; בייטאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, און ביינאַכט האָט ער מיט אַן אויג ניט צוגעטאָן. נאָך אַ גרויסן ישוב־הדעת האָט ער ביי זיך באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך קיין ווילנע

און אָנצוקומען דאָרטן אין ראַבינער=שול. ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווי דעם באַשלוס צו פאַרווירקליכן. מיט זיינע העכסט פאַנאַטישע שוויגער=עלטערן האָט ער וועגן דעם ניט געקענט ריידן. ער האָט געוואוסט פון פאָראויס וואָס ס'קען אים פון זיי דערוואַרטן. איינמאָל האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כח און האָט געפּרובט אַ שמועס טאָן מיט זיין יונגער פרוי; האָט זי זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט און איז שיער אין חלשות ניט געפאַלן...

שווערע און ביטערע טעג האָט האַרקאַווי איבערגעלעבט. צום סוף איז ביי אים נאָך אַ לאַנגן און שטאַרקן איבעווייניקסטן קאַמף געבליבן, אַז כדי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון זיין מצב, מוז ער זעען קודם כל אָפּגט'ן זיין פרוי. אים איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז ניט פון די גאַנץ לייכטע זאַכן, און האָט גענומען זוכן מיטלען דערצו, אַז מ'זאָל אים אָפּגעט'ן. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן סימנים פון ניט פרומקייט; ער האָט אויפגעהערט צו גיין אין בית=המדרש דאַוונען, ער האָט אַוועקגעוואָרפן לערנען, האָט מיט זיך אָפּט געבראַכט אַהיים פון דער גאַס גוי'אישקע ביכלאַך. שווער און שוויגער האָבן דאָס אַלץ געוויינלאַך ניט געקאָנט פאַרטראָגן, און האָבן אים גענומען מוסר'ן אַפריער מיט גוטן, דערנאָך מיט בייזן; זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו מאַכן סקאַנדאַלן... די ווייב זיינע האָט שוין כמעט פאַרלאָרן אירע אויגן וויינענדיק, אָבער אָפּגט'ן אים האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט. דאָס האָט געצוואונגען האַרקאַווי'ן אָנצונעמען דעם לעצטן מיטל: איינמאָל אַ שבת נאָכן טשאָלנט האָט ער געכאַפּט און אויפגעגעסן בגלוי פאַר אַלעמען אין די אויגן אַ מ ל כ י ק ן קיכל... דאָס האָט געווירקט. אויף מאָרגן, זונטיג, האָט אים דר שווער אָפּגע'גט און אַרויסגעטריבן פון שטוב.

וויפיל פייאיקע באַגאַבטע און פיל=צוזאגנדיקע יונגע לייט האָבן זיך דאָס דאַמאָלסט געפונען אין דער יידישער גאַס, וועלכע האָבן זיך אויך, אונטער דעם דרוק פון דער השכלה=באַוועגונג. געריסן צו ליכט ווי האַרקאַווי, און זיינען אָבער פאַרבליבן אויף זייער גאַנצן לעבן מענשן מיט צובראָכענע, צוקאַליעטשעטע נשמות, ווייל זיי האָט געפעלט דער מוט און די איבעווייניקסטע שטאַרקע

באַהאַרציגקייט אויפצוּעסן בפרהסיא שבת נאָכן טשאָלנט אַ מילכיקן קיכל!...

דער מילכיקער קיכל האָט באַשלאָסן האַרקאַווי׳ס גורל אויף זיין גאַנצן לעבן.

אין ווילנער ראַבינער-שול איז האַרקאַווי געווען איינער פון די פלייסיגסטע און פון די בעסטע תּלמידים. אין אים האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער נייגונג צו היסטאָרישע וויסנשאַפטן. די לערער און זיינע חברים האָבן אים צוליב זיין גרויטער ערודיציע גערופן „דער לעבעדיקער ביכער-קאָרב״. נאָך זייענדיק אַ תּלמיד פון די עלטערע קלאַסן, האָט ער שוין געשריבן אין רוסיש און העברעאיש אינטערעסאַנטע מאָנאָגראַפיעס וועגן געוויסע היסטאָרישע געשעהענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן.

זיצנדיק אין ראַבינער-שול האָט האַרקאַווי געלעבט אין גרויס דחקות. זיינע קליינע פאַרדינסטן פון אַ פּאָר לעקציעס, האָט ער איינגאַנצן פאַרטאָן אויף ביכער, צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ באַזונדער ליידנשאַפט, און אויף חיונה זיינען אים פאַרבליבן נאָר גראָשנס. דער באַקאַנטער געלערנטער שמואל יוסף פין, האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז מיט האַרקאַווי׳ס אָרעמקייט האָט זיך געוואָלט באַנוצן דער באַוואוסטער משומד בראַפמאַן, דער מחבר פון אַנטיסעמיטישן ווערק „קניגאַ קאַהאַלאַ״, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט ביים ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר אַלס למדן און מומחה אין יידישע ענינים. דער דאָזיגער משומד האָט געזוכט רוסישע איבערזעצער פאַר די אַלטע יידישע דאָקומענטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגנב׳ט פון מינסקער פנקס. זייענדיק אַליין אַ גאַנץ קנאַפּער ידען אין די שוואַרצע פינטלאַך, האָט ער אַמאָל אָנגעבאָטן האַרקאַווי׳ן אַ היבשן מאָנאַטליכן געהאַלט ווען ער וועט אויף זיך נעמען די דאָזיגע איבערזעצונג. האַרקאַווי, ווי געדריקט ער איז דאַמאָלסט געווען, האָט זיך אָבער פון דעם ענין אָפּגעטרייסלט. בראַפמאַן האָט דאָס האַרקאַווי׳ן קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין, און האָט אים אין דער שטיל גערודפ׳ט. דורך בראַפמאַנס אַ העצע האָט שוין אַמאָל געהאָלפן, ביי דער קריסט=

לטליכער דירעקטאָר פון ראַבינער־שול זאָל אָפּנעמען ביי האַרקאַווי'ן זיין אָרעמע חודש'דיקע פּענסיע.

בראַפּמאַן האָט ניט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן האַרקאַווי'ן אויך נאָכדעם ווי ער איז שוין אַריין אין פּעטערבורגער אוני־ווערזיטעט. נאָך זיצנדיק אויף דער באַנק פון אוניווערסיטעט האָט האַרקאַווי אַרויסגעוויזן גרויסע גאונות און דער היס אָרישער וויסנ־שאַפט, און זיינע אַרבעטן אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן אויף אים צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די גרעסטע רוסישע און אויסלענדישע אָריענטאַליסטן. בשעת האַרקאַווי האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, איז ער געווען איינער פון די ערשטע קאַנ־דידאַטן, וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט אויסצוריכטן זיי אויף אירע הוצאות קיין אויסלאַנד כּדי צו פאַרפולקומען זיך דאָרטן אין זייער שטודיום. דאָ האָט בראַפּמאַן געוואָלט אונטערשטעלן האַר־קאַווי'ן אַ פיסל און האָט זיך געסטאַרעט פאַר ווען מען באַדאַרף אויסצומעקן אים פון דער קאַנדידאַטן־ליסטע. ער האָט אָבער מיט זיין שתדלנות גאָרנישט געפועלט.

אין אַ צייט אַרום, בשעת האַרקאַווי האָט שוין באַקומען אין דער וועלט אַ גרויסן נאָמען, און די רוסישע רעגירונג האָט אים באַשטימט אַלס ביבליאָטעקאַר אין דער פּעטערבורגער קייַ־זערליכער ביבליאָטעק, האָט ער אַמאָל בראַפּמאַנען אָפּגעדינט דורך דעם פאָלגנדן לוסטיגן שפּאַס, וואָס ער האָט מיט אים געמאַכט און מיט וועלכן ס'האָט דאַמאָלסט געקלונגען די גאַנצע רוסישע הויפּט־שטאָט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט בראַפּמאַן געבעטן האַרקאַווי'ן, ער זאָל אים זאָגן, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ ספר „איביד" אָדער „איבידעם", וואָס כמעט אַלע מחברים ציטירן אים אַזוי אָפט. האַרקאַווי האָט זיך געמאַכט גאַנץ תמ'עוואַטע און האָט בראַפּמאַ־נען דערלאַנגט אַ קאַרטל פון דער קייזערליכער ביבליאָטעק, אויף וועלכן ער האָט אים געהייסן אָנשרייבן, אַז ער פאַרלאַנגט, מ'זאָל אים אַרויסגעבן דאָס בוך „איביד" אָדער „איבידעם" *)

*) ווי באַקאַנט זיינען „איביד" און „איבידעם" לאַטיינישע ווערטער, און זייער טייטש איז: דאָרטן. מיט די ווערטער באַנוצן זיך אַנדערע מחברים ווען זיי שיקן אָפּ דעם לעזער איינצוקוקן אין די ערטער, וועלכע זיי האָבן שוין פאַר דעם ציטירט.

דערנאָך האָט האַרקאַווי די דאָזיקע קאַרטל דעמאָנסטרירט אַלס באַווייז, ווי ווייט עס דערלאַנגט בראַפּמאַנס למדנות... פון דאַמאָלסט אָן האָט בראַפּמאַנס אַווטאָריטעט אָנגעהויבן שטאַרק צו פאַלן *).

·III

נאָכדעם ווי האַרקאַווי האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין אויסלענדישער וויסנשאַפטליכער נסיעה, האָט אים גיוועסט די רוסישע רעגירונג פאָרגעלייגט די קאַפעדרע פון אָריענטאַלאָגיע אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. ס'איז אָבער פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען, און קלאַנגען זיינען געגאַנגען, אַז גורם געווען דערצו האָט האַרקאַווי'ס יידישקייט.

ווי עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, איז אינאמת'ן גאָר ניט אַזוי געווען די מעשה. ניט צוליב דעם, וואָס ער איז אַ ייד איז האַרקאַווי ניט געוואָרן קיין פּראָפעסאָר אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אין יענער צייט, פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, זיינען יידישע פּראָפעסאָרן אין די רוסישע אוניווערסיטעטן ניט געווען קיין זעלטנהייט. אַפילו אין דער פּעטערבורגער מיליטערישער מעדיצינישער אַקאַדעמיע גופא איז דאַמאָלסט געווען אַ ייד אַ פּראָפעסאָר פון פיזאָלאָגיע—ציאָן האָט ער געהייסן. און האַרקאַווי אַליין האָט שוין אויך געלייענט אַ גאַנצע ריי לעקציעס אין אוניווערזיטעט. ווען ער איז דאָך קיין פּראָפעסאָר ניט געוואָרן, האָט דערצו גורם געווען ניט זיין יידישקייט, נאָר אַ גאַנץ אַנדער סבה, וועגן וועלכע מ'האָט אין איר צייט פיל גערעדט אין די פּעטערבורגער יידישע קרייזן.

האַרקאַווי'ס קאַריערע אַלס פּראָפעסאָר איז צושטערט געוואָרן דורך אַן אינטריגע, וואָס די הויפּט־ראָל אין איר האָט ווידער געשפּילט אַ משומד. גאָר דעם מאָל איז דאָס געווען ניט אַ משומד אַן עם־הארץ ווי בראַפּמאַן, נאָר אַ וואוילגעלערנטער, אַ פּראָפּע־

*) זע מיין ווערק „משומדים“ זייטל 16

סאָר. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער פראָפעסאָר כוואָלסאָן.

אין יענער צייט האָבן צווישן די געלערנטע מזרח־קענער געשמ׳ט די היסטאָריש־ביבליאָגראַפישע אויפדעקונגען פונ׳ם באַוואוסטן קאַראַאימער געלערנטן פירקאָוויטש. אַט דער פירקאָוויטש איז כל ימיו געווען אָפּגעלעגן אויף דעם, אויפצווייזן דורך נוסחאות פון פאַרצייטיקע מצבות און דורך טעקסטן פון אַלטע כתב־ידן, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט, אַז די קאַראַאימען וואוינען אין קרים פון זייער אַלטע צייטן. די דאַמאָלסטיקע געלערנטע וועלט האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט פירקאָוויטשעס אַנטפּלעקונגען, און אויף דעם דאָזיקן יסוד איז קירצליך באַשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע היסטאָרישע ליטעראַטור. פירקאָוויטשעס קאָלעקציע פון מצבות־שריפטן און כתב־ידן האָבן באַקומען אַן אומגעהויער גרויסן ווערט, און לויט דער רעקאָמענדאַציע פון פראָפעסאָר כוואָלסאָן האָט די פעטערבורגער קייזערליכע ביבליאָטעק אָפּגעקויפט די דאָזיקע קאָלעקציע פאַר אַ קאָלאָסאַלע געלטסומע. אויסערדעם האָט נאָך די זאַך געהאַט אויך אַ גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג פאַר דער קאַראַאימישער באַפעלקערונג פון דער קרימער האַלב־אינזל, וועלכע האָט דורך דעם אָנגעהויבן צו פּרעטענדירן ביי דער רוסישער רעגירונג אויף די באַזונדערע רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס איר קומט אַלס „אַלטגעזעסענע".

גראָד האָט דאַמאָלסט האַרקאַווי געמאַכט אַ וויסנשאַפטליכע רייזע קיין קרים, און האָט דאָרטן צונויפגעקליבן זייער אַ רייכן מאַטעריאַל, וועלכער האָט אים געגעבן די מעגליכקייט אויפצווייזן אַז פירקאָוויטשעס „היסטאָרישע אַנטפּלעקונגען" זיינען ניט קיין ריכטיגע, און אַז זיינע מצבות־אויפשריפטן און מאַנוסקריפּטן זיינען פון אָנהויב ביזן סוף פאַלסיפיצירט. אין זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען האָט האַרקאַווי דערוויזן, אַז אַ סך פון די געלערנטע און פּאָעטן, וואָס פירקאָוויטש האָט זיי אָנגעוויזן פאַר קאַראַאימען, זיינען אין אמתן גאָר יידן. נאָך האַרקאַווי׳ס שאַרפער קריטיק איז דער גאַנצער בנין, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אויפן יסוד פון פירקאָוויטשעס קאָלעקציע, איינגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל, און אַלץ איז געוואָרן צו אַש און צו רויך...

פאַרן פראָפעסאָר כוואָלסאָן איז האַרקאַווי׳ס אַרויסטריט קעגן, פירקאָוויטשן געווען, ממש, אַ מאָראַלישער טויט־קלאַפּ. פון דאַ־מאָלסט אָן האָט כוואָלסאָן אָנגעהויבן צו רודפ׳ן האַרקאַווי׳ן וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט מיט זיינע רדיפות געבראַכט אַזוי וויט, דאָס מ׳האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריינגעשיקט זאָגן האַרקאַווי׳ן, אַז מען פאַרווערט אים פאָרצוזעצן לייענען זיינע לעק־ציעס אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט.

אַזוי האָט האַרקאַווי געליטן פאַרן אמת. אין די אָנפירנדי־קע פעטערבורגער קרייזן האָט מען דאָס גאַנץ גוט געוואוסט, און מ׳האָט תמיד געהאַלטן האַרקאַווי׳ן פאַר אַ קרבן...

IV.

האַרקאַווי האָט אין זיינע סטודענטישע יאָרן אַ גרויסן אָנ־טייל גענומען אין דער העברעאישער זשורנאַליסטיק, און באַזונ־דערס אויף דעם געביט פון פובליציסטיק און קריטיק. ער איז אויך געווען פון יענע, וואָס האָבן געוואָלט פאַרפלאַנצן בעלינסקען און דאָבראָליובאָוון אין דער העברעאישער ליטעראַטור. זיין צובונד צו העברעאיש איז ביי אים פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג. אָנהויב־בנדיק צו אַרבעטן אויפן היסטאָרישן געביט, איז האַרקאַווי געווען כמעט דער איינציקער געלערנטער, וואָס האָט זעער אַ גרויסן טייל פון זיינע וויסנשאַפטליכע אַרבעטן געשריבן העברעאיש, אין קעגנ־זאַץ צו די יידישע געלערנטע אין מערב־אייראָפּא, וועלכע האָבן אַלע פאַרפאַסט און פאַרפאַסן זייערע ווערק אין פרעמדע שפּראַכן.

האַרקאַווי, וועלכער האָט ווי די אַלע איבעריקע יידישע „משכילים״ פון זיין צייט, קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו האָפן און צו גלויבן, אַז סוף, סוף וועלן די רוסישע יידן באַקומען גלייכבאַרעכ־טיגונג האָט פיל פון זיינע היסטאָרישע מאָנאָגראַפּעס אויסגעניצט אום אויפצווייזן, אַז פון די סאַמע עלטסטע צייטן, האָבן געוואוינט יידן צווישן די סלאַוון און האָבן זיך מיט זיי גוט איינגעלעבט. דורכדעם האָבן דאָס רוב פון זיינע היסטאָרישע אַרבעטן געטראָגן ניט בלויז

אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער, נאָר אויך אַ ריין פּראַקטישן לטובת דער פאַרענטפערונג פונ׳ם יידישן פּראָבלעם אין רוסלאַנד.

האַרקאַווי איז אָבער ניט געווען בלויז אַ קאַבינעט=געלערנטער. תּמיד האָט מען אים געזען בּראש פון יעדער יידיש=נאַציאָנאַלער כּלל=אַרבעט. ווי דאָס רוב פון די אַלטע „משכּילים“ איז ער פין אָנהויב געווען אַ קעגנער פון דער חבת=ציון=באַוועגונג. באַזונכנדיק אין די לעצטע 80=ער יאָרן ארץ=ישראל, האָט ער זיין ערשטע מיינונג אומגעביטן לגמרי, און האָט זיך עפנטליך, באַזונדערס אין „מליץ“, אָפּגערופן זעער וואַרעם וועגן דעם אויפבוי פונ׳ם נייעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע.

מיט האַרקאַווי׳ן איז אָפּגעשטאָרבן, ווי געזאָגט, דער ל ע צ ט ע ר „משכּיל“, אין וועלכן ס׳האָט תּמיד געקלאַפּט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. מיט אים האָט אָבער דאָס רוסישע יידנטום פאַרלאָרן אויך זיין גרעסטן און א י י נ צ י ק ס ט ן געלערנטן. קיין נייע האַרקאַווי׳ס זעען זיך ניט אין פאָראויס, און ווער ווייס ווען מיר וועלן זיי האָבן, און צ י מיר וועלן זיי שוין האָבן בּכלל...

יהודה ליב קאַנטאָר.

וועגן קאַנטאָרס ליטעראַרישע טעטיגקייט און זיינע פאַרדינ־סטן פאַר דער יידישער וויסנשאַפט, האָט מען שוין ביי אונז פיל צי ווינציג געשריבן. דאָ וויל איך נאָר פאַרצייכענען געוויסע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון קאַנטאָרן אַלס רעדאַקטאָר.

אַלס רעדאַקטאָר האָט זיך קאַנטאָר אויסגעצייכנט מיט זיין באַזונדער פעהיגקייט, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, מיט זיין באַזונ־דערן חוש צו אַנטפּלעקן פונקען פון טאַלענט ביי יונגע שרייבער, צו וועלכע אַנדערע האָבן זיך פאַרהאַלטן גאַנץ גלייכגילטיק, צי ניט באַמערקט זיי בכלל.

ווען ניט קאַנטאָר וואָלטן אונזערע ליטעראַטורן פאַרבליבן אָן אַזעלכע באַגאַבטע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן ווי: ב ו ק י ב ן י ג ל י (ד״ר י. ל. קאַצענעלסאָן), ל ע ו י נ ס ק י, ט אַ ו ו ־ י אָ ו און אַנדערע זייער גלייכן, און ווען ניט קאַנטאָר וואָלט פ ר ו ג קיינמאָל ניט געוואָרן קיין י י ד י ש ע ר דיכטער.

דאָס באַווייזן די פאָלגנדע פאַקטן, וועלכע פאַרדינען פאַר־שריבן צו ווערן לזכרון.

I.

דער ערשטער קאַנטאָרס אַרויסטריט אַלס רעדאַקטאָר איז געוועזן אין יאָר 1880. דאַמאָלסט איז אין פּעטערבורג אַרויס דאָס יידיש־רוסישע וואָכנבלאַט „רוסקי יעוורעי״ אונטער דער רע־

דאַקציע פון א. בערמאַן און הירש ראַבינאָוויטש.
דער ערשטער איז געווען אַ לערער אין אַ קרוינישער פאָלקס-
שול, ווייט פון ליטעראַטור און אָן אַ וועלכן ס'איז באַגריף וועגן
דעם ענין צייטונג. ער האָט אַפילו גאָרניט אָנגעהויבן צו וויסן
וועלכע פראַגן און פּראָבלעמען עס שטייען אויפן סדר-היום אינ'ם
יידישן לעבן. דער צווייטער איז שוין אַפילו געווען אַ פּערזאָן
מיט אַ גרויסער וויסנשאַפטליכער ערודיציע, באַזונדערס אויף די
געביטן פון מאַטעמאַטיק און פיזיק; צווייטנס פלעגט ער זיך אַמאָל
אַ פּרוב טאָן שרייבן אַ 'סטאַטיסטישן אַרטיקל מיט גאַנץ גרויסע טאַ-
בעלעס פון ציפער. בכלל אָבער איז דאָס געווען אַ טרוקענע נשמה,
אָן אַ ברעקל טעמפּעראַמענט און אָן אַ וואָסערע עס איז נייגונג
אָפּצורופן זיך אויף די אַקטועלע לעבנס-פראַגן פון וועלכן מין זיי
זאָלן ניט זיין. ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אַזעלכע צוויי פער-
זאָנען זיינען ניט געווען ביכלת אַוועקצושטעלן זייער בלאַט אויף
דער געהעריקער זשורנאַליסטיש-ליטעראַרישער הויך. אין אַ האַלב
יאָר אַרום, בעת דער „רוסקי יעוריי" האָט שוין אויפגעהערט צו זיין
אַ בן-יחיד ביי דער יידיש-רוסישער אינטעליגענץ און האָט געהאַט
אַ גאַנץ געפערליכען קעגנער מצד דעם „ראַזסוועט", אַרום וועלכן
ס'האָבן זיך אָנפאַנגס גרופּירט אַזעלכע באַוואוסטע זשורנאַליסטן און לי-
טעראַטן ווי: באָגראָוו, מינסקי, ווענגעראָוו און
אַנדערע, — דאַמאלסט האָט דער „רוסקי יעוריי" לויט דעם פאַר-
שלאָג פונ'ם באַקאַנטן בעלעטריסט לעוואַנדע איינגעלאַדן קאַנטאָרן
אָנצופירן מיט דער רעדאַקציע.

וועגן דעם מצב, אין וועלכן קאַנטאָר האט דאַמאלסט געפו-
נען דעם „רוסקי יעוריי", האָט איבערגעגעבן ד"ר י. ל. קאַצע-
נעלסאָן די פאָלגנדע זעער כאַראַקטעריסטישע פאַקטן:

בשעת בערמאַן איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם „רוסקי
יעוריי", האָט ער, אָנטרעפנדיק זיך מיט קאַצענעלסאָנען, אים אַ
פרעג געטאָן: וואָס קען מען איצטער שרייבן אין אַ יידיש רו-
סישן בלאַט?

אויף דעם האָט אים קאַצענעלסאָן געענטפערט, אַז איצטער
קען מען שרייבן וועגן דער רבנים-פראַגע און וועגן גרינדן אַן

אַקאַדעמיע פאַר דער יידישער וויסנשאַפט.—אויב איר קענט עפּעס וואָס עס איז שרייבן וועגן דעם דאָזיקן ענין—האָט בערמאַן געזאָגט—טאָ שרייבט אָן אַ לייט=אַרטיקל פאַר דעם ערשטן נומער.

קאַצענעלסאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אָנגעשריבן דעם אַרטיקל און אַוועקגעטראָגן בערמאַנען דעם ערשטן קאַפּיטל.

בערמאַן האָט דעם אַרטיקל פאַרבראַקירט, און האָט אים נ י ט אָפּגעדרוקט.

—אַמאָל אין אַ געוויסן פאַרנאַכט—אַזוי דערציילט קאַצענעלסאָן—האָט מען מיר געזאָגט, אַז ס'איז צו מיר געקומען אַ קליין=געוויקסיגער יונגערמאַן. איך בין אים אַרויסגעגאַנגען מקבל פּנים זיין; ערשט דאָס איז—ק אַ נ ט אָ ר. כ'בין אייך געקומען מיטטיילן—האָט קאַנטאָר אָנגעהויבן—דאָס איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר אַ רעדאַקטאָר פון „רוסקי יעווריי". איך האָב אויסגעזוכט און אויסגעאַקערט אין די אַלע כתבים, וואָס ליגן אינ'ם פּאָרטפעל פון דער רעדאַקציע, און האָב צווישן זיי קיין איין דרוקפייה'יקן אַרטיקל ניט געפונען. ס'איז ניטאָ קיין ברעקל ליטעראַרישער מאַטעריאַל. איבערלייענענדיק אייער אַרטיקל וועגן דער רבנים=פראַגע, איז ער מיר זייער געפעלן געוואָרן הן מצד דעם תוכן און הן מצד דעם סטיל, און כ'וואָלט אייך געבעטן צו פאַרענדיקן אים, כדי כ'זאָל אים קענען באַלד אָפּדרוקן.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז געווען קאַצענעלסאָנס ערשטער דעביוט אין דער יידיש=רוסישער ליטעראַטור. דאָס האָט אים געגעבן דעם מוט מיט דעם חשק ווייטער צו פּרובן שרייבן און פאָרזעצן זיינע ליטעראַרישע נסיונות. אַזוי אַרום איז קאַצענעלסאָן אונטער דעם פּסעוודאָנים „בוקי בן יגלי" געוואָרן איינער פון די וויכטיקע אויסגעצייכנטע יידיש=רוסישע פעלעטאָניסטן.

צווישן דעם געפּסל'טן מאַטעריאַל, וואָס קאַנטאָר האָט דאַמאָלסט געפונען אינ'ם פּאָרטפעל פון דער רעדאַקציע, איז געווען אויך פ ר ו ג ס אַ שיר. דאָס איז געווען פרוגס ערשטער שיר, וואָס האָט זיך נאָך דעם אָפּגעדרוקט אין „ראַזסוועט", און דורך וועלכן די יידישע דיכטערישע שאַפונג האָט געוואונען איינע פון אירע גלענצנדסטע קרעפטן. די ביידע רעדאַקטאָרן פון „רוסקי-

יעווריי״, דער לערער און דער מאַטעמאַטיקער, האָבן בשעתם אָנערקענט, אַז אַזאַ שיר פון עפּעס אַן אומבאַוואוסטן פּאָעטל, אַ קאָלאָניסטס אַ יונג-בחור׳ל פון ערגיץ אַ באָבראָווי-קוט, מעג זיך בלייבן וואַלגערן צווישן די „פּאַבראַקירטע פּאַפּירן״, מיט וועלכע דער „גוי, פון דער רעדאַקציע״ וועט אַמאָל אונטערהייצן דעם אויוון...

דערפאַר האָט אָבער דער „רוסקי יעווריי״ פאַר די עטליכע יאָר פון זיין עקסיסטענץ קיין איין מאָל אַפילו ניט זוכה געווען צו פאַרעפנטליכן אויף זיינע עמודים פרוגס אַ וועלכן עס איז געשריבענעם פערז, און קאַנטאָר האָט עס תמיד פאַרשטאַנען צו באַדויערן.

II.

אין יאָר 1886 האָט קאַנטאָר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די העברעאישע טעגליכע צייטונג „היום״. אין זיין צייט איז דער „יום״ געווען אַ גרויסער, אויסטערלישער אויפטו, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן, ממש, ווי אַ סענסאַציע אין די דאַמאָלסדיגע קרייזן פון די יידישע שריפטשטעלער, און באַזונדערס צווישן דעם עולם לעזער. קאַנטאָר האָט פאַרשטאַנען צוצוציען צו זיך אין דער רעדאַקציע די בעסטע העברעאישע ליטעראַרישע קרעפטן ווי דוד פרישמאַן און די אינזשענער-טעכנאָלאָגן (דעמאָלט גאַנץ גוט באַקאַנטע העברעאישע שריפטשטעלער) שלמה זלמן לוריע און אהרן ראָזנפעלד און אַנדערע. פאַר אַזאַ גרויס בלאַט ווי דער „יום״ זיינען נאָך אָבער די דאָזיקע קרעפטן געווען צו ווייניק, און קאַנטאָר האָט זיך געלאָזן זוכן נייע כחות. דאָ האָט ער זיך ווידער גענומען צו בוקי בן יגלי׳ן פונ׳ם אַמאָליגן „רוסקי יעווריי״, און האָט פון אים, ממש, באַשאַפן אַ נייע שטאַרקע ליטעראַריש-סטיליסטישע קראַפט. האָט זיך נאָך אָבער קאַנטאָר מיט דעם אַליין ניט באַנוגנט, און האָט זיך פאַרגענומען צוריקצובריינגען מענדעלי מוכר ספרים צו דער העברעאישער ליטעראַטור, פון וועלכער ער איז אַרויס און—ווי ס׳האָט דאַן אויסגע-

געוויזן—אויף שטענדיק אַרויס. מצד קאַנטאָרן איז דאָס געווען אַ גרויס קונסט־שטיק, ווייל פיל האָבן דאַמאָלסט געזאָגט, אַז צוליב געוויסע טעמים וועט ער בשום אופן ניט פועל׳ן ביי מענדעל׳ן צו צונעמען זיך אויף דאָס ביי פאַר דער העברעאישער פען, און אויב שוין יאָ שרייבן העברעאיש, וועט ער זיך גיכער אומקערן אויף זיין אַלטער אכסניא, צום „מליץ”, וועלכער איז דאַמאָלסט רעדאַגירט געוואָרן דורך דעם באַרימטן דיכטער י. ל. גאָרדאָן. קאַנטאָר האָט אָבער דאָס זייניגע אויסגעפירט. מענדעלי האָט זיך צוריקגענומען צו דער העברעאישע פעדער, און איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „יום”.

די זאַך האָט הינטער זיך אַ קליינע, גאַנץ אינטערעסאַנטע היסטאָריע, וועלכע קאַנטאָר האָט מיר אַמאָל אַליין איבערגעגעבן מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— דער „יום” איז שוין דאַן אָפּגעגאַנגען אַ געוויסע צייט. יעדער נומער האָט געבראַכט אַ רייכן מאַטעריאַל, און דאָך האָט מען נאָך אין געוויסע ליטעראַרישע קרייזן ניט אויפגעהערט צו קוועטשן מיט די פּלייצעס אויף זיין אונטערנעמונג. מ׳האָט ניט געגלויבט, אַז ס׳וועט זיך תמיד געפינען מיט וואָס אויסצופילן אַזאַ גרויסן בלאַט ווי דער „יום” איז געווען. איך אַליין בין אַפילו ניט געווען אַזאַ פּעסימיסט. כ׳האָב זיך אין דעם פּרט גאַנץ רוהיג פאַר׳ לאָזן אויף די רייכע ליטעראַרישע קרעפטן פון דער רעדאַקציע גופא. נאָר כּדי צו זיין צוגעגרייט אויף אַלע פאַלן, האָב איך מיך געפּרובט אָננעמען מיטלען צו פאַרזאָרגן דעם „יום” מיט גוטן שטאָף אויך מן החוץ. אָט, געדיינק איך, האָב איך מיך דאַן געווענדט צו ראובן בריידעס און צו מענדעלי מוכר ספרים. ברוידעס האָט דאַן מיין בקשה ניט ערפילט; אפשר ווייל ער איז געווען אַ „חובב־ציון”, און דער „יום” האָט זיך צו דעם באַהאַלטן ניט אַזוי וואַרעם, כאָטש ער איז קעגן דער באַוועגונג גופא קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן. בנוגע צו מענדעלען איז, ניט זייענדיק בטוח אין דער ווירקונג פון מיין אייגענעם בריוו, האָב איך נאָך אָנגעשטעלט אונ־ זער בשותּפות׳דיקן גוטן פריינד, ל. בינשטאָק, אַז ער זאָל פאַר אים אונטערשטיצן מיין בקשה. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און איך

האָב באַקומען צוגעשיקט פון מענדעל'ן זעער א פריינדליכע תשובה און דערביי זיין ערציילונג „ב ס ת ר ד ע ם". אין זיין בריוו האָט ער געשריבן, אַז ממש, איבעררראַשנדיק איז פאַר אים געווען דער פאַקט, דאָס אין העברעאיש זאָל קענען ארויסגיין אַ גרויסע טעג־ליכע צייטונג, וואָס רופט זיך אָפּ אויף די פאַרשיידנסטע, וואָכע־דיקסטע לעבנס־אינטערעסן. פון דעם זעט ער אַרויס, אַז העברעאיש פאַרמאָגט נאָך פיל לעבנס־קראַפט, וועלכע מ'דאַרף נאָר קענען אויסניצן.

ס'איז צו באַמערקן, אַז מענדעלעס „בסתר רעם" איז גע־ווען זיין ע ר ש ט ע העברעאישע דיכטערישע שאַפונג נאָך אַ צענ־יאָריגן שטילשווייגן — די דערמאָנטע ערציילונג איז געווען דער אַריינפיר צו יענע גאָלדענע אוצרות, וואָס מענדעלי האָט פון דעמאָלט אָן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן ניט אויפגע־הערט צו שאַפן אין דער העברעאישער שפּראַך. אַזוי אַרום האָט מען נאָר קאַנטאָרן צו פאַרדאַנקען פאַר מענדעלעס אומקער צו דער פון אים פאַרלאָזענער העברעאישער ליטעראַטור.

די ערציילונג „בסתר רעם" איז אין איר צייט געווען אַ סענסאַציע. מ'האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן דערזעענדיק דעם הויכן פליה, וואָס מענדעלע האָט אין די 10 יאָר, אין וועלכע ער האָט ניט געשריבן קיין העברעאיש, באַוויזן צו געבן הן אין דער מאַלערישער קונסט הן אין סטיל. דאָס איז שוין ניט געווען קיין פובליציסטיק אין בילדער, ווי דער „אבות והבנים", צום ביישפּיל, נאָר אמת'ע, ריינע קונסט; דאָס איז שוין אויך ניט געווען דער מליצה־סטיל פון „אבות והבנים", נאָר אַ קערניקער, זאַפטיקער מאָדערנער סגנון פונקט ווי פון אַ שפּראַך וואָס ווערט גערעדט, וואָס לעבט.

III.

ד"ר קאַצענעלסאָן, וועלכער איז באַקאַנט פאַר איינעם פון די גלענצנדסטע העברעאישע סטיליסטן, האָט אַמאָל דערציילט דעם פאָלגנדן זעער אינטערעסאַנטן פאַקט, ווי אַזוי קאַנטאָר האָט אים געמאַכט פאַר אַ העברעאישן שריפטשטעלער:

— בעת קאַנטאָר האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ טעגליך העברעאיש בלאַט, האָט ער מיר גענומען צוריידן, אַז כ'זאָל אָנהויבן שרייבן העברעאיש. איך האָב מיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל כ'בין געווען זיכער, אַז איך קען ניט די העברעאישע שפּראַך אויף וויפיל דאָס איז נויטיק פאַרן ליטעראַרישן שאַפן. „ווי זאָל איך נעמען שרייבן העברעאיש, אַז כ'קען די שפּראַך ניט?״ — האָב איך אים געפרעגט.

— אָט פּרובט זיך נאָר — האָט אויף דעם קאַנטאָר געענטפערט.

כ'האָב דערפילט זיין בקשה, און האָב אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן מיטן נאָמען „הידעונים״, אין וועלכן כ'האָב אַרומגערעדט דעם ענין וועגן טרעפן פרעמדע געדאַנקען, וואָס דער באַוואוסטער היפּנאָטעזאָר פעלדמאַן האָט דאַמאָלסט ממציא געווען. אויפן פעליעטאָן האָב איך מיך געחתמ'עט: „בוקי בן יגלי״.

נאָכדעם, ווי דער פעליעטאָן האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „יום״, איז באַלד אָנגעקומען אַ בריוו פון דוד פרישמאַנען, וועלכער בעט קאַנטאָרן, ער זאָל אים תיכף מודיע זיין: ווער האָט דאָס אַזוי געלונגען איבערזעצט „בוקי בן יגלין״?

פרישמאַנען איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז איך קען העברעאיש אויך שרייבן, און ער האָט גערעכנט, דאָס דער פעליעטאָן איז אַ איבערזעצטער פון רוסיש.

IV.

אין יאָר 1889 איז קאַנטאָר אַ געוויסע צייט געווען דער רעדאַקטאָר פונ'ם העברעאישן טאָגבלאַט „המליץ״ און פון וועכנטליכן יידישן „פאָלקסבלאַט״. דער פאַרלעגער פון „פאָלקסבלאַט״ איז דאַמאָלסט געווען איינער אַ ישראל לעווי, וועלכער האָט געשמ'ט אין זיין צייט פאַר אַ האַלבן מטורף. גענוג איז צו זאָגן, אַז ער האָט דערקלערט פאַר זיין צוועק: „דורך יידיש אונטערצוגראָבן דעם יידישן לשון״. דער שטילער קאַמף, וואָס ס'איז קאַנטאָרן אויסגעקומען צו פירן מיט דעם דאַ=

זיקן מטורף אין די דאמות פון דער רעדאַקציע.— דאָס איז פּאַר זיך אַ קאַפּיטל פון דער יידישער פּרעסע, וועלכן איך באַהאַנדל אויספירליך אין אַ באַזונדער אָרט. דאָ וויל איך בלויז באַמערקן, אַז נאָר קאַנטאָר איז געווען דער, וואָס האָט צוגעצויגן צו דער יידישער ליטעראַטור דעם באַוואוסטן דיכטער שמעון שמואל פרוג. ביז יענער צייט האָט פרוג געשריבן זיינע לידער נאָר אין רוסיש. קאַנטאָר איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געווירקט אויף פרוג׳ן, אַז ער זאָל זיך פּרובן שרייבן יידיש. אָנ־געהויבן האָט דאָס פרוג מיט פּראָזאאישע פעליעטאָנען אין „פאָלקס־בלאַט“, און פון פּראָזע איז ער באַלד אַריבער צו פּאָ־עזיע, און ווען די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט ביי היינ־טיקן טאָג פרוגס אַ היבשן בינטל שיינע לידער, איז דאָס אויך איינע פון קאַנטאָרס פאַרדינסטן.

אַ קנאַפּן נחת האָט קאַנטאָר געהאַט אויך אין דער רעדאַק־ציע פון „מליץ“, דאָרטן האָט ער געהאַט צו טאָן מיט צעדער־בוימען, — אויך אַ מענש מיט ווילדע קאַפּריזן, וועלכער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט די רעדאַק־טאָרשע טייטל.

גריבלענדיק זיך אַמאָל אין פּאָרטפעל פון „מליץ“, האָט זיך דאָרטן קאַנטאָר אָנגעשטויסן אויף פּאַרפּולעטע כתב־ידן, וועל־כע האָבן זיך דאָ, קענטיק, געוואַלגערט פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט, און אויף וועלכע ס׳איז געווען אָנגעצייכנט מיט צעדערבוימס האַנטשריפט „נפסלו לדפוס“, ד. ה. אַז די דאָזיקע מאַנוס־קריפּטן זיינען פון אים פאַבראַקירט געוואָרן, און וועלן ניט גע־דרוקט ווערן.

קאַנטאָר האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף צעדערבוימס נביאות און האָט אַליין גענומען דורכקוקן די כתב־ידן. צוויי פון זיי האָבן אים באַזונדערס שטאַרק פאַראינטערעסירט, און ער האָט זיי תיכף אָפּגעדרוקט אין „מליץ“.

דאָס זיינען געווע־ די ערשטע פעליעטאָנען פון די נאָכ־דעם זעער פּאָפּולער געוואָרענע העברעאישע שריפטשטעלער: א. ל. לעווינסקי און י. ח. טאַוויאָוו.

בער באָראָכאָוו.

I.

מיין ערשטע און לעצטע באַגעגעניש מיט באָראָכאָוון איז געווען אויפן עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, סוף זומער 1913. גראָד זיינען מיר געזעסן איינער לעבן דעם אַנדערן ביים זשורנאַליסטנ־טיש, א י ך אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „ה ז מ ן", און ער — פון אַן אַמעריקאַנער ענגליש־יידישן בלאַט.

די קאָרעספּאָנדענטן פון די וואַרשעווער יידישע בלעטער, וואָס זיינען געזעסן ביים זעלבן טיש אונס וויזאַווי, פלעגן פון צייט צו צייט אַריבערוואַרפן באָראָכאָוון צעטעלאַך מיט אָנפּראַגעס: ווי מ'דאַרף שרייבן דעם אָדער יענעם יידישן וואָרט. דער גרעסטער טייל אָנפּראַגעס האָט געטראָגן אַ הומאָריסטישן כאַראַקטער — אַ שטי־לער פּראָטעסט קעגן באָראָכאָוו'ן אַלס נאָוואַטאָר אויף דעם גע־ביט פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע, פאַר וועלכן ער איז שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן דורך זיינע בריוו צו זיינע חברים און פריינד. באָראָכאָוו האָט ניט אויסגעלאָזן קיין א י ן צעטעלע אָן אַן ענטפער, און זיינע תשובות זיינען שוין דוקא געווען ערנסטע, און פון זיין שטאַנד־פונקט וויסנשאַפטליך באַגרינדעט.

איינמאָל, בשעת אַ הפסקה, האָב איך מיט באָראָכאָוו'ן פאַרפירט אַ שמועס וועגן זיין נייער שיטה אין דעם יידישן אויפ־

לייג, צו וועלכן איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין.
מיין טענה איז געווען, אַז וויבאַלד די יידישע ליטעראַטור האָט
שוין אירע קלאַסיקער ווי מענדעלי, שלום=עליכם, פרץ און אַנ=
דערע, אַלע גרויסע וואָרט=קינסטלער, בכן דאַרפן מיר זיך האַלטן
אָן זייער איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעאַרבעטער אָרטאָגראַפיע,
און ניט בויען קיין נייע שיטות, וועלכע קענען, אפשר, פון פאָלק
גאָר ניט אָנגענומען ווערן. אויף דעם האָט מיר באָראָכאָוו געענו=
מען אויפווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פון אַ לשון ווענדט זיך ניט,
און דאַרף זיך ניט ווענדן אָן קיין שום ליטעראַרישע אַווטאָרי=
טעטן. דאָ שפילן די הויפט=ראָל פאָלגנדע פאַקטאָרן: די האַרמאָ=
נישע איינהייטליכקייט צווישן דעם מויל מיט דער פען, און די
קורצקייט פון וואָרט, וואָס ווערט דערגרייכט דורך זיין באַפריי=
אונג פון יעדן איבעריקן באַלאַסט. ס'איז ניטאָ קיין שפראַך אין
דער וועלט, וואָס זאָל בלייבן שטיין פאַרגליווערט אויף איין
אָרטאָגראַפיע; יידיש קען ניט זיין קיין יוצא מן הכלל. ווען יאָ,
וועט זי זיך תמיד געפינען אין סכנה מטושטש און פאַרגרייזט צו
ווערן שריפטליך, און צו פאַרבלייבן סוף כל סוף אינגאַנצן אומ=
פאַרשטענדליך

דערווייל האָט זיך אַרום מיר מיט באָראָכאָוו'ן אַרומגע=
קליבן · אַ רעדל זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער, צווישן זיי אויך
ד"ר נתן בירנבוים, און עטליכע קאָנגרעס=דעלעגאַטן. ס'האָט
זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער און אַ שאַרפער ויכוח מכח דעם יידישן
אויסלייג. דאָס רוב אָנטייל=נעמער אין געשפרעך האָבן זיך אַרויס=
געזאָגט קאַטעגאָריש קעגן באָראָכאָוו'ן; אָבער קיינער האָט זיך
ניט געקענט באַפרייען פונ'ם גוואַלדיגן רושם, וואָס ער, באָראָ=
כאָוו, האָט געמאַכט מיט זיין אומגעהייער גרויסער ליטעראַרישער
ערודיציע און מיט זיין עילוי'אישער באַהאַוונטקייט אין די אַלע,
פאַרשיידענאַרטיקע יידישע אידיאָמען און דיאַלעקטישע פאָרמען
אויף וויפיל זיי זיינען באַנוצט געוואָרן אין די אַלערלייאיקע
פאַרצייטיקע יידישע ספרים. ווי אַ גאון, וואָס וואַרפט נאָכאַנאַנד
מיט גמרא'ס און מיט מפרשים און מיט פוסקים און שאלות=ותשובות,
אַזוי האָט באָראָכאָוו געשאָטן מיט ציטאַטן און מיט מראי=מקומות'ן

גענומען פון יידישע און ניט יידישע אינקאָנאַבלען, וואָס כמעט, אַלע פון אונז האָבן קיינמאָל ניט געהערט אַפילו זייער נאָמען.

מיך פּערזענליך האָט דאָ אָבער נאָך אַזאַך אינטערעסירט, און אין אַן אַנדער געשפּרעך מיט באָראָכאָוו'ן האָב איך אים געפרעגט:

— זאָגט מיר גאָר, כ'בעט אייך, ווי קומט עס, אַז א י ר, דער טעאָרעטיקער פונ'ם „פּועלי־ציוניזם”, וואָס אייער הויפּט־עובדה איז, האַרמאָניש צונויפצוגיסן דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם מיט דעם געדאַנק פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, — ווי קומט דאָס, וואָס איר האָט זיך גאָר מיט אַמאָל גענומען אַזויפיל אָפּגעבן מיט דער יידישער אָרטאָגראַפיע?

— אויף דעם האָט מיר באָראָכאָוו געענטפערט, אומגעפער מיט ד י ווערטער:

— איר וועט זיך נאָך מער וואונדערן, ווען איר וועט פון מיר הערן, אַז כמעט ביז איך בין אַרויס פון דער פּאָלטאַווער גימנאַזיע (און אַלט געווען בין איך דאַמאָלסט אַ יאָר 19—18) האָב איך, קען מען זאָגן, נאָך קיין שייטל יידיש ניט געקענט פון העבּרעאיש איז שוין גאָר אָפּגערעדט, כאָטש מיין פאָטער איז געווען אַ הייסער „חובב־ציון”. מיט יידיש האָב איך זיך פאַראינ־טערעסירט דוקא צוליב דעם „פּועלי־ציוניזם” און ד ו ר ך אים. אַ שימער, אָן ווערטער, בין איך אַרויס אַרבעטן אין פאָלק, — אַ שונה'דיקע ווילדע לאַגע, וואָס קען געמאָלט זיין נאָר ביי אַזאַ פאָל ווי אונזערס, וואָס רעדט אויף שבעים לשון, און נאָר ניט אויף יין אייגענעם. מיט גרויס התמדה האָב איך מיך גענומען צו יידיש, און ווי איר זעט, האָב איך אין ריידן אַ גאַנץ שטאַרקע פּעולה 'האַט. אָבער דאָס שרייבן, דאָס שרייבן! אַוועקזעצנדיק זיך שריי: מיין ערשטן יידישן „שלום־לאהובי־בריוול” האָט מיר באַלד גענומען עקבערן דעם מח די פראַגע וועגן דער אָרטאָגראַ־פיע. לאַנגה? איך מיך מיט דער פראַגע אַרומגעטראָגן, ביז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, אַז מ'מוז שרייבן ווי מ'רעדט אָן תירוצים. א דעם יידישן זאַמלבוך „דער פּנקס”, וואָס דאַרף אינגיכן ערשיינ/ אין ווילנע, וועט איר לייענען מיינע אַן אַר־

טיקל, אין וועלכן איך האָב דעם דאָזיקן געדאַנק אויספירליך אַנט־וויקלט. אגב האָב איך שוין דעם אַרטיקל גופא געשריבן מיט מיין אָרטאָגראַפיע ווי אַ מוסטער פאַר לייטן, וו' מ'דאַרף און ווי מ'מוז אויסלייגן אויף יידיש. כ'בין זיך משער דעם מין געלעכטער, און אין בעסטן פאַל דעם מין קוועטשעניש מיט די פלייצעס, וואָס מיין אָרטאָגראַפיע וועט אַרויסרופןביים גרויסן עולם, אָבער עס שאָדט ניט...

באַלד זעקס יאָר זיינען שוין אַריבער זינט איך האָב געהאַט מיט באָראָכאָוו'ן דעם דאָזיקן געשפרעך, און עד היום זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון זיינע לעצטע ווערטער. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— איך האָב ערגעץ וואו געלייענט, אַז בשעת די בעלגיער האָבן דאָ ניט לאַנג געפייערט דעם הונדערטיאָריגן געבורסטאָג פון זייער פאָלקס־שרייבער קאָנסיאָנס, האָבן זיי אים צו זיין יובילייאויסגעדריקט זייערע געפילן אין דער פאָלגנדיקער קורצער פראַזע: „ער האָט אויסגעלערנט זיין פאָלק לייענען". און איך וויל אויסלערנען מיין פאָלק שרייבן!

אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס מיט אַ איראָנישן שמייכל אויף די ליפן.

II.

איינמאָל אַרויסגייענדיק צוזאַמען מיט באָראָכאָוו'ן פון קאָנגרעס־הויז, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער קאָנגרעס, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— זייט איר, אפשר, אַ בעלן צו באַגלייטן מיך אין מיין לאַבאָראַטאָריע?

געמיינט האָט ער דערמיט די ביבליאָטעק פון דער ווינער יידישער קהלה, וואו ער האָט בקביעות געאַרבעט און געקליבן שטאָף פאַר זיינע וויסנשאַפטליכע מאָנאָגראַפיעס וועגן יידיש.

מיר זיינען אַריין אין איינעם פון די עטלעכע גרויסע ביב־ליאָטעק־זאַלן. דאָרטן אין אַ ווינקל לעבן אַ פענסטער ביי אַ גרויסן טיש האָבן מיר זיך געזעצט. באָראָכאָוו האָט מיר געגעבן פאַר־

שיידענע דערקלערונגען וועגן דעם, אין וואָס עס באַשטייט זיין אַרבעט. ער האָט געזאָגט:

— נאָר דאָ קאָנט איר זיך ערשט איבערצייגן, ווי רייך די אַלטע יידישע ליטעראַטור איז, און וועלכע עוואָלוציעס זי האָט דורכגעמאַכט אין משך פון די הונדערטער יאָרן. אַ גרויס אַרבעטס־פעלד שטעלט מיט זיך פאָר אָט דער בנין, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצטער, פאַר דער פאָרשער פון דער יידישער פאָנעטיק. וואו נעמט מען דאָס אָבער אונזער ר׳ מרדכי׳לען?

אונזער שמועס איז אַריבער אויף די ווערק וועגן יידיש פון אלעזר שולמאַן.

באָראָכאָוו איז ניט געווען קאָנטעט פון שולמאַנס ווערק. ער האָט זיי געפונען פאַר ניט פולקום, אין כמה פרטים איינזייטיג און ניט ערנסט באַלויכטן. לויט זיין מיינונג האָט שולמאַן באַהאַנדלט דעם ענין צו אויבנאויפיג; ער האָט ניט תופס געווען די באַדייטונג פון די פאַרשיידענע עטאַפּן, וועלכע די יידישע שפּראַך האָט דורכגעמאַכט אין איר אַנטוויקלונגס־גאַנג, און זיין הויפּט־חסרון איז דאָס, וואָס ער איז ניט אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון יידיש. דערביי האָט אָבער באָראָכאָוו אַליין פאַרטיידיגט שולמאַנען מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך צו ווייניק מקורים, „אַפילו ניט קיין הונדערטל טייל פון דעם מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק“.

— וויפיל איך, און נאָך צענדליקער ווי איך, זאָלן ניט שעפּן פון די דאָזיקע אוצרות—האָט באָראָכאָוו געזאָגט ווייזנדיק מיט׳ן פינגער אויף די גרויסע ווענט מיט די פאָליצעס ספרים — וועט נאָך די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך אַלץ לאַנג דאַרפן וואַרטן אויף איר היסטאָריאָגראַף, וועלכער וועט שוין זיין ביכולת צו מאַכן דעם לעצטן סך־הכל. אַזוי פיל אומבאַאַרבעטער מאַטעריאַל און אַזוי פיל רוישטאָף איז נאָך אין דעם בנין פאַראַן.

— אָט וויפל מיינט איר—האָט באָראָכאָוו ווייטער גערעדט— דאַרף געדויערן אויסצושעפּן אינגאַנצן ביזן דעק כאָטש מער ניט

זוי אָט דעם פעקל ספרים, וואָס ליגט דאָ פאַר אייך אויפן טיש? איר מאַכט דאָס ניט מיט אַ פּאָר יאָר אַפילו!

פון נייגעריקייט האָב איך גענומען באַטראַכטן די ספרים. דאָס זיינען געווען דורכאויס יידישע ספרים, וועלכע זיינען גע־דרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן, אַנדערע מיט עטליכע הונדערט יאָר צוריק, אין די עלטסטע יידישע דרוקערייען אין אַמשטערדאַם, פיורדאָ און זולצבאַך, און אין אַלערליי מינים יידי־שע שריפטן. צווישן זיי זיינען געווען כמה סאָרטן „צאינה וראינה׳ס", עטליכע פון זיי מיט בילדער, „קב הישרס", „מנורת המאור׳ס", קינות, סליחות און הגדות מיט עברי־טייטש־פירושים. איין הגדה פון ווינציצער דרוק, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט, האָט גע־האַט פינף יידישע פרושים פון פאַרשיידענע מחברים. אַלע פירושים זיינען געווען אויסגעשטעלט אין פנים אויף דעם פאָלגנדן אופן: צוויי בייביידע זייטן פון טעקסט, איינער פון אויבן, איי־נער פון אונטן, און נאָך איינער אינמיט׳ן די פירושים גופא. אוי־סער וואָס די פירושים זיינען געווען פאַרשיידן איינער פון דעם אַנדערן אין אינהאַלט, איז נאָך איטליכער פון זיי געווען אין אַן אַנדער מין יידיש און געהאַט אַן אַנדער מין אָרטאָגראַפיע. און נאָך און נאָך אַזעלכע אַלטע יידישע ספרים, אַלע יקרי־המציאות, זיינען געלעגן דאָרטן אויפן טיש.

באָראָכאָוו האָט געזאָגט:

— אַ גרויסער בית־עלמין, ווי איר זעט, מיט אַ סך קברים און מצבות... פאַר מיר פולסירט אָבער אין יעדער שורה, אין עדער וואָרט, אַ שטאַרק יידיש לעבן, אפשר נאָך אַ אינטערעסאַנטערס פון דעם הייטיקן. און באַמערקט נאָר: אין די שרעקליכסטע עפּאָפּייעס פון זייער געשיכטע, בעת די פיכטערליכסטע עלילות־דם׳ן, בשעת גזרת ת״ח, האָבן יידן ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט די פען, און האָבן ניט אויפגעהערט צו שאַפן...

ריידנדיק האָט ער אַרויסגענומען פון פעקל ספרים און האָט מיר באַוויזן אַ יידישן מעשה־ביכל, אין וועלכן עס ווערט דער־ציילט וועגן אַ ליבע פון אַ פוילישן דוכּס צו אַ רב׳ס אַ טאָכטער, און האָט געזאָגט:

— פּרובט אַקאָרשט און רעכנט גוט אויס דעם „פּ״ק״
אונטער דער מחבר׳ס העברעאישע הקדמה, וועט איר זעען, אַז
דער דאָזיקער ראָמאַן, כביכול, איז געשריבן געוואָרן בשעת דער
דער יידישער שחיטה דורך די חיילות פון

III.

אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכן דער-
מאָנט, האָט זיך ביי עטליכע שריפטשטעלער דערוועקט דער גע-
דאַנק וועגן גריינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון העברע-
אישע און יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן.

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט, נאָך דעם, ווי ס׳האָט זיך
עשלאָסן דער קאָנגרעס, איז וועגן דעם דאָזיקן ענין צונויפגערופן
געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג אין איינעם פון די ווינער רעסטאָראַנען.
אין דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אונטער דעם פאָר-
זיץ פון ראובן בריינין, האָבן זיך באַטייליקט אַלע העב-
רעאישע און יידישע זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער, אַ מאַן 40
בערך, — צווישן זיי די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון די ביידע
ליטעראַטורן. דער פאָרשלאָג וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן שריפט-
שטעלער-פאַרבאַנד איז תיכף אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוליב דעם
דאַמאָלסטיגן זעער שווערן רוסישן רעזשים, וועלכער האָט געמאַכט
פאַר אוממעגליך יעדע פאַרבינדונג מיט אויסלענדישע מיטגלידער.
אָפּגעשטעלט האָט מען זיך דעריבער נאָר אויף אַ פאַרבאַנד פון
די העברעאישע און יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, וואָס
וואוינען אין רוסלאַנד. די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען לטובת
אַזאַ פאַרבאַנד. ס׳מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין יענער צייט,
אינ׳ם יאָר 1913, זיינען די קעגנזייטיגע באַציאונגען צווישן די
העברעאישע מיט די יידישע שריפטשטעלער ניט געווען אַזוי אָנ-
געשטריינגט און אַזוי אָנגעצויגן ווי היינט. אַזוינע איצטיגע עקסטע
יידישיסטן ווי, למשל, ליטוואַק, רובשטיין און אַנדערע,
זיינען אין יענער ווינער פאַרזאַמלונג געשטאַנען דורכאויס פאַר
דער פאַראייניגונג, צוליב קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע צוועקן,
מיט די העברעאיסטן. שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג
זיינען נאָר צוויי: ד״ר יוסף קלויזנער און ד״ר יעקב כהן.

באַזונדערס האָט דער לעצטער גערעדט מיט גרויס דערביטערונג קעגן דעם פּלאַן, וועלנדיק דערווייזן, אַז שוין אין ד ע ם מאָמענט שטייען צווישן די העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער איי־זערנע ווענט פון אידייען און שטרעבונגען, וועלכע קענען זיי בשום אופן ניט דערלאָזן צו פאַרבינדן זיך אין א י י ן פאַראיין. די דאָזיקע רעדע האָט געהאַט אַ ווירקונג אין ד ע ם זין, וואָס זי האָט אַריינגעטראָגן אַ דיסאָנאַנס אין דער אַלגעמיינער שטימונג. זיי מיינונגען האָבן זיך געשפּאָלטן, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן זעער שטורמישע ויכּוחים, בייביידע צדדים האָבן זיך צוהיצט די געמיטער, און ס׳האָט גענומען שמעקן מיט פּולווער און מיט אויפרייסונג־מאַטעריאַל...

דאָ האָט באָראָכאָוו פאַרלאַנגט און תּיכּף באַקומען דאָס וואָרט. בלאַס ווי אַ טוך און מיט אַ נערוויי׳אישער שטים האָט ער געבעטן דעם עולם זיך צו באַרוהיקן. נאָכדעם האָט ער געהאַלטן אַ קורצע רעדע, וואָס איר אינהאַלט איז פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש ביז אויפן היינטיקן טאָג, און כּמעט ווערטליך.

— אין דעם מאָמענט — האָט באָראָכאָוו אָנגעהויבן — ווען מיר קומען בויען אַ נאַציאָנאַלן בנין, מוז מען, קודם־כּל, אָנ־ווענדן אַלע קרעפטן אָפּצוהיטן דעם גלייכגעוויכט פון געמיט. ס׳איז קיין קונץ ניט צו זאָגן: „ניין״! מ׳מוז זיך פריהער גוט אַריינ־טראַכטן אין דער פאַראַנטוואָרטליכקייט, מיט וועלכער דער דאָזי־קער „ניין״ איז פאַרבונדן. מיר אַלע זיינען אַ קליינע, אָרעמע משפּחה, וואָס אַרבעט גייסטיג פאַר אַ קליינעם, אָרעמען פאָלק. מיר גייען, אמת, אין פאַרשיידענע וועגן, אָבער אַלע פירן זיי צו א י י ן תּכלית: צו דער טובה פון אונזער פאָלק ישראל. ווי איז דעם פאָלק, וואָס זיינע גייסטיגע אַרבעטער זיינען אויסגעגאָסן מור אחד און פאַרגליווערט אין א י י ן שטיק. נאָר די פאַרבן מאַכן דאָס בילד. אין וואָס, מיינט איר, וועט זיין אין ארץ־ישראל? וועלן מיר דאַרפן ניט האָבן קיין פּרושים און קיין צדוקים? טאָ־מער וועלן מיר זיי ניט האָבן, וועלן מיר זיי מוזן באַשאַפן! צום רייסט ניט אונזער קליינע שרייבער־פאַמיליע! צורייסט ניט ז י ך אַ ל י י ן! כּמעט אַלע שרייבט איר דאָך און שאַפט דאָך אי אין

העברעאיש אי אין יידיש. זייט ניט ווי יענע אומבאַרמהאַרציקע פרוי אין שלמה המלכ׳ס משפט, וואָס האָט געשריען: „גזורו! איך באַטראַכט יידיש און העברעאיש ווי דעם באַוואוסטן „סיאַמער צווילינג״; מ׳קען ניט אַראָפּהאַקן איינעם דעם קאָפּ, און דער אַנדערער זאָל בלייבן לעבן. העברעאיש און יידיש זיינען ווי אַ גוף און אַ נשמה; פאָדערט פון מיר ניט אין דער מינוט, איך זאָל אייך זאָגן, ווער פון זיי ביידן איז דער גוף, און ווער די נשמה. דאָס האָט יעדערער פון אונז די ברירה צו האַלטן ווי ער געפינט און ווי ביי אים קומט אויס. איינס אָבער דאַרפט איר געדענקען: פאַרבונדן מוזן זיי ביידע זיין, און דער פאָרגעשלאָגענער שריפטשטעלער־פאַרבאַנד קען דערצו דינען אַלס פעסטער און צוועקמעסיקער מיטל.

באָראָכאָווס ווערטער זיינען אָבער געבליבן אַ קול קורא במדבר. דער פּראָיעקט וועגן פאַרבאַנד איז דורכגעפאַלן, און דער עולם זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען כמעט ווי ברוגזלאַך.

דערצו וועל איך דאָ נאָך מאַכן אַ קליינע באַמערקונג, וועלכע דאַרף, לויט מיין מיינונג, פאַרצייכנט ווערן לזכרון. עפּעס אַזוי ווי די מיטאַרבעטער פון די פאַרשיידענע העברעאישע און יידישע צייטונגען, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער פאַרזאַמלונג, וואָלטן זיך אַלע וועגן דעם פריהער צונויפגערעדט, איז דער ענין לגמרי פאַרשוויגן געוואָרן אין אונזער גאַנצער פּרעסע. מ׳האָט זיך פּשוט, ווי עס ווייזט אויס, געשעמט ווי פאַר זיך אַליין. נאָר איין ליטוואַק, דער דאַמאָלסדיגער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד״, האָט דאָס יאָ דערמאָנט אין זיינעם אַ באַריכט. אָבער אויך ער, ליטוואַק, איז געווען מער ניט ווי אַ „מגלה טפח ומכסה טפחים״. און אַזוי אַרום איז דער טרויעריקער אינצידענט פאַרבליבן אומבאַקאַנט דעם ברייטן יידישן עולם ביז אויפן היינטיקן טאָג.

IV.

בשעת מיר זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן, איז שוין געווען קרוב צו האַלבע נאַכט. אויפן גאַס האָט געשפּריצט אַ קליינער רעגעלע. געגאַנגען זיינען מיר זאַלבעדריט: באָראָכאָוו, בן־

ציון כּץ דער רעדאַקטאָר פון „ה ז מ ן", און איך. גייענדיק האָט פון אונז קיינער ניט גערעדט. איטליכער פון אונז האָט זיך נאָך געפונען אונטער דעם שווערן איינדרוק, וואָס מיר האָבן אַרויס־געטראָגן פון דער זשורנאַליסטנ־פאַרזאַמלונג. פאַרקערנדיק זיך אין דער טאַבאַר־שטראַסע האָט אונס באַראָכאָוו פאָרגעלייגט, מיר זאָלן אַריינגיין „פאַרטרינקען די צרות" — אַזוי האָט ער זיך אויס־געדריקט — אין „קאַפע־נאַציאָנאַל". דאָרטן האָבן מיר געפונען זיצנדיק פאַרטיפט אין אַ רוסיש בלאַט דעם האַלב־פאַראַליזירטן פּאָליטישן עמיגראַנט, מ. ב. ר אַ ט נ ע ר. מיר האָבן זיך לעבן אים געזעצט.

אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט זיך ראַט־נער צו אונז אָפּגערופן:

— אויב איר זייט נאָר בעלנים, וועלאיך אייך דאָ באַווייזן אַ טישל, וואָס האָט באַזונדערס פאַר יידישע סאָציאַליסטן אַ היסטאָרישן ווערט.

ריידנדיק האָט ער אונז צוגעפירט צו אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל, און האָט געזאָגט:

— ווי ווינער תּושבים דערציילן, פלעגט דאָ ביי דעם טישל שפּילן אַלע אָוונט אַ פּאַרטיע שאָך דער פאָטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דער רעדאַקטאָר פון „ה א מ ת" — א ה ר ן ש מ ו א ל ל י ב ע ר מ אַ ן, אָדער ווי ער האָט זיך דאַמאָלסט גערופן: אַרטור פריימאַן.

גראָד פאַר מיר פערזענליך איז שוין דאָס לאַנג קיין בייס ניט געווען, און כ'האָב באַמערקט:

— און א י ך קען אייך אויף דעם נאָך עפּעס מוסיף זיין, און אַלס ע ד־ר א י ה: אַ געוויסע צייט איז דאָ ליבערמאַנס שאָך פּאַרטנער געווען דער רעדאַקטאָר פון „ה ש ח ר" פ ר ץ ס מ אָ־ל ע נ ס ק י ן.

אַ פּאָר מינוטן זיינען מיר געבליבן שטיין פאַרן „היסטאָ־רישן" טישל, און מיר האָבן זיך צושיידט.

ש. אנ-סקי

(דער לעצטער פון די דריי).

דריי אַזעלכע האָבן מיר געהאַט:

פּרץ, דינעזאָן און אַנ־סקי.

און דער גורל האָט די דריי צוזאַמענגעפירט: צוערשט פּרצ׳ן מיט דינעזאָנען. אַנ־סקי איז צוגעקומען דער לעצטער.

און אָקאָרשט־וואָס זיי האָבן זיך דערקאָנט, זייגען זיי שוין, אָט די מינוט, ווי לייבליכע ברידער צווישן זיך געוואָרן. נאָך מער: ווי איין גוף און איין נשמה.

דאָס ווייס איטליכער, וואָס איז נאָר איין מאָל אין זייער מחיצה געשטאַנען.

פרעגט זיך: וואָס אַזוינס האָט דאָס געקאָנט צונויפקניפּן אַזוי ענג פּרצן דעם פּוילישן מיט דינעזאָנען דעם ליטווישן יידן, און זיי ביידן מיט אַנ־סקין דעם רייסישן יידן?

זיי האָט צוזאַמענגעבונדן אַ גאַנצער קנויל פון שותּפותדיקע אינדיווידועלע כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע האָבן געצויגן זייער יניקה פון איין קוואַל.

דעם קוואַל וואָלט איך אָנגערופן: פאָלקסטום.

פאָלקסטום הייסט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אין משך פון יאָר־טויזנטער אַיינגעזאַפּט און אייגעזויגן אין דעם פאָלקס מאַרך און בלוט; דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און דאָס איידעלסטע, וואָס האָט זיך אונטער פאַרשיידענע השפּעות און רעפלעקסיעס איינ־געשפּונען און איינגעוועבט אין דער פאָלקס נשמה: דער ברענפּונקט,

וואו עס ווערט קאָנצענטרירט אַלץ, וואָס עס באַשיינט און באַשטראַלט דאָס פאָלק מיטן אייביגן ליכט.

אַלע זיינען מיר פאָלקס-קינדער, אָבער פאָלקסטימליך זיינען נאָר געציילטע, יחידי-סגולה. דערצו דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער חוש; דאָס דאַרף מען קענען פילן.

פאָלקסטימליך זיין, הייסט — אויפצוכאַפּן אין יעדער צייט דעם פולס-צושטאַנד פון פאָלק און צו האָבן אַ געהער פאַר זיין קלענסטן אָטעם-צוג.

דאָס איז אַ מתנת-אלהים, מיט וועלכער עס זיינען באַשאָנקען נאָר אייניגע אויסדערוויילטע.

און אַזוינע אויסדערוויילטע האָבן מיר אין לעצטן דור געהאַט כמעט ווי נאָר די דריי, וועלכע איך האָב אויבן דערמאָנט. פון זיי איז אַן-ספק געווען דער לעצטער.

I.

א יי ן וועג האָבן די דריי אין דער יוגנט דורכגעמאַכט, דיזעלביקע עטאַפּן, מיט דיזעלביקע עוואָליוציעס. דערנאָך זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען; יעדערער איז זיך אַוועק אויף אַן אַנדער שליאַך. דאָס לעבן האָט זיי צעוואָרפן, דעם אַהער און דעם אַהין, און דאָס לעבן האָט זיי צוזאַמענגעפירט ווען מיטן גלייכן טראַקט און ווען זיגזאַגענהאַפט, אויפן באָדן פון דער יידישער פאָלקסטימליכקייט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך אַלע דריי פונאַנדערגעוואַקסן און פונאַנדערגעבליט.

קינדווייז האָבן זיי, די דריי, אין חדרים געלערנט. די קלייניקע פיינפילנדיקע נפש'לאַך זיינען אַזש באַצויבערט געוואָרן פון די ליכטיקע ביבלישע געשטאַלטן און טיף גערירט פון די הויכע נביאישע אידעאַלן: ליבע, רחמנות, פּראָטעסט קעגן יעטווידער אומרעכט. און איינגעפעדימט האָט זיך דאָס אין די פאַרבאָרגנסטע פעלבעלאַך פון זייערע יונגינקע נשמות. דערנאָך האָבן זיי אין ישיבות פאַרבראַכט אייניגער מער, דער אַנדערער ווייניקער, זיך באַקאָנט געמאַכט מיט די ערשטע שפּראָצונגען

פון יידישן פאָלקלאָר, שפּעטער אַ ביסל אויפגעפּענט די אויגן, אַריינגעקוקט פריי אין גאָטס־וועלט אַריין און „משכּילים״ געוואָרן, משכּילים געיאָגטע, גערודפטע...

געיאָגטע, גערודפטע, און ניט אַנטלאָפן, נאָר אַוועק זיינען זיי, אין הסכּם צו דעם דאַמאָלסדיגן גוראיש־אינטעליגענטישן מנהג, „אין פאָלק אַריין״, אָבער אין י י ד י ש ן פאָלק.

די ערשטע צוויי האָבן דאָס געטאָן גלייך, און דער דריטער ערשט נאָך אינווייניקסטע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן.

אַראָפּ פון דער השכּלה־באַנק, איז פּרץ תּיכּף געקומען צום פאָלק. ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעצונדן אין פּרצן דער ערשטער דיכטערישער פונק, האָבן זיך שוין באַלד די וויברירנדיקע, אומזיכערע קלאַנגען פון זיין לירע, אָפּגערופן אויף דעם טראַגיזם פון דעם יידישן לעבן. ניט מיט דער זון און ניט מיט דער לבנה, ניט מיט דעם פרילינג און ניט מיט דעם זומער — די איינציגע טעמעס פון אַלע יידישע משוררים אין זיין צייט — האָט זיך פּרצ׳ס יונגע מוזע פאַראינטערעסירט, נאָר מיט דעם געדריקטן מצב פון יידישן המון. נאָך אַ לאַנגע צייט, איידער פּרץ האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן, האָבן זיך אַרומגעטראָגן צווישן די זאַמאָשצער אייגוואַוינער אין כּתב־יד זיינע יידישע שירים, אין וועלכע ער באַדויערט דאָס וויסטע לעבן פון דער יידישער מאַסע. אין אַלע זאַמאָשצער הייזער האָט מען געזונגען, למשל, פּרצעס אַ סאַטירישן פּראָטעסט־שיר קעגן די שטאָטישע קצבים, וואָס דערלאָזן ניט דורכן יקרות דעם אָרימאַן צו פאַרזוכן אַ שטיקל פלייש:

אָרימע לייט שטאַרבן פאַר הונגער
רייסן און בייסן, נאָגן די פינגער.
פּערציק גראָשן פלייש אַ פונט
און דאָס פלייש — אוי אַ קלאָג!

דאָס פאָלק איז געוואָרן דער איינציקער אָביעקט פון פּרצעס דענקען און טראַכטן. פאַרטיפט האָט ער זיך אין זיין מהות פון היינט און פון פאַרצייטן, אָפּגעגעלעגט האָט ער זיך אים גרינדליך צו ערפאָרשן און צו פאַרשטיין. און כּמעט בהיסח הדעת, גאָר אומגע=

ריכט האָט פּרץ אַ וויכטיקע אַנטדעקונג געמאַכט : ער האָט דערזען, אַז דאָס פאלק פאַרמאָגט ניט בלויז יידישקייט, נאָר אויך מענשליכקייט. פּרץ איז דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אין דעם יידן דעם מענש אַנטפּלעקט און ניט דעם וואָכעדיקן, נאָר דעם שבתדיקן מענשן מיט דער נשמה יתרה... אונטער דעם דאָזיקן שטויב=שיכט פון דער יידישער אַלטעגליכקייט, האָט פּרץ אַרויסגעפונען דעם גרויסן יידן=מענש מיט די העכסטע באַגריפן פון מאָראַל, פון עטיק, פון חובת=הלבבות, פון מסירת=נפשדיקער איבערגעבענהייט צו אידעאַלן. און פּרץ האָט ליב געקראָגן דעם דאָזיקן יידן, און זיין ליבע האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן ווי אַ ברייטער שטראָם איבער זיינע קינסטלערישע פּאָעטישע שאַפונגען און האָט דערלאַנגט צו איר העכסטן אַפּאָגיי באַזונדערס אין זיינע פאָלקסטימליכע געשיכטן.

טייער און הויכגעשעצט האָט פּרץ געהאַלטן דאָס פאָלק און געליטן האָט ער פאַר אים און געוויינאָקט, און מיט אַ שטורמישן אימפּעט האָט זיך אַרויסגעריסן דער וויי־טאָק פון זיין ברוסט בעת די וועלט=מלחמה האָט אָנגעהויבן צו ווערן קאַטאַסטראָפאַל פאַרן יידישן פאָלק. דאַמאָלסט האָט זיך זיין הייס=יידיש האַרץ ברייט פונאַנדערגעעפנט באַזונדערס פאַרן גורל פון דעם יידישן קינד, דעם קומעדיקן פאָנען=טרעגער פונ'ם יידישן פאָלק. און ניט אויסגעהאַלטן האָט דאָס האַרץ און געפּלאַצט האָט עס, סינטעזירנדיק מיט דער פעדער אין דער האַנט דאָס יונג יידיש קינד מיט דעם אויפבוי און אויפבליען פון אַ יונג שטאָלץ יידיש פאָלק, וועלכן ער האָט אַזוי געגאַרט צו זען.

און בשעת פּרץ איז געשטאָרבן, איז געווען דער ערשטער אַלגעמיינער איינדרוק:

— געשטאָרבן איז דער אַנטדעקער פון דעם יידן=מענשן!...

דינעזאָן דער משכיל איז אַוועק צווישן די קליינינקע עופהלאַך פון דער אָרימער געדריקטער יידישער מאַסע. אויף זיי האָט ער אויסגעגאָסן דעם גאַנצן גלוטיקן שטראָם פון זיין ליבע=פולער נשמה. אַן אומזיסטער לערער אין מאָהילעווער תלמוד=

תּורה איז ער געוואָרן, מיט אַ פולער ברייטער האַנט האָט ער פאַרשפּרייט ליכט און וואַרימטייט צווישן זיינע קינפּטיקע „יאָסעלאַך" און „הערשעלאַך". איינגעבאַקן אין האַרצן זיינען זיי אים געוואָרן, און צוגעטוליעט צו זיך האָט ער זיי געטראָגן און געטראָגן אין זיין זכּרון ביז ס'איז געקומען דער טאָג, וואָס ער האָט זיי קינסטלעריש איבערגעשאַפן און אַריינגענומען אין דער גאַלעריי פון זיינע פאַראייביגטע קינדערשע פאָלקס־טיפּן.

און בעת דינעזאָן איז אין דער ליטעראַטור אַריין, איז ער אַ פאָלקס־שרייבער געוואָרן. פון פאָלק אַרויס און פאַרן פאָלק געשריבן און געשאַפן, און בעת אַנדערע אין זיין צייט האָבן פאַרן פאָלק קיין גוט וואָרט ניט געפונען, בעת אַבראַמאָוויטש (דער שפּעטערדיקער מענדעלע) האָט זיך שטאַרק געבייזערט און זיך גאַנץ אָפט געכאַפּט זידלען און לינעצקי האָט קאַטאָוועס געטריבן און ליצנות געמאַכט, — האָט דינעזאָנס פּען געשטרוימט לויטער ליבע, באַרימהאַרציקקייט און איבערגעבנקייט צום פאָלק. גאַנץ אָפט האָט ער אויך געפּרובט מוסרן, שטראָפן, אָבער תּמיד פאָטערליך גלעטנדיק... איינגעבויגן דעם קאָפּ מיט גרויס יראת־הכּבוד איז דינעזאָן געשטאַנען פאַר דעם גרייז־גראָען מאַרטירער־פאָלק, אַראָפּגעלאָזן האָט ער זיך אויפן גרונט פון יידישן פאָלקסטום און אַרויסגעשעפּט פון דאָרט און אַנטפּלעקט אין קינסטלעריש־דיכטערישע בילדער גאַנצע אוצרות פון עטישע פּערל־ווערטן — די פרוכט פון דורות לאַנגע פאָלקישע גייסט־שאַפונגען, און יעדעס בילד באַהויכט מיט גרויס ליבשאַפט און באַוואונדערונג.

און אַז דינעזאָן האָט זיין ליטעראַרישן וועג פאַרענדיקט, האָט אים ווידער געצויגן צו זיינע עופּהלאַך, צו די עלענדע, אומגליקליכע פון גורל געיאָגטע קינדערלאַך. זיי האָט ער זיינע לעצטע, שוואַכע כּחות אָפּגעגעבן; אין זאָרג אום זייער שיקזאַל האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט.

און אַז דינעזאָן איז געשטאָרבן, איז געווען דער ערשטער אַלגעמיינער רושם:

— דער פאָלקס־פריינד איז נפטר געוואָרן!

דאָס פאָלק האָט דערפילט, ווער ס'איז אים אָפּגעשטאָרבן.

II.

אַנ=סקי איז אויך אַרויס פון דער משכיל'שער שול. פון די דריי איז ער דער מער געררודפטער. דערצו האָט גורם געווען דאָס באַזונדערס פינסטערע, פאַנאַטישע רייסן. לילנבלומס „חטאת= נעורים" האָט מען ביי אים געפונען, און דערפאַר האָט מען אים געוואָלט אין שטעטל יורד לחייו זיין.

אַנ=סקי איז אַוועק, אָבער ניט פאַרבייזט, און ניט מיט שנאה, נאָר מיט גרויס באַדויערן צו „די פאַרבלענדטע און פון דער אומוויסנקייט געפענטעטע ברידער".

און צום תכלית פון זיין לעבן האָט ער זיך געמאַכט צו עפענען די אויגן פון די דאָזיקע בלינדע.

אַנ=סקי איז אַ לערער געוואָרן, אַ פיאָנער פון בילדונג אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעלאָפן איבערן שטאָט און גראָשענע אוראָקן געגעבן, און ביז אַשטיק אין דער נאַכט איז זיין ביידע= שטיבל געוואָרן אַ מין קלייזל פון ישיבה=בחורים און קלויזניקעס און פרושים. אָבער ניט קיין תורה האָט מען דאָרט געלערנט, נאָר דעם רוסישן אַבעצע, קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק און מאַלי= נין=בורעניגס אַריפמעטיק.

און ניט נאָר סתם געלערנט האָט מען אין אַנ=סקיס קלייזל. מען האָט אויך שמועסן געפירט; מען האָט זיך מתווכח געווען איבער אַבסטראַקטע ענינים.

אין מיטלפונקט פון די דאָזיקע אַבסטראַקציעס איז נאָך אַלץ די „השכלה" געשטאַנען, אָבער ניט די אַמאָליגע, די פּוסטע, די אינהאַלטלויזע, די מליצה=השכלה, וואָס שוועבט אין די וואָלקנס און איז אָפּגעריסן פון דער ערד, נאָר די נוצליכע, אוטיליטאַרע.

אַנ=סקי פלעגט מסביר זיין פאַר זיין אודיטאָריע גאַנצע פּרקים פון ביכנערס „קראַפט און שטאָף", קאַפּיטלען פון פייער= באַכן וועגן פּאָליטישן ראַדיקאַליזם, וועגן רעליגיע, און פון שליי= דענען וועגן נאַטור=וויסנשאַפט.

און אין איינעם שיינעם אָוונט איז אַנ־סקי אַרויס מיט אַ פּלאַן:

— וואָס השכּלה, ווען השכּלה? ס׳איז קיין תּכלית ניט. מ׳דאַרף זיך לערנען אַ מלאכה.

און אַנ־סקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס מקיים געווען בפּועל ממש. ער האָט זיך גענומען לערנען שמידעריי.

ביז אַהער האָט אַנ־סקי ניט געקאָנט דאָס לעבן פונם יידישן בעל־מלאכה. איצטער האָט ער זיך מיט אים באַגעגנט. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. ער האָט דערפילט, אַז דער סדר־העולם איז עפּעס ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין: איינער טוט די אַרבעט און דער צווייטער עסט איר פּרוכט...

דעם טאָג אָפּגעווען אין קוזשנע און די נאַכט פאַרבראַכט אין זעלבסטבילדונג. איינגעשלונגען האָט אַנ־סקי די רוסישע ראַדיקאַלע ליטעראַטור פון די 60 און די מיטעלע 70 יאָרן. די פאָרשטייער פון יענער ליטעראַטור האָט ער געהאַלטן פאַר די אַפּאָסטאָלן פון די עכט יידיש־נביאישע אידעאַלן.

אַנ־סקי איז נאָך דאַן געשטאַנען אויפן יידישן באָדן.

און אַנ־סקי איז ווידער אַוועק און גענומען זיך צו זיין אַמאָליגער מיסיע: אַ לערער געוואָרן, ווידער אַ פּיאָנער פון בילדונג.

אָבער דעם מאָל שוין ניט ביי זיך, שוין ניט צווישן אייגענע, נאָר אין דער פרעמד... איבער די דערפער איז ער געגאַנגען לערנען מיט די קינדער פון די פּויערים.

האָט זיך אַנ־סקי, ווי ס׳האָבן געטאָן אַ סך אַנדערע אין זיין צייט, אָפּגעזאָגט פון יידן צוליב דעם פּויער?

ניין; מיט אַנ־סקין איז פאָרגעקומען עפּעס וואָס אַנדערש. דעם שטויס צום פּויער האָט אים געגעבן דווקא דאָס יידיש האַרץ, יענעס האַרץ, וואָס פאַרשמעלערט ניט און פאַרצוימט ניט זיינע געפילן פון פרעמדע, וואָס האָט געגוג אָרט פאַר ליבשאַפט צו דער גאַנצער מענשהייט. די ליבע צו אַ מענשן אַלס מענש איז

געווען איינער פון אַנ-סקיס ספּעציפישע כאַראַקטער-שטריכן. דאָס וואָרט „פּיינדשאַפט” האָט אין אַנ-סקיס ווערטער-בוך לגמרי געפעלט. איז יענער אַ מענש — דאַרף מען אים ליב האָבן און מען מוז אים ליב האָבן. הייַנט ווער רעדט שוין, אַז יענער איז נאָך דערצו אַ געדריקטער — אַזעלכן דאַרף מען געוויס אַוועקגעבן דאָס לעבן מיט דער נשמה...

ניט איינמאָל אין זיין לעבן האָט אַנ-סקי פּאַר דעם דאָזיקן אויספּיר גאַנץ טייער באַצאָלט — באַצאָלט מיט די טייערסטע אַנטוישונגען. ער איז זיך אָבער געגאַנגען זיין וועג און געבליבן ביי דאָס זייניגע.

האָט דער אוריאַדיק אַרויסגעשיקט אַנ-סקין פון ערגעץ אַ שאַכטע אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע צוליב זיין יידישער אָפּשטאַמונג, איז נעבאַך אַ רחמנות אויפן פויער דעם אוריאַדניק, וואָס ווערט דעמאָראַליזירט אונטער אַזאַ דעספּאָטישן רעזשים...

רוסלאַנד ווערט פאַר אַנ-סקין צו איינג. ער לאָזט זיך אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין. ער קומט קיין פּאַריז און ווערט דאָרט אַ פאַבריק-אַרבעטער.

ער באַקאַנט זיך מיטן לעבן פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן, ווערט אַ שטענדיקער באַזוכער פון זייערע דיסקוסיעס, און הויבט זיך באַלד אַליין אָן אין זיי צו באַטייליגן. פון אָנהייב פעלט אים דער דרייסט; דערנאָך ווערט ער פון די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע דיסקוסאַנטן.

אַנ-סקי ווערט באַפריינדעט מיט די אָנפירנדיקע פּערזענליכקייטן פון דער סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; ער באַקומט שטאַרק התפעלות פון זייער שטורמישן קאַמפס-גייסט פאַר די גרעסטע מענשליכע אידעאַלן, פאַר פרייהייט, ברידערליכקייט.

מיט דעם גאַנצן גלות פון זיין יונגער נשמה וואַרפט זיך אַנ-סקי אַריין אין דער באַוועגונג. זי ווערט ביי אים זיין סטיכיע. ער דינט איר מיטן מויל און מיט דער פּען.

אין די 80-טער יאָרן איז אַנ-סקי אַריין אין דער ליטעראַטור. זיין ערשטער דעביוט איז געווען אַן ערציילונג פונם

יידישן לעבן געדרוקט אין די ביכלעך פון „וואָסכאָד‟. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אַוועקגעלייגט זיין פעדער. איצטער האָט ער זי צוריק אין האַנט גענומען. ער האָט געשריבן אַרטיקלען אין געהיימע, אונטערערדישע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן.

דערצו וויל איך באַמערקן פאָלגענדעס:

מיט עטליכע יאָר שפּעטער האָט זיך אַנ-סקי צוריקגעקערט צו דער לעגאַלער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעשריבן עטליכע דאָרפס-געשיכטן,—בילדער פונם פויערשן לעבן.

בשעת מעשה האָט די קריטיק אָנגענומען, אַז אַנ-סקי זאָל האָבן געשריבן די דאָזיקע ערציילונגען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון דעם באַוואוסטן רוסישן נאַראָדניק גליעב אוספּענסקי.

מיר דאַכט, אַז די דאָזיקע מיינונג איז ניט אַזוי ריכטיק.

ס'איז גענוג אָנצוווייזן נאָר אויף דעם, אַז בעת גליעב אוספּענסקי שילדערט דאָס לעבן פון פויער, דעם זון פון לעבעדיקן רוסישן פאָלק, אין תחום פון די רוסישע עטנאָגראַפישע גרעניצן, אידענטיפיצירט אַנ-סקי זיין פויער מיט דער ליידענדיקער מענשהייט בכלל.

בעת אַנ-סקי מעלט דעם פויער, זעט ער פאַר זיך, קודם כל דעם מ ע נ ש ן, דעם געדריקטן, נידערגעשלאָגענעם האָרעפּאַשניק, וואָס גייסטיק פאַרטעמפּט וואַרט ער זיך אונטער מיט אַ פאַטאַליסטישער הכנעה זיין גורל, אומפּייאיק צום קלענסטן פּראָטעסטגעפיל. דאָס ספּעציעל פויערשע שטייט ביי אַנ-סקין אויפן לעצטן פּלאַן.

דעריבער האַלט איך, אַז ס'זיינען זיך שטאַרק טועה יענע, וואָס גלויבן צו זען אין די ווערק, וועלכע אַנ-סקי האָט געשריבן אויף ניט-יידישע טעמעס, השפּעות פון די רוסישע נאַראָדנישע שריפטשטעלער. דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף אַנ-סקין תמיד און אין אַלץ, איז געווען נאָר — זיין יידיש האַרץ. בכלל האָט אַנ-סקין דעם אימפּולס צו זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען אין די פאַרשיידענע תקופות פון זיין לעבן, געגעבן ניט דער מ ו ח, נאָר דאָס ה אַ ר ץ.

אַנ-סקיס אַרויסטרעטונגען אין דער סאָציאַליסטיש-רעוואָ-לוציאָנערער באַוועגונג האָבן אויף אים באַלד צוגעצויגן די אַל-געמיינע אויפמערקזאַמקייט. זיי זיינען דערגאַנגען אויך צו דעם אין זיין צייט זעער פּאָפּולער געוועזענעם סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן טעאָרעטיקער, דעם רעדאַקטאָר פון „וופּעריאָד" פּעטער לאַווראָוו, וועלכער האָט איינגעלאַדן אַנ-סקין צו זיך אַלס סעקרעטאַר קיין לאָנדאָן.

אַמאָל אין אַ געשפּרעך מיט אַנ-סקין האָב איך מיך צו אים אָפּגערופן:

— באַשערט געוועזן לאַוורעאָוון צו האָבן ביי זיך פּאַר סעק-רעטאַרן אַלץ יידן און ביידע הייסע נאַציאָנאַליסטן. פריער איז לאַווראָווס סעקרעטאַר געוועזן ליבערמאַן, דער שפּעטערדי-קער רעדאַקטאָר פונ׳ם העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת", און דערנאָך — איר.

אויף דעם האָט מיר דאַמאָלסט אַנ-סקי געענטפערט:

—איך זאָל אייך זאָגן, אַז כ׳בין דאַן געוועזן אַ יידישער נאַציאָנאַליסט,— דאָס קען איך ניט, הגם ס׳איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז פערבאָרגן פון זיך אַליין „הינטער דעם שוועל פונ׳ם באַוואוסטזיין", האָב איך עס קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זיין. דערפאַר אָבער בין איך דענסטמאָל אויך קיין קאָסמאָפּאָליט ניט געוועזן; כ׳בין געוועזן אַ מענש...

אין לאָנדאָן האָט אַנ-סקי פערקערט אין די סאָציאַליס-טיש-רעוואָלוציאָנערע קרייזן, אין וועלכע ער האָט איינגיכן פאַר-נומען אַ בכבודיקן אָרט. אין יענער צייט האָט ער זיך באַקאַנט מיטן פירשט קראָפּאָטקין, וואָס איז פאַרבליבן איינער פון די ווייניקע, וועלכן ער האָט אין זיין גאַנצן לעבן דערמאָנט ביי יעדער געלעגענהייט מיט דעם גרעסטן יראת-הכבוד.

פאַר יידן און פאַר ספּעציפיש יידישע צרות האָט נאָך אַנ-סקי דאַן ניט געהאַט קיין באַזונדער אינטערעס. אַלע ליידן, און דער ייד אויך בתוכם. אַז ס׳וועט אויפגיין די זון פון דער בייער וועלט פאַר אַלעמען, וועט שוין ממילא דעמאָלט ליכטיג ווערי אויך פאַר יידן.

אָבער ניט לאַנג איז אַנ-סקי פאַרבליבן ביי דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע. אין די ערשטע יאָרן פונ׳ם איצטיקן יאָרהונדערט האָט ער זיך פון איר לחלוטין אָפּגעזאָגט.

III

קיין דיינקער, קיין פילאָסאָף איז אַנ-סקי ניט געווען. צו-צוטרעטן צו אַן ענין מיטן אַנאַליטישן מעסער, ווי זיין יוגענט-חבר זשיטלאָווסקי, למשל, — דאָס איז ניט געלעגן אין זיין מהות. צו דעם איז ער געווען צו טעמפּעראַמענטפול, צו עקספּאַנסיוו. אין אַלץ האָט ער זיך געלאָזט דיקטירן נאָר פון זיין געפיל. דאָס געפיל איז געווען ביי אַנ-סקין דער שטענדיקער וועג-ווייזער, דער עמוד-האש אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געשאַפן. באַזיצנדיק אַ נאַטירליכן, אינסטינקטיוון געפיל פאַר דאָס אייביק-מענשליכע, פאַר אַלץ וואָס פאַרשענערט און פאַראיידלט און מאַכט דערהויבענער און גליקליכער דאָס לעבן, האָט ער אין יע-דער זאַך, אין אַ פּאַרטיי, אין אַ באַוועגונג, קודם כל אויסגעפונען די ליכטיגקייטן און די אַלמענשליכע מאָטיוון. דערמיט דאַרף דער-קלערט ווערן די, אין פלוג, גאַנץ אומנאַרמאַלע ערשיינונג מצד אַזאַ ליכטיקע פּערזענליכקייט ווי אַנ-סקי, וואָס אין איינער און דערזעלבער צייט האָט ער סימפּאַטיזירט מיט קעגנזייטיק זיך באַקעמפנדע שטרעמונגען און אידייען-ריכטונגען, און פריינדשאַפט-ליך זיך פאַרטראָגן צו זייערע פאָרשטייער.

צווישן יידישע סטודענטן-קרייזלאַך אין דער שווייץ האָט זיך אַנ-סקי צום ערשטן מאָל באַקאָנט מיט די סטודענטן פון „בונד". דאָס איז געווען בעת אין „בונד" האָט זיך נאָר-וואָס גענומען באַ-מערקן אַ נייגונג צום נאַציאָנאַליזם מיט דעם לאָזונג פון אַ קול-טורעלער אויטאָנאָמיע. אין געוויסע אינטעליגענטישע קרייזן איז מען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויפן „בונד" פאַר דער דאָזי-קער אָפּשפּאַלטונג פון דער אַלגעמיין-סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַר-טיי. אין אַנ-סקין האָט דאָס אַרויסגערופן פאַר אים אַליין אַ גאַנץ אומערוואַרטעטע מעטאַמאָרפאָזע.

ס'האָט אין אים אויפגעוועקט דעם געוועסט איינגעשלעפערטן ייִדן. יע; אַנ-סקי דער ע ס-ע ר איז ניט אַריבער צום „בונד“. צו באַשרענקט און צו ענג איז פאַר אים געווען זיין פּראָגראַם; אַריבער איז ער נאָר צום בונדס פּראָבלעמאַטישן ייִדן... פון דער פאַרחשכטער, אָפּגעלאָזענער און ביי זיך אַראָפּגעפאַלענער יידישער מאַסע אין מינסק און אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך פון תחום טיילן זיך אויס גרופּעס פון יידישע יונגעלייט, בחורים און מיידלאַך, אַרבעטער און אַרבעטאָרינס מיט שטאָלץ אויפגעהויבענע קעפּ און מיט אַ שטאַרקן, אייזערנעם ווילן צו קעמפן קעגן עקספּלאָאַטאַציע און פאַרשקלאַפונג און צו צובּרעכן די קייטן פון טיראַניי און דעספּאָטיזם. וועגן דער דאָזיקער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטנדיקער יוגענט הערט זיך אָן אַנ-סקי פאַרשיידענע מעשהלאַך, וועלכע רופן ביי אים אַרויס אַן אומגעהויער גרויסע באַגייסטערונג, און אונטער דעם איינדרוק פון דער דאָזיקער באַגייסטערונג זעצט ער זיך אַוועק און באַשאַפט אַ הימען פאַר די יונגע יידישע קעמפער, — „ד י ש ב ו ע ה“.

דאָס איז נאָך פאַר אַנ-סקין צו ווייניק. ער פילט, אַז אין דעם איז נאָך זיין התפעלות פאַרן „בונד“ ניט אויסגעשעפּט. ער וויל אויסדריקן זיין סימפּאַטיע צום „בונד“ דורכן קינסטלעריש-מאָלערישן וואָרט און שרייבט אָן אַ ערציילונג פון בונדיסטישן לעבן אונטערן נאָמען „אין שטראָם“. דאָס איז שוין געווען בעת ער האָט זיך נאָכן מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און האָט זיך מיטן „בונד“ דערקאָנט אויפן אָרט.

לייענט מען אָבער די דאָזיקע אַנ-סקיס ערציילונג, מאַכט זי אַ מערקווירדיקן רושם, איך וואָלט זאָגן: אַ צוויי-זייטיקן. פון איין זייט פילט זיך די זעלישע וואַרימקייט, מיט וועלכער דער מחבר באַציט זיך צו זיינע העלדן, און פון דער אַנדערער זייט זעט זיך אַרויס גאַנץ בולט, אַז אַנ-סקיס פּענזל האָט זיך דעם מאָל ניט געהעריק פונאַנדערגעקליבן אין די פאַרבן, אַז די בילדער זיינען ביי אים אַרויס צו בלאַס און ניט ריכטיג און לעבנסטריי ניט בלויז פּסיכאָלאָגיש-קינסטלעריש, נאָר אפילו פאָטאָגראַפיש, באופן, אַז דאָס ווערק איז אַרויס ניט ווי געהעריק דורכגעטראַכט

און, ווען ס'איז ערלויבט אויסצודריקן זיך באַנאַל, ניט „אויסגע־טראָגן", און אַזוי אַרום געווינט זיך דער איינדרוק, אַז „אין שטראָם" איז די אומגעלונגענסטע זאַך, וואָס אַנ—סקי האָט ווען ס'איז ליטעראַריש געשאַפן.

צווישן די אויבנדערמאָנטע יידישע סטודענטן־קרייזלעך אין דער שווייץ זיינען געווען אַזעלכע, אין וועלכע מ'האָט שטאַרק דיסקוסירט וועגן ציוניזם. די יידישע עס־ערן האָבן די דאָזיקע קרייזלאַך אויסגעמיטן; ביי זיי איז דער ציוניזם געשטאַנען נידע־ריקער פון יעדער דיסקוסיע. אַנ־סקי איז אין דעם פרט געווען אַ יוצא מן הכלל. ער האָט זיך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג שטאַרק פאַראינטערעסירט און האָט געוואָלט דעם ציוניזם גרינד־ליך דערלערנען. אָפּהאַלטנדיק זיך די ערשטע צייט אַליין פון אָנטייל צו נעמען אין די וויכוחים וועגן ציוניזם, איז ער געווען בייגעריק צו זען און צו הערן, ווי אַנדערע קלייבן זיך אין אים פונאַנדער. דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון די דאָזיקע וויכוחים איז פאַר אים אַליין געווען אַן אומבאַשטימטער, אַ געפלהאַפטער. פון איין זייט האָט אים אימפּאָנירט דער גרונד־געדאַנק פון ציוניזם, וואָס באַזירט אויפן פרייהייטס־דראַנג פון אַ פאַרקנעכטעטן פאָלק, און פון דער אַנדער זייט, האָט ער עס באַטראַכט ווי עפּעס אַ קאַפּיטאַליסטיש־בורזשואַזש־קלעריקאַלן אויפטו, וועלכן זיין פּראָלעטאַרישער גייסט האָט אָרגאַניש ניט גע־קאָנט פאַרטראָגן. דאָס האָט אים באַוואויגן עטליכע מאָל אַרויסצו־טרעטן שאַרף קעגן ציוניזם. מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט איז אַנ־סקי אַמאָל אַרויס קעגן הערצלען פאַר זיין באַזוך ביי פּלעווען. די גאַנצע קאָנצעפּציע פון יידישן נאַציאָנאַלן אויפלעבונגס־געדאַנק איז אַנ־סקין לויט זיינע דאַמאָלסדיקע השגות געבליבן פרעמד. דאָס האָט ער ערשט אָנגעהויבן תופס צו זיין נאָך דעם אינעוויי־ניקסטן איבערבראָך, וואָס איז אין אים פאַרגעקומען אין אַ קורצער צייט אַרום.

און ס'איז אָנגעשטאַנען דער מאָמענט, ווען אַנ־סקי האָט מיט דערזעלביקער פייעריקער באַגייסטערונג, וואָס ער האָט אַמאָל אָנגעשריבן דעם הימען פאַרן „בונד", אָנגעשריבן אַ פלאַמענדיקן

הימען פאַרן ציוניזם, פאַר דער ווידעראויפלעבונג פונם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

דאָס איז געווען נאָכן באַוואוסטן באַשלוס פון סאַן־רעמאָ.

אונטער דעם ערשטן איינדרוק פון דער בשורה וועגן דער דאָזיקער העכסט באַדייטנדיקער פּאָליטישער אַקציע, האָט דער מחבר פון דער „שבועה" באַלד די פעדער גענומען און אין הויך באַגייסטערטע ווערטער די יידישע גאולה באַזונגען.

איך דערמאָן מיך דעם פאָלגענדן פאַקט:

דאָס איז געווען אינמיטן יאַנואַר 1919. אָנהויב אָוונט בין איך געקומען באַזוכן אַנ־סקין. כ'האָב אים דאַן געפונען ליגנדיק אין דער פינסטער אויפן בעט. כ'האָב געוואָלט אַ דריי טאָן דעם עלעקטרישן קנעפּל, האָט ער ניט געלאָזן זאָגנדיק: מ'דאַרף ניט, אָט זעצט אייך אָט דאָ לעבן מיר.

אַז כ'האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופן:

— אָט דאָ ניט לאַנג בין איך ערשט אַ פאַרמאַטערטער אַהיים געקומען; כ'האָב אָנטייל גענומען אין דער לויה פון די קאָמוניסטישע הרוגים און האָב אויפן קאַפעדראַל־פּלאַץ מספּיד געווען שימעלעוויצן.

שימעלעוויץ איז געווען, כידוע, איינער פון די פייערדיק־סטע קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרן און דער סעקרעטאַר פונם ווילנער אַרבעטער־ראַט.

— אָט אַזוי ראַט מען דאָס אויס — האָט אַנ־סקי פאַר־געזעצט זיין געשפּרעך מיט מיר — אונזער שענסטע אידעאַליסטישע יוגנט. וועמען האָט דער יונגער קעמפער שלעכטס געטאָן? וועמען האָט ער אויף גאָטס וועלט ענג געמאַכט? פאַרוואָס קומט דאָס אים אַזאַ טראַגישער סוף?

און בעת אַנ־סקי האָט אַזוי גערעדט, האָב איך געפילט, אַז זיין קול ציטערט אַ ביסל אונטער.

נאָכדעם ווי אַנ־סקי האָט פאַרענדיגט, האָב איך אַזאָג געטאָן:

— מיר, ציוניסטן, האָבן אויך געהאַט די טעג זעער אַ גרויסע אבדה.

— וואָס איז ?

— ס׳איז געשטאָרבן דער באַוואוסטער ציוניסטיש-נאַציאָ-נאַליסטישער עסקן, אינזשענער ס י ר ק י ן אין קיעוו.

— וואָס איך הער! סירקין איז געשטאָרבן?—האָט אַנ-סקי שטאַרק אויפגערעגט אויסגערופן, אַראָפּכאַפּנדיק זיך פון בעט— סירקין, דער גרויסער האַרציקער ייד; מיין גוטער פריינד! מיין ברודער!

אַנ-סקי האָט אָנגעצונדן פייער. דאַן האָב איך ערשט דערזען, אַז זיינע אויגן זיינען פייכט פון טרערן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט אַנ-סקי אַליין געבראַכט אין דער רעדאַקציע פון די ציוניסטישע „לעצטע נייס" זעער אַהייסן און אַ באַהאַרצטן נעקראָלאָג אויף דעם פאַרשטאָרבענעם ציוניס-טישן עסקן אינזשענער סירקין.

ווער זיך געפינען כאָטש איינער, וואָס זאָל זיך וואַגן זאָגן, אַז אַנ-סקי איז געווען אַ בוגד אין זיין פאָן, אַז אַנ-סקי איז געווען אַן איבערלויפער פון לאַגער צו לאַגער?

ניט איינער!

טריי און ערגעבן איז אַנ-סקי כל ימיו געבליבן זיין כּוָן, וואָרום אָנגעשריבן איז געווען אויף זיין פאָן:

„כ ל י ש ר א ל ח ב ר י ם!"...

אָט דער לאָזונג איז אים פאַרבליבן הייליק און טייער ביז זיין לעצטער מינוט.

IV.

ווען, אייגנטליך, האָט זיך אָנגעהויבן ביי אַנ-סקין זיין אינעווייניקסטער איבערבראָך?—

קיין ריכטיק קאָנטראָלירטע דאַטן האָבן מיר אויף דעם ניט. זיינע ביזאַהעריקע ביאָגראַפן האָבן זיך קיינער אויף די עטאַפּן פון זיין אידעען-לעבן ניט אָפּגעשטעלט, אַנ-סקי אַליין, ווידער, האָט דאָס אויך קיינמאָל ניט געגעבן צו מערקן. קאָנסטאַטירן קענען מיר נאָר דעם א י י ן פאַקט, אַז אַנ-סקי האָט אָנגעהויבן

צו ווערן פּאָפּולער אין דער ברייטער יידישער עפנטליכקייט דינס ער האָט גענומען שרייבן יידיש.

איינציקע צופעליקע נעשפּרעכן, וועלכע איך האָב געהאַט מיט אַנ-סקין אינ'ם משך פון די עטליכע חדשים, וואָס ער האָט דאָס לעצטע מאָל פאַרבראַכט אין ווילנע, גיבן מיר די מעגליכקייט אַריינצוטראָגן אין דער פראַגע אַ ביסל ליכט.

אַנ-סקי האָט זיך פאַר מיר וויפיל מאָל אויסגערעדט, אַז אים ציט צו ווילנע, אַז ווילנע איז אים איינגעבאַקן טיף אין האַרצן, אַז ער וואָלט וועלן לעבן אין ווילנע און אויך שטאַרבן אין ווילנע.

האָב איך אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס, אייגנטליך, האָט דאָס אונזער ווילנע אַזוי גיך באַוויזן צוצובינדן אייך צו איר? איר וואוינט דאָך דאָ ערשט אַזאַ קורצע צייט. וואָס האָט איר דאָס אַזוינס אין ווילנע דערזען?

אויף דעם האָט מיר אַנ-סקי געענטפערט:

— אָט הערט, וועל איך אייך עפּעס דערציילן: בשעת מען האָט מיך געכשרט און דערלויבט צו קומען קיין רוסלאַנד, האָב איך מיר געלאָזן פאָרן גלייך אַהין, וואו קיין יידנס פוס טאָר זיך ניט באַווייזן: קיין פעטערבורג. איך האָב מיך דאַמאָלסט אונטער-וועגס אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג אין ווילנע. איך געדיינק שוין היינט ניט ווי אַזוי, צי אַליין צי מיט נאָך עמיצן, בין איך אַרויף אויפן שולהויף. איך בין אַריין, אָדער מ'האָט מיך אַריינגעפירט, אין גאונס קלויז. דאָס איז געווען אַ זומער-טאָג פאַרנאַכט „בין מנחה למעריב". האַרט ביים אַריינגאַנג זייגען אַרום אַ גרויסן טיש געזעסן אַ פּאָר מנינים יידן בעלי-בתים כמעט אַלע שוין באַיאָרנטע מענשן, וועלכע האָבן זיך איינגעהערט מיט אַ באַזונדער אויפמערק-זאַמקייט צו איינעם פון זיי אינדערמיטן, וואָס האָט פאָרגעטראָגן — איך האָב שוין היינט פאַרגעסן וואָס: צי איז דאָס געווען מדרש אָדער הגדה. איך געדיינק נאָר, אַז דער אינהאַלט פון דעם „שיעור" איז באַשטאַנען אין זעער פאַנטאַסטישע און פאַרבנרייכע לעגענ-דעס וועגן ד ע ר וועלט און י ע נ ע ר וועלט. אַ לאַנגע ווײַלע בין

איך געשטאַנען און האָב מיט גרויס אַנטציקונג באַטראַכט די לייכ=
טנדיגע פנימער פון די צוהערער, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגע=
שפּיגלט אַ מין „התפשטות הגשמיות" און אָפּגעשטראַלט אַ מין
הימלישער פאַרגעניגן, ממש ווי די מענשן וואָלטן בעת=מעשה פאַר=
געסן וואו זיי געפינען זיך און וואָלטן זיך געפילט באַפליגלט און
בחברותא מיט די מלאכים, שוועבנדיג מיט די לויבלידער אויף די
ליפּן צום כסא=הכבוד... אַנטקעגן אין מזרח=וואַנט האָט זיך אַ גאַנץ
שיינינקער יונגינקער בחורל פון אַ יאָר 17—16 געשאָקלט איבער
אַ גמרא און דערביי אונטערגעזונגען מיט אַזאַ מתיקות, אַז ס'האָט
מיך גענומען אַזש ביים האַרצן. אין יענער מינוט איז מיר מיט
אַמאָל אַרויפגעשוואומען אין מח אַ גאַנצער שטראָם פון קינדהייט=
און יוגנט=זכרונות. כ'האָב מיך דערמאָנט אָן אונזער שטאָטיגן
בית=מדרש, וואו איך האָב מיך אויך אַמאָל געשאָקלט מיט גרויס
חשק און התמדה איבער דער גמרא אָט ווי יענער בחורל, און
טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך געבענטשט מיט דעם קינפטיגן רב,
וואָס וועט פון מיר אַרויסקומען. כ'האָב מיך פאָרגעשטעלט אונזער
רב, ווי ער זיצט ביים „שיעור" און איז זיך מפלפל אין לערנען
מיט די שטאָט=לומדים, וועלכע שלינגען ממש איטליכס וואָרט,
וואָס גייט ביי אים אַרויס פון מויל, און אַיין זכרון האָט גע=
שלעפּט נאָך זיך דעם אַנדערן; כ'האָב זיך עראינערט אָן אונזערע
שבתים און יום=טובים, אָן דעם טאַטנס זמירות, אָן דער מאַמעס
שטערנטיכל... און אַ בענקעניש האָט זיך אין מיר דערוועקט, אַ
בענקעניש נאָך יענע קינדערשע תמימותדיג=זיסע יאָרן, וואָס זיי=
נען אַוועק אין רויך, און אַן אומעט האָס מיך אָנגענומען, אַ שטי=
לער אומעט, וועלכער האָט מיר ניט געדריקט, נאָר געגלעט... אַז
איך בין אַרויס אויפן גאַס, האָב איך אין מיר דערפילט דאָס באַ=
דערפעניש צו קריגן וועמען ס'איז דורכצוריידן זיך מיט אים וועגן
יידן און יידישקייט. גראָד האָב איך מיר אין יענער מינוט דער=
מאָנט, אַז דאָ דאַרף וואוינען ד"ר קאַנטאָר, וועלכן מ'האָט
יענעם זומער אויסגעקליבן אַלס ווילנער ראַבינער, און האָב מיר
געלאָזן גיין אויפזוכן אים. אַז איך בין אַרויף אויף זאַוואַלנע גאַס,
האָב איך דערזען ווי קאָזאַקן מיט נאַגייקעס אין די הענט יאָגן

אַראָפּ פון די טראַטואַרן יידישע קינדער; דאָס האָבן זיי פּונאַנ־ דערגעטריבן די בונדיסטישער בירזשע. אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך אַזאַ סצענע ניט דורכגעלאָזן שווייגנדיג: געוויס וואָלט איך, ווי מיין שטייגער, איז אויף קיין זאַך ניט געקוקט, אין וואָלט תיכף פּראָטעסטירט. דעם מאָל בין איך נאָר פאַרבייגעלאָפן אינגאַנצן אַריינגעטאָן בלויז אין דעם איין פאַרלאַנג אויפצוזוכן קאַנטאָרן און דורכצושמועסן זיך מיט אים. כ׳האָב מיר אָבער אויף קאַנטאָרן ניט געקענט דערוואַרטן, איך בין אַן אויפגערעגטער אַוועק אויף מיין קוואַרטיר. כ׳האָב יענע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעטאָן. ס׳האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין מח די שיינע, וואונדערליכע מעשיות וועגן דער וועלט און יענער וועלט, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט פאַרצייטיגע בילדער פון דערהיים. אויף מאָרגן פאַרטאָג בין איך אָפּגעפאָרן קיין פעטערבורג, אָבער שוין ניט דער זעלביגער. אין צענטער פון אַלע מיינע מחשבות האָט זיך אַוועקגעשטעלט די היים, און ווי איר זעט בין איך פאַרבליבן ביי דער היים...

—און פאַר דעם אַלץ—האָט אַנ־סקי פאַרענדיקט—האָב איך צו פאַרדאַנקען נאָר אייער ווילנע, און דעריבער איז זי מיר אַזוי נאָענט און טייער געוואָרן.

כ׳האָב מיך דאַן אָפּגערופן:

—און איך, און אפשר נאָך אויך אַנדערע צו מיר, האָבן תמיד גערעכנט, אַז אויף אייך האָבן געווירקט די יידישע שחיטות פון די פרייע טעג.

אויף דעם האָט מיר אַנ־סקי געענטפערט:

—האָט איר געלעבט אין טעות. די פּאָגראָמען האָבן אויף מיר יע געמאַכט אַ רושם, אָבער ניט אין דעם זין, וואָס איר האָט געמיינט. פאַרשיכורטע צאַריסטישע מיניסטאָרן האָבן אָגגערייצט אַ טאַבון וואלד־חיות אָנצופאַלן אויף אומשולדיגע מענשן און צו באָדן זיך אין זייער בלוט. טאָ וואָס דאַרף זיין דערפון דער פּועל־יוצא? דער פּועל־יוצא דערפון דאַרף זיין, אַז די מענשהייט מוז אָננעמען די געהעריגע מיטלען די דאָזיקע מיניסטאָרן מיט זייער גאַנצן רעזשים עוקר מן השרש צו זיין. וואָס פאַר אַ סמיכות־

הפרשה האָט דאָס אָבער ספּעציעל מיט יידן און מיט יידישקייט? אָט אַזוי איז דאַמאָלסט געווען מיין לאָגיק.

—אַז איך האַלט שוין דערביי—האָט אַנ=סקי פאָרגעזעצט זיין געשפּרעך—וועל איך אייך נאָך עפּעס דערציילן. נאָך יענע יידישע שחיטות איז אַ טייל פון דער דאַמאָלסדיקער יידישער פּרעסע אָנגעפאַלן מיט גרויס דערביטערונג אויף מ ע ד ע מ ע ן, וועלכער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט אויף אַ עפנטליכער פאַרזאַמלונג, אַז „דאָס יידישע בלוט איז בוימאייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע". אין פּריוואַטע שמועסן האָב איך דאַן מעדעמען גאַנץ הייס פאַרטיידיגט. איך האָב געפרעגט: מיט וואָס האָט מעדעם אַזוי „חוטא בעגל" געווען ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע יידיש בלוט וועט נאָך פיל שטאַרקער מאַכן די רוסישע רעוואָלוציע?

לויט מיין דאָזיקן געשפּרעך מיט אַנ=סקי'ן לאָזט זיך לייכט מערקן די צייט, אין וועלכער ס'האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון זיין אינעווייניקסטער איבערקערעניש.

דער ערשטער עטאַפּ אויף אַנ=סקיס צוריקקער „אַהיים" איז געווען, ווי עס ווייזט אויס, זיין אָנהויבן צו שרייבן י י ד י ש. אַ גרויסע ווירקונג זאָל, ווי מ'זאָגט, אויף אים האָבן געהאַט די ספערע פון „פריינד", אין וועלכן ס'האָט נאָך פריער פאַר אים געאַרבעט אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען זיין חבר זשיטלאָווסקי. דער יידישער לשון האָט אים צוריק אַריינגעצויגן אין יידישן לעבן.

פון דאַמאָלסט אָן איז אַנ=סקי געגאַנגען צו יידן און צו יידישקייט ממש מיט גיגאַנטישע טריט, ווי ער וואָלט עפּעס מיט א י י ן מאָל געוואָלט אָניאָגן דאָס, וואָס ער האָט ביז אַהער דורכגעלאָזן. אַלץ וואָס יידיש, און ניט בלויז פון ה י י נ ט, נאָר אויך פון אַ מ אָ ל, איז אים געוואָרן ליב און טייער. ס'האָט זיך אין אים דערוועקט דער ברענענדיקער ליאָזנער חסיד, וואָס זוכט תמיד תקון פאַר זיין זינדיקער נשמה... זינדיג האָט זיך אַנ=סקי געפילט, ניט יוצא פאַר זיין פאָלק, פאַר זיינע ברידער, און האָט זיך גענומען עס מתקן צו זיין דורך נאַציאָנאַלער טעטיגקייט אויף

די פאַרשיידנסטע געביטן. וואו נאָר אַ יידישער כלל־טוער, וואו נאָר אַ יידישע אונטערנעמונג פון גרויסן מאַסשטאַב, וואָס פאָדערט התלהבות, טיפע איבערגעבנקייט, מסירת־נפש — דאָרט האָט מען גע־קאָנט זען אַנ־סקין. וואו נאָר אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטליכער עסקן, אויף וועלכן געביט עס זאָל ניט זיין, איז אַנ־סקי באַלד זיין חבר געוואָרן, זיין מיטברודער. דער רעוואָלוציאָנערער קעמ־פער איז געוואָרן אַ הייסער קעמפער פאַר אַלץ, וואָס ס'איז יידיש איצט, און פאַר אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אויפבאַוואַרט פון יידיש און אויף יידיש אין די קולטורעלע אוצרות פון יידישן פאָלק. דאָס יידישע פאָלקסטום און זיינע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען האָט אַנ־סקין באַגייסטערט און די דאָזיקע באַגייסטערונג איז זיין לעבנס־אינהאַלט געוואָרן.

איך וועל פאַרענדיגן מיין אַרטיקל וועגן אַנ־סקין מיט אַ פאָר קליינע אָבער גאַנץ כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון מיינע ערינערונגען.

אַז כ'בין אַריין צו אַנ־סקין אָקאָרשט נאָר, וואָס ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען קיין ווילנע, האָט ער מיר געבעטן כ'זאָל אים רעקאָמענדירן אַ טיכטיגן לערער צו לערנען מיט אים העברעאיש.

דערביי האָט ער געזאָגט:

— אַביסל פאַרשטיי איך אין העברעאיש; איך וואָלט אָבער געוואָלט אויף אַזוי פיל פאַרפולקומען זיך אין דער שפּראַך, אַז איך זאָל אַליין זיין אימשטאַנד איבערצוזעצן מיינע ווערק אין העברעאיש

ריידנדיק, האָט אַנ־סקי אַרויסגענומען אַ גרויסן האַלבן בויגן פּאַפּיר און האָט מיר געוויזן זאָגנדיג דערביי:

— אָט זעט, קיין גאַנץ גרויסער עם־הארץ בין איך ניט.

דאָס, וואָס אַנ־סקי האָט מיר געוויזן, איז געווען אַן אָנ־הויב פון זיינער אַ רוסישער ערציילונג, וועלכע ער האָט אַליין געפּרובט איבערזעצן אין העברעאיש.

כ'האָב אַ קוק געטאָן און בין נשתומם געוואָרן: ס'כאַפּן זיך אַפילו דורך אָרטאָגראַפישע פעלער, אָבער די עצם אויסדריקן און

די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון די זאַצן זיינען עכט העברעאיש. איך זע, אַז אַנ-סקין פעלט גאָר ניט קיין סך צו קענען שרייבן העב-רעאיש און האָב·אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג, דאַרף ער גאָר קיין לערער ניט, גענוג וועט פאַר אים זיין בעענטער באַקאַנט צו ווערן מיט די העברעאישע קלאַסיקער.

דאָ האָט מיר אַנ-סקי פאָרגעלייענט מיט אַ באַזונדער התפעלות אַ גאַנצע פּאַניגיריק דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור.

— סטייטש, ניט וועלן לערנען קיין העברעאיש? סטייטש, ניט קענען אונזער שפּראַך? און וואָס נאָך פאַר אַ שפּראַך? אַ בלומען-שפּראַך! די שפּראַך פון אונזערע קולטורעלע אוצרות! און וואָס נאָך פאַר אַ ליטעראַטור? אַ סך ביאַליקס האָט איר ביי לייטן?

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

איז אַנ-סקי געווען אַ העברעאיסט?

— ניין!

איז אַנ-סקי געווען אַ יידישיסט?

— ניין!

אַנ-סקי איז געווען אַן אָנהייגער פון יעדער שפּראַך, אין וועלכער יידן האָבן באַרייכערט די יידישע קולטור.

בעת ס'האָט זיך געגרינדעט אונזער ערשטער ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-פאַראיין, איז אַנ-סקי געווען כמעט דער איינ-ציגער, וועלכער האָט פאָרגעלייט אַרייגצונעמען פאַר חברים אויך די, וואָס שרייבן אויף פרעמדע שפּראַכן, נאָר וועגן יידישע ענינים.

איז אַנ-סקי געווען אַ מענש פון הפכים? פון קעגנזאַצן? און אפשר גאָר פון קאַפּריזן?

— ניין!

אַנ-סקי איז געווען אַ הייסער, ברענענדיקער ייד, מיט אַ גרויס יידיש הארץ, וואָס האָט געשטרוימט פאַרערונג און ליבע צו אַלץ, וואָס עס פליסט אַרויס פון יידישן קוואַל.

און אַנ=סקיס יידיש האַרץ האָט זיך מאַגנעטיש געצויגן צו נאָך אַזעלכע הערצער. ווייניק האָט ער זיי אָבער געפונען. אין פּרצ׳ן האָט ער פון דערווייטנס דערפילט דעם ערשטן געקומען צו פּרצ׳ן קיין וואַרשע, האָט ער זיך דאָרטן באַגעגנט מיטן צווייטן.

זיינען די דריי חברים געוואָרן. האָבן די דריי באַשטראַלט מיט דעם ליכט פון זייערע נשמות די יידישע סביבה.

די דרייקייט האָט זיך אָבער ניט לאַנג געהאַלטן. דער טויט האָט פון איר אַוועקגערויבט איין רינגעלע, און דערנאָך דאָס צווייטע.

אַנ=סקי איז געווען דער לעצטער פון די דריי.

צו דער געשיכטע פון „דיבוק״.

נאָך די אַלע פאַרשיידענע מיינונגען, וואָס זיינען ביז אַהער אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן אַנ=סקי׳ס „דיבוק״, הן אין דער פּרעסע און הן אין ליטעראַרישע שמועסן, ווערט עס אַלגעמיין אָנערקענט אַלס קלאַסיש ווערק. דורכדעם באַקומט פאַר אונז אַ באַזונדער אינטערעס נישט בלויז די אַנטשטייאונגס=געשיכטע פון דער דאָזיקער דיכטערישער שאַפונג, נאָר אויך אַלע אַנדערע פּרטים, וואָס האָבן צו איר אַ וועלכע=עס איז שייכות. פון מיינע אָפטע געשפּרעכן מיט אַנ=סקי׳ן זיינען מיר פאַרבליבן אין זכּרון איי׳ניגע דאַטן, וואָס קענען אַריינטראָגן געוויסע באַלייכטונגען אין דער זאַך.

I.

אַמאָ האָב איך מיט אַנ=סקי׳ן פאַרפירט אַ שמועס וועגן שריפטשטעלער, וועלכע שרייבן זייערע זאַכן גאַנץ לייכט, און וועגן אַזוינע, ביי וועמען עס שרייבט זיך זעער שווער. דאַן האָט מיר אַנ=סקי געזאָגט כּהאי לישנא:

— איך האָב פון שטענדיק אָן געשריבן, און שרייב איצט אויך, אָן שום שוועריקקייטן. פון דעם, וואָס מען רופט ליטעראַרישע חבלי=לידה, האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט. איך האָב אָבער, באַזונדערס אין די ערשטע פאָר צענדליק יאָר פון מיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, געהאַט די טבע נישט אָפּצושיקן דעם

כתב=יד באַלד אין רעדאַקציע, נאָר אַריינלייגן אין אַ טיש=קעסטל, פון צייט צו צייט אַריינקוקן אין אים, יעדעס מאָל פון אים וואָס אויסמעקן אָדער אין אים וואָס מוסיף זיין. דער דאָזיקער פּראָצעס פלעגט זיך ביי מיר ציען ביז ס׳פלעגט ביי מיר געבוירן ווערן אין געדאַנק אַ נייע באַשעפעניש. ערשט דעמאָלט פלעג איך דעם מאַנוסקריפּט גאָר פון דאָס ניי איבערשרייבן און אַוועקלאָזן אים אין דער גרויסער וועלט אַריין.

אויף דעם האָב איך באַמערקט:

— נאָך אַ סך פריער פאַר אייך האָבן זיך שוין שריפטשטע=לער ביי אונז אַזוי נוהג געווען.

— ווער, למשל?

— מאַפּו האָט ביי זיך געהאַלטן זיין „אַהבת=ציון" צוויי און צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד ביז ער האָט ביי זיך געפועל׳ט צו פאַר=עפנטליכן אים אין דרוק.

— צוויי און צוואַנציק יאָר?! — האָט אַנ=סקי אויסגעש=רופן מיט גרויס התפעלות — ווי האָט דאָס אַ מענש אַזוי פיל גע=דולד? אַ וואונדער, וואָס ער איז ביי אים נאָכדעם אַרויסגעקומען אַזוי קינסטלעריש געשליפן. ממש ישעיה!

און באַלד האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ווען האָט איר געלייענט דעם „אהבת=ציון"?

— דאָס איז געווען ס׳ערשטע העברעאיש ביכל, וואָס איך האָב געלייענט.

— און אי ך, שטעלט אייך פאָר, האָב זיך שוין ייִנגלווייז געהאַט אָנגעלייענט מיט העברעאישע ביכלאַך ווי אַ פּויק, כ׳בין שוין געווען קלאָר אין גאָרדאָנ׳ען און אין סמאָלענסקינ׳ען און אין ליליענבלומ׳ען און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מין „אהבת=ציון". דערגאַנגען בין איך עס גאַנץ צופעליק.

דערביי האָט מיר אַנ=סקי איבערגעגעבן דעם פאָלגנדן כאַראַקטעריסטישן פאַקט:

— העברעאישע ביכער צו לייענען פלעגט מיר תמיד רעקאָ=

מענדירן מייגער אַ באַקאַנטער בחור, וועלכער האָט געלערנט אין בית־המדרש, וואו איך פלעג קומען טעגליך דאַוונען. האָט ער מיר נור אָנגעוויזן אויף אַ ספר, האָב איך מיך תיכף געסטאַרעט צו באַקומען אים און האָב אים דורכגעלייענט. אויפן „אהבת־ציון" האט ער, קענטיג, פאַרגעסן. איינמאָל, אין אַ געוויסן בין־מנחה־למעריב, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער בחור און האָט מיר דער־ציילט מיט אַ מין ווילדער באַגייסטערונג, אַז ס׳איז דאָ אין העב־רעאיש אַ ראָמאַן אין דריי טייל, ער הייסט „התועה בדרכי החיים" פון דעם גרויסן שרייבער סמאָלענסקין, און אַז דער דאָזיקער ראָ־מאַן איז עפּיס גאָר אַן׳אויסנאַם פון דער וועלט. מ׳קאָן אים אָבער אין שטאָט ניט באַקומען, ווייל ער קאָסט פיר רובל, און דערי־בער קויפן אים נור די גאַנץ גרויסע גבירים, און אַזעלכע גבירים זיינען ביי אונז ניטאָ. האָט אָבער געדאַרפט טרעפן, אַז קומענדיק נעכטן אויפן „טאָג" — דער בחור האָט געגעסן „טעג" — צום וואַלד־סוחר איקס, האָט ער צו זיין גרויס ערשטוינען מיט אַמאָל דער־זען, אַז דעם בעל־הבית׳ס יונגע שנור, וועלכע ער האָט נישט לאַנג אַראָפּגעבראַכט פון דענעבורג, זיצט ביים טיש און קוקט בשעת׳ן עסן אַריין אין אַ ספר, וועלכער איז ניט קיין אַנדערער, ווי נור סמאָלענסקינ׳ס „התועה". בכן דאַרף מען זיך מישב זיין ווי אַזוי באַקאַנט צו ווערן מיט דער דאָזיקער רנגיד׳ישער יונג ווייבל און באַ־קומען ביי איר דאָס בוך אויף אַ צוויי, דריי טעג. אים, דעם בחור, איז דאָס אונמעגליך מפני כמה טעמים, און דער עיקר, ווייל עס קאָן פאַר אים ווערן געפערליך, ווען מ׳זאָל זיך דערוויסן, אַז ער, לייענט „ביכלאַך". לייגט ער דעריבער מיר פאָר, אַז איך זאָל עפּיס זען טאָן אין דעם. אָבער וויפיל איך האָב זיך ניט משתדל געווען אין דער זאַך אַליין און דורך אַנדערע, האָב איך גאָרנישט געפּועל׳ט. ס׳האָט נישט געהאָלפן אַפילו דער בריוו, וואָס כ׳האָב אַריינגע־שיקט דער ווייבל, אין וועלכן איך האָב איר אָפּגעמאָלט מיט פינף־גאָרנדיגע מליצות, ווי „מיין צונג לעכצט נאָך אַ הייליג העברע־איש וואָרט". נאָכדעם האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דערין האָט געהאַט אַ יד דער ווייבל׳ס מאַן, וועלכער איז געווען אַ שלעכטער מענש פון דער נאַטור. אין אַ צייט אַרום—איך האָב זיך שוין דאַן

לאַנג מיאש געוועזן פונ'ם „התועה"—בין איך אַמאָל אַריין צו אַן איינבינדער, געבן אים פאַרריכטן אַ ספר. צוק'קנדיג זיך צו די פאַרשיידענע ספרים, וואָס זיינען געלעגן ביי אים אויפן טיש, האָט מיר אַ בליץ געטאָן פאַר די אויגן דער „התועה". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דערזעלביקער עקזעמפּליאַר פון יענער יוויבל, וועלכן זי האָט אָפּגעגעבן דעם איינבינדער צו צומאַכן צו אים אַ נייעם רוקן. כ'האָב גענומען אַריינ'טענ'ן מיטן איינבינדער, אַז ער זאָל מיר לייען דעם ספר אויף אַ פּאָר טעג און איך וועל אים באַצאָלן פאַרן איבערלייענען, וויפיל ער וועט פון מיר פאַר־לאַנגען. ער האָט אָבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט אַרויסגעבן דעם „התועה" פון שטוב אַפילו אויף אַ מינוט. כ'האָב זיך ביי אים גענומען בעטן. כ'האָב געזאָגט, אַז דאָס גייט מיר, ממש, אין לעבן, כ'האָב זיך אָנגעשלאָגן צו ברייגגען אים דעם גרעסטן משכון און האָב אים דערביי געשוואָרן, אַז איך וועל אָפּהיטן דאָס בוך, ווי דאָס אויג אין קאָפּ; אָבער קיינס פון די אַלע מיטלען האָט אויף אים נישט געווירקט—ער קאָן נישט און קאָן נישט, ער האָט מורא זיך אָנצוהויבן מיט דער וויבל. די גאַנצע צייט פון אונזער וכוח שטיי איך מיר אַזוי און לאָז נישט אַרויס פון האַנד דעם „התועה" און בלעטער אים און חאַפּ אין אים וואַרפן אַנ'אויג, און איך פיל, ווי עס רינט מיר די סליונע פון מויל... מיט אַמאָל פאַלט מיר אַריין אַ געדאַנק און איך גיב אַ פרעג דעם איינבינדער: „און קומען צו אייך אַהער לייענען דאָס בוך וועט איר מיר ערלויבן?"

„אָך, מיט אַלע כבוד'ן—האָט מיר דער איינבינדער געענטפערט— אָבער נור, ווען איך בין פריי פון דער אַרבעט, דאָס הייסט: פריי־טיג צו נאַכט". דאָס איז גראָד געווען אַ ווינטערדיקער דאָנער־סטיג. אויף מאָרגן, פרייטיג, גלייך נאָך וועטשערע, בין איך אַוועק צום איינבינדער. דאָרט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט נעבען אַ וואַ־רימער רובקע און פאַרן שיין פון אַ קליינעם נאַפט־לעמפּל האָב איך גענומען לייענען דעם „תועה". דער אינהאַלט פון דער ער־ציילונג האָט מיך פשוט באַצויבערט, איך האָב געשלונגען אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל און האָב נישט געפילט, ווי די שעה'ן זיינען גע־

פלויגן. בשעת איך האָב געהאַלטן ביים סוף פון דריטן טייל, איז שוין דער אייגבינדער אויפגעשטאַנען צום ערשטן „מנין“...

— דער עיקר איז אָבער דאָס — האָט פאַרענדיגט אַנ־סקי וואָס ערשט דורכן „תועה“ בין איך דערגאַנגען, אַז ס'איז ביי אונז געווען אַ שרייבער מאַפו. און אַז דער דאָזיקער מאַפו, ווען סמאָלענסקין פאַרגלייכט צו ישעיהו הנביא, האָט אָנגעשריבן אַ ספר מיטן נאָמען „אהבת־ציון“. אויף מאָרגן האָב איך שוין באַקומען דעם „אהבת־ציון“, האָב אים דורכגעלייענט כמעט בנשימה אחת, און דער רושם, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, איז געווען אין לשער. צוויי און צוואַנציג יאָר האָט אים מאַפו געהאַלטן ניט גע־דרוקטערהייט! איך הער דאָס ערשט“.

II.

איינמאָל האָב איך געפונען אַנ־סקין, ווי ער זיצט און שטעלט צונויף אַ רשימה פון ווילנער יידישע זשורנאַליסטן און לי־טעראַטן.

— כ'האָב בדעה — אַזוי האָט ער מיר ערקלערט — פאָרצולייענען מיין „דיבוק“ פאַר אונזערע חברים; וויל איך זיי איינלאַדן אויף מאָרגן אין אונזער לאָקאַל.

אין אַ קליינער ווילע אַרום האָט ער מיך געפרעגט:

— איר האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז מאַפו האָט ביי זיך געהאַלטן זיין „אהבת־ציון“ אין כתב־יד צוויי און צוואַנציג יאָר, איידער ער האָט אים געדרוקט. אפשר קאָנט איר מיר שוין זאָגן, צי האָט מאַפו געהאַט אויך דיזעלביגע געוויינהייט וואָס איך, צו וועלן אויסהערן וואָס מער מיינונגען וועגן זיינע ווערק, כל־זמן זיי געפינען זיך נאָך אין מאַנוסקריפט?

— דאָס איז מיר נישט באַקאַנט — האָב איך אים געענטפערט.

— וויפיל מאָל, מיינט איר — האָט אַנ־סקי פאָרגעזעצט זיין אָנגעהויבענעם שמועס — און אין וויפיל ליטעראַרישע קרייזלאַך און פאַר וויפיל איינצלנע פערזאָנען האָב איך שוין פאָרגעלייענט מיין „דיבוק“ אין משך פון די פיר יאָר זינט איך האָב אים אָנ־

געשריבן? איך געדיינק שוין גאָר היינט די צאָל נישט. היינס וויפיל מאָל האָב איך מיך איידער=וואָס=ווען מישב געווען מיט קאָפּ־לעגן, יידן און קריסטן, צי איך זאָל עס גאָר לכתחילה שרייבן.

דאָ האָב איך אַנ=סקי׳ן אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר זיך עפּיס לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דער אי־דעע פון „דיבוק"?

אויף דעם האָט מיר אַנ=סקי געענטפערט:

— די אידעע איז מיר אַרויפגעשוואומען נאָך אין יאָר 1911, בשעת כ׳בין אַרומגעפאָרן אין וואָלינער און פּאָדאָליער גובער־ניעס צו זאַמלען די ווערק פונ׳ם יידישן פאָלקלאָר. קומענדיק קיין יאַרמאָלינעץ, אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליער גובערניע, האָב איך נישט געפונען קיין אכסניא וואוהין צו פאַרפאָרן. איך גע־דיינק שוין היינט נישט, צי ווייל עס איז דעמאָלט געווען אַ יריד אין שטעטל, אָדער צוליב אַנ׳אַנדער סבה, זיינען די צוויי, דריי אַריינפאָר=הייזער געווען באַזעצט מיט אורחים, און פאַר מיר מיטן מוזיקער ע נ ג ע ל איז ניט געווען קיין אָרט. דאַן האָט אונז אַריינגענומען צו זיך אויף נאַכטלעגער דער שטעטלדיקער גביר, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע געראַמיגע דירה. דאָס איז געווען אַ ברענענדיקער חסיד, וועלכער פלעגט איינמאָל אין חודש פאָרן צום רבי׳ן און האָט אָן אים קיין שום טריט ניט געטאָן. געהאַט האָט ער אַ טאָכטער אַ בת=יחידה, אַ מיידל פון אַ יאָר 18—17, זעער אַ סימפּאַטישע, אַ שלאַנקע מיט אַ לייגליכן בלאַסן פנים, מיט צוויי גרויסע קאַרשן=אויגן און אַזעלכע טיפע! און עניות׳דיג איז דאָס געווען, ווי די צניעות אַליין; גערעדט האָט זי קוים וואָס מ׳האָט געהערט, שטענדיק האָט זי געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט, און תמיד פאַרטראַכט. דאָס מיידל האָט מיך פאַראינטערעסירט; אָבער וואָס איך האָב מיך נישט צוקליגט צו פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך, האָט זיך דאָס מיר נישט איינגעגעבן. נישט קוקנדיק מיר גלייך אין פנים, האָט זי מיר אויף אַ צענטן וואָרט געענטפערט איינעם, און דאָס אויך אַזוי נידעריק, אַז איך האָב קוים דערהערט וואָס זי זאָגט. איך האָב אָבער געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, אַז שבת צו די סעודות, בעת עס עסט ביי זיי ביים טיש אַ גאַנץ

יונגער קלויזניקל, אַ שיין ייִדען בחור׳ל מיט בלאָע, פאַר׳חלומ׳טע אויגן און מיט אַ פּאָר לאַנגע, געקרייזלטע פּאות, פלעגט דאָס מיידל ווערן ממש אַנ׳אַנדער מענש, ווי אַ נייע הויט וואָלט זיך אויף איר אַרויפגעצויגן. אַליין ביים טיש איז זי ניט געזעסן; זי פלעגט אָבער אַרייִנטראָגן פון קיך די חלקים און אַוועקשטעלן זיי איטליכן באַזונדער, און יעדעס מאָל, ווי עס פלעגט קומען צום בחור׳ס חלק, פלעג איך דערזען, ווי זייערע ביידנס שטענדיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן הויבן זיך אויף און קוקן זיך אַריין מיט שמאַכטענדיקע בליקן איינע אין די אַנדערע... כ׳האָב תּיכף פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע צוויי יונגינקע, רייניִנקע נשמה׳לעך פלאַטערן, ציִענדיק זיך מאַגנעטיש איינס צום צווייטן, פאַרבאָרגן פון די אַרומיקע, און—ווער ווייסט?—אפשר אויך פון זיך אַליין. דעם לעצטן שבת=צו=נאַכט נאָך הבדלה, ביי אַ גלעזל טיי, איז דער חסידישער גביר געווען באַזונדערס אויפגעלייגט, האָט מיר דערציילט וועגן זיינע געשעפטן און פאַרענדיקט מיט דעם, אַז ער האַלט אין גיכן זיך מתחתן זיין מיט אַ גרויסן עושר, אַ מיוחס פון שדה=לבן, וועלכער האָט אויך אַ זון אַ בן=יחיד, און אַ גאַנץ געראָטענעם, אַנ׳עילוי און אַ צדיק תּמים. דאָס האָט מיר אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק, אַז אָט אין דעם הויז וועט זיך סוף כל סוף מוזן אָפּשפּילן אַ טראַגעדיע. פון יענעם שבת=צו=נאַכט אָן האָבן זיך מיר אין געדאַנקען גענומען פאָרשטעלן פאַרשיידענע מעגליכקייטס=פאָרמען פון דער דאָזיקער טראַגעדיע. אויף דער רייזע אין די ווייטערדיקע שטעט און שטעטלאַך זיינען מיר די בילדער ביסלאַכווייז צורונגען געוואָרן. אין אַ צייט אַרום האָבן זיי ביי מיר אויפגעלעבט גאָר פון דאָס ניי, אָבער נישט רעאַל, נור צושוואומען. אַמאָל אין אַג׳אָוונט—און איך בין שוין דאַן געווען צוריק אין פּעטערבורג—בין איך געזעסן און האָב סאָרטירט די צענדליקער מעשיות׳לאַך און לעגענדעס וועגן „דיבוקים”, וועלכע כ׳האָב צוזאַמענגעקליבן אונטערוועגס. איין לעגענדע האָט מיך פאַרהאַלטן. אויף מאָרגן האָב איך אָנגעצייכנט ביי מיר אין ביכל די ערשטע, נאָך גאַנץ טונקעלע אַפילו, קאָנטורן פון—כ׳האָב אַליין נישט געוואוסט פון וואָס. כ׳האָב אָבער דערפילט, אַז ס׳הויבט זיך ביי מיר אָן צו

שאַפן עפּיס אַזוינס, וואָס ציט זיין יניקה פון פאָלקלאָרישן קוואַל אויפן באָדן פונ'ם איצטיגן רעאַלן לעבן.

— דערווייל האָט אויסגעבראָכן די וועלט=מלחמה—אַזוי האָט אַנ=סקי פאַרענדיקט,—וועלכע האָט פאַרשלונגען מיך מיט אַלע מיינע ליטעראַרישע פּלענער. כ'בין אינגאַנצן כלל=טוער געוואָרן. ס'האָט מיך גענומען רייסן צו אונזערע ברידער קיין גאַליציע. אויפן וועג קיין וואַרשא איז מיר גאָר אומגעריכט איינגעפאַלן, אַז זייענדיק ביי פּרצ'ן זאָל איך מיט אים צוויספירליך אַרומריידן דעם פּלאַן פון מיין „דיבוק" (דעמאָלט איז שוין ביי מיר געווען באַשלאָסן צו דראַפּירן מיין ערציילונג אין דער מיסטעריע פון דער „דיבוק=לעגענדע"). כ'האָב אָבער געפונען פּרצ'ן אַזוי צובראָכן און אַזוי בידערשלאָגן און אַזוי אין אַנשפּרוך גענומען פון די יידישע צרות, אַז כ'האָב מיך, פשוט, נישט ערלויבט צו פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַריש=קינסטלערישע ענינים. און מיר איז דאַן באמת איינמאָל אויסגעקומען צו הערן, ווי פּרץ האָט זיך אָפּ=גערופן צו אַ יונגן ליטעראַט, אַז אַנטקעגן דער שרעקליכער טראַ=געדיע, וואָס קומט איצט פאָר אינ'ם לעבן פון יידישן פאָלק, דאַרף פאַרשטומט ווערן ביז אַ צייט די יידישע לירע. אין גאַליציע בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ מיסטישע סביבה, וואָס איז נאָך גע=וואָרן פיל מיסטישער דורך די שרעקליכע יידישע רדיפות און יסורים, וועלכע האָבן דערמאָנט אין די טעג פון נוסעי=הצלב און פון גזרת ת"ח. כ'האָב געזען אַרום זיך מענשן=שאָטנס, מיט סודות=פולע געזיכטער, וועלכע שוועבן אום, ווי אין אַנדערע, אונז אומ=באַקאַנטע וועלטן... איינמאָל נאָך מעריב בין איך אַריין אין ג אָ ר=ל י צ ע ר בית=המדרש. איר געדיינקט דאָס אויסערליכע בילד פונ'ם ערשטן אַקט אין מיין „דיבוק"? דאָס איז אַ פּינקטליכע קאָ=פּיע פונ'ם גאָרליצער בית=המדרש, ווי ער האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין יענער ווינטער=נאַכט. פון דעמאָלט אָן האָט ביי מיר דער רעיון פון „דיבוק" אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ צייטיגער און צייטיגער. אין טאַרנאָוו, בעת די שטאָט איז נאָכאַנאַנד באַ=שאָסן געוואָרן פון אַנ'עסטרייכישן צוויי=און=פערציג סאַנטימעטער=האַרמאַט, האָב איך מיר אַמאָל אין אַנ'אָוונט אַוועקגעזעצט און

אָנגעוואָרפן אויפן פּאַפּיר דעם ערשטן אַקט. דעם צווייטן אַקט האָב איך אָנגעשריבן מיט עטליכע וואָכן שפּעטער, און אַלץ אין גאַליציע. אַראָפּכאַפּנדיג זיך אויף אַ קורצער צייט קיין קיעוו, צו דעם יידישן הילפס־קאָמיטעט, האָב איך דאָרטן די צוויי אַקטן פאָרגעלייענט דאָס ערשטע מאָל פאַר דעם אינזשענער מ. נ. סירקין, וועמען עס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס עצם טעמאַ, נישט קאָנענדיג מיר אַרויסזאָגן אַ באַשטימטע מיינונג. די לעצטע אַקטן פון „דיבוק" האָב איך שוין אָנגעשריבן אין מאָסקווע.

III.

אין אַ געוויסן ווינטערדיקן פרייטאָג־צו־נאַכט, דאָס איז געווען עטליכע טעג שפּעטער נאָכדעם, ווי די באָלשעוויקעס זיינען צום ערשטן מאָל אַריין קיין ווילנא, האָט אַנ־סקי פאָרגעלייענט זיין „דיבוק" אין אַנ׳ענגן קרייז פון ליטעראַטן, זשורנאַליסטן און אַרטיסטן. איבער אַ געוויסער סבה בין איך צו דער פאָרלעזונג נישט געקומען, און אויף מאָרגן האָב איך דערפאַר באַקומען פון אַנ־סקי׳ן אַ שטאַרקן אויסרייד. יעדע מיינונג וועגן זיין ווערק איז ביי אים געווען אָנגעלייגט און טייער. די מיינונגען, וואָס זיינען דאַן אין ליטעראַטן־קרייז אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן „דיבוק", האָבן אַנ־סקי׳ן נישט באַפרידיגט. אַזוי האָט ער מיר דעמאָלט אויסדריקליך געזאָגט. מיט אַ באַזונדער אויפרעגונג האָט ער גערעדט וועגן דער מיינונג פון אַ קאָמוניסטישן זשורנאַליסט, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אין אַזעלכע צייטן ווי די היינטיקע שרייבט מען נישט אַזוינע רוהיגע זאַכן, נאָר מען רופט דעם עולם צו העראָישע מעשים.

אַנ־סקי האָט מיר דאַן געזאָגט:

— מ׳קאָן אַרויסטראָגן וועגן מיין דראַמע דו ערגסטע מיינונג, אָבער מען דאַרף דאָך זי פריער פאַרשטיין, און אַזאַ פאַרשטענדניס האָב איך כמעט ביי קיינעם נישט געפונען. פאַרשטאַנען האָבן מיר, דאַכט זיך, נור די גוים... אַז איך האָב פאָרגעלייענט דעם „דיבוק" פאַר סטאַניסלאַווסקי׳ן, פון מאָסקווער רוסישן

קינסטלערישן טעאַטער, האָט ער מיר זיך תיכּף אָנגעשלאָגן פאַר־צושטעלן עס אויף זיין בינע. ווען ניט דאָס באָלשעוויסטישע אי־בערקערעניש, וואָלט דאָס געוויס צו שטאַנד געקומען, און דער עולם וואָלט זיך באַקענט מיט מיין דראַמע לויט איר **רוסישן** טעקסט.

— נאָר וואָס האָב איך מיך צו באַקלאָגן אויף **ווילנא** —האָט אַנ־סקי נאָך אַ קליינער פויזע פאָרגעזעצט זיין שמועס —אַז **אָדעס** איז אויך געווען נישט בעסער. דאָרט האָב איך פאָרגעלייענט מיין „דיבוק" ביים זיידן, ביי מענדעלי'ן. דערביי זיינען געווען נאָך עטליכע פון די אָדעסער חשוב'סטע יידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי ביאַליק, ראַווניצקי און אויך דוד פרישמאַן, וועלכער האָט דאַן פאַרבראַכט אין אָדעס. און איך דאַרף אייך זאָגן, אַז ביי די גדולים האָב איך אויך נישט באַמערקט קיין באַזונדער פאַרשטענדניש פאַר מיין „דיבוק". מענדעלי אַליין האָט די גאַנצע צייט געשוויגן; ראַווניצקי, ווייסט איר דאָך, איז סתם אַ שווייגער, ביאַליק האָט עפּיס יאָ אַרויסגעזאָגט עטליכע באַ־מערקונגען, אָבער אויבערפלעכליכע. פרישמאַן האָט עפּיס געזאָגט און נישט דערזאָגט. נאָכדעם האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז פרישמאַנען געפעלט דער „דיבוק" לחלוטין נישט. טאָמער ווערט איר זיך וואונדערן פאַרוואָס ער האָט נאָכדעם דעם „דיבוק" אָפּ־געדרוקט אין זיין „תקופה", האָב איך אויף דעם צוויי טעמים: ערשטנס, איז שוין דאָס געווען שפּעטער אין מאָסקווע, וואו מ'האָט וועגן דעם „דיבוק" נישט אויפגעהערט צו ריידן אין די יידישע און אין די נישט־יידישע ליטעראַרישע קרייזן. און דווקא צו גוטן, און, צווייטנס, האָט דערצו גורם געווען דער זכות פון ביאַ־ליק'ס איבערזעצונג...

מיט גרויס ענטוזיאַזם האָט זיך אַנ־סקי אָפּגערופן וועגן ביאַליק'ס איבערזעצונג, און האָט מיר אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז אין העברעאיש איז דער „דיבוק" אַרויסגעקומען אין פיל ערטער אַ סך שטאַרקער, ווי אין יידיש און רוסיש. נאָר איין קליינע באַמערקונג האָט ער געמאַכט צו ביאַליק'ס איבערזעצונג פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווערס „דודעלע". אַנ־סקי האָט געפונען,

אַז וואו עס שטייט דאָרט „אתה", האָט געדאַרפט שטיין דער אַראַמעאישער „אַנתּ". איך האָב דאַן אָפּגעשלאָגן אַנ־סקי׳ס באַמערקונג מיט דעם, אַז דאָס וואָלט געהאַט אַ זין נור אין דעם פאַל, ווען דער גאַנצער „דודעלע" וואָלט געווען איבערגעגעבן דורך ביאַליק׳ן אין אַראַמעאישן סטיל, אָבער נישט אַריינשטעלן איין אַרמעאיש וואָרט אין אַ דורכאויס העברעאישן שיר.

IV.

איינס פון אַנ־סקיס קולטורעלע אויפטואַכצן אין ווילנא אין געווען די גרינדונג פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, וועלכע ווערט היינט אָנגערופן אויף זיין נאָמען. בעת אַנ—סקי האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין וואַרשא, האָט זיך די דאָזיקע געזעלשאַפט געפונען מאַטעריאַל אין זעער אַ קריטישער לאַגע. דאַן האָט זיך אַנ־סקי אויסגערופן פאַרצווייפעלט זיין „דיבוק" אויף בילעטן פאַר אַ גרעסערן עולם. איך דאַרף דערצו באַמערקן, אַז דאָס איז געווען אַ גאַנץ קורצע צייט נאָכדעם, ווי אַנ־סקי האָט איבערגעטראָגן זעער אַ שווערע קראַנקהייט.

די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען אין דעם זאַל פון דער קהלה אַנ־סקי האָט מיט זיין לייענען דעם עולם ממש באַצויבערט. אָבער פלוצלונג האָט ער זיך שטאַרק צוהוסט און האָט זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן. צו דעם גרעסטן באַדויערן פון דער גאַנצער אוידיטאָריע האָט אַנ־סקי געמוזט מפסיק זיין, און אים האָט פאַרביטן דער אַרטיסט מ אָ ר ע וו ס ק י.

אַנ־סקי האָט זעער געחלש׳ט זען זיין „דיבוק" אויף דער יידישער בינע. וואָרינענדיג ביי אונז אין ווילנא, האָט ער וועגן דעם געפּרובט פירן אונטערהאַנדלונגען אַפילו מיט אַ גאַנץ קינסטלעריש־שוואַכינקער טרופּע.

נישט באַשערט געווען דעם מייסטער פון „דיבוק" צו זען מיט זיינע אויגן, ווי זיין דיכטערישע שאַפונג געפינט אַלגעמיין פאַרשטענדניס און אָנערקענונג און ווערט אַ קלאַסיש וועלט־שטיק.

רעדאַקטאָרן.

אין משך פון מיין ליטעראַרישער טעטיגקייט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך פּערזענליך מיט מערערע יידישע רעדאַקטאָרן, עלטערע און ייגגערע, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג אָנגעפירט מיט דער עפנטליכער מיינונג אויף דער יידישער גאַס. עטלעכע פון זיי זיינען געווען זעער אינטערעסאַנטע טיפּן, אמתע יקרי=המציאות׳ן אין היינטיקע צייטן, וועלכע פאַרדינען באַשריבן צו ווערן לזכרון.

אלעקסאנדער צעדערבוים.

א

אַלעקסאַנדער צעדערבוים, וועלכער איז מער באַקאַנט מיט זיין פּסעוודאָנים „אָ ר ז״, איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון דריי ציינטונגען: פונ׳ם ה ע ב ר ע א י ש ן „המליץ״, פונ׳ם יי ד י ש ן „קול מבשר״ (דערנאָך פאָלקסבלאַט״) און פונ׳ם ר ו ס י ש ן „וו ע ס ט נ י ק ר ו ס ק י ך י ע וו ר יי ע וו״ (דערנאָך: „ראַזסוועט״). אין די דערמאָנטע צייטונגען האָט ער כסדר אַרטיקלען געשריבן, און געשריבן מיט טעמפּעראַמענט און מיט זשורנאַליסטישער באַגאַבונג, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט ניט באַהערשט ווי געהעריק ניט א יי נ ע פון די דאָזיקע דריי שפּראַכן. זיין ה ע ב ר ע א י ש איז נאָך געווען ווי עס איז צו דערטראָגן. אויף עטימאָלאָגישע און סינטאַקסישע גרייזן האָט דער דאַמאָלסטדיקער

העבּרעאישער לעזער ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען; דער עיקר איז בּיי אים געווען — מליצה, און מליצות האָט צעדערבּוים געהאַקט אָן אַ שיעור און אָן אַ בּרעג. כמעט דאָסזעלבּע איז אויך געווען מיט זיין יידיש, וועלכן ער האָט געשריבּן אָן הענט און אָן פיס, טרוקן ווי בּיין, אָן אַ שום זאַפטיגקייט, פּשוט אַ קוידערוועלש=לשון. אין יענער צייט איז דאָס אָבער לגבּי יידיש ניט בּאַטראַכט געוואָרן פאַר אַ חסרון, וויבּאַלד אַז דאָס איז אַזאַ שפּראַך, וועלכע וועט און דאַרף עקסעסטירן העכסטנס נאָך עטליכע יאָר. ערגער פון אַלץ איז געווען מיט צעדערבּוימס רוסיש. דאָ האָט ער, ממש, „געהונקען אויף דער עברי", די פראַזן זיינען בּיי אים אַרויס צעקאַליעטשעט, און די איינצעלנע ווערטער—צעשעדיגט. און דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען צווישן זיינע מיטאַרבּעטער האָבּן זיך געפונען אַזעלכע גלענצענדע רוסישע סטיליסטן, ווי בּאָטאָוויטש, דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון „נאָוואָסטי", בּאָגראָוו, מינסקי און אַנדערע זייער גלייכן.

און דאָך האָבּן צעדערבּוימס אַרטיקלען, אויף אַלע לשונות, אין אים אַנטפּלעקט אַ גרויסן פּובּליציסטישן טאַלענט, און האָבּן תמיד געהאַט אויפ'ן לעזער=פּובּליקום זעער אַ שטאַרקע ווירקונג. און דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם, וואָס זיין שטאַרק אַנטוויקלטער זשורנאַליסטישער חוש האָט אים פּאָראויסגעזאָגט וועגן וואָס מ'דאַרף זיך אין דעם אָדער אין יענעם מאָמענט אָפּרופן, אויף וועלכער טאָג=פראַגע מ'דאַרף רעאַגירן, אויף וועלכן ענין מ'דאַרף אויפמערקזאַם מאַכן דעם עולם, וואָסער פּראָבּלעם מ'דאַרף אַוועקשטעלן אויפ'ן סדר=היום, און צו אַלץ דעם האָט ער שטענדיק פאַרשטאַנען וועלכן טאָן מ'דאַרף אָננעמען, ווען מ'דאַרף רעדן געלאַסן און ווען מיט אַ בּייזער, ווען מ'דאַרף זיך אַרויסווייזן האַרט און ווען ווייך, ווען שטאָלץ און ווען מיט הכנעה. און דאָס אַלץ צוזאַמען האָט גורם געווען דערצו, אַז צעדערבּוים'ס לייטאַרטיקלען זיינען איטלעכס מאָל געלעזן געוואָרן מיט אַ בּאַזונדער אינטערעס, און די יידישע עפנטליכע מיינונג האָט זיך מיט זיי גערעכנט.

און ווי שלעכט צעדערבּוים האָט געשריבּן רוסיש, האָט

ער נאָך ערגער ג ע ר ע ד ט . זיין רוסישער אַקצענט איז געווען
אַ מאוים׳דיק=לעכערליכער. און דאָך האָט עס אים ניט אָפּגעהאַל=
טן פון פאָרצושטעלן זיך פאַר די גרעסטע ביוראָקראַטן און פירן
מיט זיי אונטערהאַנדלונגען וועגן קהל׳שע ענינים. וואָרום אויסער
וואָס צעדערבוים איז אַ רעדאַקטאָר פון יידישע בלעטער געווען,
האָט ער זיך נאָך חוץ דעם פאַרנומען אויך מיט שתדלנות. פונ׳ם
גאַנצן יידישן תחום פלעגן זיך אי יחידים, אי געזעלשאַפטן
ווענדן צו צעדערבוימען מיט בקשות וועגן פאַרשיידענע השתדלותן
אין סענאַט אָדער אין דעם צי אין יענעם דעפּאַרטאַמענט, און
ער, צעדערבוים, האָט קיינמאָל אויף זיין לעבן קיינעם ניט אָפּ=
אָפּגעזאָגט, און תמיד האָט מען אים געזען אַרומלויפן אויף דראָזש=
קעס פון איין מיניסטעריום צום אַנדערן, און אומעטום האָט ער
זיך משתדל געווען. אומעטום האָט ער געבעטן פאַר איינצעלנע
מענטשן און פאַר קהלות, און כמעט שטענדיק האָבן זיינע השתדלותן
געהאַט גרויס ערפאָלג. אַזוי אַרום איז צעדערבוים געוואָרן ביי
יידן אַ „שם דבר” ניט בלויז אַלס רעדאַקטאָר, נאָר אויך אַלס
שתדלן.

צעדערבוים האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער רעדט אַ פאַר=
דאָרבענעם רוסיש, און פונדעסטוועגן פלעגט דאָס אים ניט
שטערן צו דרשה׳נען און צו האַלטן רעדעס אין דער געגנוואַרט
פון די גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער, אויב עד האָט נאָר גע=
גלויבט, אַז ס׳קען דערפון אַרויסקומען יידן אַ וועלכער ס׳איז נוצן.
אַזוי האָט אַ מאָל פאַסירט, דאָס עס איז געשטאָרבן קראַיעווסקי,
דער רעדאַקטאָר פונ׳ם גרעסטן רוסישן טאָגבלאַט „גאָלאָס”, וועל=
כער איז אין זיינע לעצטע יאָרן געווען אַ מליץ־יושר פאַר יידן.
אויפ׳ן בית=עלמין האָבן קראַיעווסקין מספיד געווען די בערימטעס=
טע רוסישע ליטעראַטן. מיט אַמאָל האָט זיך אונטערגערוקט צע=
דערבוים אויך מיט אַ הספד. אַז איינער פון זיינע נאָענטסטע באַ=
קאַנטע האָט אים אין אַ צייט אַרום אַ פרעג געטאָן, ווי שטעלט ער
זיך דאָס אונטער מספיד צו זיין קראַיעווסקי׳ן, בעת ס׳זיינען דאָ
אין פעטערבורג אַנדערע יידן, וועלכע זיינען פיל גרעסערע רעד=
נער פון אים? — האָט אים צעדערבוים אויף דעם געענטפערט:

מיר איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו זאָגן אַ הספד אויף קראַיעווסקין; אָבער גייענדיק צו דער לויה, איז צו מיר צוגע־גאַנגען דער צענזאָר זוסמען און האָט מיך געפרעגט, צי וועט מען מצד די יידן אויסניצן די געלעגנהייט אויסצודריקן דעם פאַרשטאָרבענעם זייער סימפּאַטיע און דאַנקבאַרקייט? האָב איך אים דערויף געענטפערט, אַז עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, דאָס ס'וועט רעדן פּראָפעסאָר באַקשט, וועלכער איז דורך מיין רעקאָ־מענדאַציע אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּטמיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „גאָלאָס". באַקשט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון רעדן, און דאַן איז צו מיר זוסמען צוגעשטאַנען, אַז איך מוז מספּיד זיין קראַיעווסקין אין נאָמען פון רוסישן יידנטום, און איך האָב מיך ניט געקענט אַרויסדרייען און האָב געדרש'נט ניט אָנהויבנ־דיק זיך צוצוגרייטן צו דעם".

ב.

ווינטער 1989 האָב איך געוואוינט אין וואַרשע. גייענדיק אַמאָל אין גאַס האָב איך מיך באַגעגנט מיט דעם באַקענטן העב־רעאישן שריפטשטעלער א. ש. פרידבערג, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען דער צענזאָר פאַר יידישע ביכער. „גוט, וואָס איך האָב אייך אָנגעטראָפן — האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופן — אָקאָרשט־וואָס איך גיי פון צענזור־קאָמיטעט, וואו איך האָב מיך דערוואוסט, אַז אין וואַרשע געפינט זיך איצט דער באַוואוסטער צורר־היהודים ליוטאָסטאַנסקי, וועלכער פאַרשפּרייט אין אַלע מיטל־שולן זיין יידנ־פרעסערישע ווערק „תלמוד אי יעוורייאי". איר פאַרשטייט מיט וואָס דאָס שמעקט? אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „המליץ" נעמט שוין און שרייבט דאָס אַוועק צעדערבוימען".

כ'האָב באַלד גענומען און אָנגעשריבן וועגן דעם צעדערבוי־מען, ניט לייגנדיק אויפ'ן גאַנצן ענין קיין איבעריקן ווערט. עס זיינען נאָך אָבער ניט אַריבער קיין פאָר וואָכן, און כ'האָב ער־האַלטן פון צעדערבוימען דעם פאָלגנדן בריוו, וועלכער איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פּערזענליכקייט:

„באַלד ווי כ׳האָב ערהאַלטן אייער פּאָסט־קאַרטל — אַזוי האָט אָנגעהויבן צעדערבוים — בין איך תּיכּף אַוועקגעלאָפן צום בילדונגס־מיניסטער, גראַף דעליאַנאָוו. און אַז איך קום צו דעליאַנאָוו׳ן — קום איך צו אים ניט וועגן אַ י י ן אינטערעס, נאָר וועגן גאַנצענע פּעק מיט אינטערעסן: דאָ און דאָרט נעמט מען ניט אָן קיין יידישע קינדער אין די גימנאַזיעס, דאָ און דאָרט בלייבן יידישע סטודענטן אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט, דאָ און דאָרט באַקומען ניט קיין יידישע לערער פון קרוינישע שולן זייער עמעריטורע, א. א. וו. ד ע ם מאָל אָבער האָב איך תּיכּף אָנגעהויבן פון׳ם ענין ליוטאָסטאַנסקי. כ׳האָב אים דערקלערט, אַז ווען מ׳זאָל צולאָזן ליוטאָסטאַנסקי׳ס ספר אין די ביבליאָטעקן פון די מיטל־שולן, וועט עס פאַרגיפטן מיט געפערליכן אַנטיסעמיטיזם די מחות פון די לערער מיט די תלמידים און ברייגגען פאַר יידן זעער טרויעריגע רעזולטאַטן. מיין דערקלערונג האָט אויף דעליאַנאָוו׳ן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, און ער האָט מיר געענטפערט פאָלגנדעס:

— אָט הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן: גראָד געפינט זיך איצטער אין פעטערבורג דער קוראַטאָר פון וואַרשעווער לערן־קרייז, אַ פּ ו כ ט י ן. גייט צו אים אַריבער און דערציילט אים די זאַך, און איך וועל אייך געבן צו אים אַ בריוו, אַז ער זאָל ממלא זיין אייער רצון.

כ׳בין תּיכּף אַוועק צו אַפּוכטינען לויט דעם אַדרעס, וואָס דעליאַנאָוו האָט מיר אָנגעגעבן. אַפּוכטין האָט מיך אָנגענומען מיט גרויס כּבוד, האָט מיך גאַנץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

—אויב מ׳האָט צעטיילט ליוטאָסטאַנסקי׳ס ווערק איבער די ביבליאָטעקן. פון די מיטל־שולן, האָט מען דאָס געטאָן אָן מיין ידיעה. און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז א י ך אַליין וואָלט, אפשר געוועזן ניט בעסער. איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז ליוטאָסטאַנסקי האָט אויף זיין ווערק באַקומען אַ הסכמה פון׳ם פאַרשטאָרבענעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם דריטן, און דאָס האָט דאָך עפּעס וואָס צו זאָגן...

דערהערנדיק פון אַפּוכטינען אַזעלכע ווערטער האָב איך גע־פונען פאַר נויטיג צו דערציילן אים באַריכות דעם גאַנצן יחוס פון ליוטאָסטאַנסקין, ווי אַזוי ער האָט צוזאַמענגעשטעלט זיין כפר פון אַלערליי שקרים און פאַלסיפיקאַציעס, ווי אַזוי ער האָט אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון די יידישע גבירים אין פעטערבורג און אין מאָסקווע און האָט זיי פאַרגעלייגט, אַז פאַר אַ געוויסע געלט־סומע איז ער מוכן ומזומן ניט צו דרוקן זיין ספר, ווי אַזוי איך האָב אים אַמאָל אַרויסגערופן אויף אַן עפנטליכן ויכוח וועגן יידן און יידישקייט, און ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווי אַזוי כ'האָב אים אין די צייטונגען מפרסם געווען אַלס עם־הארץ און פאַלסיפיקאַטאָר, און ווי אַזוי ער ליוטאָסטאַנסקי, האָט מיך אָנגעקלאָגט אין פרידנס־געריכט, וועלכער האָט מיך דערקלערט פאַר אומשולדיק.

— און דאָס אַלץ — אַזוי האָב איך פאַרענדיקט — האָט פּאַסירט אין די יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, און פונדעסט־וועגן איז מיר מצד דער רעגירונג פאַר מיין קאַמף קעגן ליוטאָס־טאַנסקין ניט געקרימט געוואָרן אפילו קיין האָר . ..

אַפּוכטין אַליין איז אַפילו געווען אַ גרויסער רעאַקציאָנער, און ניט קיין קליינער שונא־ישראל ; דאָך האָבן מיינע רייד אויף אים געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, און בעת כ'האָב געענדיקט, האָט ער זיך אָפּגערופן :

— איך געפין, אַז איר זייט גאַנץ גערעכט, און תיכף ווי כ'וועל קומען אַהיים קיין וואַרשע, וועל איך אַרויסגעבן אַ באַפעל צו די דירעקטאָרן פון די מיטל־שולן מבער צו זיין ליוטאָסטאַנ־סקי'ס ווערק פון די שול־ביבליאָטעקן אַלס ספר, וועלכער איז עלול שעדליך צו ווירקן אויף זיינע לעזער.

און צעדערבוים האָט פאַרענדיקט זיין בריוו צו מיר מיט די פאָלגענדע ווערטער :

„אָט אַזוי האָט מיר מבטיח געווען אַפּוכטין. כ'בעט אייך צו מאַכן אַ חקירה ודרישה, צי ער האָט מקיים געווען זיין הבטחה ; ווען ניט — לויף איך ווידער צו דעליאַנאָוו'ן, און, טאָמער וועט מען דאַרפן, אויך צו אַנדערע".

איך האָב באַלד דעם אינהאַלט פון צעדערבוימס בריוו

איבערגעגעבן פרידבערגן. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און פריד־בערג האָט דערגאַנגען, אַז ווי נאָר אַפּוכטין איז צוריק געקומען קיין וואַרשע, איז געווען זיין ערשטע זאַך פונאַנדערצישיקן צירקו־לאַרן אין אַלע מיטל־שולן, וואָס געפינען זיך אונטער זיין השגחה, תיכף ומיד אַרויסצונעמען ליוטאָסטאַנסקי׳ס „תלמוד אי יעוורייאי" פון זייערע ביבליאָטעקן אַלס ווערק, וואָס טאָר פון דער שול־יוגנט ניט געלעזן ווערן.

אַז מ׳האָט זיך שפּעטער דורך מיר און דורך פרידבערגן וועגן די דאָזיקע אַלע פּרטים דערוואוסט אין וואַרשע, איז דאָרטן אַלעמען אויפּפאַלנד געוואָרן, ווי קומט עס, וואָס אין דער רעדאַק־ציע פון „ה צ פ י ר ה" האָט מען וועגן דעם ענין ניט געהאַט אַפילו די קלענסטע אַנונג. דעם דאַמאָלסטדיקן רעדאַקטאָר פון „הצפירה", חיים זעליג סלאָנימסקי׳ן, האָט די מעשה שטאַרק פאַרדראָסן, און האָט דאָס געוואָלט פאַרשמירן, עפּעס ווי ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט. דאָס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן..

ג.

אַ באַזונדער תקיף איז צעדערבוים געווען ביים בילדונגס־מיניסטער, גראַף דעליאַנאָוו. צו אים פלעגט מען צעדערבוימען צולאָזן אַפילו ניט אין די באַשטימטע אודיענץ־שטונדן. דעליאַנאָוו האָט זיך צום אַלטן שתדלן באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט. אין גאַנץ פּעטערבורג איז געווען באַקאַנט דער פאָלגנדער זייער כאַ־ראַקטעריסטישער פאַקט:

אַמאָל איז צעדערבוים געקומען משתדל זיין זיך פאַר דע־ליאַנאָוון, אַז מ׳זאָל אָננעמען אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט צוויי יידישע סטודענטן איבער דער פּראָצענט־נאָרמע. אויף דעם האָט אים געענטפערט דער מיניסטער:

— מער ווי איינעם קען איך אין אוניווערזיטעט ניט אַריינ־נעמען. איצטער קלייבט אייך אויס איינעם פון די צוויי, און ער וועט אָנגענומען ווערן.

— אויסקלייבן איינעם פון די צוויי — האָט געזאָגט צעדער־

בוים—קען איך ניט. מיר איז אַלץ איינס. מיין ווייטאָג וועט זיין גרויס צי איר וועט מיר אָפּשניידן דעם אָדער יענעם פינגער. אַלע פינגער זיינען מיינע און זיינען מיר גלייך:

די דאָזיקע תּשובה איז דעליאַנאָוון זייער געפעלן געוואָרן, און ער האָט באַפוילן אַריינצונעמען אין אוניווערזיטעט איבער דער נאָרמעביידע יידישע סטודענטן, פאַר וועלכע צעדערבוים האָט זיך משתדל געווען.

ראובן בריינין דערציילט וועגן צעדערבוימען אַזאַ פאַקט, וועלכער האָט אַ שייכות צו דעם ענין:

„אַמאָל בין איך געזעסן אין דער רעדאַקציע און האָב געאַרבעט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט פון דעם נאָענטן צימער ווי צעדערבוים בייזערט זיך אויף עמיצן זייער שטאַרק. אין עטליכע מינוטן אַרום איז צעדערבוים צו מיר אַריינגעלאָפן שרייענדיק גאַנץ אויפגערעגט אויפ׳ן קול: איר האָט געהערט אַזאַ חוצפּה? איינער אַן אָדעסער גביר איז צו מיר געקומען און האָט מיר פאָרגעלעגט, אַז איך זאָל מיך משתדל זיין פאַר׳ן מיניסטער מ׳זאָל אַריינגעמען זיין זון אין אוניווערזיטעט, און דערפאַר קומט ער מיר געבן פינף הונדערט רובל. איר האָט געהערט אַזאַ חוצפּה? איך וועל פאַרקויפן מיין השתּדלות פאַר געלט! די שטאָלצע גבירלאַך האָבן גאָר קיין חרפּה קיין בושה ניט; זיי גלויבן, אַז מיט געלט קענען זיי אָפּקויפן אַלץ, און אפילו מיין השתּדלות. דאָס וועט אָבער אויף קיין פאַל ניט זיין. אַרויסגעטריבן האָב איך דעם מנוול".

באַזונדערס האָט זיך צעדערבוים משתדל געווען פאַרן מיניסטער לטובת אַזוינע יונגע לייט, וועלכע האָבן גוט געקאָנט די העברעאישע שפּראַך און זיינען איר געווען איבערגעגעבן מיט ליבשאַפט. אַזעלכע סטודענטן האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות בכלל. פאַר אומבאַמיטלטע פון זיי פלעגט ער זיך סטאַרען צו באַקומען סטיפּענדיעס, וועכנטליכע אָדער מאָנאַטליכע, ביי די פּעטערבורגער יידישע מיליאָנערן, ווי באַראָן גינצבורג, פּאָליאַקאָוו, זאַק און אַנדערע, וועלכע האָבן פאַר דעם אַלטן יידישן רעדאַקטאָר און כלל־טוער גרויס אָבשיי געהאַט, און ווער ס׳האָט נאָר צו זיי

פון אים אַ רעקאָמענדאַציע געבראַכט, איז פון זיי ניט אַוועק מיט ליידיקן.

דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז איידער צעדערבוים האָט ביי זיך געפּועל'ט צו פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר אַ גביר לטובת דעם צי יענעם סטודענט, האָט ער אים אַפריער גענומען ווי אויף אַן עקזאַמען, האָט אים געגעבן חוקר ודורש געווען וועגן זיין ערציהונג, וועגן זיינע אָנשויאונגען, און דער עיקר, וועגן זיינע יידישע ידיעות. דעם פאָרצוג האָט ער תמיד געגעבן אַזעלכע סטודענטן, וועלכע האָבן געלעזן און פאַרשטאַנען העברעאישע צייטונגען, און באַזונדערס דעם „מליץ”. פאַר אַזוינע סטודענטן האָט ער, ממש, די וועלט איינגעלייגט, און פאַר זיי איז תמיד געווען אָפן זיין הויז און פריי זיין טיש.

דער יונג פאַרשטאָרבענער העברעאישער דיכטער און קינסטלער מרדכי צבי מאַנע האָט מיר אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט איבערגעגעבן וועגן צעדערבוימען די פאָלגנדע זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן:

— אַן עלנדער און מיט געציילטע גראָשנס אין דער טאַש — אַזוי האָט מיר מאַנע דערציילט — בין איך אין די אָנהויב אַכציקער יאָרן געקומען קיין פעטערבורג אום אַריינצוטרעטן דאָרטן אין דער קונסט-אַקאַדעמיע. כ'האָב אין פעטערבורג ניט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל, און אַפילו קיין באַקאַנטן. איך האָב נאָר געבראַכט מיט זיך אַ בריוו פונם באַוואוסטן גאון ר' העשל לעווין צו זיינעם אַן איידעם, וועלכער איז אָבער געווען אַ אומפאַרמעגליכער מאַן און האָט פאַר מיר גאָרנישט געקענט טאָן. מיין לאַגע איז געוואָרן זייער קריטיש; די עטליכע רובל, וואָס כ'האָב באַקומען אין ווילנע ביים דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער האַנדלס-באַנק, אַרציק לעבענזאָן, דער זון פון באַרימטן העברעאישן דיכטער אד"ם הכהן, האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין און פאַר מיר איז געשטאַנען די טרויעריקע פערספּעקטיוו אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויפ'ן גאַס און שטאַרבן פון הונגער. באַקלערנדיק מיין מצב האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אין פעטערבורג גייט אַרויס דער „מליץ”, וועלכן איך האָב תמיד אַזוי גערן געלעזן. טאָ

פאַרוואָס זאָל איך ניט אַריינגיין צום רעדאַקטאָר, צו צעדערבוימען, אפשר וועט ער מיר עפעס קענען טאָן אַ טובה. האָט זיך מיר אָבער צעדערבוים שטענדיק פאָרגעשטעלט אין געדאַנקען אַלס אַ מענטש אַ קפדן, וועלכן מ׳קען דערצערגעזענען אפילו מיט אַ מינע, און דאָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון צו באַזוכן אים. האָט זיך גראָד געדאַרפט מאַכן, אַז גאָר אומגעריכט בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט איינעם אַ העברעאישן לערער, דאָס איז געווען מ ש ה פ ר אָ ז ע ר, וועלכער האָט אויך, ווי איר ווייסט מן הסתם, מיטגעאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „המליץ״. כ׳האָב מיך באַנוצט מיט ד ע ר געלעגנהייט צו בעטן פראָזערן, אַז ער זאָל וועגן מיר איבעררעדן מיט צעדערבוימען. אין עטליכע טעג אַרום, אַז כ׳האָב מיך באַגעגנט מיט פראָזערן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז צעדערבוים וויל מיך זען און האָט מיר געבעטן אַריינגיין צו אים. אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג בין איך אַריין צו צעדערבוימען, און דערזעענדיק אים, איז מיין ערשטער איינדרוק געווען, אַז מיין פאָרשטעלונג וועגן אים איז געווען אַ פאַלשע. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מיטלגעוויקסיגער אַלטעטשקער, אַ ביסל שוין איינגעבויגן, מיט אַ הויכן, גלאַנצענדיקן למדנישן שטערן און מיט זייער פריינדליכע בליקן. דערהערנדיק ווער איך בין, האָט ער מיר וואַרים געדריקט די האַנט, האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט, האָט מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיך און האָט געזאָגט:

— פראָזער האָט מיר וועגן אייך דערציילט. איר האָט געענדיקט ווילנער צייכנשול. איצטער ווילט איר אָנקומען אין דער היגער קונסט=אַקאַדעמיע, איר שניידט זיך אויף אַ מאָלער, צי אויף אַ סקולפּטאָר, און האָט קיין מיטלען ניט, ווי דער מנהג איז.

אין קורצע ווערטער האָב איך אים אָפּגעמעלט מיין לאַגע און האָב פאַרענדיקט מיט דער בקשה: אפשר קען ער מיר רעקאָמענדירן אַ צוויי, דריי העברעאישע לעקציעס. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:

— כ׳ווייס, אַז איר זייט אַ גוטער העבראַיסט; דאָס האָט מיר פראָזער דערציילט. שרייבט איר, אפשר, אויך?

— יאָ, איך שרייב ש י ר י ם

— אַזוי? אַ משורר זייט איר? אין מיין „המליץ" דרוק איך אפילו ניט קיין שירים, איך וואָלט זיי אָבער פונדעסטוועגן געוואָלט זען.

כ'האָב גראָד ביי זיך געהאַט אַ קליין געשריבן ביכל פון מיינע שירים, און האָב עס אים דערלאַנגט. ער האָט אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין ביכל, האָט אפשר איבערגעלייענט איינעם צי צוויי שירים, און האָט עס אַוועקגעלייגט זאָגנדיק דערביי:

— זעער שיין! זעער שיין! איר האָט טאַלענט; פאַרלאָזט עס אָבער ניט; פון אייך קען אַרויסוואַקסן אַ גרויסער קינסטלער און אַ גרויסער דיכטער. שוין צייט, כ'לעבן, אַז מיר, יידן, זאָלן האָבן אַ שטיקל כבוד פון אונזער יוגנט.

דער דאָזיקער אויסלאָז איז אָבער געווען מער ניט ווי אַ הקדמה צו אַ גאַנץ לאַנגן דרוש, וועלכן צעדערבוים האָט פאַר מ"ר געהאַלטן וועגן דער יידישער יוגנטליכער אינטעליגענץ, וואָס דערווייטערט זיך פון איר אייגן פאָלק, און גייט אַוועק אַרבעטן אין פרעמדע ווײַנגערטנער. וועלנדיק קאָנקרעטיזירן זיינע געדאַנ־קען, האָט ער מיר דערציילט באַריכות די ביאָגראַפיעס פון עטלע־כע געוויסע פערזענליכקייטן, וואָס זינט זיי האָבן גענומען שפּילן אַ ראָל אין דער ניט־יידישער געזעלשאַפט, האָבן זיי זיך אָנגע־הויבן צו שעמען מיט זייערע אָפּשטאַמונג. צעדערבוים האָט אַזוי לאַנג גערעדט אויף דער דאָזיקער טעמע, ביז ער האָט מיר אָנ־געפאַנגען לאַנגווייליג צו ווערן, און האָב מיך זעער דערפרייט בעת די דינסט איז אַריין זאָגן, אַז ס'איז שוין געגרייט דער טיש צו אָוונט־ברויט. ער האָט מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזן און איך האָב געמוזט פאַרברייגען ביי אים אַ גאַנץ אָוונט און אַפילו אי־בערנעכטיקן. אויף מאָרגן, אַז מיר האָבן זיך צעשיידט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— נאָר ניט געדאַגה'ט, יונגער מאַן; ס'וועט שוין אַלץ רעכט ווערן.

אין אַ פאָר טעג אַרום האָב איך דורך דער שטאָטישער פּאָסט באַקומען פון צעדערבוימען אַ קאַרטל, אין וועלכער ער האָט מיר מודיע געווען פאָלגנדעס:

„כ'האָב אייך שוין פאַרזאָרגט. כ'האָב מיך געזען און דורכ־געשמועסט וועגן אייך מיטן באַראָן האָראַץ גינצבורג און מיט אַר־קאַדי קויפמאַן און מיט אַנדערע מעצענאַטן, וועלכע האָבן מיר מבטיח געווען צו באַשטימען פאַר אייך מאָנאַטליכע פענסיעס. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך נאָך וועגן אייך איבעררעדן מיט פּאָליאַקאָוון".

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך ערהאַלטן פון צעדער־בוימען אַ צווייטע קאַרטל מיט'ן פאָלגנדן אינהאַלט:

„איך האָב פאַר אייך אויסגעפּועלט וואוינרעכט אין דער הויפּשטאָט ביז איר וועט אָנגענומען ווערן אין דער קונסט־אַקאַ־דעמיע. פון היינט אָן זייט איר דאָ אַ כשר'ער תושב."

און נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און בין אַריין אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, האָט מיר צעדערבוים אָנ־געזאָגט אין אַ דריטער קאַרטל, אַז לויט זיין השתדלות האָט זיך באַוויליקט די חברה „מפיצי־השכלה" איינצוצאָלן פאַר מיר שכר־למוד.

— און ווען אַזאַ פּראָווינציעלער, אָרימער בחור ווי איך — אַזוי האָט מאַנע פאַרענדיקט זיין ערציילונג — האָט זיך דער־שלאָגן צו דער פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע, האָב איך פאַר דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען אַפּריער מיינע העברעאישע שירים און דערנאָך צעדערבוימען דעם גרויסן ליבהאָבער פון דער העברע־אישער שפּראַך.

ד.

אין יאָר 1880, בשעת עס איז דורך טעראָריסטן דערהרג'ט געוואָרן דער קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער, וועלכער איז איז אין זיין צייט געווען פּאָפּולער אונטער די רוסישע יידן אַלס מלך חסד, האָבן פאַרשיידענע קליינשטעטלדיקע משוררים'לאַך אָנגעהויבן צו פאַרשיטן, ממש, ד'עם קייזערליכן הויף מיט אַזויגע־רופענע „שירי־תנחומים", דאָס הייסט, „טרייסט־געדיכטע". די דאָזיקע שירים זיינען כמעט אַלע געווען טאַנדעט־אַרבעט הן לויטן

אינהאַלט הן לויטן סגנון, און האָבן געמאַכט בכלל אַ לעכערליכן איינדרוק. צעדערבוים האָט זיך דערפון דערוואוסט, און באַטראַכטנדיק די זאַך פאַר אַ גרויסן חלול-השם, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו פאַרעפנטליכן אין „מליץ” זאַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „רגש קדש” (אַ הייליק געפיל), אין וועלכן ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די קלײנשטעטלדיקע פאָעטן, אַז ס'איז זעער אומטאַקטיש און גראָב ווען מענטשן, וואָס באַזיצן ניט דעם קלענסטן פונק פון דיכטערישן טאַלענט, און האָבן ניט קיין שום ידיעה אין שרייבן בכלל, זאָלן זיך אונטערשטיין פאַרוואַרפן מיט זייערע אומגעלומפערטע פערזן די הויכע ספערן און צו פאַרשוועכן אַזוי אַרום דעם אָנדענק פונ'ם פאַרשטאָרבענעם מאָנאַרך. צעדערבוים האָט אָבער פאַר דעם דאָזיקן, אין פלוג גוט-געמיינטן אַרטיקל, שיער ניט באַצאָלט מיט זיין פרייהייט. די מעשה איז אַזוי געוועזן:

עס האָט גראָד פּאַסירט, אַז איינער פון דעם מין משוררים, אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געקנעלט ביי אַ ישוב'ניק ערגעץ אין אַ דאָרף לעבן נאַווארעדאָק, מינסקער גובערניע, האָט אָנגעשריבן אַזאַ „שיר-תנחומים”, און ניט וויסנדיק ווי אַזוי אָרייִנצושיקן אים אין קייזערליכן הויף, האָט ער עס אַדרעסירט אויף דער רעדאַקציע פון „המליץ” מיט אַ צוגעלעגטער בקשה צו צעדערבוימען, אַז ער זאָל דעם שיר איבערגעבן וואוהין מען באַדאַרף. צעדערבוים האָט געוויינליך דעם משורר'ס רצון ניט ממלא געווען און האָט דעם שיר פאַרהאַלטן ביי זיך. דער מלמד, וועלכער האָט זיך געריכט פון טאָג צו טאָג, אַז אָט, אָט באַקומט ער אַן „אַלעריעכסטן דאַנק” און האָט זיך שוין מיט דעם באַרימט פאַר'ן דאָרפישן אוראַדניק, האָט גענומען חוקר ודורש זיין צעדערבוימען אין בריוו, ער זאָל אים מודיע זיין, וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיין שיר. פון אָנפאַנג האָט אים צעדערבוים ניט געענטפערט, נאָר צום סוף האָט ער זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און האָט דעם „משורר” גוט אָנגעזידלט פאַר דער „אומגעהערטער חוצפה צו באַלעסטיקן דעם הויף מיט אַזעלכע שטותים, וועלכע זיינען אַן אומכבוד פאַר'ן כלל ישראל”. דעם יונגנמאַן איז די מעשה זעער ניט אָנגעשטאַנען, באַזונדערס האָט ער זיך געשעמט פאַר'ן אוראַדניק, און

אַז יענער האָט אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן: וואָס הערט זיך מיט׳ן „אַלערהעכסטן דאַנק?" האָט ער אים דערציילט די גאַנצע געשיכ־טע. דעם אוראַדניק איז די זאַך „אַריין אין נאָז"; ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט דאָס, אַז אַ יידי־שער רעדאַקטאָר זאָל האַלטן אַ „שיר־תנחומים" צום קייזער פאַר אַ שטות, און די מעשה איז אים געוואָרן חשוד׳יק. ער האָט גלייך וועגן דעם אָפּגעשיקט אַ ראַפּאָרט צום איספּראַווניק, און פון איס־פּראַווניק איז דאָס אַוועק דורכ׳ן גובערנאַטאָר אַזש קיין פעטערבורג.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט צעדערבוים באַקומען אַן איינלאַדונג צוקומען אין דער „דריטער אָפּטיילונג". אין יענער צייט איז די דאָזיקע „דריטע אָפּטיילונג" געווען אַ „שם דבר" אין גאַנץ רוסלאַנד. דער, וואָס איז נאָר אַהין אַריין, איז ניט געווען זיכער, צי ער וועט שוין אַזוי גיך אָנזען זיין היים. אין דער דערמאָנטער „אָפּטיילונג" זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע פעדים פונ׳ם רוסלענדישן פּאָליטישן שפּיאָנאַזש, און דורך איר זיינען געפירט געוואָרן די חקירות ודרישות וועגן די פּערזאָנען, קעגן וועלכע ס׳האָט זיך דערוועקט אַ שווערן חשד, אַז זיי געהערן צו יענע, וואָס ווילן איבעראַנדערשן מיט גוואַלד די הערשענדיקע מלוכה׳שע אָרדענונג.

צעדערבוים איז אַפילו קיינמאָל ניט געווען פון די „שרעקע־דיקע יינגלאַך", און בפרט נאָך אַז ער האָט זיך געשפּירט גאַנץ לאָיאַל און „העכסט אונטערטעניג", דאָך האָט אים די איינלאַדונג פון דער „דריטער אָפּטיילונג" זעער ניט געשמעקט, און ער איז אַהין אַוועק מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין גלאַטע מעשה און אַז ער וועט דאָ האָבן צו צעקנאַקן אַ גאַנץ האַרטן נוס...

קומענדיק צו דער באַשטימטער צייט אין דער „דריטער אָפּטיילונג" האָט דאָרטן צעדערבוימען גלייך אויפגענומען דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע אַליין, וועלכער האָט אים דערלאַנגט אַ שטול זיך קעגנאיבער, און איז תיכף צוגעטראָטן צו דער זאַך מיט דער פראַגע:

— אַ העברעאישער פּאָעט האָט אייך צוגעשיקט מיט דריי

פערטל יאָר צוריק אַ טרייסט-שיר אויפ'ן טויט פון זיין קייזער-ליכער מאַיעסטעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן מיט דער בקשה אי-בערצוגעבן אים אין „הויף“?

— יאָ!

— האָט איר אים אָפּגעגעבן אין די געהעריקע הענט?

— ניין! — האָט צעדערבוים געענטפערט גאַנץ געלאַסן.

— ניין? — האָט געפרעגט דער גענעראַל, און אין זיין קול האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ בייזער — און איר האָט געשריבן דעם משורר, אַז ס'איז אַ שטות אויסצודריקן מיטליידס-געפילן אויף דעם טויט פון אַ קייזער?

— גאָט באַהיט! — האָט זיך אָפּגערופן צעדערבוים — ניט דאָס האָב איך געשריבן, און ניט דאָס איז געווען מיין כונה. איך האָב נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן דעם אַזויגערופענעם „משורר“, אַז „ניט פאַר אַ שוסטער איז צו באַקן זעמל“, און ניט פאַר אַ טאַלאַנטלויזן מענטשן איז צו שרייבן שירים, און באַזונ-דערס טרייסט-שירים אויף אַ געזאַלבטן מאָנאַרך צו וועלכע עס פאָדערן זיך ניט בלויז אַ דיכטערישער טאַלענט, נאָר אויך הייליקע געפילן; וואָרום ווען ניט, איז דאָס נאָר אַ פּראָפאַנאַציע, אַ חלול-הכבוד פאַר'ן הויכן נפטר.

— און פאַר אַזעלכן האָט איר געפונען דעם שיר, וועגן וועלכן ס'רעדט זיך דאָ?

— נאָך פאַר אַ פיל ערגערן. דאָס איז געווען אַ ווינעגרעט פון פוסטע בטלנישע פראַזן מיט אַ היבשער מאָס טפשות און דער-צו נאָך געשריבן אין אַן עם-האַרצי'שן סטיל.

— און דאָס האָט אייך באַוואויגען ניט אָפּצוגעבן דעם שיר אין דער קייזערליכער קאַנצעלאַריע און אָנצווידלען דעם מחבר?

— גאַנץ ריכטיק. איך דאַרף דאָ נאָך אָבער באַמערקן, אַז אָנגעזידלט דעם משורר האָב איך אייגנטליך נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט ניט גענומען אין אַכט דעם לייט-אַרטיקל, וועלכן כ'האָב טאַקי אָט וועגן דעם זעלביקן ענין פאַרעפנטליכט אין מיין צייטונג און אין וועלכן איך האָב אויספירליך דערקלערט, ווי

אַזוי מ׳דאַרף שרייבן טרייסט־בריוו אויפ׳ן טויט פון קיסרים, און ווער עס דאַרף זיי שרייבן.

— כ׳וואָלט אייך געבעטן מיר צוזושטעלן דעם שיר צו־זאַמען מיט אייער אַרטיקל.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די חקירה ודרישה, און צע־דערבוים איז פון דער „דריטער אָפּטיילונג" צוועק אַ באַרוהיק־טער אַהיים.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט דער באַוואוסטער פראָ־פעסאָר כוואָלסאָן דערציילט ביי אַ געלעגנהייט צעדערבוי־מען, אַז מ׳האָט אים פון דער „דריטער אָפּטיילונג" צוגעשיקט אַ געשריבענעם העברעאישן „שיר־תנחומים" אויפ׳ן טויט פון אַלעק־סאַנדער דעם צווייטן פון עפּעס אַ מין טינטלער צוזאַמען מיט זיין אַרטיקל „רגש־קדש", וואָס איז אַמאָל געווען געדרוקט אין „המליץ" מיט׳ן פאַרלייג איבערצוזעצן ביידע זאַכן אין רוסיש און אַרויסצו־זאָגן וועגן זיי זיין מיינונג.

די דאָזיקע פּאַסירונג, וועלכע כ׳האָב אַמאָל געהערט פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם העברעאיש־יידישן שריפטשטעלער יהושע מזח, וואָס האָט אַליין זוכה געווען צו באַקומען אַ דאַנק־בריוו פון אַלעק־סאַנדער דעם דריטן פאַר אַ „שיר־תנחומים" (מזח אַ — משורר!)*)

*) מזח פלעגט תמיד זאָגן, אַז דער „אַלערהעכסטער דאַנק־בריוו" דינט אים פאַר אַ קמיע, וועלכע ראַטעוועט אים אַרום פון אַלע צרות און פורעניות׳ן, וואָס קומען אויף אים. אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און שטעט־לאַך מיט זיינע חבורים, האָט מען אים וויפיל מאָל געכאַפּט „אויסערן תחום" און מ׳האָט אים געוואָלט אַרעסטירן און אַרויסשיקן „מיטן עטאַפּ". אָבער ווי נאָר ער פלעגט באַווייזן דעם דאַנק־בריוו, האָט מען אים שוין ניט געטשעפּעט און מ׳האָט אים געלאָזן צו רו. אין די באַוואוסטע אַזוינערופענע „פּרייע טעג" פונ׳ם יאָר 1905, בעת אין ווילנע פלעגן אַלע נאַכט פאָרקומען מאַסן־רעוויזיעס, איז פּאָליציע אַריין אַמאָל, מיט אַ טעות, צו מיט אַ כיוון, אויך צו מזח׳ן. אָבער איידער פּאָליציי האָט נאָך באַוויזן צוצוטרעטן צו דער רעוויזיע, האָט ער ערגיץ פון אַ פּעקל פאַרשימלטע כתבים אַרויסגענומען דעם „אַלער־העכסטן דאַנק־בריוו" און האָט עס דערלאַנגט דעם עלטסטן. ווי יענער האָט נאָר אַריינגעקוקט אין פּאַפּיר, האָט ער תיכף געבעטן ביי מזח׳ן אַנטשולדיגונג און איז מיט זיינע חברה־לייט גלייך אַוועק.

זאָל האָבן געהאַט דעם פאָלגנדן העכסט אַנעקדאָטישן פינאַל:

אין דעם מאַרינישן קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע זאַכן, האָט מען, קענטיק, אויסגעפונען, אַז כאָטש דער שיר פון דאָרפישן מלמד איז באמת אומגעלומפּערט און טויג אויפ'ן פייער, איז ער דאָך פאָרט געווען געשריבן מיט אַ גוטער כונה, און דעריבער פאָדערט די הויף-עטיקעטע, אַז ס'זאָל דעם דאָזיקן העכסט לויאַלן אונטערטאַן פון דעם פאַרשטאָרבענעם רוסישן צאַר אויסגעדריקט ווערן דער אַלערהעכסטער דאַנק, וואָס קומט יעדערן ביי אַזאַ פאַל. מ'האָט אָבער באַשלאָסן, צו מאַכן דעם מאָל אַן אויסנאַם און אויסצודריקן דעם משורר ניט קיין שריפטליכן, נאָר אַ מונדליכן דאַנק.

אין אַ געוויסן מאָרגן — דאָס איז שוין געווען אין אַ יאָר אַרום — איז דער אוראַדניק פון יענעם דאָרף, וואו ס'האט געקנעלט דער מלמדישער „משורר", געקומען צום ישובניק און געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ שטרענגן באַפעל פונ'ם איספּראַווניק צוצושטעלן וואָס גיכער דעם מלמד צום מינסקער גובערנאַטאָר. דער „משורר" איז שוין אָבער דאַמאָלסט פון יענעם ישובניק אַוועק, און זיין געוועזענער בעל-הבית האָט ניט געקאָנט זאָגן אויף ריכטיק וואו ער געפינט זיך. אָבער נאָך לאַנגע חקירות ודרישות האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער יונגערמאַן געפינט זיך אין אַ הויף ניט ווייט פון ל י ו ב ט ש, אַ קליינשטעטל אין נאָוואָרעדקער אויעזד. באַלד איז אַהין געקומען דער דאָרטיקער אוראַדניק אויך מיט דערזעלביקער ידיעה, אַז ער מוז דעם יונגעמאַן תיכף צושטעלן קיין מינסק, ניט ווייסנדיק צוליב וואָס און וועגן וואָס. וואָס דער „משורר" האָט זיך ניט צובעטן ביים אוראַדניק, אַז ער זאָל אים לאָזן אַליין פאָרן קיין מינסק, האָט ניט געהאָלפן, און ער האָט געמוזט אונטערגיין מיט אים קיין ליובטש. פון דאָרטן האָט אים דער אוראַדניק אָפּגעשיקט אויף מאָרגן צו פוס קיין נאָוואָרעדאָק מיט דער באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע סטראַזשניקעס. אין נאָוואָרעדאָק האָט אים דעם איספּראַווניק אָפּגעהאַלטן אין דער פּאָליציי אַ וואָכן צוויי, דריי, ביז ס'אין אַהין אָנגעקומען דער עטאַפּ, וואָס גייט אין דער גובערניע. מיט'ן דאָ-

זיקן עטאַפּ האָט דער „משורר" פאַרבראַכט אין וועג אַ פּאָר הדשים אָן ערך. פאַר דער צייַט האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט אין כמה קליינשטעטלדיקע טורמעס און וועלכע ער איז אויסגעריסן געוואָרן „אויפן פּוד", און אין גאַנצן אַ צעבראָכענעם פון צער און פון פּיין האָבן אים עטליכע זעלנער געבראַכט אין אַ געוויסן טאָג אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם מינסקער גובערנאַטאָר. דאָרטן האָט מען אים צוזאַמען מיט די זעלנער געלאָזן אָפּזיצן עטליכע שעה נאָכאַנאַנד אין קאָרידאָר, און דערנאָך האָט מען אים אַרייַנגערופן אין קאַנצעלאַריע, וואו דער „פּיסמאָוואָדיטעל" האָט אים מודיע געווען, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג פון פּעטערבורג אויסצודריקן אים אַ דאַנק פאַר זייַן שיר־תנחומים" אויפן טויט פון זייַן קייזערליכער מאַיעסטעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

זוי עס איז אין יענע מינוטן אונזער „משורר" געוואָרן אויפ'ן האַרצן, איז זיך גאַנץ לייכט פאָרצושטעלן. ער האָט שוין, דאַכט זיך, אַ צענטן פאַרזאָגט ניט צו האָבן קיין שום מגע ומשא מיט רוסישע קייזערליכע הויפן...

ה.

אַלס רעדאַקטאָר איז צעדערבוים געווען אַ פענאָמען אין זייַן אַרט. קודם־כל זייַן אומגעהייערע אַרבעטס־קראַפט. זעכצן שעה נאָכאַנאַנד פלעגט ער אָפּשטיין ביי זייַן קליינעם פולטל און שרייבן — שרייבן אַרטיקלען פאַר דער צייטונג און בריוו צו שריפטשטעלער און צו כלל־טוער אין פאַרשיידענע ערטער. שפּעט נאָך האַלבע נאַכט פלעגט ער זיך נאָך מאַכן אַ שפּאַציר פון אַ היבשן מהלך וועג אין דרוק אַריין, אום איבערצוקוקן דאָרט די לעצטע קאָרעקטור. מיט דעם אַליין איז ער נאָך ניט יוצא געווען, און פלעגט אָפּוואַרטן ביז דער גאַנצער נומער פלעגט אַרויס פון אונטער דער מאַשין, און דאַן האָט ער אים גאָר אויף דאָס ביי דורכגעלייענט פון אָנהויב ביזן סוף. אין דעם האָט ער זיך, ווי ער פלעגט תמיד זאָגן, אויף פרעמדע הענט ניט געוואָלט פאַרלאָזן. גאַנץ אָפט האָט פּאַסירט, דאָס ער פלעגט גאָר פון העלער הויט

נעמען אויסמעקן אַ שטיק פון דעם אָדער פון יענעם מאמר, און באַלד אויפ'ן אָרט עס ממלא זיין מיט אַ נייעם שטיק. באַזונדערס פלעגט דאָס טרעפן, בעת ער פלעגט זיך מיט אַמאָל כאַפּן, אַז ער האָט דורכגעלאָזן אַן אַרטיקל ניט צוגעבנדיק צו אים קיין הערה פון זיין זייט. דאָס פלעגט ברענגען צו אָפטע אַרומרייסענישן צווישן צעדערבוימען מיט'ן מענטראָפּאַזש. דער מענטראָפּאַזש פלעגט טענה'ן, אַז ער איז ניט מחויב אויסצושטיין צעדערבוימס קאַפּריזן און אָפּשטיין איין דרוק ביז גרויסן טאָג, און צעדערבוים פלעגט מאַכן גוואַלדן: וואָס? איר ווילט מיר פאַרשטאָפּן דעם מויל איך זאָל ניט קענען אַרויסזאָגן מיין מיינונג אין מיין בלאַט? די שרייבערלאַך זאָלן ביי מיר בעלהבתעווען און איך זאָל שווייגן? ס'איז עפּעס הפקר פּעטרישקע?!

איינע פון צעדערבוימס גרעסטע שוואַכקייטן איז געווען — ניט דורכצולאָזן קיין אַרטיקל, און אַמאָל אפילו אויך אַ קאָרעספּאָנדענציע, אָן זיינער אַ באַמערקונג. אַ סך מאָל האָט געטראָפן, אַז זיין באַמערקונג איז אויסגעקומען פיל גרעסער פאַר'ן אַרטיקל. דער אינהאַלט פון זיינע הערות איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. אויב ער האָט איינגעשטימט מיט דער מיינונג פונ'ם אַרטיקל־שרייבער, האָט ער אין דער הערה אַרומגערעדט באריכות די טעמים פון זיין הסכם; דערביי האָט ער שוין געהאַט אַ סטערעאָ־טיפּע ערקלערונג אויף דעם, פאַרוואָס ער האָט די דאָזיקע מיינונג פריער אַליין ניט אַרויסגעזאָגט און האָט מיט דעם געוואַרט ביז זי וועט פריער אַרויסגעזאָגט ווערן פון אַן אַנדערן. טאָמער האָט ער מיטן אַרטיקל ניט מסכים געווען, האָט ער דערקלערט אין דער הערה פאַרוואָס און אין וואָס ער גייט זיך מיטן שרייבער פונאַנדער. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער זיך גאַנץ אָפט ניט אָפּהאַלטן פון גוט אויסצוזידלען דעם שרייבער: סטייטש, ווי דערלויבט ער זיך דאָס גאָר אַזוינס פאַרן מויל אַרויסצוברענגען? ביי אַזאַ פאַל האָט צעדערבוים קיינמאָל קיין אונטערשייד ניט געמאַכט צווישן אַ גאַנץ ביז אַהער אומבאַוואוסטן שריפטשטעלער און צווישן אַ ליטעראַט מיט אַ נאָמען. קיינעם האָט ער ניט געסאַנעוועט און קיינעם האָט ער ניט נושא פנים געווען. אַז מ'האָט אים

אַמאָל געפרעגט: ווייבאַלד, אַז איר זייט ניט אַזוי קאָנטעט מיט דעם אַרטיקל, טאָ צו וואָס האָט איר אים גאָר לכתחלה געדאַרפט דרוקן? האָט ער אויף דעם געענטפערט: וואָס הייסט? איך זאָל לאָזן דעם שוטה אַרויסזאָגן זיך אין אַן אַנדער אַרט, וואו ס'וועט זיינע שטותים אָננעמען פאַר „תורת־לאָקשן?" ניין, דאָס טו איך ניט. פויסט דיר עפּעס צו זאָגן, טאָ קום און זאָג; וועט דאָס זיין אַ רעכטס, איז מה טוב, ווען ניט, וועל איך דיר „אויס־שגצן". „אויסשגצן" — איז געווען זיין ליבלינגס־אויסדרוק, בעת ער האָט זיך גענומען עמיצן שאַרף צו קריטיקירן. עס פלעגט פאָרקומען, אַז זיינע הערות פלעגן פון אים אָפּטרייבן דעם צו יענעם מיטאַרבעטער. אים האָט דאָס אָבער געאַרט ווי צען מאָל גאָרנישט. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ס'וועט אַוועקגיין אַ געוויסע צייט, און דער דאָזיקער מיטאַרבעטער וועט זיך צו אים צוריק אומקערן, ווייל וואו אַנדערש קען מען נאָך אַרויסזאָגן אַ ראַדיקאַלן געדאַנק און אַ פריי וואָרט חוץ'ן „המליץ"? און טאַקי כך הוה.

פון דער אַנדער זייט האָט אָבער צעדערבוים געהאַט אַטבע צו פאַרבויגן זיין כבוד און צו קריכן ממש, „אויף אַלע פיר" בעת אים איז געגאַנגען צו געווינען פאַר זיין בלאַט אַ גרויסע ליטע־ראַרישע קראַפט. אַזוי, למשל, האָט זיך אים אַמאָל זעער געוואָלט האָבן אַ פעליעטאָן פונ'ם באַקאַנטן שלום יעקב אַבראַמאָ־וויטש (דער שפּעטערדיקער מענדעלי מוכר־ספרים). דאָס איז גע־ווען בעת ער האָט געפייערט דעם טויזנט־נומערדיקן יובליי פון „המליץ". דאַמאָלסט האָט זיך אים פאַרגעלוסט, אַז לכבוד דעם נומער זאָלן אין אים אַריינגיין אַרטיקלען פון די גרעסטע און וויכטיקסטע העבּרעאישע שריפטשטעלער, און, געוויינליך, אויך פון אַבראַמאָוויטשן, און האָט זיך צו אַלעמען געווענדט מיט באַ־זונדערע וואַרימע איינלאַדונגען. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך ניט איינמאָל געפילט שטאַרק באַליידיקט פון צעדערבוימס הערות, און וואָס האָט צוליב דעם אויפגעהערט מיטצואַרבעטן אין „מליץ", האָט דעם מאָל ממלא געווען צעדערבוימס בקשה, און האָט אים באַלד אויף זיין ערשטן רוף אַריינגעשטעלט אַ פעליע־

טאָן. ער האָט אים אָבער מיט דעם צוגלייך אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. דער דערמאָנטער פעלעטאָן איז געווען ניט מער און ניט וועניקער ווי אַ קאַריקאַטורע אויף צעדערבוימען מיט זיין בלאַט. צעדערבוים האָט דעם פיל גאַנץ רואיק אַראָפּגעשלונגען און האָט אָפּגעדרוקט אַבראַמאָוויטשעס פעלעטאָן אָט ווי „ער שטייט און גייט", אָן אַ שום ענדערונג. ער איז נאָר אויסן געווען איין זאַך: צו באַקומען אַבראַמאָוויטשן פאַר זיין יובליי־נומער, און האָט ער אים באַקומען, האָט אים שוין ווייטער קיין זאַך ניט געקימערט.

וועלנדיק שטאַרק האָבן ביי זיך אין רעדאַקציע אַלס מיטאַרבעטער דעם באַרימטן העבּרעאישן דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן, איז צעדערבוים מרוצה געוואָרן צו לאָזן זיך אים, פשוט, קריכן אויפן קאָפּ. גאָרדאָן איז אויך געווען אַ מענטש פון קאַפּריזן, פון וועלכע קיין אַנדער רעדאַקטאָר וואָלט געוויס ניט געוואָלט ליידן. ביי צעדערבוימען איז אָבער אַלץ כדאי געווען נאָר אַבי ער זאָל קענען אַנאָנס'רן, אַז צווישן זיינע מיטאַרבעטער געפינט זיך אויך יל"ג. עס איז ביי אים רעכט געווען אויסצוניסטערן גאַנץ פּעטערבורג אום אויסצוזוכן און צו געפינען פאַר גאָרדאָנען יענעם באַוואוסטן מין טינט, מיט וועלכן ער איז געוואוינט געווען צו שרייבן, וואָרום ניט אַלע סאָרטן טינטן האָט דער העברעאישער דיכטער געקענט פאַרטראָגן. טאָמער איז אַמאָל גאָרדאָנען אָנגעקומען אַ ביסל שווערלאַך דעד פּשט פון אַ געוויסן וויסנשאַפטליכן טערמין, האָט אים צעדערבוים אויף מאָרגן געקויפט און אַריינגעשיקט אַלס געשאַנק בראָקהויז'ס גרויסן קאָנווערזאַציאָנס לעקסיקאָן, און טאָמער איז אַמאָל געקומען דער ערשטער, און צעדערבוים האָט נאָך ניט געהאַט פאַר אים זיינע שכירות, איז ער געגאַנגען און האָט פאַרמשכּנ'ט זיין גאָלדענעם זייגער... דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט דעם נחת־רוח צו קענען זאָגן: ביי מיר אַרבעט דער גרויסער גאָרדאָן!... אַזוי האָט צעדערבוים פאַרשטאַנען נאָך אַלע זיינע משונה'דיקע דרכים אַלס רעדאַקשאָר צו גרופּירן אַרום זיין בלאַט די בעסטע שריפטשטעלערישע און זשורנאַליסטישע כּחות פון זיין צייט.

און אַזוי ווי ער האָט ניט געסאַנעוועט — בעת ער האָט

דאָס געפונען פאַר נויטיק—זיינע מיטאַרבעטער און קאָרעספּאָנ־דענטן, אַזוי האָט ער זיך אויך קיינמאָל ניט אָפּגעשראָקן פון צו קריטיזירן אַם שאַרפסטן אופן די גרעסטע עסקנים און כלל־טוער, ניט בלויז די פּראָווינציעלע, נאָר אפילו די פּעטערבורגער, די סאַמע „אויבערשטע פון שטייסל". ער פלעגט תמיד אַרויסזאָגן אין זיין בלאַט דעם אמת אַזויגע מיליאָנערן ווי די גינצבורגס, און די פּאָ־ליאַקאָווס, און דער גאַנצער יידישער פּלוטאָקראַטיע, וועלכע איז געוואוינט געוואָרן צו הערן שטענדיק וועגן זיך נאָר הוילע שבחים און לויב־רעדעס. פיל מאָל האָט מען זיך אויף אים דערפאַר שטאַרק געבלאָזן אין די „הויכע פענסטער", פיל מאָל האָט מען אים אויסגעדריקט דעם צאָרן מפורש, און פיל מאָל האָט מען אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מיט זייגע אַרויסטרעטונגען קעגן די פּעטערבורגער יידישע פאָרשטייער שאַדט ער אַליין בידים זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן. ער האָט אָבער קיין זאַך ניט גענומען אין אכט, און איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

אַ ענערגישן, און אָפּטמאָלס אַ גאַנץ ביטערן קאַמף, האָט צעדערבוים אָנגעפירט, באַזונדערס אין זיין יידיש בלאַט „קול מבשר", קעגן די חסידים מיט זייערע „גוטע יידן". פאַר דער דאָזיקער מלחמה האָט צעדערבוים פונאַנדערגעעפנט פראַנק און פריי די טויערן פון זיינע בלעטער, און ווער ס'האָט נאָר געהאַלטן אַ פּען אין האַנט איז אַהין געקומען און געלאָזט פון דאָרטן שמעקן פּולווער דעם „פינסטערן חסידיזם מיט זיינע פאַנאַטישע אָנ־הייגער".

אַזוי האָט צעדערבוים געקעמפט כל ימיו אויף אַלע פראָנטן: געקעמפט מיט שרייבער, מיט געזעלשאַפטליכע טוער, מיט גבאים און מיט רבנים און מיט געלט־זעק און מיט חסידישע רביים. און ס'איז נאָך ניט געווען קיין רעדאַקטאָר ביי יידן, וואָס האָט פאַרזיין צו היציגן זשורנאַליסטישן טעמפּעראַמענט באַצאָלט אַזוי טייער ווי צעדערבוים. אָן אים האָבן זיך אויף פאַרשיידענע אופנים געזוכט נוקם צו זיין אָט די אַלע, וועלכע האָבן זיך דורך אים געפילט באַליידיקט, און אַמאָל איז די נקמה געווען אַ גאַנץ שטאַרקע, אַמאָל איז זי אפילו געווען אַ גאַנץ געפערליכע, געפער־

ליך פאַר אים אַליין אָדער פאַר זיינע בלעטער. ער אָבער מיט זיין זעלטענעם פעסטן מוט האָט זיך דאָס אַלץ געמאַכט צו קליינ-געלט, האָט אַריבערגעטראָגן געדולדיג דעם פעקל, און איז ניט אַראָפּ פון זיין איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַר זיך אויסגעקלי-בענעם וועג.

איינער פון דעם „מליץ"ס לאַנגיעריגע מיטאַרבעטער, וועל-כער האָט זיך דערפילט שטאַרק אָנגעגריפן פון צעדערבוי'מס אַן אַרטיקל, איז אויף אים געוואָרן אַזוי ווייט אויפגעבראַכט, דאָס ער האָט זיך ניט באַרואיקט ביז ער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל. ער האָט אים, באַנוצנדיק זיך מיט אַן אויסגעטראַכטן נאָ-מען, אַריינגעשיקט אַ פאַלשע קאָרעספּאָנדענציע פון דער שטעטל טאַטאַרבונאַר, בעסאַראַבער גובערניע, אַז דאָרטן איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכער פאָגראָם אויף יידן, און אַז מ'האָט אַזש אַ העלפט פון זיי אויסגעקוילעט. נאָכדעם ווי די קאָרעספּאָנדענציע האָט זיך אָפּגעדרוקט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט געשטויגן ניט געפלויגן, האָט די פעטערבורגער אויבערשטע פאַרוואַלטונג פאַר דרוק-ענינים אָפּגעשטעלט דעם „מליץ" אויף גאַנצע פינף חדשים.

צעדערבוים האָט אפילו ניט געשוויגן, און האָט זיך אַזוי לאַנג געגראָבן אין דער זאַך ביז ער איז דערגאַנגען, אַז דער, וואָס האָט אים אַזוי מיאוס אָפּגעטאָן איז ניט קיין אַנדערער ווי נאָר דער באַקאַנטער העברעאישער פּאָעט און געלערנטער, וועל-כער האָט דאַן באַטראָטן די שטעל פון אָדעסער ראַבינער-געהילף, ד"ר שלמה מאַנדעלקערן. און דאַן ערשט האָט ער, צעדערבוים, „פאַרקאָכט אַ גאַנצע קאַשע". ער האָט פאַרפירט קעגן מאַנדעלקערנען אַ פּראָצעס, מיט וועלכן ס'האָט געהאַט צו טאָן די גאַנצע יידישע וועלט, און דער סוף איז געווען, אַז מאַנדעלקערן האָט פאַר גרויס חרפה און בושה שוין מער ניט געקאָנט פאַר-בלייבן ניט בלויז אויף זיין שטעל, נאָר אין רוסלאַנד בכלל, און ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד, וואו ער איז שוין פאַר-בליבן ביז זיין לעצטן טאָג. אין דער אונטערשטער שורה אָבער האָט די דאָזיקע פּאַסירונג צעדערבוימען אויף אַזוי פיל מאַטעריעל

צערוואינירט, דאָס נאָכדעם ווי די שטראָף־צייט איז אַריבער, האָט ער אין טאַש קיין גראָשן ניט געהאַט אום צוריק דעם „מליץ" אויפצוריכטן, און נאָר אַ דאַנק אַ פּאָר פּעטערבורגער מעצענאַטן, וועלכע ס׳האָט לייד געטאָן צו זען ווי דער איינציקער יידישער פּראָגרעסיווער אָרגאַן האַלט ביים אונטערגיין, האָט זיך אים ווי עס איז איינגעגעבן צו באַנייען זיין בלאַט.

פיל האָט צעדערבוים געהאַט צו „זינגען און צו זאָגן" פון די פּראָווינציעלע עסקנים, וועלכע ער האָט פּוגע בכבוד געווען. אין יענער צייט האָט זיך יעדער שטעטלדיקער כלל־טוער גערעכנט פאַר אַ קליינעם מלכ׳ל, און האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די קלענסטע קריטיק. דאָס איז געווען בעת די עפנטליכע מיינונג האָט זיך ערשט אויף דער יידישער גאַס נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שאַפן, און צעדערבוים האָט געוואָלט מאַכן זיין בלאַט פאַר איר ערשטן אָפּקלאַנג. די פּראָווינציעלע טוער, די קהל׳שע רעדל־פירער, די גבאים פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, איז אָבער די דאָזיקע עפנטליכע מיינונג געווען ווי אַ ביין אין האַלז, און האָבן איר פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָלט דערשטיקן. וואו מ׳האָט נאָר געקענט, האָט מען פאַרן „מליץ" פאַרצוימט דעם וועג, מ׳האָט אָנגענומען מיטלען, אַז די צייטונג זאָל וואָס ווייניקער פאַרשפּרייט ווערן, מ׳האָט זיך געסטאַרעט צוקאָמפּראָמעטירן די לייענער, מפרסם זיין זיי אַלס אפּיקורסים, וואָס חוזק׳ן אָפּ פון דער יידישער אמונה און פון די יידישע מנהגים. און ווען די אַלטע סגולות האָבן ניט געהאָלפן, און אין אַנדערע ערטער האָט זיך נאָך צוליב זיי געהויבן דער פּרעסטיזש פון „מליץ", האָט מען גענומען רודף זיין צעדערבוימען דורך מסירות. דאָס זיינען אפילו געווען נאַרישע, אומגעלומפּערטע מסירות, און דערצו נאָך אויך אַנאָנימע, אָבער דאָך האָט דאָס געבראַכט דערצו, אַז מ׳האָט צעדערבוימען די ערשטע צייט נאָכאַנאַנד אומגעשלעפּט פון איין „סלעדאָוואַטל" צום אַנדערן, און ממילא האָט דאָס ביי אים אַוועקגעריבט פיל צייט. שפּעטער אָבער האָט די זאַך אָנגעהויבן צו ווערן צעדערבוימען גאַנץ אינטערעסאַנט, ווייל דאָס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט אַרויסצווייזן זיין לאָיאַליטעט און זיין טיפע

איבערגעבנהייט צו די אינטערעסן פון דער מדינה. באַזונדערס צופרידן איז צעדערבוים געווען בעת דער מסור האָט אים באַשולדיקט אין סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע, ווייל דאָ האָט ער פאַר זיך געפונען די מעגליכקייט צו אַנטפּלעקן זיין פּאָליטישע כשרות אין איר „גאַנצן גלאַנץ". אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער אַרויס אויפן פּלאַץ באַוואָפנט מיט אַ קאָלאָסאַלער ערודיציע פון אייזערנע ראיות, פון אותות ומופתים, אַז ניט בלויז, וואָס ער אַנטלויפט פאַר'ן סאָציאַליזם, ווי פאַר פייער, שטייט ער נאָך אויך אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז יידן דאַרפן זיין, און זיי זיינען עס טאַקי, מוכנים ומזומנים אין יעדער שעה מוסר נפש צו זיין זיך לטובת דעם פאָטערלאַנד. און באמת האָט ער שטענדיק דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט גאַנץ ענערגיש פאַרטיידיקט, און אפילו אין די לעצטע זיבעציקער יאָרן, בעת אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד איז געוואָרן סאָציאַליסטיש געשטימט, האָט ער נאָך געהאַט דעם דרייסט צו ענטפערן איינעם אין פּאָסט-קעסטל פון דער רעדאַקציע: „דאַנקען גאָט, וואָס ביי אונז, רוסישע יידן, זיינען ניטאָ קיין סאָציאַליסטן"... שרייבנדיק דאַמאָלסט די דאָזיקע ווערטער, האָט צעדערבוים דאָן געוויס ניט געוואָוסט, אַז ביי אים אַליין, אין זיינע ד' אמות גופא, האָדעוועט זיך אַן אייניקל, וועלכער שניידט זיך צו ווערן מיט דער צייט איינער פון די פּאָפּולערסטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און עסקנים אין רוסלאַנד—מ אַ ר ט אָ וו, דער היינטיקער אָנפירער פון די אַזויגערופענע „מענשעוויקעס".

די חסידים, באַזונדערס די וואָלינער, האָבן זיך געזוכט נוקם צו זיין פון צעדערבוימען אויף ז יי ע ר שטייגער. דורך איינעם פון זייערע נקמה-אַקטן איז שיער צעדערבוים ניט בלינד געוואָרן. אין אַ געוויסן טאָג איז צעדערבוימען אָנגעקומען דורך דער פּאָסט אַ פּאַסילקע, וועלכע מ'האָט געדאַרפט איבערגעבן נאָר אים אַליין אין האַנט. עפענענדיק ביי זיך אין דער היים די פּאַסילקע, האָט פון איר מיט אַמאָל אַרויסגעשאָסן אַ הויכער זייל פון אַ ביטערן און שאַרף בייסענדיקן שטויב, וועלכער האָט אים פאַרשאָטן ביידע אויגן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס

געווען איינפאַכער שמעק=טאַבאַק. ס'זיינען זיך באַלד צוזאַמענגעלאָפן דאָקטוירים, וועלכע האָבן צעדערבוימען דורך פאַרשיידענע איינשפּריצונגען קוים אָפּגעראַטעוועט. אַלע חקירות ודרישות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן וועגן דעם ענין, האָבן ניט געבראַכט צו קיין שום רעזולטאַטן, ס'איז אַריין ווי אין תהום ניט בלויז דער שיקער פון דער פּאַסילקע, נאָר אויך דער אמת'ער אָרט פון וואַנען זי איז געשיקט געוואָרן. די מעשה האָט זיך דערגאַנגען ערשט אין אַ לאַנגער צייט אַרום.

ס'האָט אַמאָל פּאַסירט מיט צעדערבוימען אויך אַזאַ געשיכטע: אין די ערשטע יאָרן איז געווען זיין מנהג אַרומצופאָרן איבער די שטעט און שטעטלאַך, צוקוקן זיך דאָרטן צום יידישן לעבן און איבערגעבן נאָכדעם זיינע איינדרוקן אין „מליץ“ און אין „קול מבשר“. די דאָזיקע „בריוו פון וועג“ האָבן אין זייער צייט אויפגערודערט דעם גאַנצן יידישן תחום, ווייל דורך זיי זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער וועלט די אָפּגעשטאַנענקייט און די פאַרגליווערטקייט פון דעם פּראָווינציעלן יידן, זיינע פאַרשימעלטע באַגריפן וועגן קינדער=ערציהונג און זיין אין טיפער רעאַקציע פאַרזונקענעם לעבענס=שטייגער בכלל. אין באַזונדערס שוואַרצע פאַרבן האָט צעדערבוים געשילדערט דאָס לעבן פון די חסידים, וועלכע לאָזן זיך פאַרבלענדן פון זייערע בעלי=מופתים. האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז צעדערבוימען איז אויף זיין נסיעה אויסגעקומען צו האַלטן שבת אין דער קליינשטעטל סאַווראַן, וואָלינער גובערניע, וועלכע באַשטייט דורכאויס פון פאַרברענטע עקסט פאַנאַטישע חסידים. אַז די חסידים האָבן זיך דערוואוסט, דאָס צעדערבוים געפינט זיך ביי זיי אין שטעטל, איז ביי זיי תיכף אַרויפגעשוואומען אַ פּלאַן צו באַנוצן זיך מיט דער געלעגנהייט אום נוקם צו זיין זיך אָן אים. מ'האָט וועגן דעם אָפּגעהאַלטן אין שטיבל אַ ספּעציעלע זיצונג, אויף וועלכער ס'זיינען לכתחלה אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע מיינונגען ווי אַזוי און אויף וועלכן אופן די נקמה זאָל אויסגעפירט ווערן. די האָבן געזאָגט, אַז מ'זאָל אים זען פאַרנאַרן ערגעץ=וואו אין אַ שטוב, און דאָרטן זאָל מען אים גוט „אויסקאָרקעווען“ (דאָס הייסט: פאַרשמייסן מיט

פאַנטאָפל); אַנדערע האָבן געזאָגט, דאָס צעדערבוים איז גאָר ניט אַזאַ נאַר וואָס זאָל זיך לאָזן פאַרפירן, און דעראיבער איז זייער עצה, אַז מ׳זאָל אים איינפאַך פאַרמסר׳ן ביים „סטאַנאָוואָי פּריס־טאַוו“. אַי, מיט וואָס פאַרמסר׳ט מען אים ? וועגן דעם וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן. דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט פאַר זיך געהאַט אַ מערהייט שטימען, און איז אָנגענומען געוואָרן. נאָך דעמזעלביקן טאָג האָט דער סאַווראַנער „סטאַנאָוואָי“ באַקומען צו־געשיקט אַן אַנאָנימע פּאַפּיר, אין וועלכער ס׳ווערט געזאָגט, אַז אין יענער און יענער אכסניא איז פאַרפאָרן עפּעס אַ פּערזאָן, וואָס רופט זיך אָן „צעדערבוים“ און זאָגט, דאָס ער איז דער רעדאַקטאָר פון דער פּעטערבורגער העברעאישער צייטונג „המליץ“, און איבאמת׳ן איז דאָס גאָר ניט ער, נאָר אַן אַנדערער, וועלכער דרייט זיך שוין פון אַ היבשע צייט אַרום אין אונזער געגנט מיט פאַרבאָרגענע, און געוויס ניט קיין ערליכע כוונות. פרייטאָג צו נאַכט, בעת צעדערבוים האָט שוין לאַנג געשל פן, האָט אָנגע־קלאַפּט צום בעל־אַכסניאָ דער „סטאַנאָוואָי“ און אַריינגייענדיק אין שטוב צוזאַמען מיט אַ מאַן צען סטראַזשניקעס, האָט ער געהייסן אויפוועקן דעם „פּעטערבורגער אורח“. צעדערבוים האָט זיך אויפ־געכאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיק, און דערזעענדיק פאַר זיך די „שפּעטע געסט“, האָט ער גערעכנט, אַז דאָס איז אַ געוויינליכער נאַכט־פּאַטרול, וועלכער גייט איבער די אכסניות, און האָט דער־לאַנגט זיינע פּאַפּירן. דער „סטאַנאָוואָי“ האָט באַטראַכט די פּאַ־פּירן, און נאַכהער אַ זאָג געטאָן: יאָ, דאָס זיינען גוטע דאָקו־מענטן; אָבער ווער ווייס, צי זיינען דאָס א י י ע ר ע ? דערהערנ־דיק די ווערטער, איז צעדערבוים געוואָרן אַן אָנגעצונדענער, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און גאַנץ ענערגיש געפרעגט: און איר ווייסט, אַז די פּאַפּירן זיינען ניט מיינע ? אויף דעם האָט אים דער „סטאַנאָוואָי“ געענטפערט: ווייסן ווייס איך אַפילו ניט; נאָר פון אַן דער זייט האָט מען ביי מיר וועגן אייך דערוועקט אַ חשד און דעריבער איז מיין הוב די זאַך אויסצופאָרשן. וואָס צעדער־בוים האָט זיך ניט געהיצט און ניט געקאָכט און אַפילו געדראָט מיט זיין באַקאַנטשאַפט אין די „הויכע ספערן“ — קיין זאַך האָט

ניט געהאָלפֿן ; דער „סטאַנאָוואָי" האָט זיך אים געהייסן אָנטאָן און מיטגיין מיט אים. שטייענדיק פֿאַר דער טרויעריקער פּרעס־פּעקטיוו אָפּצוויצן אַ נאַכט, און אפשר צוויי, ערגעץ־וואו אין אַ פֿינסטערער לאָך, האָט זיך צעדערבוים מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז ביי אין טשעמאָדאַן געפֿינט זיך אַ דאָקומענט, וואָס לויט אים קען שוין גאָר קיין שום צווייפל ניט זיין אין דער ריכטיגקייט פֿון זיין פּערזענליכקייט. דאָס איז געווען אַ פֿאָטאָגראַפֿיש בילד, אויף וועלכן עס זיינען אַרונטערגענומען די לערער פֿון דער אָדע־סער תּלמוד־תּורה צוזאַמען מיט די גבאים און אין דער שפּיץ פֿון זיי צעדערבוים מיט דעם דאַמאָלסטדיקן קוראַטאָר פֿון קיעווער לערנ־קרייז, דער ווייט און ברייט באַרימטער כירורג פּראָ־פֿעסאָר ניקאָלאַי איבאַנאָוויטש פּיראָגאָוו. דער „סטאַנאָוואָי" האָט גענומען אין האַנט די פֿאָטאָגראַפֿיע, האָט עטליכע סעקונדן נאָכאַנאַנד געוואָרפֿן זיינע בליקן פֿון דעם בילד אויף צעדערבוי־מען, און פֿון צעדערבוימען אויפ'ן בילד, ווי ווילנדיק זיך טיף איבערצייגן, צי זעט ער פֿאַר זיך באמת דיזעלביקע פּערזאָן, וואָס שטייט לעבן פּיראָגאָוון מעשה חבר... דער סוף איז געווען, דאָס דער „סטאַנאָוואָי" האָט זיך טיף פֿאַרבייגט פֿאַר צעדערבוימען און געבעטן זיך ביי אים ממש רחמים, אַז ער זאָל אים אַנטשול־דיקן פֿאַר דעם, וואָס ער האָט אים געשטערט זיין רו. אויף מאָרגן האָט צעדערבוים באַזוכט דעם „סטאַנאָוואָי" אום צו דערגיין ביי אים אויף וועלכן סמך ער האָט אים חושד געווען אין דער פֿאַל־סיפֿיקאַציע פֿון זיין פּערזענליכקייט. דער „סטאַנאָוואָי" האָט אים באַוויזן דאָס אַנאָנימע פּאַפּיר און האָט דערביי געזאָגט: וואָלט איך געהאַט כאָטש די קלענסטע אַנונג ווער די מוסרים זיינען, וואָלט איך זיי תּיכף שטרענג באַשטראָפֿט; ווי איר זעט אָבער האָבן זיי „באַהאַלטן די עקן אין וואַסער" און ניט אַזוי גיך וועל איך זיי אויסגעפֿינען. בכן בעט איך אייך דערוויילע ניט צו מאַכן פֿון דעם קיין ווענז , און איבערלאָזן דאָס דער צייט; צי פֿריער צי שפּעטער וועט זיך די זאַך געוויס אויפֿקלערן. צעדערבוים האָט אפֿילו באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיצל פֿון די טאַוואַרגער חסידים; דאָך האָט ער דאָס דעם „סטאַנאָוואָי" ניט

אַרויסגעזאָגט און האָט אים כּבטיח געווען די זאַך איינגאַנצן צו פאַרשווייגן און האָט געהאַלטן וואָרט. צעדערבוים, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעהאַלטן פון צו קריטיקירן עפנטליך און אין דעם שאַרפסטן טאָן יידישע מנהיגים און תקיפים, האָט אָנגענומען אַ פולן מויל מיט וואַסער און געשוויגן בעת ער האָט געפונען, אַז די זאַך קען ברענגען צום אַ חלול-השם. יידן זיינען אומוויסנד, יידן זיינען אָבערגלויביש, יידן זיינען פאַנאַטיש — דאָס האָט ער געקענט זאָגן בפני כל עם ועדה כאָטש צען מאָל אַ טאָג, אָבער אַז יידן זיינען מוסרים, דאָס אַרויסזאָגן האָט ער ביי זיך קיינמאָל ניט געפּועל׳ט.

אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי די פעטערבורגער יידישע פלוטאָקראַטיע האָט זיך אַמאָל געוואָלט נוקם זיין אָן צעדערבוימען. דאָס איז געווען אָנפאַנגס די אַכציגער יאָרן נאָך די ערשטע פאַגראָמען אין דרום-רוסלאַנד. דאַמאָלסט האָט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטראָם פון עמיגראַציע. די נאַציאָנאַל-געשטימטע יידישע אינטעליגענץ האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פאָלקס-באַוועגונג, מיט וועלכער מ׳דאַרף זיך רעכענען, און געפאָדערט אין דער עפנטליכקייט פון די יידישע מנהיגים, אַז זיי זאָלן זיך משתדל זיין פאַר דער רעגירונג, זי זאָל ערלויבן עפענען איבערזידלונגס-קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן אַריינברענגען אין דער מאַסן-עמיגראַציע אַ געהעריקע אָרדענונג, באופן, אַז זי זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווילדער געלויפעריי. די מנהיגים אָבער, וועלכע האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט מען זאָגן, אַז יידן אַנטלויפן פון רוסלאַנד און מ׳וועט זיי דעריבער האַלטן פאַר פרעמדע אין דער מדינה, האָבן די דאָזיקע פאָדערונג פון דער אינטעליגענץ אָפּגעוואָרפן, מאַכנדיק זיך דערביי גאַנץ תמ׳עוואַטע און טענה׳נדיק, אַז די עמיגראַציע איז נאָר אַ צייטווייליקע, פאָראיבערגייענדיקע ערשיינונג, וועלכע האָט ניט אין פאָלק קיין שום וואָרצלען. דאַן האָט די אינטעליגענץ, און באַזונדערס די פּראָווינציעלע, אָנגעהויבן צו פאַרשיטן, ממש, די פעטערבורגער „פירער" מיט די שאַרפסטע פּראָטעסטן, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן אויך אין „המליץ"

און זיינען פון צעדערבוימען שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די פּעטערבורגער מנהיגים האָבן געפונען פאַר נויטיק צונויפצורופן אין דער הויפּשטאָט אַ צוזאַמענ־פאָר פון די קהלות־פאָרשטייער פונ׳ם גאַנצן תחום, וועלכער זאָל האָבן צו אַנטשיידן איבער פאַרשיידענע כלל־פראַגן, און אויך וועגן דער עמיגראַציע. בעת דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען האָט אים די פּעטערבורגער פּלוטאָקראַטיע אויסגענוצט אַלס געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך מיט צעדערבוימען. קודם כל האָט זי זיך געס־טאַרעט, און האָט אויך אויסגעפירט, אַז מ׳זאָל דעם דאָזיקן רע־דאַקטאָר פון צוויי שטאַרק געלעזענע צייטונגען לכתחלה ניט איינ־לאַדן, אַלס פאָרשטייער פון דער פּרעסע, צום צוזאַמענפאָר, און אַז צעדערבוים האָט מוותר געווען אויף זיין כבוד און איז געקומען צו דער ערשטער זיצונג אומגעבעטן, האָט מען זיך ניט גע־שעמט און מ׳האָט אים געהייסן פאַרלאָזן דעם זאַל... אויף מאָרגן האָט אַפילו צעדערבוים די יידישע געלט־זעק דערלאַנגט אַ פּאָר־ציע, אויף וועלכער זיי האָבן זיך גאָר קיינמאָל ניט געריכט; ער האָט זיי איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס ס׳האָט ביי אים אויפגעקאָכט אויפ׳ן האַרצן; רעאַגירט שטאַרק אויף דעם סקאַנדאַל האָט אויך די פּראָווינץ, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז ס׳איז אויפ׳ן גרעבסטן אופן באַליידיקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט דער עלטסטער יידישער רעדאַקטאָר און כלל־טוער.

אָט אַזוי איז צעדערבוים כל ימיו אויסגעשטאַנען פון אַלע זייטן, אַזוי איז ער תמיד געוואָרן פאַרפאָלגט און פאַריאָגט, און מער ניט ווי פאַר דעם, וואָס ער האָט געזוכט און געשטרעבט צו ערפילן באמונה זיינע זשורנאַליסטישע פליכטן. אָבער, ווי געזאָגט, האָבן די אַלע רדיפות און פאַרפאָלגונגען אויף אים קיין שום רושם ניט געמאַכט. ביז זיין לעצטן טאָג איז ער פאַרבליבן אומגעבויגן און האָט מיט שטאָלץ און מיט דרייסט פאַרטיידיגט זיינע איבער־צייגונגען, ווי שאַרף און ביטער זיי זיינען אַמאָל פאַר דעם צו פאַר יענעם ביים געווען.

ג.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ היציקער און טעמפעראַמענטפולער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר ווי צעדערבוים איז געוועזן, וועלכער האָט שטענדיק געוואָלט אַרויסזאָגן מיטן פולן מויל אַלץ וואָס עס איז ביי אים אויפן צונג, האָט ניט געקאָנט לעבן בשלום מיט די צענזאָרן, און תמיד פלעגן אויסברעכן צווישן אים מיט זיי גאַנץ שאַרפע סכסוכים. האַלטנדיק זיך קודם כל פאַר אַ איבערגעבענעם בירגער און פאַר אַ גרויסן קענער פונ'ם רוסישן געזעץ, פלעגט ער ווערן שטאַרק אויפגעבראַכט יעדעס מאָל וואָס דער צענזאָר האָט עפּעס אויסגעמעקט פון זיינעם אַן אַרטיקל. איך בי'ן אויך אַזוי טריי דעם קיסר, און ווייס אויך אַזאַ דין ווי א י ר — אַזוי פלעגט ער נעמען איינטענה'ן מיט דעם צענזאָר — דאָס וואָס מען טאָר ניט, וועל איך ניט שרייבן, און דאָס וואָס א י ך שרייב, מעג מען לכל הדעות. דערביי פלעגט ער פאַר'ן צענזאָר אָנוואַרפן גאַנצע בערג סעיפים פונ'ם רוסישן קאָדעקס, דאָס ער פלעגט אים ממש, פאַרטומלען. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך שפּעט אין דער נאַכט אַריינרייסן צום צענזאָר מיט אַ ליאַרים: סטייטש אויף וועלכן סמך האָט איר אויסגעשטראָכן יענע און יענע כשר'ע פראַזע? ווי אַזוי פועל'ט מען דאָס גאָר ביי זיך אָפּצונעמען ביים צווייטן דעם לשון? איר האָט דאָס געוויס געטאָן לויט דעם און דעם פּאַראַגראַף: אויב אַזוי, טאָ קוקט זייט מוחל, נאָך אַמאָל איבער, וועט איר זעען, אַז איר האָט זיך טועה געווען אין זיין כונה. א. א. וו; א. א. וו. אויף דעם אופן פלעגט זיך צעדערבוימען אָפט איינגעבן אָפּצושרייען און אַרויסצוראַטעווען די אָדער יענע פראַזע, וועלכע זיינען שוין געוועסט געווען איבערגעצויגן מיט דעם באַוואוסטן רויטן בליישטיף.

אין פּעטערבורג פלעגן אַרומגיין גאַנצע פּעק אַנעקדאָטן וועגן צעדערבוימס קאָנפליקטן מיט די צענזאָרן. וויפיל מאָל האָט געטראָפן, דאָס דער צענזאָר האָט געהייסן אַרויסוואַרפן אַ וועלכע ס'איז שורה פון בלאַט, און צעדערבוים האָט אים ניט געהערט און האָט די שורה איבערגעלאָזן. אויף מאָרגן האָט דער צענזאָר

געוויינליך געמאַכט אַ „יעלה" און האָט די זאַך איבערגעגעבן דער הויפּט=פאַרוואַלטונג פאַר די ענינים פון צענזור. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט צעדערבוים זיין זעער צופרידן. ער פלעגט דערביי זאָגן: איידער האָבן צו טאָן מיט די עם=האַרצישע משומדימלאַך (כמעט אַלע פּעטערבורגער צענזאָרן זיינען געוועזן געטויפטע יידן), וואָס באָר אַ דאַנק דער „טבילה" זיינען זיי „פּוסקים" געוואָרן, וויל איך בעסער, אַז איך זאָל משפּט'ן אַ גאון, אַן אמתער „מרא דאתרא" און אין אמת'ן פלעגט צעדערבוים מיט די העכערע אינסטאַנצן גיכער דורכקומען ווי מיט די נידעריקע. אין דער הויפּט=פאַרוואַלטונג פלעגט ער זיך אַריינלאָזן אָנגעוואָפנט מיט זיין גאַנצער ערודיציע אין הלכות צענזור, און פלעגט דאָרטן אַלעמען, ממש, פאַרדולן די מחות, באופן, אַז מ'האָט קוים דערלעבט אָפּצוטשעפּן זיך פון אים. כמעט תמיד האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון אַ וועלכער ס'איז שטראָף; אים ערגסטן פאַל פלעגט ער באַקומען אַ פאָרוואורף, און ווען ניט ווען אויך אַ התראה, אויף להבא, אַז דאָס זאָל מער ניט געטאָן ווערן. צעדערבוים פלעגט אָבער וועניק=וואָס נתפעל ווערן פון די פאָרוואורפן מיט די התראות, און פלעגט ער נאָר געפינען, אַז דער אָדער יענער געדאַנק מוז אַרויסגעזאָגט ווערן, האָט ער אויף גאָרנישט געקוקט און האָט אים אַרויסגעזאָגט.

נאָך די ערשטע פּאָגראָמען האָבן אין „המליץ" אָנגעהויבן אָנצוקומען קאָרעספּאָנדענציעס פון די פאַרשיידענע דרום=רוסישע שטעט און שטעטלאַך מיט אויספירליכע באַשרייבונגען וועגן די שרעקליכע געשעהענישן, דורך וועלכע עס זיינען צערואינירט געוואָרן צענדליקע טויזנטע יידישע פאַמיליעס. דאַן האָט צעדערבוים באַקומען אַן אָנזאָג פון דער צענזור מקצר צו זיין ווי ווייט מעגליך די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס און, באַזונדערס, ניט אַרויסצושטעלן די מפורש'ע נעמען פון די ערטער און פון די פערזאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די רציחות און רויבערייען. גיין אַנטקעגן דער צענזור — דאָס האָט צעדערבוים ביי זיך ניט געפּועל'ט, ווייל ס'איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר ניט בלויז פאַר זיינע בלעטער, נאָר אויך פאַר זיין פּערזענליכער

פרייהייט. פון דער אַנדער זייט אָבער האָט ער ניט געוואָלט פאַרשווייגן די יידישע צרות און דערשטיקן די יידישע טרערן. אים איז געגאַנגען, פאַרקערט, די פּאָגראָמען וואָס מער פרסום צו מאַכן, זאָל די גאַנצע וועלט וויסן ווי עס האַלט מיט יידן אין רוסלאַנד. אָט איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה, און האָט אָנשטאָט „רוסלאַנד" אָנגעהויבן צו שרייבן „רומעניע". די קיעווער מעשים, למשל, זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין בוקאַרעשט, די יעליסאַוועטגראַדער — אין יאַסי, און אַזוי ווייטער אויף דעם אופן. דער לעזער האָט אפילו גאַנץ גוט פאַרשטאַנען וועגן וואָס און וועגן וועמען עס רעדט זיך, אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אַז רומעניע איז פאַר יידן אַ גיהנום, אַז אין רומעניע זיינען יידן ניט זיכער מיטן לעבן, אַז די רומענישע אַנטיסעמיטישע רעגירונג שניידט טעגליך אכזריות'דיק אונטער די יידישע דערנערונגס־צווייגן, באַרויבט די יידן יעדע מעגליכקייט צו בילדן זייערע קינדער, און צווינגט זיי אַזוי אַרום אויסצוּוואַנדערן פון לאַנד. אָט אַזוי האָט צעדערבוים געמאַכט רומעניע אַלס דעם שעיר לעזאזל פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר מיט יידן אין רוסלאַנד. אַ געוויסע צייט איז די המצאה איינגעגאַנגען, ווייל אין רומעניע האָבן זיך דאַמאָלסט יידן באמת געפונען אין אַ גאַנץ שווערן מצב; באַזונדערס אַנאַלאָגיש איז די לאַגע פון די רומענישע און רוסישע יידן געווען לויט דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון די רעגירונגען אין די ביידע לענדער. אָבער סוף־סוף האָט מען פון איינצעלנע רומענישע שטעט אָנגעהויבן כסדר אָפּצולייקענען די פאַקטן, וואָס ווערן וועגן זיי דערציילט אין צעדערבוימס בלעטער. אַגב האָט זיך דאַן געפונען אַ צענזאָר אַ געשמד'טער ייד, ראַפּאָפּאָרט האָט ער געהייסן, וועמען די זאַך איז אויפפאַלנדיק געוואָרן און האָט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. באַלד איז אַהין איינגעלאַדן געוואָרן צעדערבוים, וועלכער האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת, זאָגנדיק דערביי, אַז אַלס רעדאַקטאָר פון צייטונגען, וועלכע דאַרפן שטיין אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן, האָט ער זיך ניט געקאָנט לאָזן פאַרשטאָפּן דעם מויל און האָט געמוזט זוכן אַ מיטל יוצא צו זיין פאַר

בײדן: אי פאַר יידן אי פאַר דער מאַכט. די הויפּט=פאַרוואַלטונג האָט אָנגענומען צעדערבוימס התנצלות, און האָט אים אָבער פאַר= באָטן אויף להבא צו פאַרעפנטליכן אין זיינע בלעטער שקרים וועגן א „פריינדליכע, שכנישע מדינה״. צעדערבוים האָט זיך באַין ברירה געמוזט אונטערגעבן, אָבער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם איז נאָך זיין המצאה פּיל אויסגענוצט געוואָרן, ניט אין דער זשורנאַליסטיק, נאָר אין דער ליטעראַטור. איינינגע פאַרפאַסער פון ערציילונגען פונ׳ם יידישן לעבן אין רוסלאַנד, פלעגן אויס מורא פאַר דער צענזור שרייבן אויפ׳ן שער-בלאַט: „פונ׳ם יידישן לעבן אין רומעניע״.

אין די ערשטע צייטן פון חבת=ציון, איידער די

ביי׳ם רעדאַקטאָר פון „השחר״.

(פּרץ סמאָלענסקין).

א.

נאָך זיצנדיק אויפ׳ן באַנק פון דער וואָלאָזשינער ישיבה — כ׳בין דאַמאָלסט געווען אַ יינגל פון אַ יאָר דרייצען־פערצן — האָב איך מיך שוין אויפגעשריבן מיט דעם רעדאַקטאָר פונ׳ם העברעאישן חדש־זשורנאַל „השחר״, פּ ר ץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן . כ׳האָב דאַן נאָר אָקאָרשט־וואָס אָנגעהויבן צו לייענען בגנבה העברעאישע השכלה־ביכלאַך, און איינער פון די ערשטע ספרימלאַך, וועלכע זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט, איז געווען סמאָלענסקינס ראָמאַן „קבורת־חמור״, וואָס האָט מיך, ממש, באַצויבערט. פון יעמאָלט אָן איז סמאָלענסקין געוואָרן מיין אידעאַל, וועגן וועלכן איך האָב כסדר געקלערט טאָג און נאַכט. די ישיבה האָט ביי מיר פאַרלאָרן איר חן, און כ׳האָב גענומען טראַכטן וועגן סטודירן. אָט אויף ד ע ר טעמע בין איך אַריין אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט סמאָלענסקינען. דער סוף איז געווען, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך געקומען צו אים קיין ווין.

מיין ערשטער וויזיט ביי סמאָלענסקינען איז אויסגעקומען דעם ערשטן טאָג שבועות נאָכמיטאָג. דער איינדרוק, וואָס דער דאָזיקער באַזוך האָט אויך מיר געמאַכט, איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס ער איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון ביז׳ן היינטיקן טאָג. כ׳וועל מיך פּרובן, וויפיל דאָס וועט מיר מעגליך זיין, איבערצוגעבן עס אויפ׳ן פּאַפּיר.

מיין אויפגערעגטקייט און מיין האַרצקלאַפּונג, וועלכע האָבן זיך געשטאַרקט אַלץ מערער און מערער וואָס נעהענטער איך בין צוגעגאַנגען צו סמאָלענסקינס וואוינונג — דאָס צו שילדערן וועל איך מיר גאָר ניט פּרובן, ווייל גאַנץ אומזיסט וועט זיין מיין מיה. ענליך צו מיין נערוויאישער שטימונג אין יענע מינוטן פילט, אפשר, דער מענטש, וואָס באַטרעט צום ערשטן מאָל דעם שוועל פון קדשי־קדשים. גענוג וועט זיין ווען איך וועל זאָגן, דאָס אין דעם מאָמענט, ווען די דינסט איז מיר אַרויס אַנטקעגן און האָט מיר געזאָגט, אַז „דער הער איז ניטאָ צו הויז״, האָט זיך אַראָפּגעקייקלט ווי אַ שווערער שטיין פון מיין האַרצן. אָבער סמאָלענסקיס פרוי, וועלכע איז געזעסן אין עס־צימער און האָט דערהערט מיין שטים, איז אַרויס און האָט מיך אַריינגעבעטן אין צווייטן צימער זאָגנדיק דערביי, אַז אי״ר מאַן דאַרף די מינוט קומען. אין יענעם צימער—דאָס איז געווען סמאָלענסקינס קאַבינעט—האָב איך געפונען זיצן דריי מענטשן: צוויי יינגערע און איינער אַן עלטערער. ווי ס'האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזן זיינען דאָס געווען: די באַוואוסטע סאָציאַליסטישע עסקנים אהרן שמואל ליבערמאַן און לייזער צוקערמאַן, און דער מיסיאָנער י. זאַלקינסאָן, וועלכער איז באַקאַנט אין דער העברעאישער ליטעראַטור אונטער דעם פּסעוודאָנים י״ע״ס אַלס זעלטענער סטיליסט און איבערזעצער פון אייניקע שעקספּירס ווערק.

בעת איך בין אַריין אין סמאָלענסקינס קאַבינעט, זיינען יע״ס מיט ליבערמאַנען געזעסן און געשפּילט אין שאָך, און צוקערמאַן איז געשטאַנען לעבן זיי און האָט באַטראַכט דאָס שפּיל. יע״ס האָט נאָכאַנאַנד געקנייטשט דעם שטערן, געבראָכן דעם מוח, און פאַר יעדער גאַנג האָט ער עטליכע מינוטן געקלערט. ליבערמאַן, פאַרקערט, האָט געשפּילט זייער לייכט און שנעל, האָט פאַרטריבן דעם שונא פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, האָט אַוועקגעלעגט די „רייטער״ איינציקווייס, האָט געפאַנגען גענומען דעם „לויפער״ און האַלט שוין ביים נעמען די „מלכה״; בשעת מעשה זינגט ער זיך אונטער אַ מעלאָדיע פון אַ געוויסער אַריע און פאַרענדיקט מיט די קלאַנגען פון „כל נדרי״...

יע״ס האָט זיך טועה געווען אין אַ גאַנג און האָט זיך אַזוי פאַר־פלאָנטערט, דאָס ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַרויסצודרייען זיך. דערקענענדיק זיין טעות איז ער שטאַרק דענערווירט געוואָרן, האָט געוואָלט חרטה האָבן אויף זיין לעצטן גאַנג. ליבערמאַן האָט זיך אפילו אַ פריער געלאָזט בעטן, אָבער נאָכהער האָט ער מסכים געווען מיט׳ן תנאי, אַז אויף די ווייטערדיקע גענג זאָל ער פיל ניט טראַכטן. יע״ס׳ן איז אָבער שווער געווען אָנצונעמען דעם תנאי, און ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. ליבערמאַן האָט דער־ווײלע אַראָפּגענומען די אויגן פון שאָך־ברעט און האָט זיך אָפּ־גערופן צו צוקערמאַנען:

— פונקט אַזאַ שטייגער האָט זיך געהאַט אונזער אַ ר אָ נ ס אָ ן. בעת מיר זיינען געזעסן צוזאַמען אין דער בער־לינער מאַאַביטער טורמע און פלעגן אַמאָל שפּילן אין שאָך, האָט ער זיך אויך געהאַט דעם מנהג אָפּגיין אַ גאַנג און תיכּף חרטה האָבן, און דעראיבער האָט זיך כמעט קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז מיר זאָלן פאַרענדיקן דאָס שפּיל, וואָרום באַלד אין אָנהויב אָוונט פלעגט קומען דער אויפזעער און פלעגט אונז פונאַנדער־טיילן. איינמאָל האָט ביי מיר געפּלאַצט דאָס געדולד, איך האָב געכאַפּט די פיגורן און אַ שליידער געטאָן זיי אויף דער ערד, וואו זיי האָבן זיך צושאָטן אויף ברעקלאַך.

— ווייל דאָס זיינען ניט געווען קיין הילצערנע אָדער שטיינערנע פיגורן — האָט ליבערמאַן מוסיף געווען גאָך אַ קלייבער פּויזע.

דערביי האָט ליבערמאַן דערציילט, אַז זיצנדיק אין טורמע האָט ער אויסגעאַרבעט די פיגורן פון זיין חלק ברויט, וואָס מ׳פלעגט אים אַלע טאָג אַריינטראָגן. שטיקער פון ברויט האָט ער צוברעקלט און איינגעווייקט די ברעקלאַך אין שוואַרצע קאַווע, ביז זיי זיינען געוואָרן ווייך ווי אַ טייג, און דאַן האָט ער פון דעם אויסגעפורעמט שאָך־פיגורן, וואָס לייט פלעגן זיך ניט קענען אָפּוואונדערן פון זייער עכטקייט. אַז די פיגורן פלעגן מיט דער צייט פאַרטריקנט ווערן און פלעגן זיך נעמען ברעקלען און צושיטן, פלעגט ער זיי איבעראַרבעטן אייף אַנדערע, נייע.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר, און איך בין אינגאַנצן ווי אויפגעציטערט געוואָרן. ס'איז אַריין סמאָלענסקין און נאָך אים אַן אַלטער לאַנג־געקליידעטער מאַן מיט אַ פּנים געל ווי אַ וואַקס. דער אַלטער איז געווען דער ראש־ישיבה פון יענער שקלאָווער קלויז, וואו סמאָלענסקין האָט אין דער יוגנט געלערנט, און וועלכער ער האָט פאַראייביקט אין זיין באַקאַנטער ערציילונג „התועה". ער האָט געליטן אויף אַ מאַגן־ראַק און איז געקומען קיין ווין צו באַראַטן זיך מיט דאָקטוירים, און איצטער האָט ער זיך דאָס צוריקגעקערט צוזאַמען מיט סמאָלענסקינען פון דעם אין יענער צייט וויט און ברייט באַרימטן פּראָפעסאָר בילראָט.

איך האָב מיר געמאַכט מוט און בין צוגעגאַנגען צו סמאָלענסקינען און ווי שטאַמלענדיק האָב איך מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, ניט קענענדיק ריידן ווייטער קיין וואָרט. אַזוי אויפגערעגט בין איך אין יענעם מאָמענט געווען. סמאָלענסקין, וועלכער האָט, קענטיק, גערעכנט, אַז איך שעם מיך מיט אים צו רעדן אין דער געגנוואַרט פון פרעמדע, אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיינע געסט און איז מיט מיר אַרויס אין באַגעגנטן זאַל. דאָרטן האָב איך סמאָלענסקינען אויספירליכער דערקלערט דעם צוועק פון מיין קומען קיין ווין, וועלכער איז אים שוין פריער געווען באַקאַנט פון מיינע בריוו. דערנאָך זיינען מיר ביידע צוריק אַריין אין זיין קאַבינעט.

— כ'האָב דעם כבוד פאָרצושטעלן פאַר אייך מיינע הערן — האָט זיך סמאָלענסקין אָפּגערופן צו די געסט — מיין רבי'ן וועמענס שיעור כ'האָב געהערט אין דער יוגנט, בעת כ'האָב געלערנט אין שקלאָווער ישיבה. ער איז דאָס דאַמאָלסט געווען יענער ראש־ישיבה, פאַר וועלכן איך האָב אַזוי מורא געהאַט.

— אָבער ניט יענער ראש־ישיבה דער „פערד־גנב", וועלכן דו האָסט אָפּגעמאָלט אין דיין „תועה", — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן אונטערשמייכלענדיק דערביי.

— און אָט דער יונגערמאַן — האָט סמאָלענסקין ווייטער געזאָגט פאָרשטעלנדיק מיך פאַר די אָנוועזנדע — איז אויך געקומען פון אַ ישיבה, פון דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. דער־

צו דאַרפט איר וויסן, רבותי, אַז דאָס איז איינער פון אונזערע העלדן, אַ העלד, וואָס איז געווען גערודפ׳ט פון פאַנאַטיקער פאַר זיין שטרעבן צו ליכט.

איך דערמאָן מיך, אַז יע״ס האָט אויף אַ סעקונדע אָראָפּגענומען די אויגן פון שאַך־ברעט, האָט אויף מיר אַ וואָרף געטאָן אַ שאַרפן בליק און זיך תיכף פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. ס׳קען זיין, אַז זיין כונה איז געווען צו לייענען אויף מיין פנים אויב איך בין ניט פון יענע „נרדפים״, וועלכע זיינען פאַסנדיקע קאַנדידאַטן צום ש מ ד. צוקערמאַן האָט אָפּגעמאָסטן מיך מיטן אַלטן ראש־ישיבה מיט א י י ן בליק, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויסגעדריקט בטול און פאַרביטערונג, און ליבערמאַן האָט אַ זאָג געטאָן מיט׳ן באַוואוסטן נגון פון „איכה״: „תשתפכנה אבני־קדש בראש כל חוצות״ (עס וואַלגערן זיך הייליקע שטיינער אין די גאַסן) האָט מיטליידיק אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ, און דערנאָך האָט ער אויסגערופן מיט געפיל:

— די ישיבות פון וואָלאָזשין, פון דער־מיר און אַלע אַנדערע עסן אויף אונזערע בעסטע קרעפטן און פייהיגקייטן, די יידישע יוגנט ווערט דעגענערירט און באַגראָבן לעבעדיקערהייד אין די דאָזיקע מדבריות, וואו זיי האָבן ניט קיין טוי און ניט קיין זונענשיין. מ׳גרינדעט ביי אונז אַנשטאַלטן צו לערנען תורה, אָבער די תורה פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ און דעם מוח און טויט אָפּ יעדע פרישע שפּראָצונג. מיר דאַרפן אַזעלכע אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן אונז ערציהען מענטשן שטאָלצע מיט אויפגעהויבענע קעפּ, וועלכע זאָלן באַזיצן דעם נויטיקן מוט און די געהעריקע קראַפט צו קעמפן קעגן דעם דעספּאָטישן רעזשים און די הערשנדיקע פעאָדאַלע לעבנסאָרדענונגען. איך האָב אַמאָל געמאַכט אַ פּרוב אפשר וועט זיך מיר איינגעבן צו באַפרייען די דאָזיקע אומגליקליכע נפשות פון די פינסטערע אַנשטאַלטן. בשעת כ׳האָב פאַרעפנטליכט מיין אויפרוף „צו די יידישע בהורים״, האָב איך דורך איינעם פון אונזערע חברים געשיקט אַ צאָל עקזעמפּליאַרן צו פאַרשפּרייטן זיי צווישן די וואָלאָזשינער ישיבה־לייט. איך האָב געהאָפט, אַז די שאַרפע ווערטער פון דעם אויפרוף וועלן אויף זיי מאַכן אַ רושם, וועלן אַריינדרינגען

אין זייער האַרצן און אויפעפענען זיי די אויגן צו דערקענען דעם ריכטיקן וועג, אויף וועלכן זיי דאַרפן גיין. ס'זיינען אַריבער וואָכן און חדשים, און פון וואָלאָזשין האָב איך קיין תשובה ניט באַקומען.

דאָ האָב איך מיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך און האָב מיך אָפּגערופן:

— ס'קען זיין, אַז די אויפרופן זייבען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ראש־ישיבה, און ער האָט זיי פאַרהאַלטן ביי זיך. אַזוי איז שוין שטענדיק זיין שטייגער צו קאָנפיסקירן יעדעס בוך און יעדע צייטונג, וועלכע קומען אָן אויפ'ן אַדרעס פון די ישיבה־לייט.

— ניין, ניין! — האָט ליבערמאַן אויסגערופן מיט אַ באַזונדער פעסטיקייט — מיר איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די ישיבה־לייט האָבן יאָ ערהאַלטן דעם אויפרוף. אַ באַזונדער מענטשן האָט מען אויסגעריכט פון ווילנע קיין וואָלאָזשין, און דער מענטש האָט זיך צונויפגערעדט מיט איינעם פון די בחורים, אַז שפּעט ביי נאַכט, ווען קיינער וועט שוין אין דער ישיבה ניט זיין, זאָל ער אַריינלעגן אַן עקזעמפּלאַר פון אויפרוף אין יעדער גמרא. דער בחור האָט אַזוי געטאָן, און אויף מאָרגן פרי האָבן אַלע ישיבה־לייט געפונען די אויפרופן איטליכער אין זיין גמרא. זיי האָבן אָבער דעם אויפרוף אין אַכט ניט גענומען; זאָל דאָס זיין פון אידיאָטישקייט אָדער אויס מורא, — ווער ווייסט? איך געדענק, אַז נאָר פון איינעם האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו מיט אַ טפשות'דיקער אָנפראַגע, צי דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן אין אויפרוף: „הויבט אויף די רויטע פאָן“, מיינט מען עס די פאָנעס, וועלכע די קינדער טראָגן אום שמחת־תורה, אָדער אַנדערע. אָט דאָס איז דער דרך פון דער תורה, פון אַ יי ע ר תורה! — האָט ליבערמאַן פאַרענדיקט מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג ווענדנדיק זיך צו סמאָלענסקינען.

— גאַנץ ריכטיק! גאַנץ ריכטיק! — האָט אויף דעם סמאָלענסקין געענטפערט אין אַ ביסל אַן אויפגערעגטן טאָן — אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אונזער תורה, אַז זי שטעלט זיך אַוועק ווי אַן אייזערנע מויער קעגן יעדער צעשטערנדיקער טעאָריע.

ווי מיט העק אין די הענט אַזוי קומט איר צוצעברעכן און צוצע־שטעכן די לעבנס־אָרדענונגען. אָבער דאָ שטויסט איר זיך אָן אָן אונזער תּורה, וועלכע האַקט אייך איבער דעם וועג און לאָזט אייך ניט פאַרווירקליכן אייערע געדאַנקען. לויט'ן ביבלישן עפּיטעט איז אונזער תּורה אַ „לעבנס־בוים", דאָס הייסט, אַ תּורה פון בוי'ען און ניט פון פונאַנדערוואַרפן. אין דעם אָרט, וואו עס געפינען זיך נאָר די לומדי־תּורה, דאָרטן וועט איר שוין קיינמאָל קיין שליטה ניט האָבן!

און סמאָלענסקין האָט אָפּגעלייענט אַ גאַנצן קאַפּיטל וועגן דער באַדייטונג פון דער תּורה אין דער געשיכטע פונ'ם יידישן פאָלק אין אַלע צייטן און עפּאָכן, וואָס עס האָט איבערגעלעבט. ליבערמאַן האָט אים געפּרובט איבעררייסן און טענה'ן אַנטקעגן; דאָס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן, ווייל סמאָלענסקין האָט די רייד אין אַכט ניט גענומען און האָט ניט אויפגעהערט צו אַנטוויקלען זיינע אָנשויאונגען. פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן זיין שטימונג געהויבענער, זיין התלהבות איז געוואַקסן און דער מויל האָט געשפּראָדלט אַלץ נייע און נייע געדאַנקען. ער איז איבערגעשפּרונגען פון דור צו דור און פון איין פּראָבלעם צום אַנ־דערן. רייידנדיק האָבן זיינע גרויסע און שוואַרצע אויגן געברענט ווי פאַקלען. ס'איז שוין אַריבער העכער אַ שעה און סמאָלענסקין האָט אַלץ גערעדט. דער היסטאָריקער איז געוואָרן אַ טריבון, אַ נביא.

יע"ס האָט זיך אָפּגעקערט פון שאַך־ברעט און האָט זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט. צוקערמאַן האָט פאַרצויגן אַ זויערע מינע, האָט פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ, און האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק ווי ער וואָלט געזעסן אויף קוילן. ליבערמאַן איז געזעסן די גאַנצע צייט און האָט געשמייכלט; ס'איז אָן אים קענטיק געווען, אַז ער איז אין האַרצן מבטל אַלץ, וואָס סמאָלענסקין האָט דאָ געזאָגט. נאָר אויפ'ן פאַרמעטענעם פּנים פונ'ם אַלטן ראש־הישיבה האָט זיך אויסגעגאָסן אַ ליכט־שטראָם פון גייסטיגן פאַרגעניגן.

בעת סמאָלענסקין האָט געענדיקט ריידן, האָט זיך ליבער־מאַן אָפּגערופן גאַנץ רוהיק:

— ניט איצטער איז קיין צייט פאַר דיסקוסיעס, און בפרט ווען די דיסקוסיעס פירן צו גאָרנישט. מיר האָבן שוין דיספּוטירט וויפיל מאָל, און ס'איז דערפון גאָרניט אַרויסקומען; יעדער פון אונז איז געבליבן ביי זיין מיינונג. נאָר איין זאַך בין איך אייך מחויב צו זאָגן קורץ: ניט מיר צעשטערן, נאָר מיר בויען; מיר בויען דאָס קעניגרייך פון דער צוקונפט.

אָבער ליבערמאַן האָט אויך קיין וואָרט ניט געהאַלטן. גע־זאָגט האָט ער, אַז ער וועט ריידן קורץ, און צום סוף האָט ער גערעדט כמעט אַזוי לאַנג ווי סמאָלענסקין. פון וואָרט צו וואָרט איז ער אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שטאַרקן געדאַנקן־שטראָם; פון מינוט צו מינוט האָט ער גערעדט אַלץ מיט מער טעמפּעראַמענט און אויך געבליצט מיט פּערלדיקע איינפאַלן. די פּרטים פון זיינע רייד האָב איך שוין פאַרגעסן; איך געדענק נאָר, אַז ער האָט זיך געסטאַרעט אויפצווייזן מיט ראיות פון דער ביבל און פון תּלמוד, אַז די הויפּט־פּרינציפּן פון מאַרקסיזם געפינען זיך אין תּורת־משה, און אַז בשעת יידן זיינען געזעסן אין זייער אייגן לאַנד, האָבן זיי איינגעאָרדענט זייער לעבן נאָר אויפ'ן יסוד פון די דאָזיקע פּרינציפּן.

— איך האָב געדאגה'ט — האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער ראש־הישיבה, — אַז דאָ אין דער פּרעמד וועל איך מוזן פאַר־ברענגען שבועות אָן דברי־תּורה. ערשט איך זע אַצונד דאָס, אויף וואָס איך האָב מיך ניט גערי‏כט: יידן לומדים זיינען זיך מתווכח אין תּורה, ברענגען ראיות פון ש"ס און פון פּוסקים.

— רבי — האָט סמאָלענסקין אַ פרעג געטאָן דעם אַלטן — איר געדענקט נאָך דעם פּלפּול, וועלכן איר האָט אַמאָל געזאָגט פאַר אייערע ישיבה־בחורים דעם ערשטן טאָג שבועות נאָכמיטאָג?

דער אַלטער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, האָט עפּעס געניסטערט אין זיין זכרון, און האָט זיך אָבער גאָרנישט דערמאָנט.

— און איך האָב דאָס ניט פאַרגעסן ביז אויפ'ן היינטיקן טאָג —

האָט געזאָגט סמאָלענסקין מיט התפעלות — אייער פלפול האָט איר דאַן געבויט אויף דער מימרא, וואָס געפינט זיך אין מסכת פסחים: „אי לאו ההוא יומא כמה יוסף איכא בשוקא!״ (ווען ניט יענער טאָג, וויפיל יוסף׳ס זייַנען דאָ אין מאַרק).

— און איך געדענק וועגן דעם נאָך אַ קלייַנעם פּרט! — האָט סמאָלענסקין מוסיף געווען באַטראַכטנדיק דערבייַ שאַרף דעם אַלטן.

— א י ך געדענק לחלוטין גאָרנישט — האָט געזאָגט דער אַלטער — ס׳איז שוין א מעשה העכער צוואַנציג יאָר; כ׳בין שוין אַלט און קראַנק, און דער קאָפּ איז שוואַך. זאָג נאָר, פּרץ, וואָס געדענקסט דו?

— איך געדענק—האָט געזאָגט סמאָלענסקין — ווי כ׳בין דאַן אויפגעשפּרונגען פון מייַן אָרט און פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז די „תורה״, וואָס איר האָט פאַר אונז געזאָגט, איז ניט אייערע, נאָר איר האָט זי אַרויסגענומען פון ר׳ שאול קאַ־צענעלענבויגענס הגהות אויף ש״ס און אָנגעגעבן פאַר אייערע אַן אייגענע.

סמאָלענסקינס עראינערונג האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיי־נעם געלעכטער. געלאַכט האָט אויך דער אַלטער, און האָט גע־זאָגט:

— דו ביסט נאָך פאַרבליבן, פּרץ, דערזעלביקער קונדס, וואָס דו ביסט אַמאָל געווען אין שקלאָוו.

סמאָלענסקין האָט אַרויסגענומען פון זייַן שרייַב־טיש א קלייַנע קעסטעלע מיט שייַנע ציגאַרן, און האָט געזאָגט:

—די דאָזיקע ציגאַרן שטאַמען פון גרויסן יחוש. איך האָב זיי ער־האַלטן דעם פאָריגן פורים אַלס שלח־מנות פונ׳ם פּרעדיקער ד״ר יעלינעק, וועלכער האָט זיי אויך יענעם טאָג באַקומען אַלס גע־שאַנק פון באַראָן ראָטשילד.

סמאָלענסקין האָט דערלאַנגט אַ ציגאַר ליבערמאַנען זאָגנדיק דערבייַ מיט אַ שמייכל:

— נעמט איידער איר וועט מאַכן קאָמונע מיט ראָט־שילדן.

— איר האָט אַ טעות, במחילה — האָט זיך אָפּגערופן לי־בערמאַן נעמענדיק דעם ציגאַר — מיר זייַען ניט קיין קאָמוניסטן.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז סמאָלענסקין האָט דעם מאַרק־סיזם ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען, און פלעגט תמיד האָבן דעם טעות צו פאַרבייטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף קאָמוניסטן.

יע״ס האָט אויך גענומען אַ ציגאַר און האָט דערביי געזאָגט:

— קודם כל מוז די מענשהייט האָבן אַ גאָט!

נאָר צוקערמאַן איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך אפילו ניט אָנגערירט אין די ציגאַרן. די גאַנצע צייט איז ער גע־זעסן אומעטיק און פאַרצאָגט.

איך דערמאָן מיך אָן דעם קליינעם פאַקט:

סמאָלענסקין האָט אָפּגעזאָגט אויף אויסווייניק גאַנץ „אקדמות“ מיט'ן געוויינלעכן, סקאַרבאָוון ניגון. דערנאָך האָט אונז ליבער־מאַן געמאַכט אַ איבעראַשונג: ער האָט אויך אָפּגעזאָגט אויס־ווייניק „אקדמות“, אָבער ניט כסדר פון אָנפאַנג ביז'ן סוף, נאָר פאַרקערט, פון סוף ביז'ן אָנפאַנג...

יידישע עלוויים.

ב.

דער חדש־זשורנאַל „השחר“ וואָס סמאָלענסקין האָט אָנ־געהויבן אַרויסצוגעבן אין די לעצטע זעכציקער יאָרן, איז געווען אין „איסטערלישע געשעהעניש“ אינם לעבן פון יענער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך ניט געלאָזן אַרייַנציהען אין דעם אַסימילאַטאָרישן שטראָם און האָט זיך אויפמערזאַם צוגעהערט צו דעם העברעאישן וואָרט. אין די רייהען פון דער אָרטאָדאָקסי־שער יוגנט, וועלכע האָט זיך ערצויגן אין די ישיבות און די בתי־מדרשים, האָט דער „שחר“ אַרייַנגעטראָגן ממש אַ רעוואָלוצ־יאָנערע איבערקערעניש. איטליכס ביכל „שחר“ וואָס פלעגט אַרייַנ־פאַלן אין די הענט פון אָט דער דאָזיקער יוגנט, איז געווען ווי אַ ברענענדיקע שוועבעלע אין אַ פולווער־פאַס... דער „שחר“ האָט רעוואָלוציאָנירט די מחות, האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער

די אַלטע מיט'ן טראַדיציאָנעלן שימל פאַרוואַקסענע געדאַנקען, און האָט אָנשטאָט זיי אַרויסגערופן צום לעבן שפּראָצונגען פון נייע מחשבות. דער „שחר" האָט אַריינגעבראַכט קוואַלן פון ליכט אין די פאַרוואָרפנסטע פינסטערע יידישע געסלאַך, האָט גערעטע-וועט פון גייסטיקער דעגענערירונג טויזנטער באַגאַבטע יונג-לייט, וואָס האָבן געהאַלטן צו פאַרברויכן זייערע גלענצעדיקע פעהיג-קייטן אויף אוממשות'דיקע תכליתים.

און דאָס איז געווען די ווירקליכע סבה פאַרוואָס די אָפּ-געשטאַנענע, פאַנאַטישע עלעמענטן, די אָפּהיטער פונ'ם טראַדי-ציאָנעלן יידנטום, האָבן אויסגעגאָסן זייער צאָרן באַזונדערס אויפ'ן „שחר" און האָבן אים געיאָגט און גערודפ'ט מערער פון אַלע אַנדערע העברעאישע „טריף-פסל'ען". ווינד און וויי איז גע-ווען דעם ישיבה-בחור, וועלכן מ'האָט געכאַפּט לייענענדיק אַ ביכל „שחר". אויסער פעטש און קלעפּ מכל המינים, וועלכע ער האָט באַקומען „ביד נדיבה", האָט מען נאָך אים אָנגעטאָן די געבּרענט-סטע ליידן, מ'האָט ביי אים אָפּגענומען די „טעג" און אַמאָל אויך אַרויסגעטריבן פון דער ישיבה. ניט ווייניקער צרות פלעגן האָבן פון זייערע אָרטאָדאָקסישע עלטערן אויך די בעלי-בתישע בחורים, וועלכע מ'האָט געפּאַקט מיט אַ ביכל „שחר".

די דאָזיקע אַלע רדיפות האָבן אָבער דאָס רוב געבראַכט דוקא צו אומגעקערטע רעזולטאַטן. די גערודפ'טע פלעגן זיך וואַרפן אויף די ביכלאַך „שחר" נאָך מיט מער דאָרשטיגקייט און מיט מער ברען. וויפל די ראש-ישיבות מיט די משגיחים מיט די מנהלים האָבן זיך ניט געלאָזט קאָסטן קיין כחות און קיין מיטלען צו פאַרטרייבן דעם „שחר" פון זייער גבול, האָט זיך דאָס זיי ניט איינגעגעבן. דורך איין טיר האָבן זיי דעם „שחר" פאַריאָגט, און דורך זיבן טירן איז ער אַריין, און אינגאַנצן יידישן תחום איז ניט געווען קיין קלויז און קיין ישיבה, וואָהין סמאָלענסקינס זשורנאַל האָט זיך ניט דורכגעבראָכן קיין וועג. די יוגנט האָט זיך געקליגט און באַנוצט מיט אַלערליי המצאות און איינפאַלן צו פאַרבלענדן די אויגן פון די שומרים, און האָט געלייענט דעם

„שחר" א ו י ף דער גמרא און א ו נ ט ע ר דער גמרא, איז אָפּגעזעסן
איבער אים גאַנצענע נעכט און געשלונגען אים וואָרט פאַר וואָרט ...

דעם מאָדערנעם העבּרעאישן לעזער, וועלכער איז שוין גע=
וואוינט צו פיל בּעסערע און צו ערנסטערע זשורנאַלן, וועט געוויס
פאָרקומען אומבּאַגרייפליך דאָס, וואָס מענטשן האָבּן זיך פאַר'ן
„שחר" אַזוי מוסר נפש געווען. פון דער אַנדער זייט וועט דער=
זעלבּיקער לעזער קוים קענען פאַרשטיין די סבּה, פאַרוואָס אַזאַ,
אין פלוג, גאַנץ אומשולדיקער זשורנאַל ווי דער „שחר" איז מיט
אַזאַ צאָרן און פאַרבּיטערונג גערודפ'ט געוואָרן. דער פאַקט בּלייבּט
אָבּער אַ פאַקט, אַז בּיי די דאַמאָלסטדיקע יראים פון זייער זייט
איז דער „שחר" געווען גערעכנט פאַר אַ „טומאה" וואָס ציט איר
גיפטיקע יניקה פון דער סטרא אחרא, קעגן וועלכער מ'דאַרף
קעמפן, און אַז די דאַמאָלסטדיקע יוגנט פון איר זייט האָט גע=
האַלטן דעם „שחר" פאַר אַ מין „קדושה", צו וועלכער מ'דאַרף
זיך בּאַציען מיט גרויס פּיעטעט און מיט הייסער ליבּע.

און די דאָזיקע גרויסע פּיעטעט מיט דער דאָזיקער הייי=
סער ליבּע האָט די יוגנט אַריבּערגעטראָגען פון „שחר" צו זיין
בּאַשעפער: צו סמאָלענסקינען. פון דערווייטנס האָט אים די יוגנט
אידעאַליזירט און פאַרגעטערט. סמאָלענסקין איז בּיי איר געוואָרן
דער סימבּאָל פון אַלץ, וואָס ס'איז שיין און ערהויבּן. זיינע יונ=
גע לעזער האָבּן זיך צו אים מאַגנעטיש געצויגן, האָבּן אים פאַר=
וואָרפן מיט בּריוולעך אָנפראַגעס וועגן די פאַרשיידענסטע פּראָבּ=
לעמען, וועלכע האָבּן זיי געעקבּערט און גענאָגט. אַנדערע זיי=
נען מיט בּריוו אַליין ניט יוצא געווען און האָבּן זיך אַרומגעטראָגן
מיטן וואונש צו דערקלייבּן זיך קיין ווין אום צו בּאַקאָנען זיך
מיט סמאָלענסקינען פּערזענליך און בּאַקומען פון אים אַ דירעקטע
השפּעה. עס זיינען אויך געווען פאַקטן, אַז יונגע לייט, פאַרשריי=
בּער'טע פון „השחר", האָבּן גענומען זעקל און פּעקל און געלאָזן
זיך וואַנדערן קיין ווין. ניט איינמאָל האָט סמאָלענסקין אַרויס=
געענדיק אינדערפריה פון זיין וואוינונג געפונען אין קאָרידאָר
לעבּן זיין טיר אים בּיז אַהער גאַנץ אומבּאַקאַנטע יונגע מענטשן,
וועלכע האָבּן זיך אַראָפּגעלאָזן קיין ווין פון וויטן „תחום" כּדי

זוכה זיין צו זעען אים פנים בפנים און הערן זיין מונדליכע עצה וואָס פאַר אַ תכלית זיי זאָלן זיך אויסקלייבן אין לעבן..:

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ווין, האָט זיך מיר געמאַכט צו זען עטליכע אַזעלכע יונגע לייט, מענטשן זעער באַגאַבטע, מיט אַרומבלאָנדזענדיקע נשמות, וועלכע זיינען נאָך גרויס מאַטערניש און אַרומוואָגלענישן אַראָפּגעקומען קיין ווין געפירט פון דער האָפענונג, אַז סמאָלענסקין, דער דאָזיקער לייכט-טורים פון דער יוגנט, וועט זיי אָנווייזן דעם ריכטיקן לעבנסוועג. סמאָלענסקין האָט די דאָזיקע יונגע לייט אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות, האָט זיי אַריינגעבראַכט אין פאַרשיידענע שולן, האָט זיך משתדל געווען און אויסגעפועל'ט פאַר זיי פענסיעס פון וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס און פון פריוואַטע פערזאָנען. אַנדערע האָבן דורך אים מיט דער צייט דערלאַנגט צו די גלענצענדסטע קאַריערעס. איך געדענק, אַז איינער פון זיי איז געווען דער שפעטער באַקאַנט געוואָרענער דאָקטאָר א ה ר ן פ אָ ר י ע ס, וועלכער האָט נאָכהער פאַרעפנטליכט אין „שחר" אַ אינטערעסאַנט מעדיציניש ווערק אונטער'ן נאָמען „ת ו ר ת-ה ח י י ם". פאָריעס איז געווען אַן אָרים בחור'ל, אַ וואויללערנער פון גאַליציע, וואָס באַצויבערט פון „שחר" האָט ער ניט געקענט איינזיצן ביי זיך אין שטעטל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו סמאָלענסקינען קיין ווין. דער בחור'ל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זעער אַ פעיִקן, איז דורך סמאָלענסקינס השתדלות אַריין אין אַ מיטל-שול, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט גרויס ערפאָלג און דערנאָך אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין. פאַר מיין זיין אין ווין האָט שוין פאָריעס געשמ'ט אַלס איינער פון די דאָרטיקע בעסטע דאָקטוירים*).

אָבער ניט פון אַלע דורך אים געשטיצטע יונגע לייט האָט סמאָלענסקין נחת געהאַט. ס'זיינען געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע,

*) אין די אַכציקער יאָרן איז ד"ר פאָריעס אריבער וואוינען קיין אָדעס, וואו ער האָט געגולטען פאַר אַן איידעם דעם באַוואוסטן ציוניסטישן עסקן ד"ר ס פ י ר.

וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט גרויסע מאָראַלישע ענויים. דאָס זיי-
נען געווען יענע, אויף וועלכע דאָס קאָכיגע לעבן פון דער עסט-
רייכישער הויפט-שטאָט מיט אירע פאַרשיידענע אָנלאָקונגען האָט
געהאַט אַ דעמאָראַליזירנדיקע השפעה. זיי זיינען געוואָרן פויל,
האָבן אויפגעהערט צו באַשעפטיקן זיך מיט זייערע למודים, האָבן
גענומען מאַנקירן מיט דער שול, האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין נאַ-
רישע פאַרוויילונגען און אין וואָלוועלע פאַרגעניגנס. זיי האָבן גע-
בראַכט אַזוי ווייט, דאָס מ׳האָט זיי צום סוף אַרויסגעטריבן פון די
שולן. די זאַך איז דערגאַנגען צו די מעצענאַטן, מ׳האָט ביי זיי
אָפגענומען די מאָנאַטליכע מאַטעריעלע שטיצע, און דורך דעם
זיינען זיי געבליבן, ממש, ווי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.
פאַרבלייבנדיק אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט אָן מיטלען,
האָבן זיי גענומען זינקען וואָס טיפער און טיפער אַזוי לאַנג ביז
זיי האָבן זיך שוין מער ניט געקענט אַרויסראַטעווען פון דעם
זומפ.

באַזונדערס דערמאָן איך מיך אָן איינעם אַ וויטעבסקן יונ-
געמאַן, וואָס פון דער גמרא אַראָפּ איז ער אַוועק קיין ווין, וואָו
ער איז געוואָרן פון סמאָלענסקינס מקורבים. דער יונגערמאַן,
וועלכער האָט באַזעסן אַ וואונדערבאַר זאַפטיקע און שטאַרקע טע-
נאָר-שטים, האָט דורך סמאָלענסקינס רעקאָמענדאַציע באַקומען אַ
מעצענאַט, אַ גרויסער ליבהאָבער פון געזאַנג, וואָס האָט אים אויף
זיינע קאָסטן אַריינגעבראַכט אין קאָנסערוואַטאָריע, און שפּעטער
אַ ביסל האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און אויסגע-
האַלטן אים מיט אַלע הוצאות. דער יונגערמאַן האָט געמאַכט גרוי-
סע פאָרשריט, און אים איז פאָרגעשטאַנען אין דער צוקונפט איינע
פון די גלענצענדיקסטע קאַריערעס, וועלכע אַ מוזיקאַלישער קינסט-
לער קען נאָר ז[illegible]גרייכן. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט דער
מעצענאַט פאָרגעלעגט דעם יונגענמאַן צו אונטערריכטן אין גע-
זאַנג זיין טאָכטער, אַ יונג מיידל אַ בת-יחידה און אַ זעלטענע שיינ-
הייט. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און דער לערער האָט זיך פאַר-
ליבט אין זיין תלמידה „איבער די אויערן“, און אין אַ שיינעם
פרימאָרגן האָט ער איר אַנטפלעקט זיינע געפילן. דאָס נאַאיווע

מיידל האָט עס באַלד דערציילט דעם פאָטער, וועלכער איז אויפן זינגער אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, דאָס נאָך דעמזעלביקן טאָג האָט ער אים געהייסן דורכ'ן דינער זוכן פאַר זיך אַן אַנדער דירה. דער יונגערמאַן, וואָס האָט פון זיך געהאַלטן אַן עולם ומלואו און איז געווען ביי זיך זעער פאַרריסן, האָט אַריינגעשיקט דעם גביר אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים דערקלערט, אַז ווען ער איז מרוצה חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער, איז דאָס פאַר אים, פאַר'ן מעצענאַט, אַ צו גרויסער כבוד. פון דאַמאָלסט אָן האָט דער זינגער ניט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן דאָס מיידל, זיין געוועזענע תלמידה; אומעטום האָט ער זי אָפּגעהיט: אין גאַס, אין טעאַטער, און וואו נאָר ער האָט געוואוסט, אַז זי געפינט זיך דאָרטן, און אומעטום איז ער צו איר צוגעשטאַנען, אַז זי זאָל ניט הערן איר פאָטער און מיט אים חתונה האָבן, באופן, אַז דאָס מיידל איז געווען געצוואונגען ניט אַרויסצוגיין אַ טריט פון שטוב. סמאָלענסקין, וועלכער איז געווען פון דעם גביר'ס אָפטע הויז=איינגייער, און וועלכער האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם הויפּט=שולדיגן אין דער זאַך, האָט פון דעם זעער געליטן. עטליכע מאָל האָט ער פאַרבעטן דעם זינגער צו זיך און האָט אים גוט אויעגעמוסרט און געבעטן אים אָפּצוטשעפּען זיך פון דער מיידל. אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. ביי דעם זינגער איז אַריין ווי אַ מאַניע אין קאָפּ ניט אַנדערש אַז ער מוז הייראַטן מיט דעם גביר'ס טאָכטער, און אויב ניט, איז זיין לעבן קיין לעבן ניט. צוליב דער דאָזיקער מאַניע איז ער גאַנצענע טעג אַרומגעגאַנגען ווי אַ צומישטער; דורך דעם האָט ער זיך אַרויסגעשלאָגן פון לערנען, האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין שטודיום ביז ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַזוכן דאָס קאָנסערוואַטאָריום. די מאָס איז פאַרפולט געוואָרן אין אַ געוויסן טאָג בעת ער האָט זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, אַז ביי דער מיידל איז געווען תנאים מיט אַ ווינער אינזשענער. אונטער דעם איינדרוק פון דער דאָזיקער ידיעה, וועלכע האָט אים שיער ניט דערשלאָגן ווי אַ דונער, האָט ער באַלד געכאַפּט און אַריינגעשריבן דעם מיידלס חתן אַ בריוו פול מיט די ערגסטע זלזולים, און דערצו האָט ער אים נאָך אַרויסגעפאָדערט אויף אַ דועל. אַז ס'איז

אַוועק אַן אַכטאָג א'ן ער האָט פון חתן אויף זיין אַרויספּאָדערונג קיין תשובה ניט באַקומען, איז ער צו אים אַוועק אין זיין וואוינונג און האָט דאָרט געמאַכט אַ סקאַנדאַל אַרויסכאַפּנדיק דערביי אַ רעוואָלווער. מ'האָט באַלד געבראַכט פּאָליציע, וועלכע האָט דעם זינגער אַנטוואָפנט און אַרעסטירט. די דאָזיקע פּאַסירונג איז דאָן אַרומגערעדט געוואָרן באריכות פון אַלע ווינער בלעטער; דערביי האט מען אויך דערמאָנט סמאָלענסקינען, וועלכער האָט דעם יונגן זינגער צום ערשטן מאָל אַרייגעפירט אין דעם גביר'ס הויז. וואָס סמאָלענסקין האָט דאַן איבערגעלעבט און וויפיל ער [illegible]

און אַ „עקספּלואַטאַטאָר" מער ניט ווי דערפאַר, וואָס ער האָט זיך קוים דערשלאָגן צו אַ „שטיקל" שותּפות אין אַ דרוק, און האָט אַלס „אייגנטימער" געהאַט צו טאָן מיט „אַרבעטער"...

ג.

סמאָלענסקין דער „עקספּלואַטאַטאָר" איז ביי דעם ערשיי־נען פון איין העפט „שחר" ניט געווען זיכער, צי ער וועט האָבן די מעגליכקייט אַרויסצוגעבן דאָס צווייטע, קומעדיק ביכל. אַזוי שוואַך און וואַקלדיק איז תּמיד געווען זיין מאַטעריעלער מצב. דער „שחר", ווי שטאַרק ער איז געלעזן געוואָרן, באַזונדערס אין רוסלאַנד, האָט אים קיין רווחים ניט געגעבן, און גאַנץ אָפט האָט ער נאָך צו אים דערלעגט. די סבּה דערפון איז געווען דאָס, וואָס כּדי צו פאַרשפּרייטן אים אין רוסלאַנד, האָט ער דאָרטן געדאַרפט האָבן אַ גענעראַל־אַגענט, וועלכער איז געזעסן אין וואַרשע, און אונטער־אַגענטן אין די אַנדערע שטעט, און די דאָ־זיקע אַגענטן האָבן אויפגעגעסן זיין גאַנצן פאַרדינסט. פיל מאָל האָט זיך דער קיום פון „שחר" געפונען אין גרויס סכּנה; סמאָ־לענסקין אָבער, וועלכער האָט באַטראַכט דעם „שחר" אַלס זיין ליבלינגס־קינד, האָט אים בשום אופן ניט דערלאָזן אונטערגיין. צוליב דעם איז ער געווען געצוואונגען אויסצוזוכן זיך אַ באַשעפ־טיגונג מן הצד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז ניט געווען לויט זיין כּבוד און זיין באַדייטונג. די דאָזיקע באַשעפטיקונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט דינען אַלס וועג־ווייזער און פירער איבער ווין ביי די גרויסע יידישע אינטעליגענטע גבירים, וואָס פלעגן אַהין קומען פון רוסלאַנד צוליב פאַרשיידענע צוועקן. ער פלעגט זיי פירן אָנקוקן די מערקווירדיגקייטן פון דער עסט־רייכישער רעזידענץ, אין די מוזייאומס און טעאַטערס, אין די גרעסטע נעשעפטס־הייזער, און אַמאָל אויך צו די מעדיצינישע באַרימטהייטן און קאָנסולטאַציעט, און פלעגט דערפאַר פון זיי באַ־קומען אַ בכבוד׳יגן האָנאָראַר. אָפט פלעגן די גבירים אויסניצן סמאָלענסקינען ניט בלויז אויף די איבערדערמאָנטע צוועקן, נאָר

אויף ישוב הדעת׳ן וועגן זייערע אינטימע אינטערעסן. האַלטנדיק סמאָלענסקינען פאַר אַ גרויסן מענשנקענער — און דאָס איז ער געווען באמת — און פאַר אַ גאַנץ פּראַקטישן — דאָס, וואָס ער איז אין דער ווירקליכקייט ניט געווען — פלעגן זיי זיך מיט אים מישב זיין וועגן אָנגעלעגענהייטן פון קינדער=ערציהונג, און אַמאָל אויך וועגן שידוכים...

בנוגע צו דעם זייגען פאַרבליבן אין מיין זכרון די פאָלגנדע צוויי כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן געהאַט אין זייער צייט אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע באַדייטונג:

אין ערשטן טייל פון מיינע „דריי ליטעראַרישע דורות" איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערציילן וועגן דער מאָהילעווער, יידישער אינטעליגענטער יוגנט, וועלכע איז אין די מיטעלע זיבעציקער יאָרן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט דאַמאָלסט געבראַכט דערצו, דאָס אַ סך יונגע מיידלאַך, באַזונדערס גבירישע טעכטער, האָבן באַגנב׳ט זייערע עלטערן און זייבען אַנטלאָפן געוואָרן קיין אויסלאַנד, דאָס רוב אין דער שווייץ, אום דאָרטן צו שטודירן, און אויך כדי צו קענען פירן אַ פרייעס, אומאָפּהייגיק לעבן. איינער פון די גרעסטע מאָהילעווער גבירים, — אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון „שחר" — וועלכער האָט דערשפּירט, אַז זיין איינ=איינציקע טאָכטער סימפּאַטיזירט מיט דער „אַנטלויפונגס=באַוועגונג", האָט זיך מקדים געווען און האָט מיט איר געמאַכט אַ „לוסט=רייזע" קיין ווין. דעם פאָטערס באַהאַלטענער צוועק פון דער דאָזיקער נסיעה איז געווען, דורכצושמועסן זיך מיט סמאָלענסקינען און באַראַטן זיך מיט אים וואָס צו טאָן און וועלכע מיטלען אָנצונעמען, אַז זיין טאָכטער זאָל ניצל ווערן פון דער סאָציאַליסטישער „עפּידעמיע", וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן די מאָהילעווער מיידלאַך. באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך זיין קומען קיין ווין, האָט דער גביר צוזאַמען מיט זיין טאָכטער באַזוכט סמאָלענסקינען, ביי וועלכן זיי האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט. פון טעמע צו טעמע איז דאָס געשפּרעך אַרויף אויף די מאָהילעווער געשעהענישן. סמאָלענסקין, וועלכער איז געווען אַ שטאַר=

קער קעגנער פון סאָציאַליזם און פון פרויען=עמאַנסיפּאַציע, האָט זיך וועגן די דאָזיקע געשעהענישן זעער שאַרף אָפּגערופן; דערביי האָט ער אויסגענוצט זיין גרויסע רעדנס=קראַפט לעכערליך צו מאַכן די גאַנצע באַוועגונג. דאָס מיידל האָט פון אָנפאַנג געוועסט געפּרובט פאַרטיידיקן מיט אייניקע ווערטער דעם שריט פון אירע חבר׳טעס, אָבער נאַכהער איז זי די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן און געוועזן ווי פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען. דער פאָטער, ביי וועלכן ס׳איז קיין שום ספק ניט געוועזן, דאָס מיט נאָך אַזעלכע עטליכע שמועסן וועט סמאָלענסקין סוף, סוף משפיע זיין אויף זיין טאָכטער, אַז זי זאָל פון זיך אָפּטרייבן יעדע מחשבה וועגן די „נאַרישקייטן" פון אירע מאָהילעווער חבר׳טעס, איז געזעסן, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און האָט זיך אַזש אָנגעקוואָלן. זיין שמחה איז אָבער געווען אַן אומזיסטע. אַלס ער איז דעם צווייטן טאָג אַרויס אין גאַס און האָט זיך אָפּגעזאַמט עטליכע שעה, האָט ער צוריקקערנדיק זיך אין האָטעל זיין טאָכטער דאָרטן ניט געפונען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז מיט איר זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אירע זאַכן מיט אַ היבש ביסל געלט. די דינער פון האָטעל האָבן דערציילט, אַז מיט אַ שעה צוריק האָט זיך דאָס מיידל אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע צוזאַמען מיט אַ אומבאַקאַנטן יונגענמאַן; וואוהין „דאָס יונגע פּאָר" האָט זיך געלאָזן פאָרן,—דאַס ווייסן זיי ניט. אַ צומישטער איז דער פאָטער אַרומגעלאָפן איבער די ווינער וואָקזאַלן, האָט אומעטום און ביי אַלעמען חוקר ודורש געווען, און אַז זיינע חקירות ודרישות האָבן צו קיין זאַך ניט געפירט, האָט ער וועגן זיין טאָכטערס אַנטלויפן געמאָלדן אין די פּאָליציי=צירקלען. זיינע אַלע באַמיהונגען זיינען אָבער געבליבן אָן ערפאָלג; דאָס מיידל איז „אַריין ווי אין וואַסער". ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט זיך דאָס מיידל מכין געווען צו אַנטלויפן פון מיטן וועג, נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט איר מודיע געוועזן, אַז ער נעמט איר מיט קיין ווין, און זי האָט זיך וועגן דעם נאָך פריהער צונויפגערעדט מיט אירן אַ באַקאַנטן גימנאַזיסט, אַ מיטגליד פון די מאָהילעווער „נאַראָדאָוואָלצעס", וועלכער איז איר לכתחלה צוליב דעם צוועק נאָכגעפאָרן. דער

דאָזיקער יונגערמאַן האָט באַזאָרגט דער מיידל מיט אַ פאַלשן פּאַס און איז מיט איר אַנטלאָפן קיין ציריך.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד איז דאָס, וואָס דער גביר איז געקומען צו לויפן מיט טענות צו סמאָלענסקינען: סטייטש, ער, דער גרויסער קאָפּ־מענטש, ער דער רעדאַקטאָר, ער דער „בעל־השחר", וואָס לערנט דער וועלט חכמה, האָט ניט געקענט אויסשטראָפן און מחזיר למוטב זיין אַ נאַריש מיידל!

גאַנץ געלאַסן האָט אים סמאָלענסקין אויף דעם געענטפערט:

— אויב איך לערן עפּעס דער וועלט, ווי איר זאָגט, לערן איך דאָס גיכער די טאַטעס, ווי די קינדער. ניט אַלע טאַטעס פאָלגן מיר אָבער. אָט איר, למשל, אַ לעזער פון „השחר", דאַרפט געוויס זיין באַקאַנט מיט מיינע אָנשויאונגען וועגן דעם יידישן חנוך, און ווי האָט איר ערצויגן אייער טאָכטער? איר האָט פאַר איר געהאַלטן באָנעס און גוווערנאַנטעס, וועלכע האָבן איר געלערנט פרעמדע שפּראַכן. איר האָט זי געשיקט אין גימנאַזיע, וואו זי האָט דערוואָרבן ידיעות וועגן פרעמדע; און מיט אונזער אייגנס האָט איר איר באַקאַנט געמאַכט? אונזער שפּראַך האָט איר איר געלערנט? מיט אונזער געשיכטע האָט איר איר פאַראינטערעסירט? האָט איר געזאָרגט דערפאַר, אַז זי זאָל קענען אונזער יידיש פאָלק און זאָל האָבן אַ ידיעה וועגן אונזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן? טו צו וועמען קענט איר זשע אויף דעם אופן האָבן טענות, אויב ניט צו זיך אַליין, ווען אייער טאָכטער אַנטלויפט פון אונזערע אידעאַלן און גיט זיך אָפּ מיט פרעמדע?

דער צווייטער עפּיזאָד איז שוין אַ גאַנץ איינפאַכער: אַ יונג געבילדעט מיידל, און אויך פון מאָהילעוו, וועלכע האָט זיך אָנגעשמעקט מיט׳ן היימישן סאָציאַליזם, איז אַנטלאָפן פון אירע רייכע עלטערן. דער מאַרשרוט פון איר נסיעה איז געווען איבער ווין קיין ציריך. האָט איר אָבער אין וועג פּאַסירט אַן אומגליק: האַרט ביי ווין האָט מען ביי איר אַרויסגעגנב׳ט, אָדער זי האָט פאַרלאָרן, איר טייסטער מיט די געלט, און איז אַזוי געבליבן אין אַ פרעמד לאַנד, וואו זי האָט ניט געהאַט קיין קרוב און קיין

גואל, אָן אַ גראָשן אין דער טאַש. אין איר פאַרצווייפלטער לאַגע
האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אין ווין וואוינט סמאָלענסקין, וועגן
וועלכן זי האָט זיך אין דער היים אַזוי פיל אָנגעהערט, *) און האָט
באַשלאָסן אַריינצוגיין צו אים און דערציילן אים וואָס איר האָט
געטראָפן. זי האָט געהאָפט, אַז אַזאַ הויכגעבילדעטער מאַן וועט
זיך פאַרהאַלטן באַזונדערס סימפּאַטיש צו דעם צוועק פון איר נסיעה
און וועט איר זען אויסהעלפן אין איר נויט. סמאָלענסקין, וועל-
כער האָט גראָד געקאָנט דער מיידלס פאַמיליע, האָט איר אַרויס-
געוויזן גרויס מיטגעפיל, און זעענדיק ווי זעער דענערווירט זי איז,
האָט ער איר פאָרגעלייגט אויסצורוען זיך ביי אים עטלעכע טעג.
אינ׳ם פאָרלויף פון די דאָזיקע אייניקע טעג האָט סמאָלענסקין מיט
איר פאַרפירט שעה׳נ-לאַנגע שמועסן, אין וועלכע ער האָט פאַר איר
אַנטוויקלט זיינע וועלט-אַנשויאונגען איבער יידנטום און מענשנטום,
איבער פעלקער און לענדער, איבער קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָ-
נאַליזם. דאָס מיידל האָט קעגן אים געפּרובט קעמפן מיט די אי-
דייען פון דער רוסישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור, אין וועלכער זי
איז געווען גאַנץ באַהאַוונט; אָבער ער האָט אַלע אָנגערירטע פּראָב-
לעמען געגעבן אַ גאַנץ אַנדער באַלויכטונג, דורך וועלכער אירע
טענות זיינען צוקלאַפּט געוואָרן איינציק-ווייס. דער סוף איז גע-
ווען, אַז פון געשפּרעך צו געשפּרעך האָט סמאָלענסקין געוואונען
אויף דער מיידל אַלץ מער אַ גרעסערע השפּעה, און אויפ׳ן דריטן
צי אויפ׳ן פערטן טאָג האָט זי זיך אינמיטן פון אַ אינטערעסאַנטן
שמועס מיט אַמאָל געגעבן אַ כאַפּ און ענערגיש אַ זאָג געטאָן:
„שרייבט, איך בעט אייך, דעם טאַטן, ער זאָל מיר קומען אָפּנעמען,
איך וויל אַהיים"...

די מאָהילעווער אַנטלויפונגס-עפּאָפּייע האָט אין איר צייט גע-
מאַכט אויף סמאָלענסקינען אַזאַ שווערן איינדרוק, דאָס ער האָט גע-

*) אין מאָהליעוו, וואו סמאָלענסקין האָט פאַרבראַכט אַ טייל פון זיין
יוגנט, איז ער געווען באַזונדערס פּאָפּולער.

פונעם פאַר נויטיק צו באַקעמפן איר עפנטליך אין אַ ריי פעלעטאָנען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין זיין וואָכנבלאַט „המביט". די דאָזיקע פעלעטאָנען האָבן דאַן קעגן אים אַרויסגערופן גרויס צאָרן און דערביטערונג מצד אייניגע סאָציאַליסטיש געשטימטע העברעאישע שריפטשטעלער ווי או״ר (אליהו וואלף ראַבינאָוויטש), בן־נץ (ווינטשעווסקי) און אַנדערע. מ׳האָט סמאָלענסקינען באַשאָטן מיט עפּיטעטן ווי: „רעאַקציאָנער", „רעטאָגראַד", „פּלעדערמויז" וכדומה. ער אָבער איז געבליבן ביי דאָס זייניגע, אַז אַזעלכע געשעהענישן ווי די מאָהילעווער דעמאָראַליזירן דאָס יידיש הויז, און גראָבן, ממילא, אונטער דאָס יידיש פאָלק.

ישראל לעווי.

א.

אויך אַ רעדאַקטאָר. אָבער וועניקע ווייסן עפּעס וועגן אים, און וועניקע האָבן פון אים געהערט. איר געפינט אים ניט אין קיין ענציקלאָפּעדיע, אַפילו אין דער יידישער פון זלמן רייזען. אַלע האָבן אים דורכגעלאָזן. האָט עס אַזוי געדאַרפט זיין? לויט מיין מיינונג: ניט. די געשיכטע פון דער זשורנאַ־ליסטיק האָט ניט געטאָרט פאַרשווייגן אַ מענטשן, וועלכער האָט קרוב צו דריי יאָר — פון יאָר 1887 ביז 1890 — אָנגעפירט מיט דעם אין זיין צייט איינציקן יידישן אָרגאַן: „יידישעס פאָלקס־בלאַט". און „אָנגעפירט" איז נאָך דאָ ניט גאָר: דער מענטש האָט אַוועקגעלעגט זיין באַזונדערן, אינדיווידועלן סטעמפּל אויף אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געדרוקט אין זיין בלאַט; און אַ סטעמפּל איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינליכער, אַ עקסצענטרישער, אַ משונה'דיג־ווילדער, וואָס האָט די בעסטע יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט אַרויסגעבראַכט פון געדולד און זיי בייזעס בלוט געמאַכט.

ווער אַזוינער איז דאָס געווען אָט דער רעדאַקטאָר ישראל לעווי?

אַליין אַ זאַגאָרער, אַ ייד אַ יחסן, אַ בר־אורין מיט וועלטליכער בילדונג, נאָר אַ מענש מיט קאַפּריזן, מיט דזיקע גענג, אַ שטיקל מטורף. ביז זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער געוואוינט אין ווילקאָמיר, וואו ער האָט זיך עוסק געווען מיט פאַרשיידענע געשעפטן: געהאַלטן די פּאָסט, געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ פּאָדריאַ־טשיק, וועלכער האָט צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר'ן מיליטער*).

---

*) אין „פּאָלקסבלאַט" יאָר 1889 נום. דערציילט ער וועגן זיך. אַז אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ דירעקטאָר פון אַן אייזנבאַן. מיר האָבן אָבער ניט געקענט דערגיין אין וועלכן יאָר דאָס איז געווען און וועגן וועלכער באַן רעדט זיך דאָ.

אין די לעצטע זיבעציקער יאָרן איז ער געקומען קיין פּעטער־בורג, וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער אייגגייער ביי דעם דאַמאָלסט ווייט און ברייט באַקאַנטן גביר און כלל־טוער לעאָן ראָזנטאַל, וועלכער האָט אים זעער מקרב געווען. אין יאָר 1879, בעת דער באַוואוסטער העברעאישער דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן איז צוליב אַ מסירה פאַרשיקט געוואָרן אין אָלאָנעצקער גובערניע, האָט לעאָן ראָזנטאַל, וועלכער איז דאַמאָלט געווען דער פאָרזיצער אין קאָמיטעט פון „מפיצי־השכלה", איבערגעגעבן לעווי'ן גאָרדאָנס טאָפּלטע שטעל אַלס סעקרעטער פון דער דער־מאָנטער חברה און פון דער פעטערבורגער יידישער קהלה. אַפילו נאָכדעם ווען גאָרדאָן האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין פאַרשיקונג, און זיין מאַטעריעלער מצב איז געווען אינגאַנצן אַ צערואיבירטער, האָט נאָך ראָזנטאַל מיט זיין אויטאָריטעט איינגעהאַלטן לעווי'ן אויף זיינע ביידע שטעלעס. אין אַ יאָר דריי, פיר אַרום האָט זיך לעווי מיט ראָזנטאַלס הילף דערשלאָגן צו אַ היבשן קאַפּיטאַל און האָט דאַן געגרינדעט אין פּעטערבורג אַ בוכדרוקעריי. בייזע צינגער האָבן דאַן געמורמלט, אַז צו דער גרויסער התקרבות מצד ראָזנטאַל האָט געהאָלפן ניט לעווי'ס אייגענער זכות, נאָר דער זכות פון זיין שיינער טאָכטער... די דאָזיקע מורמלעריי האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ שיר אונטער'ן נאָמען „הבת השובבה" (די צולאָזענע טאָכטער), וואָס גאָרדאָן האָט אין אַ צייט אַרום פאַרעפנטליכט אין דעם ערשטן באַנד פון ראַבניצקי'ס זאַמלבוך „פרדס". מענטשן „יודעי־חן" האָבן דאַן פאַרשטאַנען וואָס און וועמען גאָרדאָן מיינט מיט דעם לעצטן פערז פון זיין אַלעגאָריע, וועלכע הייסט איבערזעצט אין יידיש:

„פון דאַמאָלסט האָט די צניעות פון ישראלס טאָכטער*) אויפגעהערט
און דעם טאַטנס כבוד האָט זי אינגאַנצן פאַרשוועכט;
אויף פּונ'ם ראָזנטאַל איז פאַרשוואונדן זיין פראַכט;
אויסגעטריקנט האָט זיין זאַפט, אויסגעוועבט זיין ריח, אַוועק זיין צויבער־

*) אלע קורסיוון זיינען אונזערע

לעווי האָט זיין דרוקעריי פון לכתחלה אָן אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכער מדרגה; ער האָט אין איר געעפנט אָפטיילונגען פאַר אַלע שפּראַכן און אויך פאַר העברעאיש און יידיש. ביי אים האָבן זיך אויך געדרוקט צעדערבוימסביידע צייטונגען: דאָ העב־רעאישע טאָגבלאַט „המליץ" און דאָס וועכנטליכע „יידישע פאָלקס־בלאַט". דאָס איז געווען אין יאָר 1886. דאַמאָלסט זיינען צע־דערבוימס געשעפטן אַוועק זעער שלעכט*), און ער האָט צו זיינע בלעטער צוגעלעגט אַ סך געלט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער איז געבליבן שולדיק לעווי׳ן פאַר׳ן דרוק אַ היבשע סומע. וויפיל מאָל האָט שוין געהאַלטן, אַז לעווי זאָל אַרויסוואַרפן צעדער־בוימס בלעטער פון זיין דרוקעריי, און יעדעס מאָל האָבן זיך גע־דאַרפט אַריינמישן באַוואוסטע פעטערבורגער כלל־טוער אום צו ווירקן אויף לעווי׳ן, ער זאָל צעדערבוימען פראָלאָנגירן זיין חוב ביז אַ געוויסן טערמין. דער חוב אָבער איז געוואַקסן און געוואַקסן און דער טערמין איז אַריבער. דאַן האָט לעווי אָנגעהויבן שטאַרק צו דריקן צעדערבוימען און האָט געבראַכט אַזוי וויט, ביז יענער איז געווען געצוואונגען איבערצוגעבן אים פאַרן חוב דאָס „יידישע פאָלקסבלאַט", נאָר אַבי אַרויסצוראַטעווען דעם „מליץ".

ווי נאָר לעווי האָט איבערגענומען אין זיין רשות „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט", האָט ער זיך אין דער צייטונג אויסגעשפּרייט „אויף אַלע פיר", און האָט איר געמאַכט, ממש, פאַר זיין שלאָפּצי־מער. אַלס אָפיציעלן רעדאַקטאָר האָט ער, כלומר׳שט, גענומען דעם ד״ר קאַנטאָר. די דעה האָט ער אים ניט געגעבן. די גאַנצע דעה אויפ׳ן בלאַט האָט ער געלאָזן פאַר זיך אַליין, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין זאַך און מיט קיינעם בלויז מיט זיינע קאַפּריזן.

תיכף האָט ער גענומען איינפירן אין בלאַט תקונים, תקונים אין לשון און אין דער אָרטאָגראַפיע, און יעדער תקון פאַר זיך איז געווען אַ שטיק משוגעת. למשל; וואו מ׳האָט געדאַרפט שרייבן

---

*) דערצו האָט דאַמאָלסט גורם געווען דאָס ערשײַנען פונ׳ם ערשטן העברעאישן טאָגבלאַט „היום".

„יידן", האָט ער געשריבן: „יהודים", ניט „יידישע" נאָר „יהודישע"; אָנשטאָט „דאַטע"—„עדעתה", אָנשטאָט „אַל־מאַגאַמאַ"—„חמר גמל"; אָנשטאָט: „סטיל"—„דבור"; אָנשטאָט „ער איז געשטאָרבן"—ער האָט „שבק חיים לכל חי" געווען, א. א. וו. אַחוץ דעם האָט ער איבערגענומען צעדערבוימס מנהג אונטערצושרייבן אונטער יעדער מאמר און אונטער יעדער קאָרעספאָנדענציע אַ הערה, אין וועלכער ער האָט גאַנץ אָפט געמאכט דעם שרייבער „אויסצודרייען". און אין דעם האָט ער קיין שום אונטערשייד ניט געמאַכט צווישן שריפטשטעלער. אַז אים האָט נאָר אָנגעדרייט דער טירוף, האָט ער געמאכט אַש און בלאָטע פון אַזוינע ליטעראַטן ווי לילנבלום*) און שלום־עליכם און אַנדערע זייער גלייכן. באַזונדערס פלעגט ער ליב האָבן צו געברויכן דערביי הלצות, אָבער איטליכע הלצה איז געווען פון דער גידע־ריגסטער פראָבע, פון יענע פוילע וויצן, וועלכע מ'פלעגט אַמאָל הערן פון די אַזויגערופענע „חכמי־לעזשאַנקע".

דאָס איז נאָך אָבער ווייניק. זיין הויפט־טירוף איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס תיכף, פון דער ערשטער מינוט אָן, האָט ער מודיע געווען עפנטליך, אַז דאָס פראָגראַם פון זיין צייטונג וועט זיין צו באַקעמפן יידיש, וואָס האָט ביי אים געהייסן: „גרייגרע־וויטשער לשון", און ער דאָט געהאַלטן וואָרט. ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ מין געווער ער האָט געפירט דעם דאָזיקן קאַמף—כדי צו האָבן פון דעם אַ באַגריף, איז גענוג איבערצולייענען די פאָלגענדע ציטאַטן פון זיינע אַרטיקלען**):

„מיר האָבען שוין ניט איין מאָל אָפפען אַרויסגעזאָגט, אַז דער זשאַרגאָן דאָס איז אַ נגע־צרעת, וואָס פאָרלייפיג מוז מען ליידען פון איהם".

---

*) אַ קליינער ביישפיל: צו לילנבלומס אַן אַרטיקל וועגן דעם יידישן טעאַטער אין אָדעס, האָט לעווי אונטערגעשריבן אַ הערה בזה הלשון:
„אַזוי ווי אַ בלינדער קאַנן זעהען וועך דאָ איז גערעכט: פאַ לאָז אַ שטומער אנטווערן"

**) מיר גיבן איבער די ציטאַטן אין לעווי'ס אָרטאָגראַפיע.

„מיר האָבן געהערט פון גאַנץ קלוגע, און אפילו אמת'ע פאַטריאָטן, וועלכע מיינען, אַז דער זשאַרגאָן דאַרף אונז שוין הייליג זיין, ווייל מיר ניטצען שוין איהם זעהר לאַנג, און מיר זענען מיט איהם דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע שול פון צרות; נאָר דאָס איז אָבער ניט ריכטיג: שמוטץ — בלייבט שמוטץ, אפילו אַז ס'איז געבליבען אין אין אַ מקום קדוש, און עס קאָנען קיינמאָל ניט הייליג ווערען"

„מיר קאָננען נור פונ'ם טיעפסטען הערצען אָפפען, מיט אַ ריינעם ערנסט, ווינשען, אַז גאָר בקרב הימים זאָללען מיר מעהר קיין אַבאָנענטען ניט האָבען, ווייל זיי וועלען שוין קאָננען לייענען עטוואָס בעסערעס. נאָר די עצה, רעכענען מיר אונז מחוייב אייך, ליעבע לעזער, צו געבען: היטט אייך אַלליין פון די אַללע שמוטץ, דענן שמוטץ מוז זיך אָנקלעבען, ווי מען רייבט זיך נאָר אַרום איהם; נאָר פון אייך אַלליין איז אָבהאָנגליך, אַז דער שמוטץ זאָל ניט אַריינקומען אין אייערע צימרען, און אַנדערע קאָננען אייך דאָס ניט העלפען".

„דאַכט זיך, איך האָב ניט איינמאָל געזאָגט בפרהסיא, אַז איך האָב פיינד דעם זשאַרגאָן אַ סך אָרגער אַלס אַ שפּין, אַז איך וואָלט דאַנקען גאָטט, אַז מיין אָרגאַן זאָל אונטערגעהן, ווייל קיינער וועט איהם שוין ניט דאַרפען לעזען".

„פיר מיך איז דער זשאַרגאָן נאָר ווי ריצענ-אָל, אָדער „הוניאַדי-יאַנאָס", וואָס מען מוז נאָך איינגעהמען, ווייל עס מאַר-טערט „די עצירות, און קאָן מען דענן ליעבען ריצען-אָל, אָדער הוניאדא-יאַנאָס"?

„אַבי עדלען רעיון קאָנן מען נור אויסדריקקען אינ'ם לשון-הקודש, און ניט אינ'ם פּאַסקודנעם זשאַרגאָן, אינ'ם גאָנזען-לשון, וואָס עראינגערט אונז נאָר אָן די באַרבאַרישע בעהאַנדלונגען, מיט וועלכע די עמלקים — די טייטשוקעס, האָבען בעהאַנדעלט אונזערע אונגליקליכע אור-עלטערן".

לעווי'ס שנאה צו יידיש האָט דערלאַנגט איר אָפּאָגיי אין זיין אַרטיקל „פאַר אָנמוט קומטט קיין פּאַטש ניט", אין וועלכן ער זאָגט אונטער אַנדערן:

„איהר ווייססט דאָך געעהרטע לעזער, אַז מיר טראָגן אונז שוין לאַנג אַרום מיט דער טירוף׳דיגען מחשבה, אַרויס צו טרייבען פון אחב״י דעם שמוציגען זשאַרגאָן, דאָס שטיעף־קינד, וואָס האָט זיך צוגעצעפעט צו אונז עפעס פון אַ פלגש, אַ קאָפּפּס־ווייב, און אַריינפיהרען צו זיי דעם לשון־הקדש, אונזער אייגען קינד, וואָס מיר האָבען געהאַט פונ׳ם ווייב, מיט וועלכעם מיר האָבען געלעבט בחופה וקידוש׳ן, כדת משה וישראל״.

באַזונדערס אינטערעסאַנט אין דעם אַרטיקל איז דאָס, וואָס לעווי איז אַליין מודה, אַז לייט האַלטן אים פאַר אַ מטורף, און אַז ער איז דאָס טאַקי אינאמת׳ן.

„מען האָט אונז שוין אַפילו געמאַכט קאַלטע וואַנעס, מען האָט אונז שוין אויך געוואָלט אָנטאָן אַ משוגענעם־העמד, מען האָט אונז אויך גוט אונטערגעקלאַפּט די ביינער, אָבער עס העלפט ניט: די משוגעת האָט זיך שוין ביי אונז אַזוי איינגעוואָרצעלט אינ׳ם מח, אַז עס קאָנן שוין ניט העלפען קיין זאַך; מיר זענען פון די פּאַראַלעטיקער, וואָס דער טירוף געהט שוין ניט אַרויס ביז׳ם קבר״.

זעער כאַראַקטעריסטיש איז, דאָס אין אַן אָרגאַן, וואָס זיין רעדאַקטאָר האָט אויף זיך אַליין אויסגעשריען בגלוי פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז משוגע און לעולם ועד, האָבן זיך באַטייליקט אַזעלכע שריפטשטעלער ווי פרוג, פרישמאַן, לעווינסקי און נאָך אַזוינע ליטעראַטן, מיט נעמען. נאָכמער: פרוג מיט פרישמאַנען האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו דרוקן אין „פאָלקס־בלאַט״ אַפילו נאָכדעם ווי לעווי האָט זיך איבער זיי, ממש, איז־דיקעוועט און חוזק געמאַכט.

קודם כל פלעגט ער זיך באַניצן מיט יעדער געלעגנהייט אויפמערקזאַם מאַכן די לעזער, אַז שירים האָט ער ניט האַלט און ער דרוקט זיי על אפו ועל חמתו. פ ר י ש מ אַ ן האָט געדרוקט אין „פאָלקסבלאַט״ זעער אַ געלונגענע פּאַראָדיע אויף הייגעס „די וואַללפאַהרט נאָך קעפלאַאר״. ביי פרישמאַנען האָט דאָס גע־הייסן „די נסיעה קיין סאַנדעץ״. קומט לעווי און שטעלט אַוועק אונטערן שיר די פאָלגנדע הערה: „אַ נדבה פיר דעם הערין

זאַמיעציק מיט זיינע 10 חברים, וואָס זוכן חכמות חיצוניות". דערצו דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דער דאָזיקער זאַמעצ'יק איז געווען אַ לעזער פון „פאָלקסבלאַט", וועלכער האָט געבעטן לעווי'ן אינ'ם נאָמען פון צען לעזער, אַז אָנשטאָט די ווילדע חכמות, מיט וועלכע ער פילט אָן זיין צייטונג, זאָל ער בעסער זען דרוקן „חכמות חיצוניות". אונטער פרישמאַנס אַן אַנדער שיר האָט לעווי באַבאַמערקט: „איר האָט רעבע דאָוועד, אַטאָוועס". אָט אויף דעם אופן האָט לעווי געזוכט חוזק מאַכן אַפילו פון דעם, וואָס ער האָט געדרוקט אין זיין אייגענעם אָרגאַן.

ב.

בעת ס'זיינען ערשינען די ערשטע יידישע זאַמלביכער, אַפריהער ספעקטאָרס „הויז-פריינד" און דערנאָך שלום-עליכמ'ס „פאָלקס-ביבליאָטהעק", איז לעווי אַרויס פון געדולד און איז אָנגעפאַלן אויף ביידן, אי אויף ספעקטאָרן אי אויף שלום-עליכמ'ן, מיט גרויס צאָרן. סטייטש, ווי אונטערשטייט מען זיך דאָס גאָר אַפילו צו קלערן וועגן באַשאַפן אַ „זשאַרגאָנישע" ליטעראַטור? אָט דאָס איז פון דאַמאָלסט אָן געוואָרן דער לייט-מאָטיוו פון אַלע זיינע אַרטיקלען. כמעט צו אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אין יענער צייט געדרוקט אין „פאָלקס-בלאַט", ס'האָט זיך געמעגט זיין וועמענס עס איז אַ מאמר, אַן ערציילונג, אַ קאָרעספּאָנדענציע, און אַפילו אין די „בריוו-קאַסטנס", האָט ער ניט פאַרפעלט אַריינצושטעכן עטליכע שאַרפע שפּילקעס אין די ביידע דערמאָנטע זאַמלביכער און אין זייערע אַרויסגעבער. באַזונדערס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף שלום-עליכמ'ן, וועגן וועלכן ער האָט כמעט אין יעדן נומער אויסגעקלערט אַ נייע בבא-מעשה, אַ נייע אינסינואַציע, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג איז נאָך שלום-עליכם געווען פון זיינע שטענדיקע פעלעטאָניסטן, און האָט געדינט אַלס צירונג פאַר זיין בלאַט. לעווי'ס שגעון אין זיין באַציהונג צו שלום-עליכמ'ן האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, דאָס ער האָט גענומען אַ גאַנצן נומער „פאָלקס-בלאַט"

פון 10 גרויסע זייטן און האָט אים אָנגעפּילט מיט איין מאמר, וועלכער האָט געהייסן „אַ שמועה'ת פון שמואליקען מיט יאָסען" און איז געווען בעצם אַ נאַרישער, אומגעלומפּערטער געשפּרעך צווישן צוויי קלויזניקעס וועגן שלום-עליכמ'ען מיט זיין „פאָלקס-ביבליאָטהעק". איבער דעם מאמר האָט לעווי אַוועקגע-שטעלט אַלס מאָטאָ דעם פסוק פון „איכה": „על זה היה דוה לבנו, על אלה חשכו עינינו — על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו". דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבן די פאָלגנדע באַמערקונג: „אַזוי ווי די נוממער וועט אויסקומען צו לייענען שבת-חזון איה"ש, גיעבען מיר אויסשליעסליך אַני' אַרטיקעל, וואָס פּאַסט צו 9 טעג, און מיר רעכענען, אַז די געעהרטען לעזער וועלען אונז ניט איבעל נעהמען דאַפיר".

פון דעם קאַמף קעגן דער יידישער שפּראַך מיט דער יידי-שער ליטעראַטור איז לעווי אַריבער צו באַקעמפן דאָס יידישע טעאַטער, און אַלץ מיט דיזעלביקע כּלי-זיין: מיט די שמוציג-סטע זלזולים און בלבולים. פון גאָלדפאַדענען האָט ער געמאַכט אַ קופּה מיט אַש פאַרוואָס ער האָט געשריבן „שטיק" אין דעם „טנופת'דיקן זשאַרגאָן". לעווי האָט אויסגעטונקט אין בלאָטע אויך די צייטונגען, וואָס האָבן אָנערקענט די נויטיקייט פון אַ יידישן טעאַטער, לעווי האָט געפירט אַ שטאַרקע מלחמה מיט דער „זשאַר-גאָנישער פּאָעזיע", האָט אויסגעבטלט אַלע חלומות צו דער „זשאַרגאָ-נישע מוזע" און האָט געטראָטן, פּשוט, מיט די פיס יעדע נייע שפּראָצונג פון טאַלענט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידי-שער ליטעראַטור.

אומנאָרמאַל ביז ווילדקייט זיינען געווען אויך לעווי'ס באַ-ציהונגען צו דער חבת-ציון-באַוועגונג פון יענער צייט. זייענדיק אַן אָנהייגער פון ישוב ארץ-ישראל, איז ער אין דערזעלבער צייט געווען אַ שאַרפער קעגנער פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט דעם „נאַציאָנאַליזם" אידענטיפיצירט מיטן „סאָציאַליזם", און האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן פעך און שוועבל אויף די יידי-שע נאַציאָנאַליסטן „אין די רויטע העמדלאַך און די לאַנגע שטיוול".

„מיר דאַרפן האָבן — אַזוי האָט לעווי געשריבן — דעם

נאַציאָנאַליזם פון „ונתנה תוקף" און ניט פון „שומי מאַריצא" און אַפילו ניט פון דער „מאַרסעליאָזע".

אַזוי אַרום האָט לעווי געמאַכט זיין בלאַט פאַר אַ מין באַריקאַדע, פון וועלכער ער האָט געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס ניט פונאַנדערקלייבנדיק זיך אין דעם חעמען די קויל וועט טרעפן. אַ יאָר דריטהאַלבן האָט זיך צו דעם דער עולם־לעזער באַצויגן גאַנץ גלייכגילטיג. ס'האָט זיך ניט געפונען קיינער, וואָס זאָל פרובן אויף וועלכן ס'איז אופן רעאַגירן אויף לעווי'ס ווילדע שטיק. אַלץ איז אָבער ביז אַ צייט. ס'איז געקומען דער טאָג, ווען ביים עולם האָט אָנגעהויבן ביסלאַכווייס צו פּלאַצן דאָס געדולד, און מ'האָט זיך גענומען צו לעווי'ן פון אַלע זייטן. דער עולם האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קעגן לעווי'ן קען מען ניט קעמפן אויפן געוויינליכן אופן דורך צייטונגס־פּאָלעמיק, און אַז קעגן אַ מענטשן אַ מטורף דאַרף מען אָננעמען גאָר אַנדער מיטלען, די מיטלען, וועלכע פּאַסן באַזונדערס פאַר אַזעלכע ווי ער. אָט האָט מען לעווי'ן אָנגעהויבן אָפּצוטאָן פאַרשיידענע שפּיצלאַך. מ'האָט אים אַריינגעשיקט דורך דער פּאָסט אַלערליי עמבלעמען פון משוגעת, פאָטאָגראַפיעס פון קאַלטע וואַנעס און פון אייזערנע העמדלאַך; פון ריגע האָט ער באַקומען צווי אייזל־קעפּ, פון אָדעס — אַן אַרויסגעשטעקט צונג, און פון פיל ערט'ער, באַזונדערס פון וואַרשע און פון ווילנע, האָט מען אים פּאַוואָרפן מיט בריוו, וועלכע ער, לעווי, האָט זיי אָנגערופן פּאַסקוויל'ן, וואָס פאָדערן אים אויף תיכף ומיד איבערצוגעבן דאָס „פּאָלקבלאַט" אין אַנדערע הענט, ווען ניט, וועט מען מאַכן, אַז זיינע אַבאָנענטן וועלן אָפּפאַלן פון אים איינציקווייס.

לעווי האָט לאַנג ניט געלאָזן וואַרטן אויף זיין תשובה, און אין אַ לייט־אַרטיקל האָט ער אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז „עס געפינען זיך גאַנצע באַנדעס, וואָס זוכען אַלע תחבולות אַרויסצונעמען פון מיינע האַנד דאָס „פּאָלקס־בלאַט". אָבער עס איז אומזיסט זייער טרחה. כל זמן שהנשמה בקרבי וועל איך דאָס „פּאָלס־בלאַט" פון מיינע האַנד ניט אַרויסגעבן, און פאַר'ן טויט וועל איך לאָזען אַ צוואה מיינע יורשים, זיי זאָללן דאָס פ"ב בעססער אין פייער אָדער

אָדער אין וואַססער וואַרפען, אַלס אין אַנדערע האַנד איבערצוגעבען, דענן איך ווייסס, וואָס דאָס איז פאַר אַ „חרב פּיפיות", אַ שאַרפעס, פון ביידע זייטען, שווערט, וואָס מען טהאָר עס ניט געבען אַ קינד צום שפּיעלען זיך, און אַ פּשיטאָ שוין אַ גרויססען, וואָס וועט עס טאַקע בעניטצען, אום צו קוילען מענשען דאַמיט".

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אין דער „הצפירה" אָפּגעדרוקט אַ דעפּעש פון פּעטערבורג, אונטערגעשריבן פון איינעם אַ ר ו ב י נ ש ט י י ן, מיט דער ידיעה, אַז ישראל לעווי, דער אַרויסגעבער פון „פאָלקס-בלאַט", איז היינט 12 אַ זייגער בייטאָג פּלוצלונג געשטאָרבן. לעווי האָט תיכף אַריינגעשיקט אין „צפירה" אַ טעלעגראַפ׳ישע הכחשה, און האָט געוואָלט איינשמועסן דעם עולם, אַז דאָס האָט אים אָפּגעטאָן קיין אַנדערער ווי נאָר שלום-עליכם. ער האָט אָבער, צי פון אַבערגלויבעריי אָדער צוליב אַן אַנדער סבה, געהאַלטן די זאַך פאַר אַ שלעכטן סימן, און איז פון דאַמאָלסט אָן אָפּהענטיג געוואָרן. אין יענער צייט האָט אים פּאַסירט נאָך אַ צופאַל, וועלכער האָט אים גריילאַך ניט געשמעקט. זייענדיק פון דער נאַטור אַ קנאַפּער ענו, פלעגט ער גאַנץ אָפט אָפּדרוקן בריוועלאַך פון קליינשטעטלדיקע שרייבערלאַך, וואָס דריקן אים אויס זייער הסכם מיט דער פּראָגראַם פון זיין צייטונג. מיט אַ באַזונדער התפּעלות פלעגט ער איבערדרוקן, איבערזעצט אין יידיש, די העברעאישע בריוו, פון איינער אַ ראַסייגער מיידל, חנה מאַגעלניצקי האָט זי געהייסן, וועלכע פלעגט אים מיט זיין בלאַט אויפהויבן עד לשמים און פאָרשטעלן אַלס מוסטער פון אַ יידישן אָרגאַן. איינמאָל האָט לעווי׳ס אַנטציקונג פון׳ם מיידל דערלאַנגט אַזוי ווייט, דאָס ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אויסגעשריען: „אַך, דו טהייערע בת-ציון, ווי וואָלט איך דיר איצט אומאַרמט פאַר דער גאַנצען וועלט אין די אויגען, דענן אין דיר, וואָלט איך אומגעאַרעמט דאָס יודענטהום!" אין אַ הערה צו אַ צווייטן אַרטיקל פון׳ם דאָזיקן מיידל רופט אויס לעווי: „אשריך ישראל! וואָהל דיר ישראל, אַז דו האָסט נאָך אַזעלכע טהייערע טעכטער! דאָס זענען די בריללאַנטען, וואָס מען געפינט אַמאָל אין קופּות מישט". נאָך דעם קען מען זיך

לייכט פאַרשטעלן לעווי׳ס פאַרלעגנהייט בעת מ׳האָט אים אין אַ שיינעם פרימאָרגן מודיע געווען פון ראַסיין, אַז דאָס מיידל איז גאָר ניט קיין נקבה נאָר אַ זכר, און אַז דער דאָזיקער זכר הייסט „יוסף יוזל מאַגילניצקי". לעווי האָט זיך אַפילו באַלד באַרוהיקט און האָט אויף דער פריהערדיקער „ליבער חנה׳לן" און דעם איצטיקן „יוסף יוזלען" אויסגעגאָסן אַ גאַנצע פּאַמוניצע מיט שמוץ, אָבער פון דאַמאָלסט און איז ער ביי זיך זעער אַראָפּגעפאַלן געוואָרן. ער האָט אין דעם געזען אַ נייעם צייכן, אַז מ׳גראָבט זיך אונטער אים, אַז מ׳וויל אים „אויסהאָבן". כדי אַרויסצוראַטעווען זיין פּרעסטיזש, האָט ער פאַרעפנטליכט אין „פאָלק-בלאַט" די בריוו מיט די שמחה-אויסדרוקן, וואָס ער האָט באַקומען „פון דער וועלט" נאָכדעם ווי די ידיעה וועגן זיין טויט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. ס׳האָט אים אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן. זיין שטערן האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. צום אָנפאַנג פון יאָר 1890 איז ער געבליבן מיט 250 אַבאָנענטן. סוף, סוף האָט דער עולם-לעזער אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן לעווי׳ן מיט זיין צייטונג, און דאָס בלאַט איז זיך שטיל אויסגעגאַנגען.

ג.

איך האָב אין לעווי׳ס „פאָלקס-בלאַט" כמעט ווי ניט מיטגעאַרבעט. נאָר איינמאָל האָט ער אָפּגעדרוקט מיינעם אַ „בריוו פון פוילן". אַ צווייטן מאָל, דאָס איז געווען נאָך דעם טויט פונ׳ם באַקאַנטן רוסיש-יידישן בעלעטריסט לעוואַנדע, האָב איך אים אַריינגעשיקט אַן אַרטיקל וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער. דערביי בין איך אָבער ניט געווען גענוג פאָרזיכטיג און האָב דערציילט, אַז לעוואַנדע האָט זעער סימפּאַטיזירט מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס האָט גורם געווען, אַז לעווי האָט מיין אַרטיקל ניט געדרוקט, און אַז איך האָב ביי אים אָנגעפרעגט וועגן דער סבה, האָט ער מיר געענטפערט קורץ: „איר זייט פון שלום-עליכמ׳ס חדר".

פערזענליך איז מיר בעשערט געווען באַקאַנט צו ווערן מיט

לעווי׳ן אינמיטן זומער 1888. דאָס איז געווען אין ווילנע, וואוהין ער איז געקומען זוכן זעצער פאַר זיין דרוק. ער איז שוין דאַן געווען אַלט און כמעט אינגאַנצן גראָה. כ׳האָב מיך מיט אים געטראָפן אין אַ קליינע מסבה פון חובבי־ציון ביי דעם באַוואוסטן געלערטן ר׳ שמואל יוסף פין. אַז איך בין אַריינגעגאַנגען, האָב איך געפונען לעווי׳ן זיצנדיק אויבנאָן פאַרטאָן אין אַ שאַרפן ויכוח מיט די אַרומיקע. ביי היינטיקן טאָג איז שוין אויסגעלאָשן געוואָרן פון מיין זכרון דער אויספירליכער אינהאַלט פונ׳ם דאָזיקן געשפּרעך. איך געדיינק נאָך אָבער אייניגע פּרטים. איך געדענק ווי מ׳האָט לעווי׳ן דאַמאלסט אַטאַקירט פון אַלע זייטן פאַר דער צווייפּנים׳דיגקייט, וואָס ער ווייזט אַרויס אין זיין באַציהוגג צו דעם חבת־ציון געדאַנק: פון איין זייט גיט ער זיך אָן פאַר אַ הייסן „פּאַלעסטינעץ״, און פון דער אַנדער זייט חוזקט ער אָפּ פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און מאַכט אַש און בלאָטע פון זיינע אידעאָלאָגן ווי לילנבלום, דוד גאָרדאָן און אַנדערע. ממה נפשך — אַזוי האָט מען צו אים געטענה׳ט — זייט איר באמת אַ חובב־ציון, מוזט איר דאָך קודם כל, זיין אַ פאַרברענטער נאַציאָנאַליסט, און ניט קומען און צונויפמישן אין איין קאַשע נאַציאָנאַליזם מיט סאָציאַליזם מיט „רוויטע העמדלאַך און לאַנגע שטיוול״.
איך געדענק אויך ווי לעווי האָט זיך געקאָכט און מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער געזוכט אָפּשלאָגן זיינע אָפּאָנענטן מיט פּשט׳לאַך און מיט ווערטלאַך און מיט חקירות אַרויסגענומען פון פאַרשיידענע ספרים, פון יידישע און פון „זייערע״, און ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז ער איז אַרויף אויף זיין ליבלינגס־טעמע: אויפן „שמוציגן זשאַרגאָן פון שלום עליכם׳ס כנופיא״. דאָ האָט אים איינער, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט איז דאָס געווען דער אַלטער פין אַליין, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות? מה ענין שמיטה אצל הר סיני?

אויף דעם האָט לעווי געענטפערט:

— וואָס מיינט איר? כ׳בין אייער צעדערבוים, וואָס דרייט מיטן ווידל אַהין און אהער? איך וויס נאָר צווי,

זאַכן: מיר זיינען אָנגעשטעקט מיט ילידי-חוץ: מיט'ן „זשאַרגאָן הטמא" און מיט'ן גוי'אישן נאַציאָנאַליזם...

און איך געדענק, אַז וואָס מער לעווי האָט גערעדט, האָט ער אַלץ אויף די אָנוועזדיקע מער געמאַכט דעם איינדרוק פון איי-נעם, וואָס האַלט זיך פאַר אַ פילאָסאָף, און אינאמת'ן איז דאָס אַ מענטש מיט אַ קרומען שכל און מיט אַ מח, וועלכער איז ווי אַן איבערגעדרייטער שלאָס.

דער „טשוואָק" פונ'ם דאָזיגן שמועס איז געווען לעווי'ס לעצטער אויסרוף:

— נאַציאָנאַליזם היינט, נאַציאָנאַליזם מאָרגן; מיר וועלן אָבער זען ווער פון אונז וועט גיכער זיין אין ארץ-ישראל, איר צו איך?..

און לעווי האָט געהאַלטן וואָרט. נאָכדעם ווי ס'איז אונ-טערגעגאַנגען דאָס „פאָלקס-בלאַט", האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין ארץ-ישראל.

קיינער האָט שוין אָבער דאַן פון אים מער ניט געהערט. מיט'ן „פאָלקס-בלאַט" איז לעווי אַראָפּ פון סצענע און איז פאַר-שוואונדן געוואָרן אין דער פאַרגעסענהייט.

אַ קליין, שוואַרץ זייטל אין דער געשיכטע פון דער יידי-שער זשורנאַליסטיק. פאַרצייכנט דאַרף עס אָבער ווערן על כל פנים...

ש. ל. ציטראָן

דריי ליטעראַרישע דורות

ליטעראַרישע זכרונות, כאַראַקטעריסטיקעס
און פּערזענליכע ערינערונגען

פערטער טייל

פארלאג „אחיספר“
ביי געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשע
Printed in Poland

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

I

זייט

1) וועגען פּרץ׳עס ערשטען אַריינטריט אין דער ייד. ליטעראַטור 5
2) יצחק־לייבוש פּרץ 9
3) ביי פּרץ׳ן צו דער „סעודה״ 23
4) פּרץ׳עס נקמה 29
5) מענדעלע מו״ס דער שפּראַך־קינסטלער . . . 35
6) נחמן סירקין 47
7) דער גרויסער שווייגער 52
8) לעאָנאָרא סמאָלענסקין 59
9) וועלוועל זבאַראַזשער 69

II

10) הערצל אַלס רעדאַקטאָר 79
11) הערצל אין „תחום״ 84
12) אַ מאָמענט פון ד״ר טשלענאָוו׳ס לעבען . . 88
13) יהושע אייזענשטאַדט (ברזלי) . . . 97
14) אַ בלעטעל ציוניסטישע געשיכטע . . . 107
15) פון וואָס נאָרדוי האָט זיך בערוהיגט . . . 116
16) שאול פּנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר) . . . 121
17) דער חלום און זיין פּתרון 141

III

18) אַ בלעטעל געשיכטע פון בישט לאַנג . . . 149
19) אַ רעוואָלוציאָנערע „לשנה טובה״ . . . 155
20) די אַלטע פּורים׳דיגע קאָנסטיטוציע . . . 160
21) שבועות אין דער השכלה־געשיכטע פון די ליטווישע יודען 166
22) ניקאָלאַי דער ערשטער און דער ריגער יוד ליליענטאַל 173
23) דער צושטערטער ראָמאַן 179

I

וועגען פרץ'עס ערשטען אריינטריט אין דער יידישער ליטעראטור.

לויט ווי זאַמאשטשער תּושבים גיבען איבער, האָט פּרץ נאך זיי־ענדיג „אַן איידים אויף קעסט“ פערפאַסט עטליכע יידישע פאָלקס־לידלעך, וועלכע זענען געווען פערשפּרייט אין שטאָדט, און בעלי־מלאכות פלעגען זיי זינגען בשעת דער אַרבעט. אַזוי דערצעהלט, למשל, ז אַ ג אָ ר אָ ד ס ק י, וועלכער איז געווען א געוויסע צייט ביי פּרצ'ן אַ הויז־לעהרער, וועגען זיינס אַ זעהר פּאָפּולער געוועזען סאַטיריש לידעל געגען די קצבים, וואס רייסען ביים אָרימען עולם צו־גרויסע מקחים פאַר פלייש *). מיר אַליין איז אויך אַמאָל אויסגעקומען צו הערען אין ווארשא פון איינעם אַן אַלטען זאַמאָשטשער בעל־הבית — י ע ב ץ האט ער געהייסען—פּרצ'עס אַ קליין לידעל מיט'ן נאמען „ד א ס ש נ י י־ד ע ר ל“ פון וועלכען עס איז פאַרבליבען אין מיין זכּרון בלויז דער פאָלגענדיגער פערז:

„אויב לייבעל דער חייט
קען נ י ש ט קיין פייט,
וואס האָט עטץ צונעם?
איז נאָר זיין שער־און־אייזען און גרייזען,
איז עס שוין מכפּר אויף דעם“.

די דאָזיגע לידלעך זענען אָבער אַרומגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד אין כּתב־יד, און פּרץ האָט זיי ערגעץ נישט געדרוקט. האָט

*) זעה לוח „א ח י א ס ף“. ניינטער יאהרגאנג.

ער עפּעס געדרוקט, איז עס געווען בלויז אין העברעאיש, וואָס איז ביי די דעמאָלסדיגע „משכּילים", וואָס פּרץ האָט זיך אויך צו זיי גערעכנט, געשטאַנען הויך אין דער מאָדע. ווי פּרץ האָט מיר דער־ציילט בשעת אונזער ערשטער בעגעגעניש (אין יאָהר 1886), האָט איהם אַמאָל אָנגעקומען אַ חשק צו שיקען עפּעס אין צעדערבוים'ס „פאָלקס־בלאַט"; צוליעב געוויסע סבּות איז אָבער דאַן דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. און שפּעטער, בעת ער האָט אַ טראַכט געטהון וועגען דעם ערנסטער, איז ער דערגאַנגען, אַז ביים רודער שטייט דער מטורפ'ער לעווי, מיט וועלכען ער האט נישט געוואָלט האבען קיין מחזקות...

אינמיטען ווינטער 1888 איז שלום־עליכם דאָס ערשטע מאָהל אַראָפּגעפאָהרען קיין וואַרשא צו אַנגאַזשירען מיטאַרבייטער פאַר דער „פאָלקס־ביבליאָטעק", וועלכע ער האָט שוין דעמאָלט באַשלאָסען אַרויס־צוגעבען. איך האָב מיך דאַן מיט איהם בעקענט אין דינעזאָנ'ס ענגען און האַלב־פינסטער'ן אַלקערל אויף נאַלעווקעס 19, וואוהין ער איז גע־קומען אין דער בעגלייטונג פון דוד פרישמאַן. מיר האָבען זיך צו־זעצט זאַלבעדריט אויף דינעזאָנ'ס שמאָלען, אייזערנעם בעטעל. ער אונז אַנטגעגען אויף דער איינציגער שטוהל, וואס האט זיך געפונען ביי איהם אין צימער, און שלום־עליכם האָט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען מיט גרויס פּאַטאָס זיינע פּלענער וועגען דער „פאָלקס־ביבליאָטעק", „וועלכע — אַזוי בוכשטעבליך האָט זיך שלום־עליכם דעמאָלט אויסגעדריקט — וועט דאַרפען מאַכען אַ סוף צו דעם שונד, וואָס פער־פלייצט די יידישע ליטעראַטור און אַרויפברענגען זי אויף נייע וועגען".

דערביי האָט שלום־עליכם אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע זיין נאָטיץ־ביכעל, פון וועלכען ער האָט אונז פארגעלייענט די רשימה פון די שריפטשטעלער, וואס ער האָט בדעה איינצולאַדען מיטצואַרבייטען אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק". אַ לאַנגע רשימה איז דאָס געווען, און איך געדענק, אַז ביי אַנדערע נעמען האָט פרישמאַן פאַרצויגען אַ זויערע מינע, ווי איינער זאָגט: „אויך מיר אַ שרייבער!" און שלום־עליכם האט תּיכף יענעם אויסגעמעקט פון רייסטער. אַ דריי, פיר פון זיי האָט אָבער דער גוטער דינעזאָן בעוויזען אָפּצוראַטעווען...

פּרץ איז אין דער דערמאהנטער רשימה נישט געווען, און ער האָט אויך נישט געקאָנט זיין. אַלס יידיש־שרייבער האָט דאַן קיינער

פון איהם נישט געוואוסט; נאָכמעהר: בעת איך האָב דערמאנט זיין נאָמען, און האָב דערביי דערצעהלט, אז ער שרייבט יידיש, און געוויס מיט דעם זעלבען טאַלענט, וואס זעהט זיך אַרויס פון זיינע העברעאישע געדרוקטע כתבים, האָט מיך שלום-עליכם אָנגעקוקט גאַנץ פערוואונדערט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז ער האט פרץ׳עס העברעאישע שירים קיינמאָל נישט געלייענט, און אז ער הערט איצט בכלל דאָס ערשטע מאָהל זיין נאָמען. דאָ האט זיך שוין אַריינגעמישט פרישמאַן און האָט דערצעהלט וועגען דעם ביכעל „ספורים בשיר ושירים שונים“, וואס פרץ האָט פערפאַסט בשותפות מיט זיין שווער, דער בעוואוסטער מאַטעמאַטיקער גבריאל יהודה ליכטענפעלד. מיין פאָרשלאַג איינצולאַדען פרץ׳ן צו שרייבען פאַר דער „פאָלקס-ביבליאָטעק“ האָט אָבער פרישמאַן דעמאָלט נישט אונטערשטיצט אפילו מיט איין גוט וואָרט.

ווי איך האָב מיך שפעטער דערוואוסט, האָט שלום-עליכם פרץ׳ן קיין איינלאַדונג נישט אַריינגעשיקט. איך האָב אָבער דאַן פרץ׳ן מודיע געווען אין אַ בריף וועגען דעם יידישען זאַמעל-בוך, וואָס שלום-עליכם פלאַגט אַרויסצוגעבען, און האָב איהם געראַטען צו שיקען איהם עפּעס פון זיינע זאכען. פרץ, וועלכער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט אָנצוהויבען זיך דרוקען אויך אין יודיש, האט דעמאָלט צוגעשיקט שלום-עליכמ׳ן זיין בעוואוסטע באַלאַדע „מאניש“, וועלכע איז אַריין אין דעם ערשטען באַנד פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק“.

איך האָב שוין דערצעהלט אין דעם ווילנער חודש-זשורנאַל „די יידישע וועלט“, וועגען דעם גרויסען פאַרדרוס, וואָס פרץ האָט געהאַט פון די אומענדערונגען און השמטות, וועלכע שלום-עליכם האָט זיך ערלויבט צו מאַכען אין זיין „מאַניש“. שרייבענדיג דעם דערמאָהנטען אַרטיקעל נאָך פאַר שלום-עליכמ׳ס לעבען, האָב איך, כדי נישט מצער צו זיין אונזער גרויסען שריפטשטעלער, דורכגעלאָזט דעם העכסט-כאַראַקטעריסטישען פאַקט, אז פון פיל אויפרעגונג האָט דאַן פרץ געשריבען אונטער אַנדערען צו שלום-עליכמ׳ען: „זייט מיך נישט מסרס און דערלאַנגט מיר נישט קיין „המוציא מיט האָניג“. און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען דעם האָנאָראַר פון הונדערט מיט פופציג רובל (זעהר אַ בכבוד׳יגע מטבע פאַר אַ יידישען שרייבער אין יענער צייט), וואָס ער האָט איהם אַריינגעשיקט פאַר זיין „מאַניש“.

פרץ האָט שוין אָבער דאַן בעקומען דעם אַזויגערופענעם „שרייב־פיבער", און האָט דאַריבער אָנגענומען אין אַ קורצער צייט אַרום מיט גרויס צופרידענקייט שלום־עליכמ'ס איינלאַדונג, אַריינצושיקען איהם עפּעס אויך פאַר'ן צווייטען באַנד פון זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק". פּרץ האָט דעמאָלט פערעפענטליכט אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" דריי פון זיינע שעהנסטע זאַכען, אין וועלכע ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָהל אַרויס־געוויזען אין דעם גאַנצען גלאַנץ פון זיין דיכטערישען טאַלענט.

ווינטער 1889 האָט מיר פּרץ אַריינגעשיקט אַ העפטעל מיט צוועלף נייע דערצעהלונגען פונם זעלבען זשאַנר. די דאָזיגע דערצעהלונגען זענען דאַן פאַרגעלייגט געוואָרען אין אַ קליינעם קרייז פון שריפטשטעלער אין דער וואוינונג פון דעם דאָ נישט לאַנג פערשטאָרבענעם בע־וואוסטען נאָוועליסט מרדכי ספּעקטאָר, און האָבען אַרויסגערופען גרויס פוראָר. און קורץ נאָך דעם זענען זיי אויך אַרויס אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „בילדער פון לעבען". דער אַרויסגעבער איז גע־ווען יעקב דינעזאָן. ווי איך האָב שוין וועגען דעם אויספיהרליך דער־צעהלט אין דעם ערשטען טהייל פון מיינע „דריי ליטעראַרישע־דורות".

אָט אויף דעם אופן איז פאָרגעקומען פּרץ'עס ערשטער אריינ־טריט אין דער יידישער ליטעראַטור.

יצחק-לייבוש פּרץ *).

I

אין די מיטעלע זיבעציגער יאָהרען פונ'ם פאָריגען יאָהרהונדערט, כ'בין נאָך דאַן געווען כמעט אַ יונגעל, האָב איך שוין געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. מעשה שטן האָב איך מיך געלאָזט פערפיהרן פון אַ חבר, און האָב גענומען ביי איהם צו לייענען העברעאישע השפלה-ביכלעך. דערזעלבער חבר האָט מיך אין אַ געוויסער צייט אַרום אַריינגעפיהרט אין דעם געהיימען קרייזעל פון ישיבה-בחורים „פאַרכאַפּטע אין דער מעשה", וועלכע פלעגן זיך אין אָפּגערעדטע נאַכט-שעה'ן צוזאַמענקלייבען אין אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, און דיסקוסירען וועגען פאַרשיידענע העברעאישע שרייבער און ספרים. אינ'ם דאָזיגען קרייזעל איז דאַן אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אַנ'אָבשריפט פון אַ בריוועל, וואָס דער העברעאישער שריפטשטעלער ראובן-אָשר בראָודעס האָט געשריבען צו איינעם פון זיינע פריינד אין וואַרשא. אין דעם דערמאָנטען בריוועל האָט בראָודעס געשריבען, אונטער אַנדערן, פאָלגענדעס:

„איך קאָן צוויי העברעאישע באמת טאַלענטירטע שריפטשטעלער, דאָס זענען: ישראל בערנשטיין און יצחק-לייבוש פרץ. אַ שאָד, וואָסביידע באַווייזען זיך אין דער ליטעראַטור זייער זעלטען, עפּעס ווי אורחים. וואָלט איך געווען אַ תקיפ'ער בעל-הבית אין דער ליטעראַטור און נישט אַ פאַרקויפטער קנעכט צו אבג'ן **), וועלכען

*) געדרוקט גלייך נאָך זיין טויט אין דעם העברעאישען חודש-זשורנאַל „השלח".

**) די איניציאַלען פון אברהם-בער גאָטלאָבער, דער רעדאַקטאָר פונ'ם העברעאישען חודש-זשורנאַל „הבוקר אור", וואו בראָודעס איז געווען דער הויפּטמיטאַרבייטער.

עס שמעקט בלויז זיין האָניג, וואָלט איך זיי מיט גוואַלד געצוואונגען, אַז זיי מוזען זיך לאָזען הערען.״

דער וואַרשעווער תּלמיד, וואָס דורך איהם איז דער דאָזיגער בריף מגולגל געוואָרען אין דער ישיבה, האָט אונז דערציילט, דאָס ער האָט אַליין געהערט פון יענעם „פריינד״, אַז ברוידעס איז זעהר אַ שטרענגער קריטיקער, און כּמעט אַלע שריפטשטעלער, און אַפילו די „גדולים״ מיט סמאָלענסקינען, דעם רעדאַקטאָר פון „שחר״, בראש, זענען ביי אים נישט נושא חן.

דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז פון דאַמאָלסט אָן האָב איך אָנגעהויבן פערפאָלגען די ליטעראַרישע שאַפונגען פון בערנשטיינען און פּרצ׳ן מיט אַ גאַנץ באַזונדער אינטערעס.

איך דאַרף דאָ באַמערקען, אַז וועגן בערנשטיינען האָב איך שוין דאַן געהאַט אַ וועלכען עס איז באַגריף. חברים האָבען מיר דאַן געהאַט געגעבען צום לייענען זיינע אַרטיקלען אין סמאָלענסקינס „השחר״, וואָס האָבען אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אָבער פּרצ׳ן האָב איך נישט געקאָנט; איך האָב נאָך אַפילו דאַן זיין נאָמען נישט געהערט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום בין איך געקומען קיין ווין, וואו איך פלעג אָפט באַזוכען סמאָלענסקינען. אַריינגייענדיק אַמאָל אינ-דערפרי אין רעדאַקציע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער דרוקעריי פון געאָרג ברעג, האָב איך איהם דערוויסט פונאַנדערקלייבענדיג די קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע מ׳האָט איהם נור אקאָרשט וואָס געבראַכט פון דער פּאָסט. מיט אַ געוויסער שנעלקייט האָט ער אויפגעריסן די קאָנווערטען איינעם נאָך דעם אַנדערן, האָט אַרויסגענומען פון זיי די כּתבים, אַ כאַפּ געטון אַן׳אויבנאויפיגען בליק אויף יעדן איינציגען, און מיט אַ ביטערען יאוש אויפ׳ן פּנים האָט ער זיי אַריינגעוואָרפען אונטער׳ן טיש אין אַ פּאַפּיר-קאָרב. דעם דאָזיגען ביטערען יאוש פלעג איך ביי איהם נאָך דעם באַמערקען כּמעט יעדעס מאָל, וואָס די פּאָסט האָט איהם נישט געבראַכט קיין דרוק-פעהיגען מאַטעריאַל פון דער וועלט, און ער האָט געמוזט, אין אַזעלכע פאַלען, אויספילען די בויגענס פון „שחר״ מיט זיינע אייגענע אַרטיקלען. פּלוצלונג איז אים ווי ליכטיג געוואָרען אין די אויגן, און אויפגערעגט פון פרייד

האָט ער אויסגערופען צו זיין מיטאַרבעטער מ. אַדעלמאַן *), וועלכער איז געזעסען געגען אים:

— אַך, ווי גוט! אַנ׳אַרטיקעל פון ישראל בערנשטיין!

און איך דערמאָן מיך, אַז אין יענעם מאָמענט האָט סמאָלענסקין דעם אַרטיקעל נישט געליינט. ער האָט נור אַריינגעקוקט אין דעם קליין בריוועל, וואָס איז געווען צוגעלייגט צום אַרטיקעל, און האָט אים איינגעשלאָסען אין זיין טיש-קעסטעל, זאָגענדיג דערביי:

— סוף כל סוף האָב איך מיך נישט אומזיסט בעמיהט. ער איינער איז מיר ליבער פון הונדערט אַנדערע. בערנשטיין שרייבט, אַז די טעג איז ער געוואָרען אַ פּראָוויזאָר. איך האָב מורא, אַז ער וועט צוליב דעם פאַרלאָזען דעם „שחר״, און כ׳האָב שוין גרויס צער דערפון.

אדעלמאַן האָט מיר שפּעטער דערצעהלט, אַז ישראל בערנשטיין האָט זיך גערעכענט אַלס איינער פון די ווייניגע שריפטשטעלער, וואָס דער טאָג, אין וועלכען עס פלעגן אָנקומען זייערע אַרטיקלען, איז געווען ביי סמאָלענסקינען אַ גרויסער יום-טוב.

אַ צווייטען מאָל, בעת איך האָב בעזוכט סמאָלענסקינען אין זיין וואוינונג, האָב איך איהם געפונען זייער אויפגערעגט און צוטראָגען פון צער: מ׳האָט ביי אים אַרויסגעגנבעט פון שטוב עטלעכע ספרים, וואָס זייערע מחברים האָבען איהם צוגעשיקט צום רעצענזירען.

— יענע וואַרטען אויף מיין אורטייל, — האָט זיך סמאָלענסקין געקלאָגט ווי פאַר זיך אַליין, — און וואָס זאָל איך זיי היינט ענטפערען?

ס׳איז געווען קענטיג אָן איהם, אַז די גנבה פון די ביכער האָט אים אָנגעריהרט טיף ביים האַרצען.

זיין יונגע פרוי האָט איהם געוואָלט בערוהיגען, און האָט אים געפרעגט מיט אַ שמייכעל:

— אפשר איז די גנבה, פון וועלכער דו האָסט אַזוי פיל צער, פון יענעם מין גנבות, וואָס ס׳ווערט וועגען זיי גערעדט אין דעם באַוואוסטען עפּיגראַם פון פּושקינען?..

— טרייב נישט קיין ליצנות! — האָט זיך סמאָלענסקין אָבגערופען. — פון יענעם פּעקעל ספרים האָט מיר ביים ערשטען בליק אַ בלישטש געטאָן אַ טייערער פּערל, וואָס נישט יעדען טאָג געפינט מען אַזעלכע אין אונזער ליטעראַטור, און איך, אַלס רעדאַקטאָר, וואָס

*) דער שפּעטערדיגער דירעקטאָר פון׳ם שפּיטאָל „שערי-ציון״ אין ירושלים.

ווייסט זיין חוב צו שריפטשטעלער און ליטעראַטור, בין מחויב גע-ווען צו דערצעהלען וועגען איהם אין דער עפּענטליכקייט, כּדי צו ווייזן, אַז פאַלש איז די בעהויפּטונג פון די, וואָס זאָגען, דאָס ס'איז שוין געקומען די צייט צו בעגלייטען אונזער שפּראַך צו איהר אייבי-קער רוה,—און מיט אַמאָל איז זי מיר פערלוירען געגאַנגען נאָך איידער כ'האָב בעוויזען וועגען איהר אַ גוט וואָרט אַרויסצורעדען.

איך האָב מיך פּעראינטערעסירט צו וויסען, וואָס פאַר אַ פּע-רעלדיגער ספר דאָס איז, וואָס איז זיין אינהאַלט, ווי הייסט ער און ווער איז זיין מחבר?

— דער נאָמען פון ספר,—האָט מיר סמאָלענסקין געענטפערט,—איז: „ספּורים בשיר ושירים שונים", אָבער פערפאַסט איז ער נישט פון איין מחבר, נאָר פון צוויי, אַזוי ווי, למשל, די פראַנצויזישע ברידער גאָנקור, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די מחברים פון דעם העברעאישען ווערק זענען נישט קיין צוויי ברי-דער, נאָר אַ שווער מיט אַן איידים, וועלכע ווילען נישט מפרסם זיין זייערע נעמען, און זיי בעהאַלטען זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים: „שני בעלי-אסופות". דער שווער איז דער באַוואוסטער מאַטעמאַטי-קער, חיים זעליג סלאָנימסקיס פערביטערטסטער געגנער, גבריאל יהודה ליכטענפעלד, און דער איידים איז נאָך אַ יונ-גערמאַנטשיק, יצחק-לייבוש פּרץ. און ס'איז אַ וואונדער, כ'לעבן! דער טרוקענער מאַטעמאַטיקער שרייבט שענע שירים! אָבער זיין איידים האָט פאַר זיך נאָך אַ גלענצענדערע צוקונפט. פּרץ איז אַ דיכטער פון גאָט'ס גנאָד. איך האָב פיינט גאָטלאָבער'ן און כ'קען נישט פאַרטראָגען זיין „בוקר אור", אָבער דעם אמת מוז מען זאָגען: בשעת איך האָב געלייענט אין „בוקר אור" פּרץ'עס שיר „נגניאל", האָב איך גאָטלאָבער'ן שטאַרק מקנא געווען... דאָס איז אַ וואונדער-ליכער שיר, ממש אַ גאָרדאָנישע*) שאַפונג, און ס'איז ווירקליך אַ וואונדער: ווי קומט אַ כהן אויפ'ן בית-הקברות?..

אין יענעם מאָמענט האָב איך מיך דערמאַנט אָן ברוידעס בריף, און פון דאַמאָלסט אָן האָב איך בעקומען שטאַרק חשק צו לייענען פּרץ'עס שירים. איך האָב מיך אויף זיי נאָכגעפרעגט אין ווינן, און האָב זיי נישט געקריגען. אָבער דער נאָמען פונ'ם מחבר איז מיר שוין געבליבען איינגעקריצט טיף אין זכרון.

*) געמיינט: דעם בערימטען העברעאישען דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן.

בּרוידעס האָט געשריבען, און סמאָלענסקין האָט געזאָגט—און ווי גלויבט מען עס נישט?!

אין יענער צייט איז דער מצב פון „השחר" געוואָרען קריטיש, און ער האָט צייטווייליג אויפגעהערט צו ערשיינען. אַז ער האָט ווי־דער אנגעהויבען אַרויסצוגיין—און דאָס איז געווען אין אַ יאָר אַרום—האָט זיך סמאָלענסקין דערמאָנט אָן פּרצ'עס לידער־בוך, און אין איי־נעם פון די העפטען האָט ער איהם געשאָנקען עטלעכע בעגייסטערטע שורות.

אינ'ם זעלביגען בּיכעל „שחר" האָט סמאָלענסקין נישט פאַר־געסען צו פּעראייביגען אויך דעם „ג נ ב", וואָס צוליעב איהם איז זיין מיינונג וועגען פּרצ'עס שירים אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין דער עפענטלעכקייט צו שפּעט.

אונטערדעסען האָב איך מיך צוריקגעקעהרט קיין רוסלאַנד. דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב געזוכט און בעקומען צום לעזען, איז געווען די לידער־זאַמלונג פון פּרצ'ן מיט זיין שוועהר. איך האָב מיך אויף פּרצ'עס שירים אַרויפגעוואָרפען מיט מיין גאַנצען יוגענד־פייער, און האָב זיי ממש געשלונגען.

אויף דעם היינטיגען, מאָדערנעם העברעאישען לעזער, וועלכער איז געוועהנט צו די דיכטערישע שאַפונגען פון ביאַליק'ן, שניאור'ן און טשערניחאָווסקי'ן, קענען שוין אַזעלכע שירים, ווי פּרצ'עס אין זיין דערמאָנטער לידער־זאַמלונג נישט מאַכען קיין שום רושם, ווייל מעהר ווי לייכטע פערזען איז אין זיי נישטאָ, און פון דער אמת'ער פּאָעזיע זענען זיי אומגעהייער ווייט. אָבער דאַמאָלסט, אין די מיטעלע זיבעציגער יאָהרען, איז דער „שיינער לשון" געשטאַנען אין צענטער פון דער דיכטערישער שאַפונג, און פּרצ'עס שפּראַך אין זיינע ערשטע שירים איז געווען ווירקליך זייער אַ גלאַטע און אַ פיין געשליפענע, כאָטש ער האָט זיך אָפט בענוצט אויך מיט אַרכאַאיסטיש־בטלנישע אויסדרוקען, ווי, למשל: „דלוג־רב" אָנשטאָט „טעלעגראַף" וכדומה.

זייער אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז דעם שאַרפסטען פּראָ־טעסט געגן פּרצ'עס דאַמאָלסטדיגע שירים האָט געשריבען, אומבעוואוסט־זיניג געוועהנליך, פּרץ אַליין אין זיין פון מיר אויבען דערמאָהנטען געדיכט „נ ג נ י א ל", וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין „הבוקר אור" אין יאָר 1878 (דאָס דריטע יאָר נאָכדעם, ווי עס איז אַרויס דאָס בוך „ספורים בשיר ושירים שונים").

פון דאַמאָלסט אָן פלעג איך אין יעדען בלאַט און אין יעדער העבּרעאישער לידער-זאַמלונג, וועלכע זענען מיר געקומען צו דער האַנד, זוכן תּמיד פּרצ׳עס שירים. איך האָב אָבער געזוכט און נישט געפונען. עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען פּרצ׳עס נאָמען אין דער ליטעראַטור לגמרי נישט געהערט. ער האָט אפילו אונטערדעסען פאַר־עפענטליכט אַ קליינעם שיר אין „שחר", אָבער סמאָלענסקין האָט איהם געגעבען אַן אָרט נישט אינ׳ם ביכל גופא, נאָר אויף דער הילע, ביי דער רובריק פון די אַנאָנסען. איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב אין דעם געזעהן אַ גרויסע בעליידיגונג פאַר מיין ליבלינגס-דיכטער און האָב אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט סמאָלענסקינען אין אַ בריף. ער האָט מיר אָבער נישט געענטפערט.

פּרצ׳עס נאָמען האָט אָנגעהויבן פאַרגעסען צו ווערן. איך ווייס נישט, אויב ס׳האָבען זיך דאַן געפונען העבּרעאישע לעזער, וואָס זיי האָט עס געאַרט. איך האָב איהם נישט פאַרגעסן, און די גאַנצע צייט איז ער מיר געלעגען אין זכרון.

II

ווינטער אין יאָר 1886 האָב איך געוואוינט אין וואַרשא, וואו איך האָב מיטגעאַרבּעט אין שפּר׳ס זאַמלבוך „כּנסת ישראל". אַמאָל אין אַן אָוונד האָבּען מיר ביידע צונויפגעשטעלט די רשימה פון די שריפט־שטעלער, וועלכע מ׳דאַרף איינלאַדען מיטצואַרבּעטען אין אַלמאַנאַך. איך האָב דאַן פאָרגעלעגט שפּר׳ן, אַז ער זאָל שיקן אַן איינלאַדונג אויך צו ישראל בערנשטיינען און צו י. ל. פּרצ׳ן. איך געדענק, אַז כ׳האָב דאַן בעגרינדעט מיין פאָרשלאַג אויף דעם, וואָס ברוידעס האָט וועגן זיי ביידען אַמאָל געשריבען צו זיין וואַרשאָווער פריינד. בנוגע דעם ערשטען האָט שפּ״ר תּיכף מסכּים געווען, און בנוגע דעם צווייטען האָט ער זיך אָנפאַנגס געקווענקעלט און געזאָגט: פעלען מיר דען בעריהמטע דיכטער, אַז כ׳זאָל דאַרפען אָנקומען צו דער לאַסקע פון אַ משורר, וועלכען דער עולם האָט שוין לאַנג פאַרגעסען? איך האָב אָבער

איהם נישט אָפּגעלאָזען ביז ער האָט מיר ענדליך נאָכגעגעבען און האָט פּרץ׳ן אַריינגעשיקט אַנ׳איינלאַדונג אָנטייל צו נעמען אין זיין „כּנסת ישראל״.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און פון פּרץ׳ן, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין זאַמאָשץ (לובלינער גובערניע), איז אָנגעקומען אַ תשובה. די תשובה איז געווען אַ גאַנצע מגלה, וואָס האָט זיך אָנ-געהויבן מיט אַ פּאַנעגיריק צום חבת-ציון-געדאַנק, אין וועלכן ער זעהט די ריכטיגסטע און געוואונשענסטע לייזונג פון דעם פּראָבלעם וועגן דער צוקונפט פונ׳ם יודישן פאָלק, און האָט זיך פאַרענדיגט מיט דער הבטחה, צו שטיצן איהם, דעם געדאַנק מיט אַלע זיינע כּחות. נאָכדעם האָט ער אויסגעדריקט אַ טיפן דאַנק שפ״ר׳ן, פאַרוואָס ער האָט זיך דערמאָנט אָן איהם, דעם שריפטשטעלער, וואָס לעבט אַ גייסטיג קומערליך לעבען אין אַ פערוואָרפען שטעטעל „פאַרגעסן פון גאָט און פון לייט״, און איז איהם געקומען מקרב זיין צו דער אַרבייט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכער ער איז איבערגעגעבען „מיט לייב און זעל״. פון דעם איז פּרץ אַריבער רעדען וועגן דער גרויסער נויטיגקייט אַרויסצוגעבען דאָס יאָהרבוך „כּנסת ישראל״, וואָס דאַרף דינען אַלס זאַמעלפּונקט פאַר יענע פון אונזערע ליטעראַרישע קרעפטען, אויף וועלכע מ׳קאָן האָפען, דאָס זיי וועלען אַגיטירען פאַר דעם אויפבוי פונ׳ם יודישן פאָלק אין זיין אַלטער, היסטאָרישער היים. ביים סוף בריף האָט פּרץ געגעבען אייניגע אָנווייזונגען וועגן דעם פּראָגראַם פונ׳ם זאַמעלבוך, און האָט אַריינגעפלאָכטען אין דערמיט עטליכע סאַ-טירישע און זייער בייסיגע באַמערקונגען וועגען דעם זאַמעלבוך „האָסיף״, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט דאַן אַרויסגעגעבען, און באַזונדערס וועגען זיין קריטיקער (געמיינט: דוד פרישמאַן). און דער גאַנצער בריף פון אָנהויב ביז׳ן סוף איז געווען געשריבען מיט יוגענדליכער התלהבות און מיט אַ אידעאַליסטישער איבערגעבענקייט צו דער יידישער אויפלעבונגס-אַרבייט אין ארץ-ישראל און צו דער העברעאישער שפּראַך און לי-טעראַטור, און מיט אַ פעסטען גלויבען אין זייער צוקונפט.

און צו דעם בריף איז געווען צוגעלייגט אַ קליינער און אַ שיינער שיר מיט׳ן נאָמען „לעלמי עבריה והיא מתנכרה״ (צו דער יודישער מיידל, וואָס מאַכט זיך פרעמד צו איהר פאָלק). אין דעם דאָזיגן שיר באַקלאָגט זיך דער דיכטער אויף דער יודישער מיידל, וואָס דערווייטערט זיך פון איהר פאָלק דורך איר אויפפיהרונג

און דורך איהרע מעשים, און גלויבט צו זעהן דאָס גוטע און דאָס פיינע נאָר ביי די פרעמדע, וואָס רעדט אויף זייער שפּראַך און נעמט אָן זייערע מדות און זייער לעבנס-שטייגער.

דער דאָזיגער שיר איז געווען פּרצ'עס ערשטער טריט אויף זיין צוריקוועגס צו דעם יודישען עבר און זיין בענקעניש נאָך דעם טראַדיציאָנעלן יודענטום.

III

אין דעם זעלבען יאָהר, זומער-צייט, איז פּרץ געקומען צום בעזוך קיין ווארשא, וואו איך האָב מיך מיט איהם דאָס ערשטע מאָל בעקאַנט ביי שפּ״ר׳ן. איך געדענק, אַז ער האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק מיט זיין לעבעדיגקייט און מיט דעם יוגענד-פייער, וואָס האָט אַרויסגעפינקעלט פון זיינע גרויסע און שוואַרצע אויגען. מ׳האָט באַלד אין איהם דערקאַנט, אַז אין איהם זיצט אַ ברויזענדע נשמה, וואָס זוכט און פאָרשט און געפינט זיך בישט קיין רו... ביי מיין אַריינקומען האָב איך איהם געפונען שמועסענדיג מיט שפּ״ר׳ן וועגען די אנגעלעגענהייטען פון ישוב ארץ ישראל און וועגען דער טעטיגקייט פון באַראָן עדמונד ראָטשילד, וועלכען די חובבי-ציון האָבען נאָך דאַן אָנגערופען: „דער בעקאַנטער נדיב״. איך האָב געהערט, ווי פּרץ פרעגט שפּ״ר׳ן אויס וועגען אַלע פּרטים, און ווי ער אינטערעסירט זיך אפילו מיט קלייניגקייטען. און שפּ״ר האָט אָנגעהויבען ממש פון „בראשית״ — פון דער סדרה „פּאָגראָמען״. ער האָט איהם דערצעהלט וועגען די קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס ער פלעגט שיקען דעם לאָנדאָנער „טיימס״, און וועלכע האָבען אַרויסגערופען אין ענגלאַנד אַ גרויסען טומעל און האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין די העכסטע רוסישע מלוכה-ספערען. ער האָט איהם דערצעהלט וועגען דער עמיגראַציע-בעוועגונג, וואָס האָט אויסגעבראָכען נאָך די פּאָגראָמען, וועגען דער טעטיגקייט פון די ערשטע חובבי-ציון און דעם ערשטען אַרויסטריט פון אָליפאַנטען ביז דעם קאַטאָ-

וויצער צוזאַמענפאָהר און די גרינדונג פון „מזכרת משה“. פרץ האָט זיך צו דעם אַלץ צוגעהערט מיט גרויס בעגייסטערונג, עפּעס ווי גייע הימלען וואָלטען זיך פאַר איהם ענטפּלעקט. ער האָט וועגען די אַלע זאַכען ביז אַהער גאָרנישט געהערט און נישט געוואוסט. און ווי דאָס איז אַלץ אינטערעסאַנט! אַ נייער פריהמאָרגען פערנעמט זיך אויף די הימלען פון דעם אין דער פינסטערניש פער׳צער׳טען פאָלק, און איבער די בערג פון יהודה קומט אָן די יודישע ער־לייזונג... און באַלד האָט פרץ, וועלכער האָט ביז אַהער געהערט און געשוויגען, גענומען רעדען מיט גרויס התלהבות און מיט אַ נביאישען פּאַטאָס וועגען דער צוקונפט פונ׳ם יודישען פאָלק אין זיין היסטאָריש לאַנד, פון מינוט צו מינוט האָט זיך אין איהם פונאַנדערגעשפּילט זיין דיכטערישע פאַנטאַזיע, און ער האָט אויסגעמאָהלט אַ בעצויבע־רענדע אידיליע פונ׳ם נייעם זיך וועבענדיגען לעבען פונ׳ם פרייען יודען אויף זיין פרייער ערד. אַזאַ הערליכע צוקונפט־מוזיק האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געהערט.

און פרץ האָט געבעטען שפּ״ר׳ן, ער זאָל איהם געבען גע־וויסע אָנווייזונגען און אינסטרוקציעס ווי צו גרינדען אַ חברה פאַר ישוב ארץ ישראל ביי איהם אין זאַמאָשץ. ער האָט ביי איהם אויך געקויפט ר׳ משה מאַנטיפיאָרעס בילד און דעם גרויסען פאָטאָגראַ־פישען בילד פון דעם קאַטאָוויצער צוזאַמענפאָהר.

און עס האָט געדאַרפט פּאַסירען, אַז גאַנץ צופעליג איז אין יענעם מאָמענט געקומען צו שפּ״ר׳ן אַ נייער גאַסט, און דאָס איז געווען ישראל בערענשטיין! פון דעם קליינשטעדטעל שצעד־רין, מינסקער גובערניע, וואו ער האָט געהאַט אַנ׳אַפּטייק, איז ער אַראָבגעפאָהרען קיין וואַרשא איינקויפען מעדיקאַמענטען. אויך איך האָב איהם דאַן דאָס ערשטע מאָל געזעהן. ער האָט זיך געוואָרפען אויפ׳ן האַלז שפּ״ר׳ן און פרצ׳ן. ווי איך האָב מיר שפּעטער דערוואוסט, איז בערענשטיין געווען פרצ׳עס אַ יוגענד־פריינד און אַנ׳אַלטער חבר. דאָס לעבען האָט זיי אָבער צעשיידט און פאַרשליידערט דעם אַהין און דעם אַהער, און זיי האָבען אַ היבש ביסעל יאָהרען איינער דעם אַנדערן נישט געזעהן.

פרץ האָט דאַן אונז דרייען איינגעלאַדען צו מיטאָג אין העק־סעלמאַנס רעסטאָראַן. דאָרטען האָט זיך מיט אונז אָוועקגעזעצט צום טיש אַ זאַמאָשצער יונגערמאַן פון פרצ׳עס בעקאַנטע, אַ געוויסער

יעבץ. בשעת׳ן עסען האָט פּרץ גערעדט מיט גרויס ענטוזיאַזם וועגען דעם חבת־ציון־געדאַנק און וועגען דעם גרויסען נוצען, וואָס אין איהם ליגט פאַר׳ן יודישען פאָלק. בערענשטיין האָט זיך נאָך בעצויגען צו דער זאַך אַ ביסעל סקעפּטיש, און האָט אויך אַרויסגעזאָגט וועגען דעם ענין אַ פּאָר ביטערע וויצען. בעזונדערס האָט בערענשטיין גע־שאָטען פעך און שוועבעל אויף די יודישע גבירים, וועגען וועלכע שפּ״ר האָט דערצעהלט, אַז זיי בעציען זיך צו דעם געדאַנק מיט סימ־פּאַטיע. „וואָס טויגען אונז זייערע סימפּאַטיעס״ — האָט בערענשטיין אויסגערופען, — „אלו נתנו לנו את ממונם!״ (וואָלטען זיי אונז בע־סער געגעבען זייער געלד!)

דאָס געשפּרעך איז אַרויף אויף דער העברעאישער ליטעראַטור. ביי אַ גלעזעל ביר האָט שפּ״ר גע׳מוסר׳ט בערענשטיינען מיט פּרצ׳ן, פאַרוואָס זיי פערנאַכלעסיגען זייער ליטעראַרישע טעטיגקייט. איך האָב זיי ביי דער געלעגענהייט דערציילט דאָס, וואָס ברוידעס האָט אַמאָל געשריבען וועגען זיי ביידען צו זיין וואַרשאווער פריינד...

בשעת׳ן אָבשייד האָט פּרץ כמעט אַ נדר געטאָן, צוריק צו קעהרען זיך פון איצט אָן צו זיין איבערגעריסענער ליטעראַרישער טעטיגקייט. בערענשטיין האָט זיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט און נאָך דעם געזאָגט:

— אַז איך וועל האָבען צייט...

און איך האָב ווידער גענומען פערפאָלגען די ליטעראַרישע שאַפונגען פון בערענשטיינען און פּרצ׳ן.

IV

בערענשטיין איז אין גאַנצען אַוועק פון דער ליטעראַטור. זיין אַרטיקעל אינ׳ם ערשטען באַנד „כנסת ישראל״ איז שוין געווען זיין „שוואַנען־ליד״. פּרץ האָט אָבער זיין נדר דערפילט. זיין ערשטע בעדייטענדע אַרבייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז געווען — אַ ערצעהלונג פונ׳ם חסיד׳ישען לעבען אונטער׳ן נאָמען „הקדיש״,

וועלכע ער האָט אָבגעדרוקט אין „היום". עס איז אַריבער נאָך א יאָהר, און פרץ האָט פערעפענטליכט אין „האסיף" זיין שיר „מנגינת-הזמן" (דאָס געזאַנג פון דער צייט), וועלכער קען בעטראַכט ווערען אַלס אַפּאָטעאָז פאַר'ן יודישען אויפלעבונגס-געדאַנק, און וואָס האָט געמאַכט אין זיין צייט זעהר אַ שטאַרקען רושם.

אין יאָהר 1906 האָב איך מיך ווידער בעגעגענט מיט פרצ'ן אין ווארשא, וואו ער האָט שוין געוואוינט בקביעות. ער האָט דאַן געהאַט אַ שטעל אין דער דאָרטיגער יודישער גמינע. פאַר דער צייט האָט זיך שוין פרץ קונה שם געוועזען מיט זיין יודישער פּאָעמע „מאָניש", וואָס איז געווען געדרוקט אין שלום-עליכמ'ס פאָלקס-ביבליאָטעק". אָבער ער איז נאָך דאַן אַלץ געווען איבערגעגעבען דעם יודיש-נאַציאָנאַלען אויפלעבונגס-געדאַנק. מען האָט מיר דערצעהלט, אַז פרץ איז געוואָרען אַן'אַקטיווער מיטגליד אין דער חברה „שפה ברורה", און אַז ער מיט זיין חבר יעקב דינעזאָן לערנען יודישע אָרימע קינדער גרופּעס-וויז די העברעאישע שפּראַך און געשיכטע. און אין אַ געוויסען שבת נאָך מיטאָג האָב איך געזעהן פרצ'ן שטעהענדיג אויפ'ן בימה אין אַ קלויז אויף די נאַלעווקיס און דרש'ענענדיג פאַר אַ גרויסען עולם אין זייער אַ שעהנעם און אַ פּליסיגען העברעאיש וועגען דעם, אַז עס איז דער חוב פון דער יודישער יוגענד, צו שטודירען און צו קענען די יודישע געשיכטע. אין זיין פריי'ער צייט האָט פרץ דאַן פיל געשריבען העברעאיש, און פלעגט גאַנץ אָפט פערעפענטליכען פעליעטאָנען און סקיצען אין „הצפירה". אין איינעם פון די דאָזיגע פעליעטאָנען האָט פרץ אָבגעמאָלט מיט פיל טאַלאַנט דעם טיפּ פון אַ גביר אַ משכיל, וועלכער רעדט כסדר מיט גרויס התלהבות וועגען דעם יודיש-נאַציאָנאַלען געדאַנק און טענה'ט תמיד, אַז „יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט צו וואוינען אויף דעם אָרט, אויף וועלכען ער האָט אַנ'אַלטען זכות פון חזקה, און אויסצולעבען זיך לויט זיין אייגענעם שטייגער, און אַז דאָס דאָזיגע רעכט האָבען אויך די יודען", — און אַז מ'קומט צו דעם זעלבען גביר און מען פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל טאָן עפּעס ממשות'דיגעס לטובת ישוב ארץ ישראל, לייקענט ער באַלד אָב „שטיין און ביין" און זאָגט, אַז מיר זענען נישט קיין פאָלק און מיר האָבען נישט קיין זכות, און מיר האָבען גאָרנישט...

„נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך געגרינדעט די חברה „חובבי-ציון" —

אַזוי דערצעהלט פּרץ*),—האָב איך מיך דערמאָהנט אין דעם דאָזיגען מאַן, האָב איהם אָבגעשטאַט אַ וויזיט אין זיין פּאַלאַץ, און האָב איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל זיך באַשטייערן לטובת דעם רעיון.

— צי איהר אויך?—האָט ער אויסגערופען גאַנץ פערוואונדערט.— איהר זענט שוין אויך געוואָרען אַ „בעל-החלומות” און אַ פוסטער פאַנטאַזיאָר? איז שוין דען נישט צייט צו פערגעסען אָט די אַלע הבלים?

— פאַרוואָס?—האָב איך איהם געפרעגט ערשטוינט.

— זענען מיר דען אַ פאָלק?

— מיר האָבען דאָך אַ בעזונדער גלויבען...

— אַ נאַרישע אמונה, פאַנאַטיזם!

— אַ בעזונדערע קולטור!

— אַ קולטור פון מלמדים, גרעסערע און קלענערע.

— אַ בעזונדערע ליטעראַטור!

— פון קלויזניקעס.

— געשיכטע!...

אָבער ס'האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען — פערענדיגט פּרץ — דער מענש האָט זיך אָבגעקעהרט, איז אריין אין אַנ'אַנדער צימער, און איך בין פערבליבען מיט מיינע פראַגען”...

דאָס איז געווען פּרצ'עס לעצט גוט וואָרט פאַר דער אויפ־לעבונג פונ'ם יודישען פאָלק אין ארץ-ישראל. פון דאַן אָן האָט ער זיך מיט דעם דאָזיגען געדאַנק צושיידט, און איז איהם געוואָרען אַ געגנער.

V

פּרץ איז אריין אין גאַנצען, און מיט זיינע בעסטע קרעפטען, אין דער יודישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט בעריי כערט מיט פיל פערעלדיגע שאַפונגען. זיין קינסטלעריש-דיכטערישער טאַלאַנט איז

*) „הצפירה” 1890.

געוואָרען אַלץ מעהר מעכטיגער, און די צאָהל פון זיינע אָנהענגער און „פערברענטע חסידים“ איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. פּרץ האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און האָט נאָך איהר בעשאָנקען מיט איינינע ממש ברי־לאַנטענע זאַכען. ער איז נאָך פערבליבען טריי דעם געדאַנק וועגען דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. אין רעכטען ברען פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט אין יודיש האָט ער אַרויסגעזאָגט וועגען דעם דאָזיגען געדאַנק אין אַ יודישען זאַמעלבוך*), וועלכען ער האָט רעדאַקטירט, די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע און כאַראַקטע־ריסטישע ווערטער**):

„מיר ווילען, דאָס פאָלק אין גאַנצען זאָל קענען העברעאיש, כּדי עס זאָל נישט דאָס תּנ״ך פערגעסען... דאָס תּנ״ך איז דער אוצר פון אונזער אמונה, פון אונזער נאַציאָנאַליטעט, פון אונזער עטיק! מען דאַרף זעהן, עס זאָל זיין ביי יעדען יוד, נישט נאָר אין שראַנק, נאָר אויך אין האַנד, אין האַרץ און מוח... מיר וועלען אייביג לעבען, און אייביג איז נישט צו באַרעכנען. עס טוישען זיך די צייטען, עס טוישען זיך די טעג און נעכט... מאָרגען קענען מיר ווייטער קומען צו גרויסע נסיונות, דעמאָלט קען אונז נאָר דאָס תּנ״ך מוט געבען און כּוח“.

„דער קאָן אויף זיך זאָגען, אַז ער געהערט צו אַ פאָלק, דער, וואָס האָט פערבינדונג מיט אַלע אויגען פון דער נעץ, פון דער פערשפּרייטער אויף דער גאַנצער וועלט, און קען גוט די קייט, וואָס ציהט זיך פון אברהם אבינו ביז דעם היינטיגען טאָג“.

„די העברעאישע שפּראַכע, וואָס אַלע יודען פערשטעהען אין אַלע לענדער, איז דער רימען, וואָס האַלט צוזאַמען די רעדליך, זיי זאָלען זיך נישט פונאַנדערלויפען, דער איינציגער קליי, וואָס האַלט אונזערע צושיטע ביינער צוזאַמען“.

„די העברעאישע שפּראַך האַלט אויך צוזאַמען די רינגען אין דער צייט. זי פעראייניגט אונז מיט משה רבינו, מיט די נביאים, מיט דער משנה, מיט דער גמרא, מיט אַלע אונזערע גרויסע שטערנע, וואָס האָבען אַמאָל אויף אונזער הימעל געלייכט“.

„די העברעאישע שפּראַך בינדעט אונז צוזאַמען מיט די, וואָס

---

*) „די יודישע ביבליאָטעק“ ערשטער באַנד. **) די ציטאַטען ווערן געבראַכט לויט דער נייער אָרטאָגראַפיע.

האָבען פּיראַמידען געבויט, מיט די, וואָס האָבען זייער בלוט אויף ירושלים׳ס מויערען פערגאָסען, ווי אויך מיט די, וואָס האָבען אויף דעם ברענענדיגען פייער „שמע ישראל״ געשריען״.

„פערגעסען די העברעאישע שפּראַך, הייסט: פערגעסען די תורה, די נביאים, פערגעסען די געשיכטע, אָברייסען זיך ווי אַ צווייג פון בוים, פוילען אַ קורצע צייט און פערשוואונדען ווערען!״

עס זענען אַריבער עטליכע יאָהר. ביסלעכווייז האָט זיך פּרץ אָבגערוקט פון זיינע דאָזיגע אמת׳ן, און אויף דעם טשערנאָוויצער צוזאַמענפאָהר האָט זיך איבערגעריסען אויך דער לעצטער פאָדעם, וואָס האָט איהם געהאַט פערבונדען מיט דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור.

מ׳קאָן אָבער צו פּרצ׳ן קיין טענות נישט האָבען:

ער האָט שוין פריהער אויף זיך אַרויסגעגעבען אַ פּסק-דין אין די פאָלגענדע ווערטער:

„קאַפּריזנע, זאָגט איהר, קאַפּריזנע איז דער דיכטער*), ווייל־עווייז ווערט ער געענדערט, און זיין וועג איז פער־באָרגען״...

*) „הפכפך, תאמרו, הפכפך המשורר, לרגעים ישתנה ודרכו נסתרה״...

ביי פּרץ'ן צו דער „סעודה"

I

אין יאהר 1891 איז דאָס געווען.

ערשט אַ יאָהר, ווי פּרץ האָט זיך בעזעצט אין וואַרשא. אין יענער צייט האָט מען נאָך איהם בעגעגענט אין די העבּרעאיסטישע קרייזען וואו ער האָט געהאַט אַלטע בעקאַנטע פון זיין משׂכּיל'שער תּקופה. ער איז דאַן געווען אַן אָפטער איינגייער ביי נחום סאָקאָלאָוו'ן, דעם רעדאַקטאָר פון „הצפירה", ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט בן-אביגדור'ן, וועלכער האָט דאַמאָלסט געהאַט אָפּגעדרוקט זיינע אַ פּאָר דערצעהלונגען אין די „ספרי-אגורה". כמעט טעגליך פלעגט ער „אריינשפּרינגען" אין דער בוכהאַנדלונג פון אליעזר-יצחק שאַפּירא, וועלכע האָט געדיענט אַלס אַ מין בערזע פאַר די העבּרעאישע שריפט-שטעלער, אין וואו מ'האָט תּמיד געקאָנט טרעפען די בעוואוסטערע ליטעראַטען אין וואַרשא און פון דער פּראָווינץ. דאָרטען פלעגט מען זיך בעצייטענס דערוויסען וועגען אַלע ליטעראַרישע נייעס, דאָרטען פלעגט מען שה'ן-לאַנג דיסקוסירען וועגען ביכער און שרייבער און אַרויסטראָגען אורטהיילען. דער „ראש-המדברים" ביי די דאָזיגע ליטעראַרישע ויכּוחים איז כמעט תּמיד געווען דוד פרישמאַן, וועלכער האָט שוין דאַמאָלסט געגאָסען דעם שם פון אַ קריטיקער, און פון אַ שטרענגען קריטיקער. צו פרישמאַנ'ס מיינונגען האט מען זיך שטענדיק צוגעהערט, און גאַנץ ווייניג האָבען זיך געפונען, וועלכע האָבען אין זיך געהאט דעם מוטה איבערצושפּאַרען איהם און אריינצולאָזען זיך מיט איהם אין לאַנגע ויכּוחים בכלל. דער דאַמאָלס-דיגער שרייבער-עולם האָט זיך עפּעס אין פרישמאַנ'ס געגענוואַרט גע-

פיהלט ביי זיך ווי אַראָפּגעפאַלען. מ׳האָט פשוט מורא געהאַט פאַר זיין מויל מיט׳ן דייטש׳ן דיאַלעקט, אַזוי ווי פאַר זיין פען. די לאַגע האָט זיך אָבער אינגאַנצען געביטען, זינט פרץ איז אָנגעקומען קיין וואַרשא און איז געוואָרען אַ שטענדיגער בעזוכער פון שאַפּיראָ׳ס בוכהאַנדלונג. פרץ איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וועלכער האָט נישט בלויז געוואַגט מתווכח צו זיין זיך מיט פרישמאַנ׳ען, נאָר אויך יעדעס מאָהל אַרויסצוזאָגען פונקט אַן אַנטגעגענגעזעצטע מיינונג, וועלכע ער האָט געוואוסט לאָגיש און טעמפעראַמענטפוהל צו פאַרטיידיגען, באַנוצענדיג זיך דערביי דאָ מיט אַ פרעהליכען געזונטען הומאָר, און דאָ מיט אַ בייסענדיקען סאַרקאַזם, — ממש ניט דעם זעלביגען פרישמאַנ׳ישען כלי־זיין, וואס איז נאך ביי פרצ׳ן אַ מאָל אַרויסגעקומען אַ סך געשליפענער, בליצאַרטיג. ס׳איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט, אז יענע געגענזייטיגע אַנטיפּאַטיע. וועלכע האָט זיך אויף זייער גאַנצען לעבען געפיהלט צווישען די דאָזיגעביידע גרויסע שרייבער, האט זיך שוין אָנגעהויבען צו וועבען אויפ׳ן באָדען פון זייערע ערשטע מינדליכע ליטעראַרישע ויכוחים אין אליער־יצחק שאַפּיראָ׳ס בוכהאַנדלונג.

די מענטשען פון די זעלביגע קרייזען פלעגט מען איך אָפט טרעפען ביי פרצ׳ן אינדערהיים, און כמעט אלע זענען דאס געווען פערזאָנען שוין אין די מיטעלע יאָהרען. מיט דער יוגעט איז נאָך דאן פרץ נישט געשטאַנען אין קאָנטאַקט: זי האט נאָך איהם נישט געקאָנט. די טעמעס פון די שמועסען, וועלכע פלעגען פאָרקומען ביי פרצ׳ן, זענען געווען ליטעראַרישע און געזעלשאַפטליכע, אַ מאָל אויך וועגען „חבת-ציון״, מיט וועלכען ער האט זיך נאך דעמאָלסט אינטערעסירט, און וועגען דער חברה „שפה ברורה״, ווי ער פלעגט עפטערס האַלטען העברעאישע פאָרטראגען, און צייטענווייז אויך וועגען לאָקאַלע וואַרשאווער אינטערעסען. און איבער אלץ האט פרץ געשמועסט גייסטרייך מיט וויץ, עד האט ממש געשפּרודעלט מיט בליצגעדאַנקען, אזוי, אז דער עולם פלעגט פון איהם תּיד אַוועקגעהן ווי אָפּגעפרישט, ווי ניי בעלעבט.

צו יענער צייט בין איך אַ מאל געקומען פו׳ דער פראָווינץ קיין וואַרשא, און בין אַוועק מיט אַ בעזוך צו פרצ׳ן.

II

דאס איז גראָד געווען פּורים נאָכמיטאָג. איך האָב דאָן גע־טראָפען ביי פּרצ׳ן עטליכע מענטשען, און כמעט אַלע, אויסער דעם דעמאָלסדיגען, סעקרעטאַר פון דער ווארשאווער גמינע, גראָסגליק, אַלטע באַקאַנטע. צווישען זיי זענען געווען: דינעזאָן, שאול פּנחס ראַבינאָוויץ (שפ״ר), בן־אביגדור, ניימאַנאָוויטש (דער פעליעטאָניסט פון „הצפירה״, וועלכער איז אין זיין צייט געווען פּאָפּולער מיט זיין פּסעוודאָנים „הנץ״) און נאָך אַ פּאָר שריפט־שטעלער, וועמעס נעמען איך געדענק שוין היינט נישט. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט זיך דאָן געפונען ביי פּרצ׳ן אויך י״ח זאַגאָראָדסקי.

אריינגעהענדיג צו פּרצ׳ן, האָב איך געפונען דעם עולם פּאַרטאָן אין אַ פריהער אָנגעהויבענעם שמועס. מ׳האָט גערעדט וועגען די צוויי בענדער פון שלום־עליכמ׳ס „פאָלקס־ביבליאָטעק״. פון דעם האָט עמיץ אַרויפגעפיהרט דאס געשפּרעך אויף פרישמאַנ׳ס בעוואוסטער פּאָעמאַ „אופיר״.

פּרץ האָט דאַן שאַרף אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז „אופיר״ איז אַ נאָכגעמאַכטע שטיקעל אַרבייט, און האָט אָנגעוויזען אויף היינע׳ן. דערביי, געדענק איך, האָט פּרץ געגעבען אַזאַ משל: אַ גבאי פון אַ „גוטען יידען״ איז אַ מאָל געבליבען אָהן פּרנסה. וואס האָט ער גע־טהון? ער האָט גענומען און אָנגעטהון דעם רבינ׳ס אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט זיין סויבעלנער שטריימעל מיט די ווייסע זאָקען, און מיט זיין שטעקען אין דער האַנד, און האָט זיך געלאָזט געהן איבער דער וועלט; אומעטהום האָט ער פּדיונות גענומען, קוויטלעך געגעבען און פּוקד עקרות געווען. די גאַנצע וואָך האָט זיך איהם זיין געשעפט איינגעגעבען, אָבער ווי נאָר ס׳איז געקומען שבת צו דער דריטער סעודה און ער האָט גענומען זאָגען תּורה, דאָ איז ער באַלד אַנטפּלעקט גע־וואָרען אין זיין אמת׳ן פּרצוף...

דער עולם האָט דעם נמשל גלייך פערשטאַנען און מ׳האָט פריילעך געלאַכט. אין אַ צייט אַרום איז דער משל דערגאַנגען צו פרישמאַנ׳ען. דאָן האָט פּרץ גראָד אַרויסגעגעבען אין העברעאיש אַ קליין ביכעל פון עראָטישע שירים אונטערן נאָמען „העוגב״. האָט זיך פרישמאַן מיט דעם באַנוצט און אין אַ „בריף וועגען דער ליטעראַ־

טור" האט ער זיך אפגערעכענט מיט פרצ'ן, זוכענדיג אויפצווייזען, אז זיינע שירים זענען לויטער פאראדיעס אויף פרעמדע דיכטער. דאס איז געווען דער ערשטער סיגנאל צו דער מלחמה, וועלכע האט זיך באלד נאָכדעם פונאנדערגעפלאקערט צווישען פרישמאנ'ען מיט פרצ'ן אין יודיש געשריבענע פאַמפלעטישע בלעטלעך און בראשורען.

פון שלום-עליכמ'ס „פאלקס-ביבליאטעק" איז דאס געשפרעך ארויף אויף י י ד י ש בכלל. ס'האט זיך געפונען איינער, וואס האט בעמערקט, אז די העברעאישע שריפטשטעלער פון פאָריגען דור פלעגען זיך באַנוצען מיט יודיש נאר צו וויצען און צו קאלאמבורען און צו שטעכווערטלעך, און בכלל צום שפאס מאכען, און קיינמאל האבען זיי עס נישט געברויכט צו ערנסטע שאפונגען. ביי ד ע ר געלעגענהייט האט ש פ "ר דערצעהלט, אז אין ו ו י ל נ א האבען זיך אַ לאנגע צייט ארומגעטראגען איבערגעשריבענע קאָפּיעס פון אַ יידישען שיר, וועל־כער האט געהערט דער פעדער פון דעם אלטען העברעאישען דיכטער, א ד ם ה כ ה ן ל ע ב ע נ ס אָ ן און איז געווען אַ שארפער פאמפלעט געגען אַ ווילנער גבאי פון חברה קדישא, — א ב א פ ר ו כ ט האט ער געהייסען. אויף דעם דאזיגען גבאי האט לעבענסאן געהאט אַ הארץ, פארוואס ער האט מזלזל געווען אין דעם כבוד פון דעם אין יענער צייט (די לעצטע פופציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט) ביי די משכילים זייער פאפולערען בילדונגס-עסקן נ ח ב ל אָ ך. דער דער־מאהנטער נח בלאך האט געגרינדעט אין ווילנא די ערשטע יידיש־וועלטליכע מוסטער-שולען, און דורך דעם האט ער זיך פערהאסט גע־מאכט ביי דער ארטאדאקסיע, און בעת ער איז געשטארבען האט זי זיך אין איהם נוֹקם געווען מיט דעם, וואס אבא פרוכט, דער הויפט־דעה-זאגער אין חברה-קדישא, האט איהם אפגעהאלטען אינדערהיים דריי טעג, איידער ער האט איהם געלאזען ברענגען צו דער קבורה.

דערביי האט שפ"ר פארגעטראגען די ערשטע עטליכע פערזען פון לעבענסאָנ'ס שיר, וועלכע זענען איהם פערבליבען אין זכרון. דער נאמען פון שיר איז געווען „א ב א ג ב א", און די פערזען, וועלכע שפ"ר האט ציטירט, זענען פאלגענדע:

„אבא איז נישט דער טאטע,
וואס פערקויפט סאלאטע,
וואס גייט מיט'ן קאשיק,
וואס קען נישט קיין פסוק...

אבא פרוכט
האנדעלט מיט יוכט,
אַ לעדער-מבין אַ בעוואוסטער,
וואלט ער געווען אַ גוטער שוסטער...
צווישען די לעבעדיגע אַ שוטה,
און קלוג ביי די טויטע...
היינט שניידט ער אויף אַ פרעמדע בייטעל,
און מארגען שטייט ער אויפ׳ן בימה מיט דער טייטעל״...

דאס האט דערמאנט פרצ׳ן, אז אויך זיין געוועזענער שווער, דער בעקאנטער מאטעמאטיקער גבריאל יהודה ליכטענפעלד, וועלכער האט תמיד געשריבען בלויז העברעאישע שירים, האט זיך געהאט די טבע צו טרייבען קאַטאוועס נאר אין יידיש. אזוי האט אַמאל פאסירט, אז דער זאַמאשטשער רב האט אַ געוויסען שבת אינדערפריה פון דער בימע אַראפּ פלוצלונג דערקלערט אלס טריף אלע געשטעלטע טשאָלענטער, ווייל ער האט דערגאנגען, אז דאָס פלייש, וואס דאס גאנצע שטעדטעל האט פרייטאג געקויפט, איז געווען פון אן אקס, אויף וועלכען ס׳האט זיך געפונען אַ סירכא. דער דאזיגער אויסטערלישער פאסירונג, וואס האט די שטעדטעל׳דיגע יידען פערשטערט דעם שבת, האט ליכטענפעלד געווידמעט אַ שיר, וועלכען מ׳האט שפעטער געקענט הערען אין אלע זאמאשטשער הייזער. פרץ האט דאן דעם שווער׳ס שיר איבערגעזאגט פאר אונז כמעט אינגאנצען; ביי היינטיגען טאג געדענק איך אבער פון אים בלויז די פאלגענדע עטליכע פערזען:

„איהר זאגט: אַ סירכא! —
אן עבירה, רבי, אייער טרחה;
פערשפעטיגט האט איהר אויך מיט אייער תיקון;
כ׳האב אפגעדאווענט ותיקון
און צום טשאלענט גלייך געאיילט.
בעת איהר האט נאך אייך אויף דער בימה געווייל,
און — מעשה שטן!
דעם טשאלענט פערבאטען,
איז ער שוין ביי מיר געלעגען אין מאגען;
און דארף איך אייך נאך זאגען,
אז ער האט מיר גוט געשמעקט

און האב פון איהם ממש די פינגער געלעקט!
אַ קוגעל איז דאס געווען — מיר אזא יאהר,
און דאָס קאלטע צימעס־פלייש — הלואי נישט ערגער דער
שור הבר״...

פרץ איז נאך דאן נישט געווען דער הייסער יידישיסט פון שפּעטער, און דאך האט ער שוין בעדויערט די דאזיגע וואכענדיגע, פּראָפאנירענדיגע בעציאונג צו דער פאלקס־שפּראך מצד די גרויסע העברעאישע שרייבער, וועלכע האבען אין איהר געשריבען נאר אזוי־גערופענע „שיחות חולין״.

פון דעם איז אריבער דער שמועס צו דער יידישער דיכטונג בכלל. פרץ האט דערצעהלט, אז נאך מיט אַ צייט פריהער איידער ער האט אנגעהויבען צו שרייבען העברעאישע שירים, האט ער שוין גע־האָט געשריבען יידישע לידער, אלע אויף געזעלשאפטליך־סאציאלע טעמעס, וועלכע ער האט אבער נישט געהאט וואו צו דרוקען. דער־ביי האט ער אויסגעדריקט זיין גרויס בעדויערען איבער דעם, וואס עטליכע פון זיינע יודישע שירים, וועלכע ער האט ביי זיך תמיד אָפּגעהיט לזכרון, זענען פערבליבען ביי דער זאַמאָשטשער מאכט, זינט מ׳האָט ביי איהם געמאכט אַ רעוויזיע אויף דעם סמך פון אַ מסירה, וואס זיינער אַ קאנקורענט, אַ קריסטליכער אדוואקאט, האט אויף איהם דערלאנגט, אז ער איז אַ סאציאליסט. צווישען די דאזיגע קאנ־פיסקירטע לידער האט זיך געדארפט געפונען אויך אַ גאנץ אומשול־דיגע קינדערישע דראמע אונטערען נאמען „מלוכת־שאול״, וועלכע ער האט יונגעלוויז אנגעשריבען, און די זאמאָשטשער ישיבה־בחורים האבען עס פארגעשטעלט אין בית־מדרש.

דאָ האט עמיץ אַ פרעג געטהון:

— האלט איהר עפּיס פון פּורים־שפּיעל?

אויף דעם האט פרץ געענטפערט:

— אַ שיינער מנהג ביי יודען געווען, אַ זכר להיסטאָריא; אַ שאד, וואס ער איז פערלויערען געגאנגען מיט נאך אַ סך אזעלכע שיינע יידישע מנהגים.

פּרץ'ס נקמה.

I

אין יאהר 1894 האט פּרץ פּערעפענטליכט א קליין העברעאיש ביכעל שירים אונטערען נאמען „ה ע ו ג ב" (די הארף). דאס ווערקעל איז באלד געווארען אויפפאלענדיג הן דורך זיין אינהאלט: ליריש-ערָאטישע לידער, און הן דורך זיין שפּראך, וועלכע האט אפּגע-וויכט פונ'ם דעמאלסט אנגענומענעם און פּאפּולער געוועזענעם מליצה-סטיל. ביז אהין האבען זיך אין דער העברעאישער שיינער ליטע-ראטור גאנץ אפט דורכגעוואָרפען אזוי גערופענע „שירי-אהבה", ליבע-לידער, אבער תמיד העכסט צניעות'דיג פערשלייערט און מיט א ווייט מעגליך איינגעהאלטענעם טעמפּ, און דאס רוב איז דער לירישער אויסגאס געווארען דערשטיקט אונטער בערג פון צובראכענע פּסוקים. פּרץ איז געוועזען דער ערשטער אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האט געבראָכען דעם דאָזיגען מנהג, און האט זיך נישט גע-לאָזט איינצוימען נישט פון דעם פּסעוודאָ-צניעות-געפיהל און נישט פון פּסוק. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אויב דער קבלת-פּנים, וואס די קריטיק האט געמאַכט דעם „העוגב" איז געוועזען זעהר נישט קיין פריינדליכע.

אַ בעזונדערס חוצפּה'דיגען אָנפאל אויף פּרצ'ן צוליעב זיין „העוגב" איז דאן געמאכט געוואָרען אינ'ם העברעאישען טאָגבלאַט „ה מ ל י ץ" דורך אַ געוויסען שריפטשטעלער — א ב ר ה ם ז י נ ג ע ר האָט ער געהייסען. דער דאָזיגער זינגער, אפילו נאָך דעמאָלסט אַ גאנץ יונגערמאַן, האט געהאט וועגען דעם, וואס עס הייסט ליטעראַטור זעהר פערעלטערטע, ארכאַאישע בעגריפען. האלטענדיג זיך פאר

אַ נאָוואַטאָר, האט ער זיך תמיד בעמיהט צו דיסקרעדיטירען דעם „נייעם קורס“, וואס איניגע יונגע שריפטשטעלער מיט בן-אביגדור׳ן בראש האבען דאן געוואָלט אריינברענגען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און אַרונטערצורייסען יעדען פרוב, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען אין דער ריכטונג. אַליין אַ טרייער תלמיד פון דער „מליצים-שול“, האט ער מיט גרויס פערביטערונג בעקעמפט אלע יענע, וועלכע האָבען אַראָפּגעצויגען פון דער העברעאישער שפּראַך איהר קדושה-מאַנטעל און אָנגעטהון איהר אַ וואָכעדיגען לבוש צוגעפּאסט צו די טאָג-טעגליכע אינטערעסען. נישט האָבענדיג דעם כבוד געגומען צו ווערען אין אַכט פון די געגנער, האָט איהם דאָס נאך מעהר פערביטערט, און ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגענהייט, מיט וועלכער ער זאל זיך נישט האָבען בענוצט אָנצופאַלען אויף די בעשיצער פון די נייע לאָזונגען אין דער שפּראַך און אין דער ליטעראַטור.

פאַר אָט דעם זינגער׳ן איז אַזא ביכעל ווי דער „העוגב“, וואס האט פאַר איינמאָל איינגעריסען אי מיט די אָפּגעלעבטע שפּראַך-טראַדיציעס אי מיט דער טרוקענער, בלויזער פאָרם פון די ביז אַהעריגע „ליבעס-לידער“, געווען ממש אַ מציאה, וועלכע איז איהם געקומען צו דער האַנד גאנץ אומגעריכט. מיט דעם גאנצען אימפּעט פון זיין קריטישען „טאַלענט“ האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן ווערקעל מיט זיין מחבר און האָט אין צוויי גרויסע פעליעטאָנען געמאַכט פון ביידע „אויסצודרייען“. די אַטאקע געגען דעם „העוגב“ האט זינגער געפיהרט אויף צוויי פראָנטען: די פּראָפּאַגאַנציע פון דער שפּראַך און די זנות-אַרטיגע עראָטיק...

פרץ האָט, זעלבסטפערשטענדליך, ווי די אַלע אנדערע זינגער׳ס „קרבנות“ די דאָזיגע „קריטיק“ טויטגעשוויגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט מיר אַמאָל דינעזאָן ביי אַ געלעגענהייט דערצעהלט דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען עפּיזאָד:

II

דער דערמאָנטער אברהם זינגער, וועלכער האָט אַזוי ריטערליך נעראָאיש געשטריטען געגען יעדען נסיון צו מאָדערניזירען די העברעאישע ליטעראַטור, איז געווען אַן אָרימער העברעאישער לעהרער און דערצו נאָך פון דער נאַטור אַ גרויסער בטלן און זעהר אַן אומבעהאָלפענער אין פּראַקטישען לעבען. האט גראָד געדאַרפט פּאַסירען.

אז אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכדעם, ווי ס׳האט זיך אָפּגעדרוקט אין „המליץ״ זינגער׳ס פּאמפלעט וועגן פּרצ׳עס „העוגב״, איז ביי איהם געשטאָרבען זיין פרוי. אין יענער צייט האָט פּרץ געדינט אין דער וואַרשאווער גמינע אַלס פערוואַלטער פון דעם „טויטען-טיש״, און ווען עמיץ איז געשטאָרבען, האָט מען איהם אָהן זיין צעטעל נישט געקענט ברענגען צו דער קבורה.

בעת זינגער׳ן איז אויסגעקומען דורכצומאַכען די פּראָצעדור פון קריגען אַ צעטעל אויף זיין ווייב׳ס קבורה, און ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער דאַרף וועגען דעם געהן נישט צו קיין אַנדערען ווי נאָר צו פּרצ׳ן, איז עס געבליבען שטעהן אַ צומישטער. ס׳איז ביי איהם נישט געווען קיין שום ספק, אז פּרץ וועט זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אָהן איהם פאר זיין קריטיק אויף דעם „העוגב״ און וועט איהם נישט וועלען אַרויסגעבען קיין צעטעל, אָדער ער וועט איהם אַראָפּרייסען די הויט פאר קבורה-געלד...

מ׳קען אָבער דאס טויטע ווייב נישט לאָזען ליגען אין שטוב, מ׳מוז איהר סוף-כל-סוף מקבר זיין, און אהן פּרצ׳ן וועט דאָס בשום אופן נישט געהן, טאָ וואס טהוט מען דאָ?

אַריינטראַכטענדיג זיך אין זיין שווערער לאגע איז איהם אַרויף אויפ׳ן זינען, אז אין דער מינוט קען איהם העלפען נאָר דינעזאָן, מיט וועלכען ער האט זיך גוט געקענט. זינגער האט גאנץ גוט געוואוסט וועגען די געגענזייטיגע אינטימע בעציאונגען צווישען דינעזאָנ׳ען מיט פּרצ׳ן.

און באַלד איז זינגער אַוועקגעלאָפען צו דינעזאָנ׳ען, האט איהם דערצעהלט, וואס איהם האט געטראָפען, און געבעטען אן עצה וואס צו טהון.

תחילת האָט זיך דינעזאָן שיעור נישט פונאַנדערגעלאַכט איבער דער נאַרישער פּחדנות פון דעם העלדישען קריטיקער. ער האט זיך אָבער איינגעהאַלטען און זיך אָפּגערופען ערענסט:

— ווי לעגט זיך דאָס אייך גאָר אויפ׳ן שכל, אַז עס וועט פּרצ׳ן איינפאַלען אויסצונוצען אייער אונגליק אויף צו נעמען פון אייך נקמה? אויף אַזאַ זאַך איז דאָך קיין מענש נישט פעהיג און בפרט פּרץ; איהר האָט עפּעס ביי אונז אַסך אַזעלכע פּרצ׳ס?

— ער איז דאָך אָבער אויף מיר אין כעס, און ווי קען איך דאָס פאַר איהם ווייזען די אויגען?

— אין כעס איז פּרץ אויף אייך? — האָט איהם דינעזאָן גע־פרעגט — ווער האָט עס אייך איינגעשמועסט? און פון וואַנען, זאָגט מיר, ווייסט איהר עס בכלל, אַז פּרץ האָט געלייענט אייער „מאמר"?

פון דינעזאָנ'ס לעצטער פראַגע האָט זיך דער „קריטיק" דער־פיהלט אַנגעריהרט אין זיין שרייבערישע אַמביציע, און ווי צוטוּ־מעלט ער איז אין יענע מינוטען געווען, האָט אין איהם דאָך דער שריפטשטעלער גובר געווען דעם „אבל", און ער האָט אַ זאָג געטהון:

— וואָס עפּעס נישט געלייענט? דאָס, וואָס איך שרייב, לייע־נען אַלע, לייענט „קינד און קייט"; ער האָט געוויס געלייענט, און איז געוויס אויף מיר בייז.

— בכן, איז וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר? —

— איך פערלאַנג פון אייך — האָט זינגער געענטפערט — אַז איהר זאָלט מיר טהון די געפעליגקייט און נעמען אויף זיך די טרחה צו בעקומען פאַר מיר ביי פּרצ'ן דעם צעטעל, מ'זאָל היינט קענען מאַכען די לויה.

דינעזאָן האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט זיין פּאַלטאָ און געזאָגט:

— קומט, לאָמיר געהן!

אונטערוועגס האָט דינעזאָן אַ פרעג געטהון זינגער'ן גאַנץ געלאַסען:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט אייך דאַן באמת אָנגע־שפּאַרט אָנצופאַלען אויף פּרצ'ן מיט אַזעלכע זלזולים? צי אַז עס גע־פעלט נישט אַ ספר, דאַרף מען שוין דעריבער מאַכען דעם מחבר צו אַש און צו בלאָטע?

אויף דעם האָט זינגער אַלס ענטפער קוים אַרויסגעזייט פון צווישען די ציין:

— מיין אָנפאַל איז נישט געווען געווענדעט געגען פּרצ'ן פערזענ־ליך, נאָר געגען פּרצ'ן דעם רבי'ן פון אַ גאַנצער כנופיא, וועלכע האָט זיך בערייט פערנומען צו פערוואָכעדיגען די העברעאישע ליטע־ראַטור דורך פערשיעדענע נייעסען, וואָס אונזערע אבות־אבותינו האָבען נישט געוואוסט.

— נו, אויב אַ רבי'ן — האָט איהם דינעזאָן געפרעגט מיט אַ שמייכעל — האָט מען דאָך איהם געוויס נישט געטאָרט זידלען?

— דאָס הייסט ניט געזידעלט; מיין אַרט שרייבען איז אַזוי־נער. איך האָב זעהר ליעב די העברעאישע ליטעראַטור, און אַז איך זעה ווי מ׳טהוט איהר עוולות, ווי מען „פערפאַטשקעט״ איהר דורך בבול־פּה, ווערט אין מיר אויפגעקאָכט דאָס בלוט, און בשעת ס׳ווערט אויפגעקאָכט דאָס בלוט, פערלירט מען דאַן דאָס גלייכגעוויכט און אין אַזאַ מצב קאָן מען נישט ערב זיין פאַר זיך אַליין.

רעדענדיג אַזוי זענען זיי צוגעגאַנגען צו דער גמינע. זינגער איז געבליבען שטעהן ביים אַריינגאַנג.

— נו, קומט! — האָט זיך דינעזאָן צו איהם אָבגערופען — וואָס האָט איהר זיך דאָ אָוועקגעשטעלט? דאָס צעטעל וועל איך פאַר אייך אַרויסנעהמען, אָבער איהר דאַרפט אויך זיין דערביי, טאָמער קומט אייך אויס צו געבען וועלכע עס איז ערקלערונגען; קומט, פּרץ וועט אייך אין ראָסעל ניט אויפעסען, האָט קיין מורא נישט.

זינגער האָט זיך אָבער גענומען בעטען ביי דינעזאָנ׳ען, ער זאָל איהם לאָזען צורוה און זאָל אַליין געהן.

— ס׳איז מיר שווער, איך קאָן ביי זיך נישט פּועל׳ן, איך האָב שוין אַזאַ נאַטור, אָט נאַט אייך!

דערביי האָט ער דערלאַנגט דינעזאָנען אַ קליין שטיקעל פּאַפּיער, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעצייכענט דער ווייב׳ס נאָמען, דער נו־מער פון זיין וואוינונג און די אַלע איבעריגע נויטיגע ידיעות.

דינעזאָן איז אַרויפגעלאָפען אין דער גמינע, לאָזענדיג זינגער׳ן שטעהן אויף דער גאַס.

III

בעת פּרץ האָט דערהערט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, איז זיין געזיכטס־אויסדרוק געוואָרען ערענסט און ווי בייזליך, באופן, אַז אין ערשטען אויגענבליק האָט זיך דינעזאָן אויסגעדוכט, דאָס די פּלוצליכע עראינערונג וועגען זינגער׳ס אָנפאַל האָט אין איהם אַרויס־גערופען אַ צאָרען־געפיהל, און ווער ווייסט, צי אונטער דעם דאָזיגען רושם וועט איהם באמת נישט איינפאַלען אַ רייץ צו טהון זיך מיט זינ־גער׳ן אין אַ וועלכער עס איז פאָרם.

אָבער דאָס ערשטע וואָרט, וואָס האָט אַרונטערגעריסען פון פּרצ׳עס ליפּען, איז געווען אין רוסיש:

— „ביעדניאַגאַ״!...

און תּוך כּדי דבּור האָט פּרץ אויף דעם מוסיף געווען:
— לויף די מינוט אַראָב און פרעג ביי איהם וואָס און ווען.
— איך פערשפּאָהר צו לויפען — האָט דינעזאָן געזאָגט, — און האָב דערלאַנגט פּרצ'ן דאָס שטיקעל פּאַפּיער מיט די געהעריגע ידיעות.
פּרץ האָט תּיכּף אנגעשריבען דאס צעטעל און האט עס איבער־געגעב'ען דינעזאָנען מיט די ווערטער:
— זאָג איהם, אַז ער ווערט בעפרייט נישט בלויז פון קבורה געלד, נאָר אויך פון אלע איבעריגע הצטרכות'ן; די גאנצע אויס־ריכטונג וועט זיין על חשבון הקהל. און אויך דאס...
— וואס?
— טאמער געהט אַרויס מיינס אַ צווייט ביכעל, וואס וועט איהם אויך געוויס נישט געפעלען, קען ער עס ווידער קריטיקירען לויט זיין שטייגער. ער האט דערצו דאס גוטע רעכט, און איך וועל צו איהם גאָרנישט האָבען...
און אַז דינעזאן האט איבערגעגעבען זינגער'ן דאס צעטעל און איז אַרויף צוריק אין דער גמינע, האט שוין פּרץ דעם דאזיגען אינ־צידענט מעהר מיט קיין איינציג ווארט נישט בעריהרט.

מענדעלע דער שפּראַך־קינסטלער *).

I

י ו ד י ש.

דער היינטיגער, מאָדערנער לעזער, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין אַ שענעם פרימאָרגען און האָט פאַר זיך געפונען אַ פאַרטיגע יודישע שפּראַך מיט אַ פאַרטיגער יודישער ליטעראַטור מיט אַ גאַנצער פלעיאַדע יודישע וואָרט-קינסטלער, גרעסערע און קלענערע, וועט זיך קוים קענען פאָרשטעלען, אַז נאָך נישט מיט קיין גאַנצע 50 יאָהר צוריק איז נאָך ביי אונז פון די דאָזיגע אַלע זאַכען אַפילו קיין זכר נישט געוועזן. אמת, ס'איז עפּעס דאַמאָלסט יאָ געוועזן אַ שטיקעל לשון, אָבער וואָס פאַר אַ פנים און וואָס פאַר אַ טעם, מ'שטיינס געזאָגט, האָט דער דעמאָלסטיגער לשון געהאַט! דאָס איז געוועזן אַ מאָגערע, אַ בלאַסע באַשעפעניש, נאָר הויט מיט ביינער, אָהן אַ בלוטס-טראָפּען, קוים כוח געהאַט אויף די פיס צו שטיין, און נישט געקענט אַ ריהר טאָן זיך פון אָרט. נאָך צוטרעפענדיגער וועט אפשר זיין, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז דאָס איז געוועזן אַ פערלאָזענער גאָרטען, אויף וועלכען עס זענען אָנגעוואַקסען כלערליי בי-טערע קרייטעכצער. אמת, ס'איז עפּעס דאַמאָלסט יאָ געוועזן אַזוינס, וואָס זאָל האָבען געהייסען „ליטעראַטור”. דאָס איז אָבער געוועזן אַזאַ מין ליטעראַטור, וועלכע האָט גערעדט נישט צום האַרצען און נישט צום מוח, נאָר צו דער וואַנד; דאָס איז געוועזן אַ ליטעראַטור, פון וועלכער ס'איז קיינעם נישט געוועזן נישט קאַלט און נישט

*) פערעפענטליכט דאָס ערשטע מאָל צו מענדעלעס צווייטען יאָהרצייט.

וואָרים; דאָס איז געווען אַ גרויסער געמייזעכץ, אין וועלכען ס'האָבען זיך געמעהרט און געפּרוכפּערט יענע מיני אַזויגערופענע שרייבער, וואָס ספּעקטאָר האָט זיי פאַראייביקט אין זיין באַקאַנטן העלד „פּיניע טינטלער". בקיצור: ס'איז גאָרנישט געווען. ס'האָט געהערשט אַ כאַאָס, אַ תוהו-ובוהו, אָהן אַ וועלכן ס'איז סימן פון אַ „רוח-אלהים"...

און פון וואַנען האָט זיך עס היינט מיט אַמאָל גענומען אַזאַ שענער, זאַפטיגער און רייכער יודישער לשון? ווער האָט דאָס דעם דאָזיגען יודישען לשון בעשאַפען און אַרויפגעבראַכט איהם צו זיין היינטיגער אייראָפּעאיש-מאָדערנער מדרגה?

דער בעשאַפער פונם יודישען לשון, און נאָכדעם אויך דער קינסטלער פונם יידישען לשון, איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי נאָר — מ ע נ ד ע ל ע.

דער היינטיגער יודישער לעזער, וואָס ווערט אַזוי נתפּעל פון מענדעלעס קערניגער שפּראַך, וואָס ווערט אַזוי בעגייסטערט פון מענדעלעס פּלאַסטישען סטיל און קוויקט זיך אַזוי מיט מענדעלעס מאָלערישען וואָרט, וועט פיללייכט גאָרנישט וועלען גלויבען, אַז בעת דערזעלביגער מענדעלע איז צוגעטראָטען אַ פאָלקס-שרייבער צו זיין, האָט ער אַליין געדאַרפט אוועקלעגען — און האָט אויך אוועקגעלעגט — דעם יסוד, אויף וועלכען צו בויען און אויף וועלכען צו שאַפען. נאָך מער: אַפילו די נויטיגע שטיינער צו דעם דאָזיגען פונדאַמענט האָט ער פאַר זיך נישט געפונען. וואָרום יענער שפּראַך-מאַטעריאַל, וואָס דאָס טעגליכע פאָלקס-לעבען האָט אים געגעבען, איז געווען אַזוי פאַרדאָרבען, אַזוי צוקאַליעטשעט, און גאַנץ אָפט פאַרדאָרבען מיט אַ כיוון, צוקאַליעטשעט אויף צו להכעיס, אַז ער, מענדעלע, האָט זיך מיט איהם בשום אופן נישט געקענט באַניצען אַפילו צו די איינפאַכסטע, וואָכעדיקסטע באַגריפען, און ווער רעדט שוין דאָרטען, וואו עס האָט זיך געפאָדערט אַ הויב צו טאָן זיך אויף וויפיל עס איז איבער דאָס פּרימיטיווע, איבער דאָס שאַבלאָנע, איבער דאָס אַל-טעגליכע. און ווער רעדט שוין—דאָרטען, וואו ס'איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיטן פּענזל, דאָרטן, ווו מען האָט געדאַרפט האָבן אַנ'-עסק מיט דער פאַרבען-וועלט, וואו מ'האָט זיך געדאַרפט געפינען געזיכט אין געזיכט מיט דער נאַטור, — דאָרטען איז דאָס פאָלק גע-בליבען, ממש, אָן לשון, אָדער, ריכטיקער געזאָגט: דאָרטען האָט דאָס פאָלקס-לשון פאָלקאָם באַנקראָטירט.

אין אַזאַ מצב איז פאַר מענדעלען נישט איבערגעבליבען קיין אַנדער ברירה, ווי נאָר צו ווערען אַ בורא יש מאין, ווי נאָר אויס־צובויען און אויפצושטעלען אַ בנין פון גאָרנישט. קודם־כל האָט זיך מענדעלע געמוזט נעמען בעשאַפען אַ לשון — און ער האָט עס בעשאַפען. און מענדעלעס לשון איז נישט אַ שפּראַך אַ ל אַ ד י ק, ד. ה. אַ משמש פון גערמאַניזמען און רוסיציזמען און פון אַנדערע מיני „איזמען", נאָר אַ ריינער לייכטבויגעוודיקער, עלאַסטישער יודישער לשון, אַ לשון, וואָס פערמאָגט אַ גאַנצען שאַץ פון ווערטער און אויסדרוקען צו אַלערליי פאָרשטעלונגען און בעגריפען, אָנהויבענדיק פון די פשוטסטע ביז די פיינסטע שאַטירונגען און ניואַנסען. דערצו דאַרף מען אויך נעמען אין אַכט, דאָס מענדעלע האָט נישט צוגע־שניטען דעם לשון לויט אַ נאָכגעקוקטען מוסטער, אַז מענדעלעס אויס־דרוקען זיינען נישט איבערגעניצעוועט פון אַ פרעמדער מאַטעריע און נישט גענומען אויף באָרג ביי אַנדערע. אָדער, דייטליכער גע־רעדט: מענדעלע האָט דאָס יודיש נישט פאַרגויאישט, נאָר נאָך מער אים פ אַ ר י ו ד י ש ט. מענדעלע האָט אַלץ געשעפּט נישט פון ד ר ו י ס ע ן, נאָר פון א י נ ע ו ו י נ י ג. מיט גרויס פלייס און ליבע צו דער זאַך האָט מענדעלע אָראָבגעבראָכן אַ שיכט נאָך אַ שיכט פון דעם מיט גראָבען שימעל בעדעקטען שפּראַכליכען פאָלקס־פערמעגען, האָט עס אַרומגעפיילט און אַרומגעטאָקט און צוריקגעגע־בען דעם פאָלק.

לייענענדיג מענדעלען, מוז מען בעוואונדערען די אומגעהויער גרויסע שפע פון ווערטער און אויסדרוקען, וועלכע ער האָט בעהערשט און וועלכע ער האָט קונציג געוואוסט אַוועקצושטעלען איטליכען אויף זיין פאַסענדיגען אָרט, און אַלץ פריהער מייסטערהאַפט אַרומגעשליפען, נישט איבערלאָזענדיג די קלענסטע פגימה'לע. יעדע שורה, וואָס איז אַרויס פון מענדעלעס פען, איז גלאַט און פליסיג, און דערצו נאָך מיט אַ העכסט אָריגינעלען יודישן רייץ.

מענדעלע איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער. אַזוי ווי דעם לשון, אַזוי האָט ער אויך די עצם בילדער אָנגעקליידט אין אַן עכט קינ־סטלערישער יודיש־אָריגינעלער פאָרם. אַלץ האָט מענדעלע פערשטאַ־נען צו מאָלען לויט דעם פאָלקסטימליכען גייסט און לויט די קינסט־לערישע השגות פון דעם מאַסען־יודען.

ס'וועט אונז געווג זיין צו דערמאָנען דעם לעזער אויף איינער

פון מענדעלעס פּאָעטישע נאַטור-שילדערונגען: אַ פ ר י ה ל י נ ג ס - מ אָ ר-
ג ע ן א י ן ו ו אַ ל ד.

„אַ פריש געשמאַק ווינטעלע — אַזוי מאָלט מענדעלע — האָט פּאַמעלעך געבלאָזען, און פון די וואָלקענס, פון דעם שטורעמווינט איז נישט געווען אפילו קיין זכר. דער אַבגע׳טובל׳טער אויסגעצוואָגע-נער וואַלד איז געשטאַנען ווי אַ חתן-בחור, אָנגעטאָן אין אַ נייער, גרינער זופּעצע, ערשט פון דער נאָדעל, געשיינט און געלויכטען, ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערן, וואָס האָט אָט ערשט טאַקע געבראַכט די פרעהליכע בשורה, אַז אָט-אָט באַלד קומט צו פאָהרען די זון, די טײַ-ערע, גאָלדענע מחותנת׳טע, און די חתונה וועט זיך אָנהויבען. אַלצ-דינג האָט שעמעריִרט, געפינקעלט, אַלצדינג האָט ווי עפּעס זיך מכין געווען, אַלצדינג האָט עפּעס אויסגעזעהן, ווי יום-טוב׳דיג, און אומע-טום האָט געשמעקט געווירץ, זיסע ריחות פון בשמים. שען איז דער באַגינען אין וואַלד, זייער שען, דער באַריהמטער ליבער כּלי-זמר, דער סאָלאָוויי, האָט אָנגעשטעלט זיין פידעל אָבצושפּילען אַ שענעם, אַ פיינעם דאָברי-דזען״.

צו שילדערען אויף דעם אָרימען יודישען לשון אין אַזעלכע קורצע, זעהר בולט׳ע שטריכען אַזאַ נאַטור-בילד, — דאָס קען נאָר דער אמת׳ער שפּראַך-קינסטלער, וואָס איז נאָך דערצו בעקאַנט מיט די פאַרבאָרגענסטע פעלבעלעך פון דער פאָלקס-פּסיכיק.

מענדעלע האָט אַלץ אָנגעהויבען פון „בראשית״, אַלץ פון דאָס-ביי. און דער דאָזיגער שאַפונגס-פּראָצעס פון דעם יודישען סטיל האָט זיך ביי איהם אינ׳ם משך פון זיין גאַנצען לאַנגען לעבען נישט אָבגעשטעלט אפילו אויף אַ מינוט. נאָכאַנאַנד איז ער געזעסען און האָט זיך געגריבעלט אין די יודישע שפּראַכליכע פאָלקס-אוצרות, נאָכאַנאַנד איז ער געזעסען און האָט געגנישטערט די פערשיידענסטע אַלט-פרענקישע יודישע ספרים, און העכסט גליקליך האָט זיך מענ-דעלע געפיהלט אין יענעם טאָג, אין וועלכן ער האָט פון זיי אַרויס-געפונען דעם יסוד צו אַ נייעם וואָרט, אָדער אַ נייעם אויסדרוק פאַר דעם, צי פאַר יענעם בעגריף, וועלכע האָבען איהם ביז אַהער געפעלט.

איינער פון אונזערע בעוואוסטע שריפטשטעלער האָט אַמאָל דערצעהלט, ווי ער האָט געטראָפען מענדעלען ביים דאָזיגען שאַפונגס-פּראָצעס. אין מיין פאָרשטעלונג — אַזוי האָט דערצעהלט יענער שריפט-

שטעלער — האָט ער מיר דאַמאָלסט אויסגעוויזען ווי אַ כהן־גדול, וואָס ריכט אָפּ די עבודה אין קדשי־קדשים. געזעסען איז זיך דער אַלטיטש־קער אויף זיין גרויסען, ווייכען לעדערנעם שטול, די ברילען אויף די קלוגע, טיפע שאַרפבליקענדיגע אויגען, און דער קאָפּ איינגעבויגען איבער אַ גרויסען בויגען פּאַפּיר. און געזעסען איז ער און האָט — אויב ס׳איז ערלויבט אויסצודריקען זיך בילדלעך—און האָט אָנגע־צויגען שנירלעך פּערל, אַ פּערל צו אַ פּערל, אַ דימענט צו אַ די־מענט, און אַזוי אַרום האָבען מיר דורך אים באַקומען אַ נייע שפּראַך, אַ נייעם סטיל און אַ נייע ליטעראַטור.

פּרץ האָט ערגיץ וואו (אין „העולם״, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט) זעהר ריכטיג און צוטרעפענדיג כאַראַקטעריזירט מענדעלעס בעדייטונג פאַר דער שפּראַך אין די פאָלגענדיגע עטליכע ווערטער:

„מענדעלע איז דער ערשטער, מענדעלע איז דער מקור. ס׳איז געווען אַמאָל אַ מענש, וואָס האָט דערפונען די ראָד. דעם מענשענס נאָמען איז שוין לאַנג פערגעסען געוואָרען, אָבער אין אַלע ערפינדונגען און אין אַלע המצאות דרעהט זיך די דאָזיגע ראָד עד־היום. מענדעלע האָט דערפונען די ראָד אין אונזער שפּראַך, און אין יעדען איינציגען פון אונז, ביז דעם גאַנץ יונגסטען, דרעהט זיך די ראָד״...

II

העבּרעאיש.

כמעט גאַנצע פיערציג יאָר נאָך דער ריי האָט מענדעלע געשריבען בלויז העבּרעאיש. און געשריבען האָט ער אויף אַלע ליטעראַרישע געביטען: פּובּליציסטיק, בעלעטריסטיק און אויך וויסענשאַפּטליכע אַרטיקלען. נאָכדעם האָט ער, פאַר אַלעמען גאַנץ אומגעריכט, די העברעאישע פּען לגמרי פאַרלאָזען. דאָס איז געווען אין די מיטעלע זיבעציגער יאָהרען פונם פאָריגען יאָהרהונדערט. פאַרוואָס און צוליב וועלכע סבות האָט ער דאָס געטאָן? מענדעלע אַליין האָט דאָס אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע געפּרובּט דערקלערען אויף דעם אופן: „כ'האָב מיך אַזוי בעטראַכט: „איך שטודיר און לעהרען דאָס יודישע לעבען און וויל פאַר'ן פאָלק שרייבען ערצעהלונגען אויף אונזער הייליגען לשון, אָבער דאָס רוב פון זיי פאַרשטעהען דאָך נישט דעם לשון און זיי רעדען גאָר יודיש־טייטש; היינט וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער מיה און אַרבעט, אויב ער ברענגט קיין נוצען נישט זיין פאָלק? אַט די פראַגע: פאַר וועמען האָרעווע איך? האָט מיר קיין רוה נישט געגעבען, און האָט מיך איינפאַך אַריינגעבראַכט אין אַ פערלעגענהייט".

אַזוי זאָגט מענדעלע אַליין. מ'דאַרף אָבער גלויבען, אַז אין דעם, וואָס מענדעלע, וועלכער איז שוין אין יענער צייט געווען ווייט און ברייט בעריהמט אַלס העברעאישער שריפטשטעלער, האָט מיט אַמאָל, גאָר פון העלער הויט, אויפגעהערט צו שרייבען העברעאיש און אָנגעהויבען צו שרייבען יודיש, מיט וועלכער די דאַמאָלסטיגע משכילים האָבען זיך זעהר געשעמט, איז נאָך געווען אַן אַנדער טעם. אויסער

טאַקע דעם רצון צו ברענגען נוצען דעם פאָלק, האָט זיך אין מענ-
דעלען איבסטינקטיוו דערוועקט דער גרויסער קינסטלערישער שאַפונגס-
גייסט, וועלכער האָט אים געצוואונגען און געטריבען צו מאָלען ביל-
דער פון ל ע ב ע ן אין אַ ל ע ב ע ד י ג ע ר שפּראַך. אין דעם דאַ-
מאָלסטיגען העברעאישען לשון, אין דעם ביבלישען סטיל פון אברהם
מפּו, און אַפילו אין דעם פיל לייכטערען סגנון פון סמאָלענסקינען
און קלמן שולמאַנען, האָט מען געקאָנט שילדערען נאָר גאַנץ קליינע,
איינצעלנע בעגרעניצטע ווינקעלעך פונם יודישען לעבען,
און דאָס בלויז פּ אָ ט אָ ג ר אַ פּ י ר ע ן נאָר געוויסע מאָ-
מענטען און געוויסע שטריכען פונם פאָלקס-לעבען. מענדעלע האָט
אָבער געוואָלט אַרומנעמען דאָס גאַנצע לעבען פון יודישען פאָלק,
ווי עס שטעהט און געהט, און נישט בלויז דעם אויבערשטען שטח
פון לעבען, דאָס, וואָס שווימט פון אויבען, נאָר אויך דאָס, וואָס עס
ליגט אויפן דעק. מענדעלע האָט געוואָלט אַרומנעמען די ג אַ נ צ ע
יודישע גאַס פון „יענע טעג", דאָס לעבען פון כסלונאָווקער און
קאַבצאַנסקער און גלופּסקער מיט זייער נאַטור און כאַראַקטער, מיט
זייערע מנהגים און פיהרונגען אין שטוב און אין גאַס, מיט זייערע
תנועות און העויות אין שוהל און אין בית-מדרש זאון, להבדיל, אין
מרחץ, אין מאַרק און אויף די קהל'שע אסיפות, ייערע וואוינונגען
און זייער הילוך, זייער הויזווירטשאַפט, זייערע פּרנסות און זייער
קינדער-ערציהונג, און צו דעם אַלץ האָט אין העברעאיש, אין
דעם ד אַ מ אָ ל ס ט י ג ע ן העברעאיש, נישט געקלעקט קיין ווער-
טער און קיין אויסדרוקען. מיט היילע מליצות און מיט צובראָ-
כענע פּסוקים פון תנ"ך האָט מען דאָס נישט געקענט אָב'פּטר'ן.
סמאָלענסקין האָט זיך אַמאָל אין זיין „השחר" באַריהמט, אַז איהם
פעלען קיינמאָל נישט אויס נישט קיין ווערטער און נישט קיין אויס-
דרוקען; ער דאַרף נאָר אַנ' עפען טאָן דעם תנ"ך, און תיכף געפינט
ער אין איהם וואָס ער זוכט און וועלכען אויסדרוק ער דאַרף נאָר.
יאָ! בנוגע צו סמאָלענסקינס פלאַכע, בלאַסע בילדער, איז דאָס טאַקע
געווען גאַנץ ריכטיק. סמאָלענסקין, וועלכער האָט אַלץ געמאָלט פון
אויבען, כלאחר יד, וועלכער האָט נישט שטאַרק מדקדק געווען אינ'ם
קינסטלערישען אמת, האָט אפשר פאַר זיך געהאַט ווערטער די והותר.
ביי סמאָלענסקינען געפינען מיר גאַנצע בילדער און סיטואַציעס, וואָס
זיינען ווי לכתחילה צוגעפּאַסט געוואָרען צו דעם אָדער צו

יענעם פסוק. אָבער אַזאַ קינסטלער, ווי מענדעלע, וואָס קוקט טיף אין דער נשמה, וואָס זוכט און נישטערט אין איהרע פערבאָרגענסטע קנייטשעלעך, אין אירע בעהאַלטענע פעלבעלעך, אַזאַ מאָלער ווי מענדעלע, וואָס זיין אויג כאַפּט די מענשען און די מעשים אָט ווי זיי זענען, פּסיכאָלאָגיש נאַטירליך, האָט מיטן תנ"ך אַליין גאָרנישט געקאָנט מאַכען.

אַזוי אַרום האָט מענדעלע פערנאַכלעסיגט די העברעאישע פעדער. ער האָט געשריבען און געשאַפען אויסשליסלעך נאָר אין יודיש. צען יאָהר האָט דאָס געדויערט. אויפ'ן 11-טען יאָר איז מען איבערראַשט געוואָרען, דערזעהענדיק אין אַ שענעם פריהמאָרגען אין דער העברעאישער טעגליכער צייטונג „היום" מענדעלעס אַנ' ער-ציילונג מיטן נאָמען „בסתר רעם" (אַ פאָגראָם-שילדערונג). און נאָך מער איז מען איבערראַשט געוואָרען, בעטראַכטענדיג דעם הויכען פליה, וועלכען מענדעלע האָט אין די 10 יאָר, וואָס ער האָט נישט גע-שריבען קיין העברעאיש, בעוויזען צו געבען — און דוקא אין דער העברעאישער ליטעראַטור — הן בנוגע צום סטיל און הן בנוגע דער מאָלערישער קונסט. דאָס איז שוין מער נישט געווען דער מליצה-סטיל פון זיין „האבות והבנים", נאָר אַ קערניגער, זאַפטיגער מאָ-דערנער סגנון, ווי פון אַ שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט, וואָס לעבט. דער דאָזיגער סיורפּריז, וואָס מענדעלע האָט גאָר אומגעריכטערהייד אונטערגעטראָגען דעם העברעאישען לעזער, האָט אַ גאַנץ לאַנגע צייט נאָכדעם געדינט אַלס טאָג-שמועס אין די דאַמאָלסטיגע שריפטשטע-לערישע קרייזלעך. שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם האָט זיך אויך דאָס לעזער-פובליקום. מענדעלע אַליין האָט וועגן דעם קיין שום ערקלערונג נישט אָפּגעגעבען.

באמת אָבער האָבען אין זיין פּלוצליכען אומקעהר צו העברע-איש געווירקט אייניגע מאָמענטען, אויף וועלכע ס'איז זיך כדאי אָפּצושטעלען.

קודם-כל האָט מענדעלען אימפּאָנירט דער פאַקט גופא, וואָס אין העברעאיש, וועלכע ער האָט אוועקגעוואָרפען געוויסערמאַסען אויף פּאָר איר אָרימקייט, געהט אַרויס אַ גרויסע טעגליכע צייטונג, אין וועלכער עס ווערען בעהאַנדעלט די פערשיידענסטע לעבענס-אינ-טערעסען. פון דעם האָט ער אַרויסגעזעהן, אז העברעאיש פערמאָגט פיל לעבענס-קראַפט, מ'דאַרף נאָר קענען די דאָזיגע קראַפט אויסצו-

געפינען און אויסצונוצען. צווייטענס, זענען די פּראָגראַמען פון די ערשטע 80-ער יאָהרען נישט אַריבער אויף מענדעלען אָן אַ ווירקונג. נישט אַזוי די פּראָגראַמען גופא, ווי די חבת-ציון-בעוועגונג, וועלכע זי האָט אַרויסגערופען, און וועלכע האָט פאַר זיך אין מענדעלעס וואוינונגס-שטאָט, אין אָדעס, אַ גרויסען ווירקונגס-קרייז געפונען, און נישט אַזוי דער עצם געדאַנק פון חבת-ציון, ווי די אידעע פון דער יודישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

פון חבת-ציון האָט מענדעלע נישט געהאַלטען. מענדעלע דער קינסטלער איז געווען אַ עקסטרעמער רעאַליסט. ער האָט געקאָנט נאָר די בּולטע ווירקליכקייט. ער האָט געפילט בלויז דעם באָדען, אויף וועלכען ער טרעט, אָבער וואָס עס געפינט זיך איבער אים, דאָס, וואָס עס שוועבט אין דער לופט, וואָס דאַרף נאָך ערשט אָנטאָן הויט און ביינער – דאָס האָט ער נישט דערשפּירט. אין זיין „ספר הקבצנים" און אויך אין אַנדערע ערטער, האָט זיך מענדעלע ערלויבט צו איראָניזירען אויפן חשבון פון די חובבי-ציון. ער האָט זיי געהאַלטען פאַר פאַנטאַזיאָרען, ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרמאַכען די אויגען פאַר דעם אויפגעוועקטען נאַציאָנאַל-געדאַנק. און געווירקט האָט אויף אים דער נאַציאָנאַל-געדאַנק אין דעם זין, וואָס ער האָט אים געשטויסען צוריק אין האַנד צו נעמען די פער-וואָרפענע העברעאישע פען, און ער האָט זי גענומען, און תיכף איז זי ביי איהם געוואָרען אַ קוואַל פון קינסטלערישע שאַפונגען, איינע ווערטפולער פאַר דער אַנדערער.

דערוויילע האָט זיך די צייט געטאָן איר זאַך. אָדעס איז גע-וואָרען דער צענטער פון די פייערדיגסטע יודישע נאַציאָנאַליסטישע קעמפפער, פון די פלאַמענדיגסטע אָנהענגער פון העברעאיש, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען אַזוינע פּערזאָנען, ווי אחד-העם, ליליענבלום, דובנאָוו; דערנאָך זענען אונטערגעקומען לעווינסקי, ש. בן-ציון, ראַבניצקי, און צום סוף אויך ביאַליק, אַלע מענדעלעס נאָהענטע פריינד און זיינע שטענדיגע הויז-איינגעהער. אין די קרייזען פון די דאָזיגע פערזענליכקייטען האָט מען גענומען שטאַרק שמועסען וועגען דעם, אַז העברעאיש דאַרף אויפהערען צו זיין נאָר אַ צייטונגס-און אַ בוך-שפּראַך, אַז העברעאיש דאַרף און מוז צוריק אויפגעלעבט ווערען אַלס אינטעגראַלער טייל פון'ם יודיש-נאַציאָנאַלען פּאָלקס-אָר-גאַניזם. גאַנץ אָפט פלעגט מען צו מענדעלען אַריינפיהרען תלמידים

פון יפו׳ער גימנאַזיע, וועלכע זענען דורכגעפאָרען אָדעס. אַרום איהם, כּמעט אין זיינע ד׳ אמות, האָט מענדעלע דערזעהן אַ נייע אויפגע־וואַקסענע יוגענד, וואָס איז פול מיט גרויס באַגייסטערונג פאַר דער אויפלעבונג פון העברעאיש. נישט זעלטען האָט צו זיינע אויערען דערלאַנגט פון דער נאָהענט דער זיסער העברעאישער קלאַנג אין די גאַסען פון אָדעס. אין דער אַלטער נעסט פון אַסימילאַציע האָבען זיך באַוויזען סטודענטען און סטודענטינס, קורסיסטען און קורסיסטינס, וואָס האָבען צווישען זיך גערעדט העברעאיש. דער זיידע מענדעלע האָט דאָס דערהערט און האָט זיך צוגעשמייכעלט. דאָס איז געווען אַ סקעפּטישער שמייכעל, אַ חוזק־שמייכעל... דאָס איז געווען אַ שמייכעל פון מענדעלע דעם רעאַליסט, פון מענדעלע, דעם אַמאָליגען פּיסאַרעווס תּלמיד, וועלכער איז צוגעשמידט צו דער מינוט, צום טאָג, וועלכער גלויבט נאָר אין דעם היינט און נישט אין דעם מאָרגען. אָבער אפשר נישט ווילענדיג, אפשר גאַנץ אומבעוואוסטזיניג האָט דאָס פּאָרט סוף־סוף אַ צופּ געטאָן אין דער טיפעניש פון זיין קינסטלע־רישער נשמה.

און אין יאָר 1909, בעת מענדעלע האָט געמאַכט זיין טריאומף־נסיעה איבער פּוילען און ליטע און האָט בעזוכט אויך אונזער ווילנע, האָט ער זיך אונז אין אַ קליינער מסיבה פון שריפטשטע־לער אַרויסגעזאָגט בנוגע דעם דאָזיגען „צופּ״ כּהאי לישנא:

„יודישע פרישינקע, יונגינקע, זאַפטיגע כּוחות האָבען זיך אַ לאָז געטאָן און צוריק געגומען שמידען, צוריק געגומען שלייפען אונזער גרויסע, גלאַנצענדיגע, שוין לאַנג איבערגעריסענע שפּראַכליך־היסטאָרישע קייט, וואָס פאַרבינדט אונז מיט אונזערע אַמאָליגע נביאים און משוררים, מיט אונזער ישעיה און מיט אונזער תּהילים, מיט אונזער ר׳ יהודה הלוי און ר׳ שלמה בן גבירול און מיט אַלע בעשאַפער פון אונזערע גייסטיג־קולטורעלע און עטישע ווערטען. די קייט קען זיך ווידער אַזוי גאַנץ ווערען דורך נייע רינגעלעך. און איך, שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז דורך־און־דורך אויסגע־וויקעט אין העברעאיש, איך, וואָס מיין ערשטער ליטעראַרישער אויס־דרוק איז געווען אין העברעאיש, איך, דער מחבר פון „משפּט שלום״ און פון „למדו היטב״ און פון „האבות והבנים״ און פון „תּולדות הטבע״ און פון צענדליגער געשריבענע מאמרים אין „המגיד״ און אין „המליץ״ און אין „הצפירה״ און אין „הכּרמל״ און אין „השחר״

און אין „הבוקר אור" און נאָך און נאָך,—איך זאָל בלייבען שטעהן פון דרויסען און נישט אַריין אין דער קייט? דאָס שטעהט שוין מיר נישט אָן..."

און געזעהן האָבען מיר טאַקע בעשיינפערלעך, ווי אין מענדעלען האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דער אַמאָליגער פייער און דער אַמאָליגער ברען צום העברעאישען לשון, און האָט זיך פון אונטערוועגס צוריק אַרויפגעכאַפּט אויף זיין אַמאָליגען ערשטען דרך. מיט בענייטע פרישע יוגענד-קרעפטען האָט מענדעלע אָנגעהויבען קינסטלעריש צו שאַפען אין העברעאיש, און זיינע דריי גרויסע העברעאישע בענדער—דאָס זענען דער בעדייטענדיגסטער אוצר פונ׳ם יודישען גייסט, פון דער יודישער דיכטערישער שאַפונג און פונ׳ם יודיש קינסטלערישען וואָרט, וואָס די העברעאישע ליטעראַטור פערמאָגט. און טאָמער האָט מען נאָך געדאַרפט האָבען אַ בעווייז, דאָס די צוריקאויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך איז נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ קאָנקרעטער, ממשותדיגער פאַקט, — האָט אונז מענדעלע דעם בעווייז געגעבען.

מענדעלע איז שוין זיכער אַריין אין דער קייט.

נחמן סירקין.

I

חברים זענען מיר געווען אין דער יוגענד. בעקאַנט געוואָרען בין איך מיט איהם אין דער חבת-ציון-בעוועגונג. כ׳האב דאַן, אין יאהר 1882, געוואוינט אין מינסק, וואוהין סירקין איז נאָר-וואס געווען אַריבערגעפאָרען מיט זיינע עלטערען פון מאָהילעוו. זעהר קליין איז נאָך דעמאָלט געווען אונזער גרופּע: עטליכע גימנאַזיסטען מיט אַ פּאָר קלויזניקעס, און אידעאיש-וואַקעלדיג. מיר האבען געהאט אַנ׳אַלגעמיינעם לאָזונג: „אַהיים!“ ס׳זענען נאָך אָבער צווישען אונז פאָרגעקומען חלוקי-דעות וועגען דעם וואו די „היים“ דאַרף זיין; אַנדערע האבען געצויגען פאר ארץ-ישראל, און אַנדערע — פאר אַמעריקאַ.

אַמאל, אין אַ געוויסען ווינטער-אָווענד, בעת מיר האָבען אָבגע-האַלטען ערגעץ-וואו אויף אַ בוידעם-שטיבעל אַ זיצונג, אויף וועלכער ס׳האט ענדליך געדאַרפט דעצידירט ווערען די „היים-פראגע“, האט איינער פון אונזערע חברים — דאס איז געווען דער שפּעטער פּאָפּולער געוואָרענער געזעלשאַפטליכער עסקן ד״ר אברהם קאַראָלטשוק, אַ שוואָגער פון שאול גינצבורג, געוועזענער רעדאַקטאָר פון „פריינד“ — מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פרעמדען יונגערמאן, וואס האט אויסגעדריקט זיין ווונש צו פערשרייבען זיך ביי אונז אַלס מיטגליעד. דערביי האטקאראָל-טשיק איינגערוימט איניגע פון אונזערע חברים אויפ׳ן אויער, אז דער גאַסט איז אַ העכסט אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ גרויסער העברעאיסט מיט אַ שטאַרק ענטוויקעלטען חוש פאַר געזעלשאַפטליכער אַרבייט, און די חברה קאָן אין איהם געווינען אַ וויכטיגע קראפט.

ווי נאר ס׳האָט זיך אָנגעהויבען די דיסקוסיע, האט זיך דער גאַסט — דאָס איז געווען נחמן סירקין — בּאַלד פערשריבען צום וואָרט,

איך געדענק, אַז זיין ערשטער אַרויסטריט האָט געמאַכט אויף אונז אַלעמען אַ געוואַלדיגען רושם, נישט אַזוי מיט זיין עצם רעדען, ווי מיט זיין טעמפּעראַמענט. דאָס איז נישט געווען קיין התלהבות, קיין פּאַטאָס, נאר עפּעס ווי אַ וואולקאַן וואלט זיך פאר אונז געעפענט. זיין מויל האט ממש געדעגענט מיט פייער. רעדענדיג האָט ער זיך כסדר נערוועאיש בעוועגט, זיין פּנים האָט געצוקט, וויבּרירט, בבחינת כל עצמותי תאמרנה. די התחלה האָט ער געמאַכט מיט אַ שטורמישען אָנפאל אויף דער פּעטערבורגער יודישער פּלוטאָקראַטיע, אויף די גינצבורג׳ס און פּאָליאקאוו׳ס און די אנדערע געלד-זעק, וואָס טרעט׳ן אַרויס אויס פּחדנות געגען דער יודישער עמיגראציע פון רוסלאַנד. דערביי האט ער עטליכע מאָל געקלאַפּט מיט דער פויסט, אופ׳ן טיש און ווי ער וואָלט זיי דאָ געהאט פאר די אויגען, ביטערליך אויסגעשריען: „בּוגדים!“, „פעררעטער!“.

אין דעם „היים“-פּראבּלעם האָט זיך סירקין גלייך אַרויסגעזאגט פאַר אַ מ ע ר י ק א , באשר זי איז דאס פרייסטע דאָס דעמאקראַטישסטע לאנד אין דער וועלט. ער האט נאך אָבער מיט ד ע ר ערקלערונג נישט יוצא געווען און האָט אונז דערצו אָבגעלייענט אַ לעקציע וועגען... דעפינירען. וועגען וואָס עס האָט זיך געהאנדעלט אין דער לעקציע, איז לגמרי אונמעגליך געווען צו וויסען, ווייל דאָס איז עפּיס געווען אַ מין געמיש פון פּאָליטישער עקאנאמיע, סאָציאָלאָגיע, מאַרקסיזם און פילאָזאָפיע; דערביי האָט ער געשאָטען מיט ציטאַטען און מיט ממרות פון די גרעסטע דענקער און געלערנטע, פון פערשיעדענע דיכטער און ווארט-קינסטלער. איינינע פון אונז זענען שוין געווארען אומגעדולדיג און ס׳האָט זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האט אויפמערקזאַם געמאכט סירקינ׳ען, אַז זיין דרשה האט נישט קיין דירעקטע שייכות צום ענין, וועגען וועלכען דאָ רעדט זיך. סירקין האט זיך אבער געמאכט כלא ידע, ווי נישט איהם מיינט מען עס און האָט נישט אויפגעהערט — נישט צו רעדען. נור צו שפרודלען מיט געדאַנקען, אַנדערע גאַנץ אינטערעסאַנטע, ביז ער איז ענדליך געקומען צום אויספיהר, אז נור אין אמעריקא וועט מעגליך זיין צו גרינדען אַ יודישע מלוכה אויף געזונטע, סאָציאַלע יסודות.

סירקינ׳ס ווארט האט נישט געווירקט. ס׳האט מנצח געווען דער סענטימענט; די מעהרהייט שטימען איז געווען פאר ארץ-ישראל. מיר האבען אבער אלע געזעהן בעשיינפערליך, אז מ׳האט דא צו טהון

מיט אַ בעגאַבטען, פיעל בעלעזענעם יונגערמאַן, אין וועמענס מוח
ער איז נאָך אַלץ דערוויילּ כאַאָטיש צונויפגעפלאַנטערט, און עס דאַרף
זיך נאָך ערשט אויסקריסטאַליזירען.

סירקין האָט זיך דעמאָלט אונטערגעגעבען דער מעהרהייט און זיך אָנ-
עשלאָסען צו די אַזוי-גערופענע „חובבי-ציון”. ער פלעגט אָבהיטען
קומען צו אונזערע זיצונגען פלעגט יעדעס מאָל האַלטען לאַנגע דרשות,
שיטען פעך און שוועבעל און רופען צום קאַמף געגען די „זאַטע” געגנער.

II

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבען אונזער בעקאַנטשאַפט.
איך פלעג זיך מיט איהם בעגעגענען כמעט טעגליך. נור צוויי בע-
שטימטע טעג אין דעך וואָך — איך געדענק שוין היינט נישט
וועלכע — פלעגט מען איהם בשום אופן נישט קאָנען זעהן; ער פלעגט
עפּיס דאָן ווי פערפאַלען ווערען, און קיינער פון אונז האָט נישט גע-
וואוסט וואו. ערשט שפּעטער זענען מיר דערגאַנגען דעם סוד.

גאַנץ אָפט פלעג איך מיט סירקינ׳ען אַרומשפּאַצירען איבער די
מינסקער בולוואַרען. דאָס שמועסען מיט איהם איז מיר געווען אַ
זעהר אינטערעסאַנט, אַ זעהר נישט אָנגענעהם. תמיד פלעגט ער
אַרויספיהרען דאָס געשפּרעך אויף זעהר ערנסטע טעמעס; האָט ער
אָבער געהאַט די טבע צו רעדען הויך אויפ׳ן קול, ממש צו שרייען,
באופן, אַז די פערבייגעהער פלעגען זיך אָבשטעלען און אונז פערוואונ-
דערט אָנקוקען. עס האָבען אויך געטראָפען אַזוינע מאָמענטען, ווען
כ׳האָב פשוט מורא געהאַט צו געהן מיט איהם אין גאַס. אָנהויבענדיג
אין פלוג דאָס שמועס מיט אַ גאַנץ כשר׳ער געזעלשאַפטליכער פראַגע,
פלעגט ער מיט אַמאָל אַריין אין אַ משונה׳דיגען עקסטאַז און נעהמען
פּראָטעסטירען בקול רם געגען דעם נישט-יושר׳דיג אָװעקגעשטעלטען
„סדר העולם” און אַרויסזאָגען דערביי אַזעלכע ביטערע אמת׳ן, פאַר
וועלכע מ׳האָט אין יענער צייט געקאָנט פערשיקט ווערען אין די
קאַלטע מקומות... האָט איהם אָנגעשפּאַרט עפּיס צו זאָגען, האָט איהם
שוין פון דעם קיין זאַך נישט געקאָנט אָבהאַלטען. ביי דער טבע איז
ער שוין פערבליבען זיין גאַנץ לעבען.

מיך, און אַזוי אַלע אונזערע חברים, פלעגט סירקין תמיד איבער-
ראַשען מיט זיין גרויסער, לויט זיינע יאָהרען, יודישער ערודיציע. ער
האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ היבשע ידיעה אין תלמוד און איז געווען

שטארק בעהאווענט נישט בלויז אין דער ניי־העברעאישער, נאר אויך אין דער מיטעל־אלטערליכער ליטעראטור. אין זיינע געשפרעכען האט ער אפט ציטירט דעם רמב״ם, דעם „כוזרי״, און גאנצע שטיקער פון שלמה בן גבירול, און ר׳ יהודה הלוי. גרויס איז געווען אונזער וואונדער, הערענדיג פון איהם, אז ער האט קיינמאל נישט געלערנט נישט אין חדרים און נישט אין ישיבות, נאר ביי פערשיעדענע מלמדים און לעהרער וועלכע זיינע פערמעגליכע עלטערען האבען תמיד פאר איהם געהאלטען ביי זיך אין שטוב.

חברים האבען דאן צווישען זיך אונטער געמורמעלט אויף סירקינ׳ען, אז ער איז זעהר פרום געזאנען, אז מען זעהט איהם אלע אין דערפריה לויפען אין „זיבעציגער גאס״ — דארט האבען געוואוינט זיינע עלטערען — מיט׳ן תפילין־זעקעל אונטערען ארעם, אין שרה׳קע מאיר׳ס שוהלכעל. איך קאן דאס אבער נישט בעשטעטיגען. דאס איינציגע, וואס איך וויים, איז גאר, אז ער האט דעמאלט אין זיינע געשפרעכען קיינמאל קיין רעליגיעזע פראגע בכלל נישט בעריהרט.

סירקין האט שוין דאן כמעט אין אלץ געהאט זיין בעזונדערע מיינונג און שטענדיג איז ער געווען העכסט פּאַראַדאָקסאל. עטליכע פון זיינע דעמאלטיגע פאראדאקסען בנוגע דער העברעאישער ליטע־ראטור פון יענער צייט, געדענק איך נאך עד היום. ער פלעגט זאגען, למשל, אז דער אולטרא־ארטאדאקסישר „המגיד״ שטעהט מיט פיעל שטאפלען העכער פאר דעם ראדיקאלען „המליץ״, אז נ ע ק ר א ס א ו ו וואלט טויזענד יאהר געשריבען שירים, וואלט ער זיך קיינמאל נישט דערשריבען צו אזא שיר, ווי ג א ר ד א נ ׳ ס „קוצו של יוד״, אז ל י ל י ע נ ב ל ו ם האט געמעגט זיין ביי פ י ס א ר ע ו ו ׳ ן א ר ב י וכדומה. שפּארען זיך מיט איהם האט נישט געהאלפען. ו ו ע ר עס האט זיך מיט איהם נישט געאמפּערט און ו ו י פ י ע ל בעווייזען מ׳האט איהם נישט געבראכט, אז ער האט אטעות, איז ער אלץ גע־בליבען ביי דאס זייניגע, דער פאראדאקס איז געווארען, אויב ס׳איז ערלויבט אזוי צו זאגען, זיין סטיכיע.

III

די ארבייט פון די חובבי־ציון אין מינסק האט זיך דאן, ווי אומעטום, געפיהרט אונלעגאל, אונטערערדיש. די זיצונגען פלעגען פאר

קומען קאנספיראטיוו, יעדעס מאל אין אנ׳אנדער ארט, און תמיד אין א צעהנטען חדר. צו די רשימות פון די מיטגלידער האָט קיין פרעמד אויג נישט געקאנט צוקומען, דאָס רוב נעמען זענען געווען פערצייכענט דורך געוויסע איניציאלען. דעריבער האָבען מיר זיך כסדר געפיהלט זיכער. פלוצלונג איז איבער אונזער זיכערקייט צו־שטערט געווארען.

אין „אשיינעם פרימאָרגן" האָבן מיר זיך דערוואוסט, אז די פאָריקע נאַכט האָט די זשאַנדאַמעריע געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע ביי איינינגע פון אונזערע חברים, און צווישען זיי אויך ביי סירקינ׳ען, וועלכן מען האָט נאָך מיט אַ טאָג פריהער אַרעסטירט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די מינסקער זשאַנדאַרמעריע האָט שוין פון אַ גע־וויסער צייט געהאַט אַן אויג אויף סירקינ׳ען, וועלכען זי האָט חושד געווען — און ניט אומזיסט—אין באַציהונגען צו די אָרטיגע געהיימע סאָציאַליסטישע קרייזען און זי האָט איהם אַזוי לאַנג נאָכגעשפּיאָנירט, ביז זי האָט איהם אַמאָל אין אָוועגד געפּאַקט אַרויסגעהענדיק פון אַ בע־וואוסטער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר. בשעת דער רעוויזיע האָט מען ביי איהם געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור אין רוסיש און אונטער אַנדערן אויך די אַדרעסען פון עטלעכע „חובבי־ציון".

פאַר אונזער חברה האָט דאָס דאָזיגע געשעהעניש קיין באַזונדערע שלעכטע פאָלגען ניט געהאַט. מ׳האָט אונז אַפילו ניט גערופען אין דער זשאַנדאַרמעריע. מ׳האָט, קענטיג, וועגען אונז געמאַכט א חקירה ודרישה אונטער די אויגען און מ׳האָט זיך איבערצייגט אין אונזער פולשטענדיקער לאָיאַליטעט. מיר האָבן אָבער אַליין געפונען פאַר נויטיג אָפּצושטעלען אויף אַ געוויסער צייט אונזער אַרבעט. סירקין איז דאַן אָפּגעזעסען אַ וואָכען דריי אין מינסקער טורמע און איז נאָכ־דעם בעפרייט געוואָרען לויט דער השתדלות פון זיין קרוב, דער בעוואוסטער כלל־טוער און העברעאישער שריפטשטעלער גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש סירקין, וועלכער האָט דאַמאָלסט געטראָגן אַ הויכען אַמט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ליבאַווער־ראָמנער אייזענבאַן. מ׳האָט אַפילו קעגען אים קיין פּראָצעס ניט פאַרפירט.

מיר, חובבי־ציון, האָבען אָבער פון דאַמאָלסט אָן געזעהן איהם אויסצומיידען, און ער, ווידער, האָט זיך אויך נאָך אונז איבעריגס ניט נאָכגעיאָגט.

שפּעטער איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון מיין האָריזאָנט.

דער גרויסער שוויגער.

(פון מיינע זכרונות וועגען וואלף (זאב) יעבץ)

I

קיין מעהר פאַסיגער נאָמען האָב איך פאַר איהם נישט. אינעוועניג, קאָן זיין, האט ביי איהם געשטורעמט און געברויזט, ווי אַ טיעף-דענקענדיגען מענשען, וואס טראָגט זיך אַרום מיט געוויסע אידעען; אָבער פון דרויסען איז ער תמיד געווען רוהיג, געלאַסען שטיל, קיינמאָל זיך נישט אַריינגעלאָזט אין ויכּוחים, תּמיד אויסגעמיטען דיסקוסיעס. אין דער פּרעסע און אין דער ליטעראַטור האט ער אַרויסגעזאָגט אַזוינע געדאנקען, וועלכע האָבען געגען איהם אויפגעבראַכט די ראַדיקאַלע יוגענט און פאַר וועלכע ער איז שטאַרק אַטאַקירט און אָנגעגריפען געוואָרען פון פיעל זייטען. ס׳זענען געגען איהם אַרויס ליליענבלום און קלויזנער, אַ בעזונדער דרייסטען אָנפאַל האט אויף איהם געמאַכט דוד פינסקי אין ספּעקטאָר׳ס „הויז-פריינד״, און ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געענטפערט, תּמיד האט ער געשוויגען. אויף וויפיעל ס׳האָט זיך אָפט איהם געווענדעט, האט ער פיינט געהאט צו מאַכען אַ טומעל אַרום זיין פּערזאָן. ער האט געהאלטען און געגלויבט, אז דער געזונטער קערן פון זיינע אַנשויאונגען קאָן נישט פערטושט ווערען דורך קיין פּאָלעמיק, און האָט געהאָפט, אז ווער ס׳איז אין זיי היינט נישט איבערצייגט, וועט אין זיי איבערצייגט ווערען מאָרגען. דוחק את השעה זיין פאַר דער אנערקענונג פון זיינע אמת׳ן דורך ליאַרים און געפילדער, — דאס איז נישט געלעגען אין זיין נאַטור.

מענשען מיט אַזוינע נאַטורען מעגען זיין אפילו וועלט־בעריהמט, און אין דער אייגענער שטאָדט, דאָרט, וואו זיי וואוינען און שאפען, קאָן דער גרויסער עולם נישט האָבען פון זיי אפילו דעם קלענסטען בעגריף, און אַמאָל אויך אפילו נישט וויסען פון זייער עקזיסטענץ. די ברייטע מאַסע ווייס נור פון דעם, וואס שרייט כסדה און שטורעמט און וואַרפט שטויב אין די אויגען.

מיט דעם, געדענק איך, האָב איך מיר דערקלערט פאַרוואָס קיינער פון די ווילנער יודען, ביי וועמען איך האָב, אַראָבגעהענדיג פון באהן, געפרעגט וואו עס וואוינט דאָ דער שחיפטשטעלער זאב יעבץ, האט מיך נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

דאס איז געווען אַ ווינטער־טאָג אין 1903־טען יאָהר. איך האָב נאך דאַן געוואוינט אין נאָוואָזיבקאוו, טשערניגאָווער גובערניע, און בין געקומען קיין ווילנא צוליעב אַ פערזענליכען אינטערעס. וויסענדיג, אז דאָ וואוינט יעבץ מיט וועלכען כ׳האב מיך שוין געקענט נאָך פון פריהער, און אז ער רעדאַקטירט דעם מזרחיסטישען העברעאישען חודש-זשורנאל „המזרח״, האָב איך ביי איהם געוואָלט מאַכען מיין ערשטען וויזיט. ווי געזאָגט, האט מיר קיינער, ביי וועמען איך האָב מיר אויף איהם נאָכגעפרעגט, נישט געקאָנט אָנווייזען זיין קוואַרטיר, און האט איבערהויפט נישט געוואוסט וועגען וועמען דאָ רעדט זיך.

יעבצ׳עס אדרעס בין איך ערשט דערגאַנגען ביי חיים לייב מאַרקאָן. אט דער מאַרקאָן, אַ סוחר׳ישער יוד, אַ למדן און דערצו אויך אַ גרויסער משכיל, אַ געוועזענער מיט-רעדאַקטאר פון העב־רעאישען מאָנאַטליכען זשורנאל „הכרמל״, האט צייטענווייז לייב גע־האט צו זאָגען אַ וויץ. בעת איך האב איהם אויסגעדריקט מיין גרויסע פערוואונדערונג איבער דעם, וואס קיינער האָט מיר נישט געקאָנט זאָגען וואו יעבץ וואוינט און כמעט קיינער האָט נישט געהאט וועגען איהם די קלענסטע אַהנונג, האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט: — מסתמא האט איהר גראָד אָנגעטראָפען נאָכצופרעגען זיך וועגען יעבצ׳ן ביי מזרחיים. די מזרחיים ווייסען אבער נור פון הגאון ר׳ שמואל מאהלעווער, פון הגאון ר׳ יצחק יעקב ריינעס און וועגען נאָר אַזעלכע פון דער גאוב׳ישער וועלט; יעבץ איז אפילו אויך אַ „מזרחי״, אָבער סתם אַ יוד אַ שרייבער, און וועגען אַ זעלכען איז אַ מזרחי גאָרנישט מחויב צו וויסען.

אין די דאָזיגע ווערטער פון חיים לייב מאַרקאָן, וועלכע זענען

אפילו אַרויסגעזאָגט געוואָרען נישט אין אַנ'ערנסטען טאָן, איז דאָך געלעגען אַ שטיק אמת. יעבץ, דער גרעסטער, און אפשר אויך דער איינציגסטער גייסטרייכער טעאָרעטיקער פון „מזרחי", איז געווען ווייניגער פון אַלץ פאָפּולער צווישען די מזרחיים. ס'האט געמאַכט דעם איינדרוק עפּיס, אזוי ווי מ'האט זיך געגעבען די מיה, איהם צו פערשטעלען...

II

יעבץ האָט דאן געוואוינט אויף פּאַהוליאַנקע, און אויב איך האב קיין טעות נישט — אין הויף נומער 19. שוין אַ יאהר זיעבצעהן ווי ער האָט מיר נישט געהאַט געזעהן, און דאָך האט ער מיך באַלד דערקענט. דאָס ערשטע מאָל האב איך מיך בעקענט מיט יעבצ'ן אין וואַרשא אין יאָהר 1886. איך האָב דעמאָלט געאַרבייט אין דער רעדאקציע פון שפר'ס יאהרבוך „כנסת ישראל", וואו יעבץ האט פערעפענטליכט זיין כמעט ערשטען און געלונגענסטען פובליציסטיש-היסטאָרישען אַרטיקעל „מגדל המאה". אין יענער צייט — ער האָט דעמאָלט געוואוינט מיט דער פאַמיליע אין ווארשא — פלעג איך מיך מיט איהם טרעפען גאנץ אָפט. בעזוכענדיג איהם איצט אין ווילנא, נאָכדעם ווי ער האט געהאַט פערבראַכט עטליכע יאָהר אין ארץ-ישראל, האָבען מיר אָבגעפרישט אין אונזער זכרון די וואַרשאווער צייט און נאָכדעם אַריבערגעגאַנגען שמועסען וועגען דער געגענוואַרט.

אין מיין געשפּרעך מיט יעבצ'ן האב איך איהם דערמאהנט, וואס ער האט מיר אַמאָל געזאָגט אין ווארשא, אז ער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט זיין קיין רעדאַקטאָר פון אַ וועלכען ס'איז אָרגאן, ווייל ער קאָן אָרגאַניש נישט פערטראָגען דעם טומעל פון אַ רעדאקציע און בעזונדערס ווייל ער פערשטעהט נישט, ווי פועל'ט מען עס ביי זיך צו מעקען און צו שניידען דאס, אויף וואס יענער האט געהאָרעוועט און אָוועקגעלעגט זיינע כחות. איז דאס נישט גוט אָנגעשריבען, דאַרף מען עס נישט דרוקען, אָבער ווי נעהמט מען און מען רייסט ארויס ביי יענעם די צינג פון מויל?

— נו, און ווי פיהלט איהר זיך היינט אַלס רעדאַקטאָר פון „המזרח"? — האב איך איהם געפרעגט.

— טאַקע נישט איבעריגס — האט ער מיר געענטפערט; — כ'בין שוין אפילו געוועהנט צום טומעל, און אויסרייסען פרעמדע צינגער

קאָן איך שוין אויך, אָט ווי איהר זעהט—דערביי האָט ער מיר געוויזען אויף אַ צעהנדליג העפטען, וועלכע זענען דורכן אויף דורך געוועזען איבער געשטריכען מיט רויטען טינט — אָבער צופרידען בין איך נישט.

— אפשר קאָנט איהר מיר דערקלערען פאַרוואָס — האָב איך געזאָגט.

יעבץ האט זיך אַ ווײַלע פּערטראַכט. נאָכדעם האט ער זיך אָבגערופען: — ס'וואָלט אלץ גוט געווען, ווען נישט דער „לעשות כרצון איש ואיש". אַ פּאַרטיי-אָרגאַן איז אַ שווערע זאַך; מ'דאַרף יוצא זיין פאַר אַלעמען, און איך וויל יוצא זיין נור פאַר זיך אַליין.

— שטעלט אייך פאָר — האָט יעבץ פאָרטגעזעצט שוין אַ ביסעל אויפגערעגט — ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואס פערלאַנגען פון מיר, אז דער „המזרח" זאָל זיך אָבגעבען אַ סך מיט פּאָלעמיק, און, ווייסט איהר הויפּטזעכליך געגען וועמען? געגען אחד-העמ'ן מיט זיין „השלוח"! אמת, איך האַלט אויך, אז אחד-העם מיט זיין „השלוח" זענען פאר אונזער זאַך שעדליך, אָבער איך געפין, אז אונשעדליך קאָנען מיר זיי מאַכען בלויז דורכדעם, וואס מיר וועלען פערטיעפען און פערברייטערען אונזערע אידעען און אונזערע שטרעבונגען. ווי קום איך צו מחלוקת? איך האַלט פון „בשובה ונחת תושעון", נור רוהיג, נור זאַכט...

נאָך אַ קליינער פּויזע האט יעבץ געזאָגט:

— אָט זעה ווער עס קען זיך גוט קריעגען, און ווער ס'וואָלט אפשר בעסער פון מיר געטויגט צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַ פּאַרטיי-אָרגאַן.

דערביי האָט ער מיר געוויזען אַנ'ארטיקעל פון דעם דעמאָלט בעקאַנט געוועזענעם קריטיקער אלעזר אַטלאס געגען אחד-העמ'ס שיטה וועגען דעם גייסטיגען צענטער אין ארץ-ישראל.

— אונטער פופציג פּראָצענט פון דעם אַרטיקעל — האט מיר יעבץ דערקלערט — וואָלט איך מיך אונטערגעשריבען מיט ביידע הענד, אָבער ער וויל אַנדערש נישט, ווי מיט אַלע זלזולים, ממש „על קרבו ועל פרשו", און דאָס קאָן איך בשום אופן נישט דערלאָזען.

— און גלויבט מיר — האָט מוסיף געווען יעבץ — אז מיר וואָלט זיך זעהר און זעהר געוואָלט געבען אין „מזרח" אַטלאַס'עס אַרטיקעל. אַטלאס געהערט אפילו נישט צו אונז, ער בעציהט זיך

זאָגאַר נישט בעזונדער סימפּאַטיש צום ציוניזם בכלל; אָבער זײַן װעלען דרוקען אַן׳ארטיקעל אין אַ ציוניסטיש־מזרחיסטישען אָרגאַן איז שוין סימפּטאָמאַטיש. מיר װאָלטען איהם, קען זײַן, מיט דער צײַט מחזיר למוטב געװען, און דאַן װאָלטען מיר אין איהם געװאונען אַ גרויסע קראַפט.

פון מײַן דאַמאָלסדיגען שמועס מיט יעבצ׳ן איז מיר נאָך ביז אויפ׳ן הײַנטיגען טאָג פערבליבען אין זכרון זײַנס אַ װערטיל, װאָס האָט נאָך עד היום נישט פערלוירען זײַן אַקטואַליטעט.

ער האט מיר דערצעהלט, אז מאַנכע האבען צו איהם טענות, פאַרוואס אין זײַנע אַרטיקלען איז דאָ צו־װעניג פײַער, פאַרוואס עס פעהלט אין זײ דער אַגיטאַטאָרישער עלעמענט, פאַרוואס ער פערנעהמט זיך אין זײ מיט חקירות װעגען יודאַאיזם און העלעניזם און װעגען שפּראַך פראַגען אַ סך מעהר װי מיט פּראָפּאַגאַנדע.

בעהאַנדלענדיג דאס דאָזיגע טעמע, האט מיר דאַן יעבץ, צווישען אַנדערען, געזאגט:

— די לײַט פערשטעהען גאָרנישט, אז אײן נײַ אויפגעזוכטע אדער ערפונדען העברעאיש װארט, אדער אפילו אַ שורש פון אַ װעלכע־עס־איז װאָרט, איז אַמאָל פיעל װיכטיגער פון צװאַנציג ציוניסטישע אַגיטאַציע־אַרטיקלען.

III

דעמזעלבען יאהר ענדע זומער האב איך זיך װידער געטראָפען מיט יעבצ׳ן, און דאס מאָל אין באַזעל, אויפ׳ן זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס, אויף װעלכען איך בין געװען אַ קאָרעספּאָנדענט פון „המליץ״.

װי בעװאוסט, איז יענער קאָנגרעס געװען זעהר אַ שטורמישער צוליעב דער אויפגעהויבענער אוגאַנדא־פראַגע. אַ בעזונדערס גרויסע ראָלע האט דאַן געשפּיעלט די מזרחיסטישע פראַקציע, װעלכע איז נאָכ׳ן מינסקער צוזאמענפאָהר שטארק אויסגעװאַקסען. אין די קאָרעספּאָנדענטישע קרײַזען האט מען זיך דערװאוסט פון הינטער די קאָנגרעס־קוליסען, אז הערצל קאָנפערירט כסדר מיט רײַנעס׳ן װעגען דעם אוגאַנדא־פּראָיעקט. יעדערען פון אונז האט זיך געװאָלט װיסען בעצײַטענס, װאס פאר אַ שטעלונג „מזרחי״ װעט אָננעהמען צו דער דאָזיגער קאַרדינאַלער פראגע, װעלכע שמעקט מיט אַן׳איבער־

קעהרעניש אין דעם גאַנצען ציוניסטישען גרונד־געדאנק, אום צו קאָנען עס באלד מודיע זיין טעלעגראַפיש איטליכער אין זיין בלאַט. איך האב מיר דאן געטראכט. אז ווער—ווער, אבער יעבץ וועט מיר געוויס זאגען וואס פאר אַ שטימונג עס הערשט ביי די אנפיהרער פון „מזרחי" בנוגע דעם אוגאנדא־פּאָרשלאג. איך האב אויפגעזוכט יעבצ׳ן און האב איהם געוואלט אינטערוויוּאירען, אבער — אומזיכט. איך שטעל איהם פערשיעדענע פראַגען, און ער ענטפערט מיר נישט. ער איז מוכן ומזומן צו רעדען מיט מיר וועגען אלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגען אוגאַנדא.

— איז דאס אַ פּארטיי־סוד — האב איך איהם געפרעגט.

— ניין, — האט ער מיר געענטפערט.

— אלא וואס דען ?

— וועגען די מיינונגען פון אַנדערע וויל איך נישט רעדען, און איך אליין האב נאך אין דער פראגע לחלוטין קיין מיינונג נישט. איך האב נאך נישט בעוויזען זיך אריינצוטראכטען אין דער זאך ; איך דארף זיך נאָך ערשט דערפון פונאנדערקלויבען.

דאן האב איך געבעטען יעבצ׳ן, ער זאל פאר מיר פּועל׳ן צום וועניגסטען, מ׳זאל מיר צולאזען צו די זיצונגען פון דער מזרחיסטישער פראַקציע, און ער האט עס מיר געטהון.

כ׳האב בייגעוואוינט צוויי אַזעלכע זיצונגען פון „מזרחי", וועלכע זענען צוגעגאַנגען זעהר שטורמיש. אלע, אפילו דער תמיד שווייגענדיגער סווינצאַנער רב, ר׳ פּינחס ראָזאווסקי האבען זיך בע־טייליגט אין די ויכוחים, יעדער האט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג. נאר איין איינציגער איז די גאנצע צייט געזעסען און געשוויגען. דאס איז געווען יעבץ. ער איז געזעסען אין אַ ווינקעל, דעם קאָפּ אראָב־געלאָזט אויף דער ברוסט ווי קאָנצענטרירט אין זיך און קיין איין זילבע נישט ארויסגערעדט.

און אין דעם אָווענד פון יענעם גרויסען טאג, אין וועלכען „מזרחי" איז געווען דאס צינגעל, וואס האט אראָבגעבויגען די וואָג־שאָל לטובת דעם אוגאַנדא־פּראָיעקט, איז מיר גראָד אויסגעקומען צו הערען, ווי איינער פון די „נייע־זאָגער" האָט אַ פרעג געטהון יעבצ׳ן: ס׳טייטש, ווי קומט עס, אז איהר, וואס האט אזוי ליעב ארץ־ישראל און האט שוין דאָרט עטליכע יאָהר געוואוינט, זאָלט דערלאָזען, אז

די ציוניסטען זאָלען גאר נעהמען מיט אַמאל טראכטען וועגען אנ׳אנדער לאַנד, און ווען אפילו מעהר נישט ווי אלס „נאכט-אכסניא״?

אויף דעם געדענק איך, האט איהם יעבץ דעמאָלט קורץ גע־ענטפערט: אט דוקא דערפאר!..

און מעהר נישט אַ ווארט.

נאכ׳ן זעקסטען קאָנגרעס האט נאך יעבץ הייס פערטיידיגט דעם אוגאנדא-פראָיעקט אין „המזרח״. דאס איז שוין אבער געווען זיין לעצט זשורנאַליסטיש וואָרט. דער „מזרח״ האט זיך איינגיכען אבגע־שטעלט, און פון דעמאָלט אָן איז יעבץ אינגאנצען פערשוואונדען געוואָרען פון דער פובליציסטישער אַרענע.

צו־שטיל איז יעבץ געווען אין זיין פובליציסטיק, ווי צו־שטיל ער איז געווען אין זיין רעדען.

דער גרויסער שווייגער האָט סוף־כל־סוף געגלויבט צו געפונען זיין שעפערישען תקון ביי די קוואלען פון דער יודישער געשיכטע..

לעאָנאָרא סמאָלענסקין.

I

שוין באַלד פופציג יאָהר זענען אוועק פון דעמאָלט.

אַ יונג בחור׳ל בין איך נאָך דאַן געווען, נאָר וואָס פערלאָזט די באַנק פון דער וואלאָזשינער ישיבה. געפיהרט קיין וויען האָט מיך, ווי נאָך צעהנדליגער פון מיין גלייכען, דער הייסער פערלאַנג צו בע־קענען זיך פערזענליך מיט דעם מאַן, וועמענס ווערק עס האָבען אונז פערכשופ׳ט און צוגלייך רעוואָלוציאָניזירט.

דאָס איז געשעהן אין יענער צייט, ווען יעדעס העפטעל פון סמאלענסקי׳ס העברעאישען זשורנאַל „השחר”, וואָס פלעגט זיך בע־קומען אין דער ישיבה בגנבה און איז געלייענט געוואָרען מיט גרויס מסירת נפש, האָט געווירקט ווי אַ שוועבעלע, וואָס איז אַריינגעפאַ־לען אין אַפּולווער־פאס, ווען אלץ, וואָס איז ארויס פון סמאָלענסקינ׳ס פעדער, האט אויפגעברויזט אין תחום אסך יונגע מוחות. דעמאָלט איז סמאָלענסקינ׳ס הויז אין זויען געווארען אַ מין מעקאַ, וואוהין עס זענען געוועזן געוועדעט די אויגען פון נישט וועניג בית־מדרש׳ניקעס, וועלכע האָבען, ווי איך, אָין פערבארגעניש געלעכצט נאך בילדונג, נאך ליכט...

ערב שבועות בין איך געקומען קיין וויען, און אויף מארגען נאכמיטאג האב איך מיט שטארק הארץ־קלאפעניש אָנגעקלונגען אין סמאָ־לענסקינ׳ס וואוינונג. ער האט דאַן געוואוינט אין דער אָפּערע דאָנוי־שטראַסע. דאס דינסט־מיידעל איז ארויס און האט געזאגט, אז דער „העררּ” איז נישטא אין דער היים. איך האב שוין געוואלט אוועקגעהן, ערשט מ׳האָט מיך אַריינגעבעטען אין שטוב. פאר מיר איז געשטאַ־נען אַ שעהנע שלאַנקע בלאָנדינע מיט געקרויזטע האָהר און טיעפע,

בלויע אויגען פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעקוקט גוטסקייט און עדעלמוט, דאָס איז געווען פרוי לעאָנאָרע סמאָלענסקין.

בעזוכער פון מיין טיפ זענען, קענטיג, פאַר איהר נישט געווען קיין נייעס. דאָס האָב איך געזעהן פון דעם, וואָס קוים האָט זי אויף מיר געוואָרפען אַ בליק, האָט זי גלייך ווי אַראָבגעלייענט פון מיין פּנים ווער איך בין און צוליעב וועלכען צוועק כ׳בין געקומען.

— איהר זייט, ווי איך זעה, פון רוסלאַנד — האָט זי זיך צו מיר אָנגערופען אין דעם יודיש-פּוילישען דיאַלעקט — און ווילט זיך געוויס זעהן מיט מיין מאַן; אָט קומט, איך וועל אייך אַריינפיהרען אין זיין קאַבינעט; ער דאַרף די מינוט אַריינגעהן.

אויף דעם האָט זי מוסיף געווען:

— טאָמער ווערט אייך לאַנגוויילינג, וועט איהר דאָרט געפונען אויפ׳ן שרייב-טיש דאָס לעצטע ביכעל „שחר".

איך געדענק, אַז דאָס דאָזיגע גאַנץ אונערוואַרטעטע ענטגעגענקומען פון דער טיר ביז אַהער אונבעקאַנטער פרוי סמאָלענסקין, האָט אויף מיר דאַן געמאַכט זעהר אַן׳אַנגענעהמען איינדרוק. אין מיין דעמאָלדיגער נערוועזישער שטימונג — אַ געוועהנליכע ערשיינונג ביי יעדען איינציגען, וואָס פאַלט אַריין פון „תחום" אין אַ פרעמדלענדישער מיליאָנענשטאדט — האָב איך זיך מיט אַמאָל דערפיהלט היימיש, און בין ביי זיך מונטערער געוואָרען.

איך דאַרף בעמערקען, אַז דער פרוי סמאָלענסקין׳ס פּחד, אפשר ווערט מיר אין איהר מאַנ׳ס קאַבינעט לאַנגוויילינג, האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר גאַנץ אומזיסט. ווי איך האָב שוין אַמאָל דערצעהלט ביי אַן׳אַנדער געלעגענהייט, האָב איך אַריינגעהענדיג אין סמאָלענסקינ׳ס אַרבייטס-צימער, דאָרט געפונען זיצענדיג און שפּילענדיג אין שאָך דריי חשוב׳ע העברעאישע שריפטשטעלער, וועלכע איך האָב שוין לאַנג געקענט פון דער ליטעראַטור: די בעוואוסטע סאָציאַליסטישע עסקנים אהרן שמואל ליבערמאַן, רעדאַקטאָר פון „האמת", און לייזער צוקערמאַן מיט דעם בעקאַנטען מיסיאָנער י. זאַלקינסאָן, וועלכער איז דאַן, אונטער דעם פּסעוודאָנים יע״ס, געווען פּאָפּולער ביי די העברעאישע לעזער אַלס זעלטענער סטיליסט און גלענצענדער איבערזעצער פון אייניגע שעקספּיר׳ס ווערק.

* * *

דאָס איז געווען ערשט אַ האַלב יאָהר נאָך סמאָלענסקינ׳ס חתונה. די עטליכע טויזענד רובל, וואָס זיין שווער, דער וואַשאווער גביר ר׳ שלמה טעמקין, האָט איהם געגעבען נדן, זענען נאָך נישט פערצעהרט געוואָרען, די געשעפטען פון „השחר“ זענען דאַן אויך נישט שלעכט געגאַנגען, און דאָס האָט געגעבען סמאָלענסקינ׳ען די מעגליכקייט אַוועקצושטעלען זיין הויז אויף אַ ברייטען פוס און צו לעבען אין גרויס רחבות. ער האָט זיך איינגעאָרדענט זעהר אַ שעהנע און אַנ׳עלעגאַנט אויסגעמעבלירטע וואוינונג און געפיהרט אַ שטאַט פון אַנ׳עושר. איך דערמאָהן זיך פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען פאַקט: אין דעם שעהן פערפוצטען זאַל איז געשטאַנען אויף אַ מאַרמאָרנעם געשטעל אַ שטייגעל, געפלאָכטען פון בעגולדטען שטאָהל, אין וועלכען ס׳האָט זיך געפונען אַ גרויסער פאַפוגיי, וואָס האָט געקאָנט אויספלוידערען עטליכע העברעאישע ווערטער און אָבגעבען יעדערען אויפ׳ן קול אַ ברייטען „שלום עליכם“. אַ בעקאַנטער האָט מיר דערצעהלט, אַז בעת דער אַלטער העברעאישער שריפטשטעלער גאָטלאָבער איז אַמאָל געווען אין וויען און האָט בעזוכט סמאָלענסקינ׳ען, איז ער אריין אין זאַל. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס שטייגעל, האָט זיך דער פאָפוגיי געמאַכט ווי נישט זעהענדיג און געשוויגען. סמאָלענסקינ׳ען האָט דאָס זעהר געוואונדערט, און ער האָט זיך אָבגערופען צו גאָטלאָבער׳ן מיט אַנ׳איראנישען שמייכעל: „אין דעם פאָפוגיי׳ס שוויגען זעה איך נישט קיין גוטען סימן. ווער ווייסט? אפשר וויל ער דערמיט געבען אונז אַנ׳אָנצוהערעניש, אַז ס׳וועט ענטשטעהן אַ טאָג, ווען אונזער געגענזייטיגער שלום וועט צושטערט ווערען; אויף דעם זענען מיר דאָך עפּיס שריפטשטעלער, און ווער נאָך ווי אונזערע ליטעראַטען זענען אַזוי עלול נכשל צו ווערען איינער דורכ׳ן צווייטען?“ גאָטלאָבער האָט אויך צוגעשמייכעלט און אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. אין עטליכע יאָהר אַרום, בעת די רוסישע רעגירונג האָט פעבאָטען אַריינצופיהרען קיין רוסלאַנד די נייע אויפלאַגע פון סמאָלענסקינ׳ס בעוואוסטען פיער-בענדיגען ראָמאַן „התועה בדרכי החיים“, דורך וואָס ער איז אינגאַנצען רואינירט געוואָרען, און דער עולם איז

דערגאַנגען דעם סוף, אַז דאָ האָט געשטעקט גאָטלאָבער׳ס האַנד, איז מיר אַרויף אויפ׳ן זין די געשיכטע מיט דעם פּאָפּוגיי. סמאָלענסקינען האָט עפּיס דאָס האַרץ געזאָגט, און ער האָט נישט געוואוסט וואָס...

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרען ביי סמאָלענסקינ׳ען אַנ׳אָפּטער איינגעהער. אנדערטהאַלבען יאָהר כסדר האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו בעטראכטען זיין פאַמיליע-לעבען פון דער נאָהענט, און עד היום איז ביי מיר פערבליבען דער איינדרוק, עפּיס אַזוי ווי אין דעם דאָזיגען גאַנצען משך צייט וואָלט נאָך אַרומגעפלאַטערט איבער דער שטוב דער מילדער גייסט פון זייער „האָניג-חודש“... און עס איז כדאי צו בעמערקען אין אַכט, אַז אויסער דער אומגלייכהייט פון זייער עלטער — ער איז געווען עלטער פאַר איהר מיט אַ יאָהר פופצעהן — זענען זיי נאָך געווען לויט זייער ערציהונג, כאַראַקטער און נאַטור, צוויי פערשיעדענאַרטיגע, גאַנץ ענטגעגענגעזעצטע פערזענליכקייטען. ער — אַ קינד פון דער מאסע, ערצויגען אין פינסטערן דלות, פערבראַכט די יוגענד אין אַרומוואָגלענישען איבער די ישיבות און בתי-מדרשים אין שטעדט און שטעדטליך, געלעבט פון קצבה און פון פרעמדע טישען, שפּעטער געגאָסען פון אַנ׳אַטאָדידאַקטישע בילדונג, אָהן אַ סדר און אָהן אַנ׳אָרדנונג, נאר געזופּט פון דעם, וואָס ס׳האָט זיך געמאכט אונטער דער האַנד, און דער סוף אַנ׳אָרימער יודישער מחבר געווארען. און זי — אַ טאָכטער פון דער העכסטער ווארשאווער יודישער אַריסטאָקראַטיע, געהאדעוועט אין גרויס עשירות און וואויל טאָג, געענדיגט אַ העכערע טעכטער-שול און ערוואָרבען מאָדערן-אייראָפּעאישע סאַלאָן-בילדונג אין פּאריז; ער — ענטוזיאַסטיש, טעמפּעראַמענטפול, עקספּאַנסיוו, אַ לייכט זיך אָנצינדענדיגער ברענשטאָף, און זי — איינגעהאלטען, קאלטבלוטיג, געלאסען, מיושב׳דיג; ער — מיט אַ מויל אַ ווולקאַן, מיט ניין מאס רייד, מיט אַ שטארקער נייגונג צו וכוחים און פּאָלעמיק, צו אגיטאציע און פּראָפּאָגאַנדע, און זי — שפּאָרזאַם אין רייד, געצעהלט תמיד די ווערטער, כמעט אַ שווייגענדיגע. און די דאָזיגע צוויי אנטיפּארישע נאטורען האבען זיך דאס געקאנט אזוי הארמאניש צוזאמענשמעלצען ווי איין גוף און איין נשמה!

ווי מען דערצעהלט, האט צו דער דאזיגער געגענזייטיגער צערטליכקייט צווישען מאן און פרוי פיעל מיטגעהאלפען אויך דאס

פאלגענדע געשעהעניש: א קורצע צייט נאכדעם ווי סמאלענסקין האט זיך בעקענט מיט זיין צוקונפטיגע פרוי, לעאָנאדע טעמקין, האט מיט איהר פאסירט אנ׳אומגליק; פאהרענדיג מיט איהר אמאל שפאצירען אונטער די שטאדט — דאס איז פארגעקומען אין ווארשא — איז זי, אראבגעהענדיג פון עקיפאזש, נישט גענוג פארזיכטיג געווען, זיך אויסגעגליטשט און זיך אויסגעבראכען א פוס. זי איז דאן אבגעלעגען זעקס וואכען אין בעט מיט אנ׳איינגעגיפסעוועטען פוס. ס׳איז ביי קיינעם נישט געווען קיין שום האפנונג, אז איהר פוס זאל קאנען ווען־עס־איז אויסגעהיילט ווערען און דעריבער האבען איהרע עלטערן געקלערט אז סמאלענסקין וועלכער האט שוין בעוויזען צו ווערען ווייט און ברייט בעריהמט, וועט זיך געוויס אבזאגען פון שידוך. סמאלענסקין איז איהר אבער געבליבען טריי, און איז נישט אבגעטרעטען פון איהר די גאנצע צייט, וואס זי האט זיך קורירט. דאס האט דעמאלט ביי לעאָנאַדען ארויסגערופען שטארקע דאנקבאר־קייטס־געפיהלען צו איהר אויסדערוועהלטען, וואס האט צוגעגעבען איהר ליעבע א בעזונדער רייץ.

דעם בעאָבאַכטער מן הצד האט זיך צייטענווייז געקאנט דוכטען, אַז סמאָלענסקין ווערט בעהאַנדעלט פון זיין יונגער פרוי ווי א פעטיש, ווי אַנ׳אָבגאָט. מיט דעם דאַרף מען דערקלערען דעם אין פלוג קשה׳דיגען פאקט, אַז זענענדיג בעהאַוועגט אין די מאָדערנסטע ליטעראַטורען און בעזיצענדיג אַ שעהן ענטוויקעלטען קינסטלערישען געשמאַק, האָט זי דאָך געהאַלטען סמאָלענסקינ׳ען פאר איינעם פון די געצעהלטע, פון גאָט־געבענשטע קינסטלער, חאָטש זי האָט קיינמאָל אליין זיינע ווערק אין אָריגינאַל נישט געלייענט און איז בעקאנט געווען מיט זייערע אינהאלט נור לויט דעם, וואס ער פלעגט איהר איבער־געבען אין געשפרעכען. אייניגע מאָל האט זי פאר מיר אויסגעדריקט איהר בעדויערן איבער דעם, וואס זי פערשטעהט נישט קיין העב־רעאיש. אין דער היים, אין ווארשאָ, האט זי מיידעלווייז זענענדיג אַ שילערין פון גימנאזיע, גענומען ביי אַ „רבי׳ן" לעקציעס אין העב־רעאיש, זי האט געלערענט חומש, תנ"ך; זי האט עס אבער שוין לאנג פערגעסען. סמאָלענסקין האט מיט איהר נאָך דער חתונה אליין געפרובט לערנען העברעאיש, אבער צוליעב זיינע גרויסע טרדות האט ער עס באלד אָוועקגעוואָרפען.

און דאָך, געדענק איך, איז זי תמיד געשטאַנען אין קורס פון

זיין שריפטשטעלערישער טעטיגקייט. שטענדיג האט זי געוואוסט פון זיינע ליטערארישע פלענער, אפילו פון יעדער טעמע, וועגן וועלכער ער קלויבט זיך צו שרייבען. יעדעס מאָל פלעגט ער איהר, פאַר׳ן איבערגעבען צום דרוק פארלייענען זיינע שריפטען און רעכענען זיך מיט איהר מיינונג. אין די צו סמאלענסקינ׳ען נאהענטע קרייזען האָט מען דאס גאנץ גוט געוואוסט. איך האב אַמאָל בייגעוואוינט ווי דער אויבענדערמאָהנטער ליבערמאן האט איהר אין א געשפרעך האַלב ערנסט, האַלב איראָניש אַ פרעג געטהון: פארוואס זעהט איהר דאס נישט ווירקען אויף אייער מאַן, ער זאל אַביסעל ענדערן זיין מיינונג וועגען אייך „פרויען״? (כידוע, איז סמאָלענסקין געווען א שאַרפער געגנער פון דער פרויען-עמאַנסיפאציע און האָט איהר שטארק בעקעמפט אין פיעל ארטיקלען, און בעזונדערס אין דעם פערטען טייל פון זיין „התועה״). אויף דעם האט איהם דאַן פרוי סמאָלענסקין געענטפערט אין דעם זעלבען טאָן: „אלס אליין פעראינטערעסירטע קאָן איך אין דער דאזיגער פראגע קיין אָביעקטיווען אורטייל נישט ארויסטראגען, און דעריבער דארף איך אין דעם מיין מאן מיין מיינונג נישט אָנבינדען.

בעזונדערס האט זי זיך אינטערעסירט מיט׳ן „השחר״. זי האט געוואוסט וועלכע אַרטיקלען, און פון וועמען, עס געהען אריין אין יעדעס ביכעל און האָט געהאט א בעגריף וועגען איטליכען מיטארבייטער. מיר איז וויפיעל מאָל אויסגעקומען צו הערען זי, זאגענדיג: „דאָס היינטיגע ביכעל איז צו-מאָגער, עס פעהלט בראנדשטעטער״, אָדער: „היינט האָבען מיר אַ דורכאויס געראָטען העפט״. גאַנץ אפט ביי מיטאָג פלעגט זי פרעגען סמאָלענסקינ׳ען: „האט דיר עפיס היינט די פאָסט געבראכט גוטען מאַטעריאל״? און ווען ער האט איהר געענטפערט, אז ער האט בעקומען זאכען פון גארדאנ׳ען, פון יהל״ל׳ן, אָדער פון אַנ׳אנדער פאפולערען שריפטשטעלער, איז דאס פאַר איהר געווען אַ גרויסע פרייד, ממש אַ יום-טוב.

סמאָלענסקין ביי דער ארבייט מיט דער פעדער אין האנד איז פאר איהר געווען אַ כהן גדול אין קדשי-קדשים. דאָס גאנצע לעבען האָט זי זיך צו איהם פערהאלטען מיט דער גרעסטער פיעטעט און יראת-הכבוד, אין די שווערע, ביטערע צעהן יאהר, וואס זי האט מיט איהם פערבראכט, האט זי איהם בעגלייט ווי א גוטע פעיע, און די

פערציג יאהר נאך זיין טויט, וואס זי איז געזעסען אַנ׳אַלמנה איז ער פאר איהר פערבליבען אַ הייליגע רעליקוויע.

II

אַ צווייטען מאָל האָב איך זיך בעגעגענט מיט פרוי לעאָנאָראַ סמאָלענסקין אין יאָהר 1913, אויפ׳ן עלפטען ציוניסטישען קאנגרעס.

אויף דער ערעפנונגס־זיצונג פון דער קאָנפערענץ פון דער „הסתדרות־העברית", וועלכע איז דאַן פאָרגעקומען, עטליכע טעג פאר׳ן קאָנגרעס, אין בעטהאָווען־זאַל, האָב איך זי געטראָפען. איך אַליין וואָלט זי בשום־אופן נישט דערקענט; אין די זיעבען און דרייסיג יאָהר, וואָס איך האָב זי נישט געזעהן, האט זי זיך זעהר גע־ענדערט. איהר שלאַנקער וואוקס איז געוואָרען איינגעבויגען, די האָר — שטארק גראָה, און אָן אַלע איהרע בעוועגונגען האָט זיך שוין געלאָזט פיהלען די עלטער. פון דער פרוי סמאָלענסקין, וועלכע איך האָב געקענט אין דער יוגענד, זענען פערבליבען נור די בלויע, טיעפע, קלוגע און גוטע אויגען. מיר האט אויף איהר אָנגעוויזען איינער פון מיינע וויענער קאָלעגען, און איך בין צו איהר צוגעגאנגען.

זי האט מיך אויך נישט דערקענט, און איך האָב איהר געדארפט זאגען ווער איך בין און דערמאָהנען די צייט, ווען איך בין ביי זיי אין הויז כמעט אַ טעגליכער איינגעהער געווען. אַ קליינע ווייל'ע האט זי מיך בעטראכט און זיך קוים דערמאָהנט, און דאָס אויך נישט קלאָר און דייטליך, נור ווי דורך אַ חלום...— בעסערע צייטען געוועזן, — האָט זי אַ זאָג געטהון מיט אַ שטילער זיפץ. באַלד האט זי אויף דעם מוסיף געוועזן:

— אַנדערע צייטען, אנדערע פויגעל...

און רעדענדיג האט זי אויפגעהויבען איהר בליק געגען דער עסטראַדע, וואו עס זענען געזעסען די מיטגליעדער פון פרעזידיום, צווישען וועלכע עס האבען זיך דאַן געפונען: ב י אַ ל י ק, פ ר י ש מ א ן, ש נ י א ו ר און ב ר י י נ י ן.

איך האָב פערשטאַנען איהר כוונה, און האָב זיך אָבגערופען:

— אויף די דאָזיגע אַ נ ד ע ר ע שוועבט אָבער דער גייסט פון אייער זעליגען מאַן.

— דערווייל — האָט זי בעמערקט — האָט מען נאָך איהם דאָ אַפילו נישט דערמאָהנט.

— מ׳ווּעט איהם נאָך דערמאָהנען — האָב איך זי בערוהיגט, — אויף יעדען קאָנגרעס דערמאָהנט מען איהם, און אַזוי מוז איצט אויך זיין.

— אַזוי מוּז זיין — האָט זי איבערגע׳חזר׳ט מיינע לעצטע ווערטער, און אין איהר טאָן האָט ווי אָבגעקלונגען דער פאָרוואורף: מען מוז, אָבער מען טהוט עס נישט...

אין זאָל האָבען זיך אָנגעהויבען די בעגריסונגען, און איך האָב זיך אויפגעשטעלט אום אַריינצוגעהן אין דער זשורנאליסטען־לאָזשע. ביים געזעגענען זיך האט זי מיך געבעטען, איך זאָל זי בעזוכען. דערביי האָט זי געזאָגט:

— אָט וועלען מיר אַ ביסעל אָבפרישען אונזערע יוגענד־זכרונות.

אויף מאָרגען נאָכ׳ן קאָנגרעס בין איך איהר געגאַנגען בעזוכען. אויפ׳ן וועג האָב איך אָנגעטראָפען דעם בעוואוסטען פּועל־ציוניסטישען פיהרער בער באָראָכאָוו. ווען איך האָב איהם דערצעהלט וואוהין איך געה, האָט ער אויסגעדריקט זיין וואונש מיך צו בעגלייטען. מיך האָט עס דאַן זעהר געוואונדערט, ווייל איך האָב געקענט באָראָכאָוו׳ן פאַר נישט קיין גרויסען אָנהענגער פון העברעאיש און ס׳איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז ער האָט סמאָלענסקינ׳ען קיינמאָל נישט געלייענט און האָט וועגען איהם קיין בעגריף נישט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז נישט זעהענדיג אַפילו בעקאנט מיט סמאָלענסקינ׳ס בעלעטריסטישע שאַפונגען, האט ער דאָך גאנץ גענוי געוואוסט דאָס, וואָס סמאָלענסקין האָט אויפגעטהון אַלס שאַפער פון דעם מאָדערנעם יודיש נאַציאָנאַלען געדאַנק.

— איך האָב שוין לאַנג געזוכט די געלעגענהייט — האָט צו מיר באָראָכאָוו געזאָגט — זיך צו בעקענען מיט פרוי סמאָלענסקין, וועגען וועלכער מען זאגט, אַז זי זאָל זיין אַ גאנץ אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט. אַגב האָב איך געהערט, אַז נאָך עד־היום ווערט פון איהר אָבגעהיט דאָס צימער, אין וועלכען סמאָלענסקין האָט געאַרבייט און געשאפען, מיט אַלע זיינע אַמאָליגע חפצים; איך וויל עס זעהן; איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין עפּיס אַ שטיקעל אַלטערטומס־פאָרשער...

מיר האָבען אָנגעקלונגען. אַ יונג פריילין — סמאָלענסקינ׳ס איינציגע טאָכטער — האָט אונז געעפענט. די איצטיגע וואוינונג האָט

שוין נישט געשמעקט מיט דער אַמאָליגער עשירות, וועלכע איך האָב געקענט מיט זיבעצן און דרייסיג יאָהר צוריק. דאָס איז שוין געווען אַן׳איינפאכע וויענער דירה מיט גאַנץ פּשוט׳ע מעבעל; אומעטום ציכטיג און ליכטיג, אבער בעל-הבתיש, אָהן דעם געוועזענעם קאָמפאָרט.

ביי אונזער אריינקומען איז פרוי סמאָלענסקין געזעסען אין עס-צימער, פערטהון אין אַ געשפרעך מיט אַ בעיאָהרטען מאַן. דאָס איז געווען סמאָלענסקינ׳ס עלטערער ברודער לעאָן, וועלכער האט אַמאָל אויך געהאַט אַ שייכות צו דער ליטעראַטור, און האט די לעצטע דריי חדשים רעדיגירט דעם „השחר״; איצט האָט ער פערנומען אַ שטעלע אין ראָטשילד׳ס שפּיטאָל, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט.

איך האָב איהר פארגעשטעלט באָראָכאָוו׳ן, וועגען וועלכען זי האָט שוין לאַנג געהערט, און אָן איהר פּנים איז געווען צו דערקענען, אַז זי איז צופריעדען מיט זיין בעזוך.

מיט אַ בעזונדער צופריעדענהייט האט זי אונז דערצעהלט, אַז באַר-וואָס זענען פון איהר אוועק צוויי זעהר אָנגעלעגטע געסט: דער מאָסקווער ראַבינער יעקב מזא״ה מיט׳ן ד״ר קאַצענעלענסאָן (בוקי בן יגלי) פון פעטערבורג. דערביי האָט זי געזאָגט:

— דער דאָזיגער בעזוך האט מיר בעוויזען, אַז מען געדענקט נאך מיין מאַן, און דאס פרעהט מיך זעהר. צייטענווייז דוכט זיך מיר, אַז מען הויבט איהם שוין אָן צו פערגעסען. די ערשטע עטליכע יאָהר נאך זיין טויט פלעג איך נאך האָבען וויזיטען פון זיינע פערעהרער, היגע און דורכרייזענדע. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, אַפילו גאנץ וועניג, וואס זענען לכתחילה אַראָבגעפאָהרען פונדאַנען קיין מעראן צו בעזוכען זיין קבר. אָבער עס איז שוין אַ לאַנגע צייט, ווי דאָס האָט אַלץ אויפגעהערט. איך לייען אַליין נישט קיין העברעאיש, נור גוטע פריינד דערצעהלען מיר, אז מען שרייבט שוין איצט וועניג וועגען מיין מאַן. און ס׳איז אויך קיין וואונדער נישט: עס זענען היינט דאָ בילכערע, וועגען וועמען צו שרייבען...

— די טאָג-טעגליכע מעשים אין דעם אויפגעלעבטען ארץ-ישראל — האָב איך געזוכט זי צו טרייסטען — שרייבען וועגען סמאָלענסקינ׳ען כסדר אין אייביגער שריפט... און אז דאָס פאָלק אינטערעסירט זיך מיט איהם שטאַרק, — דאס וויזען אונז די אַלבעמיין-

בעוואוסטע פאַקטען, אז ער ווערט נאָך עד־היום פיעל געלייענט, און אז זיין ביאָגראַפיע, געשריבען פון ראובן בריינין, איז פערשפרייט געוואָרען אין אַ סך טויזענדער עקזעמפּלאַרען.

איך האב זי געוואָלט אַרויספיהרען אויף אַנ׳אנדער טעמע און זי געפרעגט, ווי אזוי זי לעבט. זי האט מיר דאַן דערצעהלט, אז איהרע זיהן, וועלכע זענען פאַכמענער אויף פערשיעדענע געביטען פערנעהמען גוטע פּאָסטענס. דערביי, געדענק איך, האָט זי געזאָגט:

— מיינע קינדער זענען נישט בלויז אנשטענדיגע לייט, נור אויך גוטע יודען, און דאָס דיענט מיר אַלס טרייסט אין מיין לעבען. אַ טרייסט געפין איך אויך אין מיינע זכרונות וועגען מיין זעליגען מאַן; אין זיי לעב איך און אָטעם... צייטענווייז דוכט זיך מיר, ווי דאָס וואָלט אַלץ נעכטען פאַסירט, בעזונדערס ווען עס שוועבען אַרום מיינע בליקען איבער זיין געוועזענעם אַרבייטס-צימער.

און אין צימער איז אַלץ, ווי עס איז געווען ביי סמאָ־לענסקינ׳ס לעבען: דער זעלבער שרייב-טיש, די זעלבע פעדער, די־זעלבע פונאַנדערגעשטעלטע קליינינקייטען, דערזעלבער ביכער-שראַנק, דער זעלבער הויכער שטענדער, אויף וועלכען סמאָלענסקין האָט אָפט אזוי ליעב געהאַט צו שרייבען. איך דערמאָן זיך בשעת מעשה, אז מיט אַ יאָהר פופציג בערך צוריק האָב איך דאָס ערשטע מאָל גע־זעהן דעמזעלבען שטענדער אין דער דרוקעריי פון געאָרג ברעג, מאַריאַטערעזיענשטראַסע 19, אין דער הויף, אָט דאָ, וואו סמאָ־לענסקין האט פערבראַכט די פאַרמיטאָגען אויף די קאָרעקטור־בויגענס פון „השחר״. ווען נישט דער ליידיגער שטוהל, וואס שטעהט אויבענאָן, האָט זיך געקאָנט שאַפען די אילוזיע, אז באַלד קומט אַריין סמאָלענסקין און נעהמט זיך צו דער פעדער...

וויפיעל ליעבע און פיעטעט צום אָנדענקען פון איהר פער־שטאָרבענעם מאַן די פרוי האָט געדאַרפט האָבען, אום צו זיין ביכולת אָבצוהיטען אין זייער פולער גאַנצקייט די דאָזיגע אַלע זאַכען אינ׳ם לאַנגען משך-צייט, וואָס איז אַריבער פון נאָך סמאָלענסקינ׳ס טויט. ס׳האט זיך געמערקט, אז זי בעציהט זיך צו יעדער זאַך, וועלכע איז פערבונדען מיט דעם זכרון פון איהר מאַן, ווי צו אַ הייליגטום, אַזוי, אז אַרויסגעהענדיג שפּעטער אויפ׳ן גאַס האָט זיך בּאַראָכאָוו צו מיר אָבגערופען:

— עס האָט נור געפעהלט זי זאָל צו אונז זאָגען מיט׳ן לשון פון פסוק: „של נעליך מעל רגליך״ און ווייטער...

מערקווירדיג איז דערביי, און דאָס האָט מיך דאַן זעהר געוואונדערט, אז אין דער צייט, וואָס סמאָלענסקין האָט כסדר אזוי פריש געלעבט אין איהר זכרון, האָט זי כמעט אינגאַנצען פערגעסען אָן אייניגע פערזאָנען פון די ליטעראַרישע קרייזען, וועלכע זענען געוועזען פון זיינע מקורבים און האָבען איהם גאַנץ אָפט בעזוכט. צווישען אַנדערע האָב איך איהר מיט גרויס שוועריגקייט דערמאָהנט אָן ליבערמאַנ׳ען מיט וועלכען איך האָב זיך דאַן בעזונדערס אינטערעסירט און געקליבען מאַטעריאַל צו זיין ביאָגראַפיע. זי האָט שוין געהאט לגמרי פערגעסען, אז ליבערמאַן זאָל האָבען ווען-עס-איז אַרויסגעגעבען אַ העברעאישען מאָנאַטליכען סאָציאַליסטישען זשורנאַל אונטער׳ן נאָמען „האמת״, און אַז דער דאָזיגער זשורנאַל, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין סמאָלענסקינ׳ס בוכדרוקעריי, איז פון איהם שטארק בעקעמפט געוואָרען. זי האָט פערגעסען די גאַנצע געשיכטע מיט ליבערמאַנ׳ס אַרעסט און ווי סמאָלענסקין איז אויך דורך איהם שיער נישט אַריינגעפאַלען אין אַ שווערען פראָצעס. ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב דאס איהר אַלץ דערמאָהנט האָט יענע גאַנצע עפּאָפּייע גענומען אויפלעבען אין איהר זכרון. זי האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט רעדען, און איך האָב פערשטאַנען פאַרוואָס. זי האָט זיך, קענטיג, אין יענע מינוטען דערמאָהנט וועגען די רדיפות, וואָס סמאָלענסקין איז אויסגעשטאַנען מצד אייניגע פון די יודישע סאָציאַליסטען.

און צולעצט נאָך אַ כאַראַקטעריסטישען שטריך:

פאַר מיין אוועקגעהן האָט זי ביי מיר אַ פרעג געטהון, צי איך האָב מיך בעקענט מיט דער אלמנה פון אַ צווייטען חשוב׳ן העברעאישען שריפטשטעלער, וועלכער האָט זיינע לעצטע יאָהרען געוואוינט אין ווין און איז דאָרט געשטאָרבען.

איך האָב זי געפרעגט, וועמען זי מיינט. אויף דעם האָט זי מיר געענטפערט:

— איך מיין די אלמנה פון ר א ו ב ן א ש ר ב ר ו י ד ע ס. איהר האָט זי געקאָנט זעהן זיצענדיג אַ פער׳חושכ׳טע אין קאָנגרעסזאַל. די ציוניסטען-העברעאיסטען האָבען זיך מיט איהר געדאַרפט אַ ביסעל מעהר אינטערעסירען. דאָס איז זייער חוב, וועלכען זיי פערגעסען, ליידער...

װעלװעל זבאַראַזשער.

(פון מײנע װ י ע נ ע ר ערא־נערונגען).

זומער 1876 האָב איך פערבראַכט אין װ י ע ן, װאו כ'בין געװען אַנ'אָפטער אַרײנגעהער בײ דעם רעדאַקטאָר פונם העברעאישען חודש-זשורנאַל „ה ש ח ר", פ ר ץ ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן. זיצענדיג דאָרט אַ געװיסען טאָג, האָבען זיך פּלוצלונג דערהערט װילדע קולות, װעלכע זענען געגאַנגען פון דער קיכשטוב, און באַלד האָט זיך װי אַרײנגעריסען מיט גװאַלד אין עסצימער אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען. זײן פנים האָט געפלאַמט, די האָר זענען געװען צושױבערט, דער נישט גאַנץ רײנער ראָק נישט פערשפּילעט אויף די קנעפּלעך, און פון מויל האָט זיך בײ איהם געגאָסען שוים. גלײך בײם אַרײנגאַנג האָט ער זיך אַ װאָרף געטאָן אויף דער װײכער סאָפע, און האָט אויסגערופען מיט כעס אין ה ע ב ר ע א י ש:

הֲשְׁמַעְתֶּם זאת הַנְּבָלָה?
שִׁפְחָה חֲרוּפָה, בְּתוּלָה בָּלָה,
מכעֶרֶת ומְגֻוֶּלֶת
נוֹעֶלֶת לְפָנַי אֶת הַדֶּלֶת?

(ד. ה. האָט איהר געהערט די נבלה? אַ פערקויפטע דינסט, אַנ'אַלטע מויד, אַ מיאוס'קײט, אַ מנוולת, פערשליסט פאַר מיר די טיר?).

סמאָלענסקין האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און איז אַנט־קעגען געגאַנגען דעם מאַן. אַרויפלעגענדיק די האַנד אויף זיין אַק־סעל, האָט ער איהם געפרעגט געלאַסען:

— וואָס איז דאָס מיט אייך, ר׳ בנימין וואָלף? וואָס זענט איהר אַזוי אויפגערעגט? בערוהיגט אייך!

אָבער דער מאַן, וועלכער איז געוועזן טויט־שיכּור, האָט סמאָלענסקי־נען נישט געהערט, און האָט זיך פונדאָסניי פונאַנדערגעשריען, און אַלץ אין העברעאיש:

מַה חַטָּאתִי וּמַה פִּשְׁעִי
אִם מְעַט יַ״ש שָׁתִיתִי
וְאֶשְׁכַּח רֵישִׁי?
גָּרְשׁוּ, הַשְׁלִיכוּ זֹאת הַמִּרְשַׁעַת,
פֶּן כָּלָה בָּהּ אֵעֵשׁ!...

(ד. ה. מיט וואָס האָב איך דאָ געזינדיגט, אויב כ׳האָב פער־זוכט אַ קאַפּ בראָנפען און האָב פאַרגעסען מיין דלות? וואַרפט אַרויס דער מרשעת, וואָרום איך מאַך פון איהר אַ תל!..).

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט סמאָלענסקינס יונגע פרוי, און האָט געזאָגט:

— רעגט אייך אַזוי נישט אויף, הערר ערענקראַנץ. אָט זעצט אייך צום טיש, און איהר וועט מיט אונז עסען מיטאָג.

אויף דעם האָט איהר געענטפערט דער שיכּור:

רַב תּוֹדוֹת לָךְ, הַגְּבֶרֶת!
לֹא לֶחֶם בִּקַּשְׁתִּי, כִּי אִם אַחֶרֶת:
שַׁלְּחִי מִבֵּיתֵךְ אֶת אֲמָתֵךְ הָאֲרוּרָה,
וְאִם אַיִן—פֹּה תִּהְיֶה לָהּ קְבוּרָה!...

(ד. ה. אַ דאַנק אייך, מאַדאַם! נישט עסען וויל איך, נאָר עפּעס אַנדערש: טרייבט אַרויס אייער פערפלוכטע דינסט; ווען נישט, בעגראָב איך איהר דאָ אויף אַן אָרט!).

שפּעטער האָב איך מיך דערוואוסט, אַז יענער מאַן איז דאָס

דער דיכטערישער בדחן (אָדער: בדחנישער דיכטער) ב נ י מ י ן
וואָלף ע ר ע נ ק ר אַ נ ץ, וועלכער איז געווען שטאַרק מפורסם
אין זיין צייט אין פּוילען, מאָלדאַוויע און דרום-רוסלאַנד
דורך די פֿאָלקס-לידער, וואָס ער האָט פֿערפֿאַסט אין העברעאיש
און יודיש, און איטליכס ליד מיט זיין בעזונדער מאָטיוו. זעהר
אינטערעסאַנט איז זיין לעבענס-געשיכטע. ער איז געבוירען אין דער
גאַליציאַנער שטעדטעל ז ב אַ ר אַ ז ש (צוליעב דעם האָט איהם דער
המון גערופען: „וועלוועל זבאַראַזשער") ביי פֿרומע עלטערען, וועלכע
האָבען איהם געגעבען אַ ריין אָרטאָדאָקסישע ערציהונג. זיי האָבען
איהם ערצויגען אין חדרים און ישיבות, וואו ער איז געוואָרען בע-
האַוועגט אין ש"ס און פּוסקים, און אַרויסווייזענדיג זיך פֿאַר זעהר
אַ גערעאָטענעם, האָבען די עלטערען געהאָפֿט, אַז ס'וועט פֿון איהם
אויסוואַקסען אַ גאון. זייער האָפֿנונג איז אָבער נישט מקוים געוואָ-
רען. ס'איז נישט בעקאַנט ווי אַזוי און אונטער וועמענס השפּעה
איז דער יונגער ערענקראַנץ געוואָרען אַ „משכיל", וואָס האָט גע-
לייענט שטילערהייד די „נייע ביכלעך" און געלערנט וועלטליכע
לימודים. מ'האָט זיך דערפֿון דערוואוסט אין זיין שטעדטעל, און די
אָרטיגע פֿאַנאַטישע חסידים האָבען איהם גענומען דערפֿאַר שרעקליך
רודפֿ'ן, און דאָס האָט איהם געצוואונגען צו פֿערלאָזען אין דער
יוגענד זיין היים און זיין פֿרוי, מיט וועלכער זיינע עלטערען האָ-
בען איהם חתונה געמאַכט צו זיין זעכצעהנטען יאָהר, און איז אַוועק
קיין רומעניען. דאָרטען האָט ער געפּרובט האַנדלען, און האָט נישט
געהאַט קיין ערפֿאָלג. ער איז דאַן געוואָרען אַ דרדקי-מלמד. אָבער
אויך די מלמדות האָט איהם נישט געגעבען קיין חיונה, און ער
האָט געלעבט אין גרויס דחקות. פֿון יענער צייט אָן האָט ער אָנ-
געהויבען אַרומצוואַנדערען איבער שטעדט און שטעדטלעך, און אין
וועג האָט ער זיך מפרנס געווען פֿון די פֿאָלקס-לידער, וועלכע ער
פֿלעגט זינגען אין די שענקען און רעסטאָראַנען, און אויך אויף
פּריוואַטע שמחות, ווי חתונות, וכדומה. אין דער ערשטער צייט האָט
ער דאָס רוב פֿון זיינע לידער אימפּראָוויזירט: דאָס ליד מיט זיין
מאָטיוו זענען ביי איהם באַשאַפֿען געוואָרען איינאיינעם אין א יי ן
אויגענבליק, „אויף א יי ן פֿוס". דער דאָזיגער מאַן, וועלכער איז גע-
ווען אייגערמאַסען געבילדעט און האָט בעזעסען פֿונקען פֿון אַ
דיכטערישען טאַלענט, האָט אַרומגעוואַנדערט פֿיל יאָהר אין רומע-

ניען און דרום-רוסלאַנד, און האָט זיך געשפּייזט פון בדחנות. זיינע
לידער זענען געוואָרען אויפגענומען פון פאָלק מיט גרויס התלהבות,
און מ'האָט זיי געזונגען אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל. זיינע
שטענדיגע אַרומוואַנדערונגען האָבען שלעכט געווירקט אויף זיין זיט-
ליכער הנהגה. ער האָט ליב געקראָגען דעם „ביטערען טראָפּען",
און פלעגט פערברענגען אין דער געזעלשאַפט פון פרויען פון צווייי-
פעלהאַפטער מאָראַל. מען דערצעהלט וועגען איהם, אַז בשעת ער
פלעגט זיין שיכור, איז געווען זיין צונג, ווי אַ געשליפענער מעסער,
און פון זיין מויל האָבען זיך כסדר געשאָטען עפּיגראַמען און שאַרפע,
שטעכעדיגע אַנעקדאָטען, הלצות און וויצען, וועלכע זענען געוואָרען
פערשפּרייט אין פאָלק אַלס „געפליגעלטע ווערטלעך". אין פאַרשיידענע
צייטען האָט ער פערעפענטליכט זאַמלונגען פון זיינע ליעדער אין
העברעאיש און יודיש, וועלכע האָבען באַזונגען די אידעאַלען פון
דער „השכלה", דעם קאַמף פון דעם ליכט מיט דער פינסטערניש.
די דאָזיגע לידער, וועלכע אָטעמען מיט אַ געזונטען און פרעהלי-
כען הומאָר, זענען אַ גאַנצער אוצר פון בילדער און טיפען פונם
חסידישען לעבען מיט זייערע „גוטע יודען". ער האָט פערעפענט-
ליכט אויך פילאָזאָפישע שירים וועגען דער פוסטקייט פון לעבען
און דעם וועלט-שמאַרץ. עס קען גאַנץ גרייליך זיין, אַז ווען ערענקראַנץ
וואָלט געפירט אַ נאָרמאַלען לעבען, וואָלט זיין דיכטערישע מעגלעכ-
קייט דערלאַנגט צו אַ חשוב'ער מדרגה; אָבער זיינע אַרומוואַנדערונ-
גען פון אָרט צו אָרט האָבען זיך אַוועקגעלעגט ווי אַ בליי אויף זיין
מוזע, און ער איז פערבליבען כל ימיו אַלס נאָך וועניגער פון אַ
מיטעלמעסיגען דיכטער.

אין די ערשטע זיבעציגער יאָהרען איז דער דאָזיגער דיכטע-
רישער בדחן געקומען קיין ו ו י ע ן. דאָרטען האָט ער זיך אַמאָל
בעקאַנט מיט סמאָלענסקינען, וועלכען ער האָט געבראַכט זיין לידער-
זאַמלונג אין העברעאיש און יודיש אונטער'ן נאָמען „ש פ ת י י ש נ ה".
די העברעאישע לידער זענען סמאָלענסקינען אַזוי שטאַרק געפעלען
געוואָרען, דאָס ער האָט בַאַלד אָנגעזאָגט די לעזער פון זיין „שחר"
די גוטע בשורה וועגען דעם נייעם שטערען, וואָס האָט זיך בעוויזען
אויף די הימלען פון דער העברעאישער פּאָעזיע. אויך דאָס מאָל איז
זיך סמאָלענסקין געבליבען טריי, און אַרויסטראָגענדיג זיין אורטייל
איבער ערענקראַנצ'ס שירים, האָט איהם, ווי תמיד, זיין ליעבע צו

דער העברעאישער שפּראַך אַזוי פּערבלענדעט, דאָס ער האָט צוליעב איהר מוותר געווען אויפ׳ן אינהאַלט. פאַר סמאָלענסקינען איז געווען ווענ׳יג צו שרייבען: „די שאַפונג פון אַ וואונדערבאַרען קינסטלער זעהען מיר אין דעם דאָזיגען ספר, אין וועלכען ער ווייזט זיך אַרויס פאַר אַנ׳ערשטקלאַסיגען דיכטער״, און ער האָט געפונען פאַר נויטיג נאָך מוסיף צו זיין אויף דעם די פאָלגענדע משונה׳דיג איבערטרי־בענע אָבשאַצונג: „און עס זענען נאָך ביי איהם דאָ עטליכע שירים, וואָס אפילו פאַר געטען און פאַר שידען וואָלט געווען אַ כבוד צו שרייבען אַזעלכע לידער״. ווי דער שרייבער פון די דאָ־זיגע שורות האָט שוין אַמאָל בעמערקט אין אַנ׳אַנדער אָרט, וואַקסט עס פון דעם, וואָס סמאָלענסקינען האָט געפעהלט דאָס פערשטענ־דעניש פאַר דער אמת׳ער פּאָעזיע, און ער האָט געהאַלטען, אַז די הויפּטבעדינגונגען פון אַ גוטען שיר איז אַ שענער לשון מיט אַ סך חרוזים. אין יאָהר 1875 האָט סמאָלענסקין אָבגעדרוקט אין „שחר״ אַ שיר פון דעמזעלבען ערענקראַנצען אונטער׳ן נאָמען „רומניה״, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט נאָר מיט זיין לייכטער שפּראַך און מיט זיין לענג (ער איז געווען געדרוקט אין עטליכע פאָרטזע־צונגען), און סמאָלענסקין איז געווען אויף אַזוי פיל באַאיוו צו טראַכטען, און אַזוי האָט ער זיך אויך אַרויסגעזאָגט אין זיינע גע־שפּרעכען מיט בעקאַנטע, אַז דער דערמאָנטער שיר „בעקרוינט זיין חודש־זשורנאַל״.

אויך אין וויען האָט ערענקראַנץ תמיד פאַרבראַכט אין רעס־טאָראַנען, וואו ער פלעגט זינגען זיינע לידער פון אינדערפריה ביז אַ שטיק אין דער נאַכט פאַר די געסט, גאַליציאַנער און רומענישע יודען, און פון דעם האָט ער זיך בדוחק דורכגעלעבט. וויפיל סמאָ־לענסקין האָט זיך נישט בעמיהט צו בעפרייען איהם פון דער דאָזי־גער שפּי׳ער פּרנסה, האָט זיך איהם דאָס נישט איינגעגעבען. סמאָ־לענסקין האָט אויף ערענקראַנצ׳ן גוט געשפּראָכען פאַר דעם בע־וואוסטען וויענער פּרעדיגער ד״ר יעלינעק און פאַר אייניגע פון די דאָרטיגע יודישע מעצענאַטען, וועלכע האָבען איהם בעשטימט אַ מאָנאַטליכע פּענסיע אויף זיין חיונה מיט׳ן תנאי, אַז ער זאָל זיך אָבגעבען נאָר מיט ליטעראַרישער אַרבייט. אָבער ערענקראַנץ פלעגט צונעהמען דאָס געלד און פאַרשווענדען עס אין איין טאָג, און אויף מאָרגען האָט ער שוין נישט געהאַט קיין גראָשען ביי דער נשמה

און האָט ווידער געזונגען זיינע לידער אין די שענק-הייזער. עפּעס ווי די דאָזיגע בזויה׳דיגע בעשעפטיגונג וואָלט איהם געהאַט פער-כישופט. אזוי זענען אריבער צוויי, דריי חדשים ביז עס האָבען זיך דערפון דערוואוסט די מעצענאַטען, און האָבען ביי איהם אָבגענומען די פענסיע. פונדעסטוועגען האָט איהם נאָך סמאָלענסקין פון זיך נישט דערווייטערט, און פלעגט איהם אויפנעהמען ביי זיך צו יעדער צייט מיט גרויס פריינדשאַפט, ווייל ער האָט געהאָפט, אז סוף כל סוף וועט ער ווירקען אויף ערענקראַנצ׳ן אַרויסצוקריכען פון דעם זומפּ, אין וועלכען ער טרינקט זיך, און אומצווענדערען זיין לעבענט-שטיי-גער צו גוטען.

ערענקראַנץ פלעגט אָפט קומען בעזוכען סמאָלענסקינ׳ען, און מאַנכמאָל פלעגט ער צו איהם אריינגעהן אַ ביסעלע „מבוסמ׳דיג”. אין אַזעלכע פאַלען פלעגט ערענקראַנץ רעגענען ממש מיט גלייכ-ווערטלעך און אַנעקדאָטען, אין וועלכע עס האָבען זיך צייטענווייז געהערט בליצענדיגע געדאַנקען, אָבער אַמאָל אויך גראָבע ציניזמען און נבול-פּה. עס איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס סמאָלענסקין האָט שוין דעם דיכטער מעהר נישט געקאָנט פאַרטראָגען, און איינמאָל האָט ער בעפוילען זיין קריסטליכע דינסט, אַז אויב ערענקראַנץ וועט קומען און זי וועט אין איהם בעמערקען דעם קלענסטען סימן פון שיכּרות, זאָל זי איהם זאָגען, אַז „דער הער איז נישטאָ צו הויז”. אין יענעם טאָג, וועגען וועלכען איך רעד דאָ, איז ערענקראַנץ אַריין אין קיך, האַלטענדיג זיך קוים אויף די פיס פון שיכּרות, און ווען די דינסט האָט איהם געזאָגט, לויט ווי מ׳האָט איהר בעפוילען, דאָס סמאָלענסקין איז נישטאָ אינדערהיים, און זי האָט געוואָלט פערצוי-מען פאַר איהם דעם וועג, האָט ער איהר געגעבען אַ שטויס היג-טערווייליכס, און איז אַריין אין עסצימער ברענענדיג פון צאָרען, ווי איך האָב שוין אויבען דערצעהלט.

עטליכע מינוט איז ערענקראַנץ געלעגען אויף דער סאָפע ווי דרעמלענדיג. פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, האָט זיך געווענדעט צו דער בעל-הבית׳טע און געזאָגט:

תְּנִי לִי לֶאֱכוֹל, לִשְׁתּוֹת תְּנִי לִי

מִן הַמּוּכָן אֶצְלֵךְ בִּשְׁבִילִי ;

אַבָל זִכְרִי מַאֲמַר הָרַשְׁבָּא
„טוֹב פַּת חֲרֵבָה וְיֵשׁ בָּהּ"...

(ד. ה. גיט מיר עסן, גיט מיר טרינקען פון דעם, וואָס ס'איז אָנגעגרייט פאַר מיר. געדענקט אָבער דאָס ווערטעל פון רשב"א: „ס'איז גוט אַ טרוקען שטיקעל ברויט צוזאַמען מיט אַ שנאַפּס"...).

אַז סמאָלענסקין האָט איהם אַ פרעג געטאָן: „וואָס איז דאָס היינט מיט אייך, ה' ערענקראַנץ, וואָס איהר רעדט כסדר נאָר העברעאיש? — האָט ער איהם אויף דעם געענטפערט עקספּראָמט:

הַשָּׂפָה הַבְּלוּלָה
מְעַכֶּבֶת אֶת הַגְּאוּלָּה
לְדַעַת בַּעַל „הַשַּׁחַר"
וּמַה לִּי וְלַצָּרָה,
כִּי יִזְרוֹק בִּי מָרָה
וְאַפּוֹ בִּי יִחַר?...

(ד. ה. די געמישטע שפּראַך (מיינט: יודיש) פערהאַלט די גאולה לויט דער מיינונג פונ'ם רעדאַקטאָר פון „שחר", טאָ צו וואָס טויג מיר די צרה, אַז ער זאָל אויף מיר זיין בייז און אויפגעבראַכט?...)

איך דאַרף דאָ בעמערקען, אַז ערענקראַנץ האָט מיט דעם געמיינט סמאָלענסקינ'ען, וואָס זענענדיג אַ געגנער פון יודיש, האָט ער איהם שאַרף אָנגעגריפען אין „שחר", פאַרוואָס ער שרייבט נישט זיינע לידער נאָר אויף העברעאיש.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוטען, און מ'האָט דערלאַנגט ערענקראַנצ'ן אַ טאַס קאַווע מיט פערבייסענס, וועלכע האָבען איהם גאַנץ גוט געשמעקט. און אויך בשעת'ן עסען האָט ער זיך נאָכאַנאַנד געוויצעלט און געשאָטען מיט אַנעקדאָטען, און אַלץ אין פערזען, וועלכע כ'האָב שוין פערגעסען. ביסלעכווייז האָט ער זיך אויסגעניכטערט. ער האָט זיך דאַן ענטשולדיגט פאַר די בעלי-בתים, האָט זיך טיף פערנייגט און איז אַוועק.

נאָך זיין אַרויסגעהן האָט זיך סמאָלענסקין אָבגערופען:

— אַ שאָד, וואָס אַזאַ גרויסער טאַלאַנט געהט לאיבוד.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס סמאָלענסקין האָט זיך בעגעגענט מיט ערענקראַנצ'ן. אין אַ קורצע צייט אַרום איז ערענקראַנץ פערשוואונדען געוואָרען פון וויען, און איז אַריין ווי אין וואַסער. אין אַ געוויסען טאָג האָבען וויענער צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז פּאַר שיכּרות אין אַנ'עפענטליכען לאָקאַל איז אַרעס־טירט געוואָרען אַ מאַן מיט'ן נאָמען ערענקראַנץ, אַ פּאָלקס־זינ־גער פון נידעריגסטען סאָרט, וואָס דרעהט זיך אַרום איבער די וואָלוועלע ביר־האַלעס, און איז דורך דער פּאָליציי אַרויסגעשיקט געוואָרען פון דער רעזידענץ. פון דעמאָלסט אָן האָט סמאָלענסקין וועגען איהם מעהר גאָרנישט געהערט.

ווי עס איז בעקאַנט, האָט דער דאָזיגער וואַנדערענדער פּאָלקס־דיכטער פערבראַכט זיינע לעצטע יאָהרען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער איז אין יאָהר 1878 געשטאָרבען, און איז מקבר געוואָרען אויפ'ן יודישען בית־עלמין אין דער פּאָרשטאָט גאַלאַטאַ.

אין מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע און אין פיל ערטער פון דרום־רוסלאַנד, איז וועלוועל זבאַראַזשער'ס נאָמען געוואָרען אַרומגעשפּו־נען מיט פיל מעשה'לעך און וואונדערבאַרע לעגענדעס, וועלכע זענען דאָרטען שטאַרק פערשפּרייט צווישען די יודישע פּאָלקס־מאַסען, און ווערען איבערדערצעהלט פון טאַטעס צו קינדער ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג.

II

הערצל אלס רעדאקטאר.

(צו דער געשיכטע פון דער יודישער פרעסע.)

I

אין יאהר 1901 איז די עקזעקוטיווע פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע צוגעטראטען, לויט הערצל'ס איניציאטיוו, ארויסצוגעבען אין וויען א יודיש וואכענבלאט אונטער'ן נאמען „די וועלט".

הערצל האט גענומען זוכען א רעדאקטאר פאר דעם דערמאהנטען וואכענבלאט און האט זיך צום סוף אבגעשטעלט אויף דעם שריפטשטעלער ראובן אשר ברוידעס, וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין וויען.

ברוידעס איז געווען איינער פון די עלטערע העברעאישע שריפטשטעלער, וועלכער האט זיך גערעכענט אין זיין צייט אלס בעגאבטער נאוועליסט. ער האט אבער געשריבען נישט בלויז ראמאנען, נאר אויך קריטיק און פובליציסטיק און זאגאר וויסענשאפטליכע ארטיקלען. אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע לענדער האט ער געפרובט ארויסגעבען העברעאישע און יודישע צייטונגען, אין וועלכע ער האט כסדר פערעפענטליכט פעליעטאנען און סקיצען, וואס האבען שטענדיג אויסגענומען ביי דעם עולם-לעזער.

הערצל האט ברוידעס'עס ווערק קיינמאל נישט געלייענט, אזוי ווי ער האט קיינמאל נישט געלייענט די ווערק פון אלע אנדערע העברעאישע שריפטשטעלער. אויף ציוניסטישע אסיפות פלעגט ער זיך אפט בעגעגענען מיט ברוידעס'ן, ער האט איהם אבער נישט געקענט פון דער נאהענט און האט זיך מיט איהם

נישט בעזונדערס אינטערעסירט. אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער „יודישער וועלט" האָט ער איינגעלאַדען ברוידעס'ן לויט דער עצה פֿונ'ם בעוואוסטען ציוניסטישען עסקן, דער אַרכיטעקט מאַרמאָרעק, ביי וועמען ברוידעס איז געווען אַ „בן בית".

בשעת דעם דעם ערשטען געשפּרעך, וואָס הערצל האָט געהאַט מיט ברוידעס'ן וועגען די ענינים פֿון דער רעדאַקציע, האָט ער צו איהם געזאָגט צווישען אַנדערן:

— איך האָב געהערט וועגען אייך, אז איהר זענט אַ ווילנער דאָס דיענט מיר אַלס זיכערע ערבות, אַז איך האָב אין אייך געפֿונען דעם פּאַסענדען מענשען. אַ מענש ווי איהר, וואָס שטאַמט פֿון אַזאַ גרויסען יודישען צענטער ווי ווילנא, איז געוויס גענוי בעקאַנט מיט דעם גייסט פֿון פֿאָלק און ווייס ווי צו רעדען מיט איהם אין זיין שפּראַך און אין זיין סטיל. און פֿאַר אַ זשורנאַליסט איז דאָס בעזונדער וויכטיג. דער ערשטער חוב פֿון אַ פֿאָלקסטימליכען זשורנאַליסט איז, נישט צו געברויכען קיין מליצות און צו שרייבען איינפאַך, אין פּשטות, באופֿן, אַז דאָס זאָל זיך לעזען געלויפֿיג.

אין עטליכע טעג אַרום האָט ברוידעס געבראַכט הערצל'ן דעם לייט-אַרטיקעל, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען פֿאַר דעם ערשטען נומער פֿון דער „וועלט" לויט די גרונד-ליניעס, וואָס ער, הערצל, האָט איהם געהאַט פֿריהער אָנגעצייכענט.

דער אינהאַלט פֿון דעם אַרטיקעל איז געווען: די הויפּט-יסודות פֿון דעם ציוניזם און די בעדייטונג פֿון די קאָנגרעסען.

הערצל האָט איבערגעלייענט דעם אַרטיקעל איינמאָל און צוויי מאָל, האָט עס גענומען לעזען, קנייטשענדיג דעם שטערן, אַ דריט מאָל. דערנאָך האָט ער אַוועקגעלעגט דאָס פּאַפּיער, האָט אָנגעשטעלט אויף ברוידעס'ן זיינע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען און האָט איהם אַ פֿרעג געטהון:

— צי אַזוי רעדען יודען אין ווילנאַ?

ברוידעס, אַלס שריפֿטשטעלער פֿון דער אַלטער שול, האָט ליעב געהאַט צו פֿערצירען זיינע אַרטיקלען מיט מימרות פֿון דער גמרא און פֿון פֿערשיעדענע פֿערצייטיגע ספֿרים און מיט גלייכווערטליך און וויצען און שפּראַכליכע קאַלאַמבורען, וועלכע הערצל האט אויך קיין פֿאַל נישט געקאָנט פֿערשטעהן.

— ווילנער יודען רעדען טאַקי נישט אַזוי — האָט איהם ברוידעס געענטפערט — אָבער נור אַזוי דאַרף מען, דאַכט מיר, שרייבען, כדי צו ווירקען אויפ'ן פאָלק. איך ווייס עס פון דער פּראַקטיק.

— און איך קאָן אַזא פּראַקטיק נישט אַקצעפּטירען, — האָט זיך אָבגערופען הערצל.

דערביי האָט הערצל גענומען דעם אַרטיקעל און האָט עס אָנגעהויבען צו פּערריכטען; ער האָט געמעקט און פערבעסערט, געמעקט און פערבעסערט. דערנאָך האָט ער דערלאַנגט דעם אַרטיקעל ברוידעס'ן מיט די ווערטער:

— לייענט, זייט אַזוי גוט, איצט.

ווען ברוידעס האָט אַריינגעקוקט אין פּאַפּיער, האָט ער אויסגערופען גאַנץ ערשטוינט:

— דאָס איז דאָך גאָר ווינעריש?

— און איהר ווערט דאָס, כּוח׳ל זיין, איבערזעצען אויף ווילנעריש, — האָט איהם הערצל געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

דאָס איז געווען די ערשטע זשורנאַליסטישע לעקציע, וואָס ברוידעס האָט בעקומען פון הערצל'ן.

II

זעהר שווער איז אָנגעקומען ברוידעס'ן צו שווימען געגען דעם שטראָם און אָנצוגעהמען הערצל'ס זשורנאַליסטישע אָנווייזונגען, וואָס האָבען לגמרי נישט געשטימט מיט דעם אַרט שרייבען, מיט וועלכען ער איז געוועזען געוועהנט זינט ער איז אַ שריפטשטעלער געוואָרען. ער האָט ביי זיך בשום אופן נישט געקאָנט פועל'ן אַרויסלאָזען פון אונטער דער פעדער אַן אַרטיקעל, וועלכער זאָל נישט זיין דורכגעמישט מיט תלמוד'ישע ווערטלעך און מיט אַלערליי סטיליסטישע המצאות, וואָס זענען ביי איהם תמיד געלעגען אויף דער צונג און אין וועלכע ער האָט זיך געעלטערט. דער דאָזיגער שנעלער שריפטשטעלער, וואָס איז געווען געוועהנט אָנצושרייבען צעהן אַרטיקלען אין איין אָטעם, האָט איצט אָנגעהויבען צו שוויצען אויף יעדער שורה. און נישט דער עצם מאמר, נישט דער אינהאַלט, איז דאָס איהם אַזוי שווער אָנגעקומען. זיינע געדאַנקען האָט הערצל נישט געטשעפּעט און נישט אָנגעריהרט אפילו אויף אַ האָר. דער דענק-אַפּאַראַט — אַזוי האָט איהם הערצל אַמאָל גע-

זאָגט — ווערט נישט געגעבען אויף באָרג, דאס איז אַ מתנה, מיט וועלכער גאָט בעשענקט דעם מענשען פון זיין געבוירען. אָבער דאס שאָלעכץ, די אויסוועניגסטע פאָרם — אויף דעם האט הערצל זעהר מקפיד געווען. שענער, וויין אין אַ שענער כּלי — דאס איז געווען זיין לאָזונג.

ברוידעס האט זיך דערמאָהנט אן די טעג פון זיין אַ מאָליגער גדולה, בעת ער איז אַליין געווען אַ רעדאַקטאָר פון יודישע בלע- טער, ווען דורך זיינע הענד זענען דורכגעגאַנגען צעהנדליגער אַר- טיקלען פון פערשיעדענע שרייבער, און ער האָט מיט זיי געטהון וואס זיין האַרץ האָט געגליסט, אויסגעשטראָכען און צוגעגעבען, צוגעגעבען און אויסגעשטראָכען. און צוגעגעבען האט ער תמיד דוקא ווערטלעך פון דער גמרא און פון מדרש און פון דער רבנישער ליטע- ראַטור, און נור אַזעלכע זאַכען, וואס איצט שמעקען זיי פער- עלטער־ט און הערצל מעקט זיי כּסדר אויס. אָן דעם אַלץ פלעגט זיך ברוידעס דערמאָהנען און עס פלעגט איהם פערקלעמען דאָס האַרץ. עס פלעגט אַמאָל טרעפען, אז ער פלעגט זיך איינעקש׳ענען און פלעגט זיך הערצל׳ן נישט וועלען אונטערגעבען. צייטענווייז פלעגט ער בעטראַכטען הערצל׳ן ווי ער קומט ביי איהם אַוועקרויבען זיין קינד, זיינע ווערטלעך מיט די וואָרטשפּיעלען, וועלכע ער האָט כּל ימיו געטראָגען ביי זיך אונטער׳ן בוזעם. אין אַזעלכע מינוטען פלעגט ער נעהמען בעטען רחמים ביי הערצל׳ן. אָבער אומזיסט. אַ צו־שטרענגער שופט ציז הערצל געווען...

הערצל האט גאַנץ גוט פערשטאַנען וואָס פאַר אַ טראַגעדיע עס שפּיעלט זיך אָב אין דער נשמה פון דעם מענשען, וואָס האט זיין גאַנץ ביסעל יאָהרען פערבראַכט אַלס שריפטשטעלער און איז שוין ווי טיעף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין זיין בעזונדער מין שרייבען, און איצט קומט מען און מען צווינגט איהם, ער זאָל זיך אומ- אַנדערשען און זאָל מיט אַמאָל ווערען ווי פון דאָס ניי געבוירען. דעריבער פלעגט איהם הערצל תמיד אויפמערקזאַם מאכען אויף זיינע סטיליסטישע פעהלערען אין זעהר אַ העפליכען און אַ ליעבענס- ווירדיגען טאָן. אָפט פלעגט הערצל מיטנעהמען מיט זיך ברוידעס׳ן אין דער רעדאַקציע פון דער „נייער פ. פּרעסע“ און דאָרט פלעגט ער איהם ווייזען די פעליעטאָנען פון די חשוב׳סטע עסטרייכישע און דייטשישע שריפטשטעלער, ווי זיי ווערען געפיילט און גע-

שליפּען דורך זיין רויטען בלײַשטיפט. פונדעסטוועגען האט זיך נאָך ברוידעס אזוי גיך נישט בערוהיגט, און די ערשטע צייט פלעגט ער זיך כסדר קלאָגען פאַר בעקאַנטע ליטעראַטען אויף דעם פעליע־טאָניסט פון דער „נייער פרייער פרעסע”, אז ער בעל־הבית׳עוועט צו־פיעל מיט זיין יודישען סטיל...

נאָכדעם ווי הערצל פלעגט זיך אַ גאַנצען טאָג אַרבייטען אין דער רעדאַקציע פון דער „נייער פרייער פרעסע” און אין דעם ציוניסטישען הויפּט־ביורא, פלעגט ער קומען אין אָוועגד אַ פער־מאַטערטער אין דער רעדאַקציע פון דער יודישער „וועלט”, אום צו פערריכטען ברוידעס׳עס כתבים. בעזונדערס פלעגט עה לעגען אַכט אויף די לייט־אַרטיקלען, אין וועלכע עס ווערען בעהאַנדעלט די פראַגען פון דער ציוניסטישער הנהגה און וועלכע זענען געוועזען תמיד אינספּירירט נור פון איהם אליין.

מען דערצעהלט, אז איינמאָל שפּעט אין דער נאכט איז הערצל געקומען אין רעדאַקציע פון דער „וועלט” גלייך פון אַ זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, און האט ברוידעס׳ן נישט געפונען, ווייל ער איז שוין אַוועק צו זיך אַהיים. דאן האָט הערצל אויפגעזוכט ברוידעס׳ן אין זיין אָרימער וואוינונג ערגעץ אויף אַ בוידעם אין איינער פון די יודישע געסלעך, און האָט ביי איהם פערבראַכט ביז אין טאָג אַריין...

ביסלעכווייז האט דער אַלטער יודישער שריפטשטעלער שלום געמאַכט מיט די אויסבעסערונגען און מיט די תקונים פון הערצל׳ן, און איינמאָל האט ער זיך אָבגערופען אין אַ שמועס מיט אַ בע־קאַנטען שרייבער:

— אַ שאָד, וואס איך בין אַלט, און האַלט ביים פערלאָזען דאָס זשורנאַליסטישע אַרבייטס־פעלד. פיעל האב איך געלערנט פון מיינע רביים: פון אברהם מאַפּו און פון קלמן שולמאַן און פון אדם הכהן, אָבער פון הערצל׳ן מעהר ווי פון אַלעמען...

הערצל אין „תחום“.

I

פרעמד און אומבעקאַנט איז הערצל׳ען געווען דאָס לעבען פון די קאָמפּאַקטע יודישע מאַסען אין רוסלאַנד. ערשט סוף זומער 1903, קורץ פאר׳ן זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס, האָט זיך איהם געמאכט די געלעגענהייט צו קומען אין אַ דירעקטאָר בעריהרונג מיט׳ן „תחום“. אויף זיין צוריק-רייזע פון פעטערבורג, האט ער זיך דאָן אָבגעשטעלט אויף אַ טאָג אין ווילנא, און דאָ האט ער דאס ערשטע מאָל דערזעהן און דערפיהלט, וואס עס הייסט זיין אַ „רוסישער יוד“...

באַלד ווי הערצל איז אַראָב פון וואָקזאַל, איז געקומען אַ שליח מיוחד פון דער מאַכט און איהם פערבאָטען דורכפאָהרען די יודישע און די דייטשע גאַס, וויל עס האָבען זיך דאָרט צונויפגעקליבען גרויסע פאָלקס-מאַסען, און די פּאָליציי קאָן בשום אופן נישט ער־לויבען, מ׳זאל איהם מאַכען אַ וועלכע־עס־איז מאַניפעסטאַציע. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרייַנגעלאָפען דער געהילף פון פּאָליצמייסטער אַליין און האט שטרענג פערזאָגט, נישט לאָזען הערצל׳ען בעזוכען די גרויסע שוהל, און אפילו דעם שוהל-הויף...

דורך זייטיגע וועגען און הינטערגעסלעך האבען די ציוניסטישע עסקנים אָוועקגעפיהרט הערצל׳ען אין הויז פון דער „צדקה גדולה“, וואו עס האבען איהם מקבל פנים געווען די פראָמינענטסטע ווילנער יודען מיט דעם עלטסטען מורה-הוראה, ר׳ שלמה׳לע, בראש, וועלכער איז געווען אָנגעטהון דורך אין ווייסען, און האט איהם דערלאַנגט אַ ספר־תורה און געגעבען איהם אַ ווארימע ברכה.

דערביי זענען געהאַלטען געוואָרען איינגע בעגריסונגען, אויף

וועלכע הערצל האָט געענטפערט. מ'האט לכתחילה אָנגעזאָגט דעם עולם, מ'זאל נישט אַפּלאָדירען, און איטליכער פון די אנוועזענדע האָט זיך מיה געגעבען צו דערשטיקען די געפיהלען אין־זיך און זיין וואס שטילער...

פּאָליציי, וועלכע האט בעקומען אַ געהיימען בעפעהל נאָכצושפּיאָנירען הערצל'ען *) אויף יעדען שריט און טריט, האט זיך אָבער אַריינגעריסען אין „צדקה גדולה" אין מיטען דער פייערליכקייט, און געפאָדערט אַ שריפטליכע התחייבות, נישט צו בעווייזען זיך מיט דעם „אויסלענדישען גאַסט" אין גאַס. דערביי האָט דער פּריסטאַוו געדראָהט, אז אויב מ'וועט אזוי נישט טהון, וועט פּאָליציי אויסשפּאַנען די פערד און אָבשטעלען די קאַרעטע אין מיטען דער גאַס.

די ציוניסטען האבען נישט געהאט קיין אַנדער ברירה און הערצל'ען צוריק געמוזט אָבפיהרען דורך קרומע געסלעך אין זיין האָטעל אַריין, וואו זיי זענען מיט איהם צוזאַמען געזעסען ווי אַרעסטירט ביז שפּעט אין אָוועגד.

ערשט ווען עס איז רעכט פינסטער געוואָרען, האָבען די ציוניסטען בעשלאָסען צו „בעפרייען" זייער גרויסען גאַסט פון אַרעסט און האָבען איהם דורך גרויסע אומוועגען אָבגעפיהרט אין דעם גוט „ויערקי", וואו עס איז לכבוד איהם, אין אַנ'איטימען קרייז, איינגעאָרדענט געוואָרען אַ באַנקעט. אויפ'ן וועג האָט איהם אָבגעוואַרט אַ גרויסע מענשען־מאַסע, וועלכע האָט איהם געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע. אָבער ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסען פּאָליציי און האט צוטריבען די מאַניפעסטאַנטען, און אנדערע פון זיי האָט יי אויך אַרעסטירט.

אויפ'ן וועג קיין „וויערקי", ביי דעם פאָרשטעטדטיל שניפּישאָק, האט הערצל אויסגעדריקט דעם וואונש, מ'זאָל איהם אַריינפיהרען צו איניגע אָרימע יודישע פאַמיליעס. מ'האט ערפילט זיין ווילען און געגעבען איהם די געלעגענהייט פונאַנדערצורעדען זיך

*) אין דעם ווילנער היסטאריש־עטנאגראפישען מוזעאום או פ'ן נאמען פ'ין ש. אנ־סק'ן געפינט זיך דער רוסישער אר גינאל פון די געהיימע בעפעהלען, וועלכע די ווילנער אדמיניסטראציע האט דאן וועגען דעם ארויסגעגעבען די פערשיעדענע בעאמטע.

מיט די אָרימע־לייט און אויספּאָרשען זיי וועגען זייער פּרנסה און זייער מצב בכלל.

אין אַ צימער איז געזעסען אַ יונג מיידעל ביי אַ נייה־מאַשין און האָט געאַרבייט, הערצל איז מיט איהר אַריין אין אַ געשפּרעך און האָט איהר אויסגעפרעגט וועגען דעם מצב פון דער פאַמיליע, וויפיעל יעדער פון זיי פערדיענט, וואס זיי פערברויכען און ווי זיי קומען זיך דורך אין לעבען.

דאָס מיידעל האט פאַר איהם געשילדערט זייער לעבען. ס'זענען דאָ אַ פאָטער, אַ מוטער און פינף קינדער, זיהן און טעכטער. דאס פערדיענסט איז גאַנץ קליין. „מיר האָפען נור אויפ'ן לעבעדיגען גאָט". זי ארבייט צעהן, אַמאָל צוועלף און אַמאָל אויך זעכצעהן שעה טעגליך, דאס ווענדט זיך וויפיעל מען דארף און עס איז נייטיג.

אז הערצל האט זי געפרעגט, צי איהר טהוען נישט וועה די אויגען פון צו־פיעל אַרבייטען אויף דער מאַשין, האט זי אויף דעם געענטפערט גאַנץ נאַאיוו:

— יאָ, עס טרעפט אַמאָל.

הערצל איז עטליכע מינוט געבליבען שטעהן אַ פערטראַכטער אויפ'ן אָרט, און עס איז אין איהם געווען צו מערקען דעם טיפען שמערץ, וואס האט איהם בשעת־מעשה גענאָגט.

בעת דאס קליינע מיידעל האט איהם געזאָגט, אז זי אַרבייט אַמאָל זעכצעהן שעה אין מעת־לעת, האט עס איהם ממש דערשלאָגען. איהר נאַאיווע תשובה, אז „אָפט שמערצען איהר די אויגען", האָבען ביי איהם אַרויסגערופען שווערע זיפצען, און זיין געזיכט איז בעצויגען געוואָרען ווי מיט אַ פינסטערן וואָלקען.

אז הערצעל האט זיך שפּעטער בעגעגענט מיט פיעל פון זיינע בעקאַנטע, פלעגט ער זיי כסדר זאָגען:

— „אָ, וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהן אין ווילנא"!..

II

אַ טרויעריגער סיורפּריז האט ערוואַרט הערצל'ען אויך האַרט פאַר זיין אָבפאָהרען פון ווילנא.

אין שטאָדט האָבען יודען געוואוסט, אז זייגער איינס נאָך האַלבע נאכט דאַרף הערצל דורכפאָהרען צום וואָקזאל. ס'איז נישט געבליבען ממש קיין קינד אין וועג, וואס איז נישט אַרויס אויפ'ן

גאַס. קיינעם האט נישט אָבגעהאַלטען די שפּעטע שעה און אפילו נישט דער שלאָקס-רעגען. ווי נור דער עולם האָט דערקענט הערצל׳ס עקיפּאַזש, איז די לופט אויפגעשטורעמט געוואָרען פון די „הידד״-אויסרופען. דאס האט די פּאָליציי נישט געקאָנט פערטראָגען, און רייטער אויף פערד האבען אָנגעהויבען שלאָגען דעם עולם מיט נאַגייקעס אויף רעכטס און לינקס. הערצל האט דאס דערזעהן פון דער ווייטען און אַ פרעג געטהון ביי איינעם פון זיינע בעגלייטער:

— „אָ, וואס טהוט זיך דאס דאָ? דאס איז דאך אונמעגליך! פארוואס שלאָגט מען דאס מענשען?"

דער בעגלייטער — דאס איז געווען דער בעוואוסטער ציוניסטישער עסקן ב. גאָלדבערג — האט זיך בעמיהט איהם צו בערוהיגען, אָבער ער האט זיך נישט אויפגעהערט קלאָגען:

— „ווי קאָן מען דאס וואוינען אין אזא לאַנד?".

ד״ר הערצל איז אריין אין וואָקזאַל שטאַרק אויפגערעגט און בלאַס. ער האט געבעטען ביי זיינע בעגלייטער, מ׳זאָל, צום ווענינגסטען, די לעצטע מינוט נישט שטערען די רוהה און נישט מאַכען איהם קיין אָוואַציעס, וויל איהם טהוט זעהר לייד, וואס זיין בעזוך אין ווילנא האט פערוּרזאַכט די דאָרטיגע יודען עגמת-נפש פון אומזיסטע קלעפּ.

הערצל׳ס לעצטע ווערטער זענען דאַן געווען:

— „פּאַלט ביי זיך, ברידער, נישט אַראָב; עס ועלען נאָך קומען בעסערע טעג; זיי מוזען קומען, דאס איז דאָך דער צוועק פון אונזער אַרבייט!".

אין די עטליכע טעג, וואס הערצל האט דאַן פערבראַכט אין רוסלאַנד, און בעזונדערס אין ווילנא, האט ער מיט זיין שאַרפען בליק תּופס געווען דעם יודישען מצב אין זיין גאַנצער שרעקליכקייט, און דאס האָט איהם געגעבען דעם ערשטען שטויס, מסכּים צו זיין צו דעם פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג וועגען אוגאנדא*) און אַוועקשטעלען דעם דאָזיגען פּראָיעקט אויפ׳ן סדר-היום פון קאָנגרעס.

*) עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דער פּאָ שלאָג פון דעם ענגלישען אויסערן-מיניסטער קלימענס וועגען אוגאנדא האט הערצל בעקומען דורך דער פּאסט דעם ערשטען טאג ביי זיין קומען אין ווילנא.

אַ מאָמענט פון ד"ר טשלענאָוו'ס לעבען.

I

דאָס איז געווען אויפ'ן זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל. דעמאָלט איז צום ערשטען מאָל אַרויפגעשוואומען דער בעקאַנטער אוגאַנדא-פּראָיעקט, וועלכער האָט געשפּאַלטען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין צוויי לאַגערען, אין „ביין-זאָגערס" און אין „יאָ-זאָגערס". די מעהרהייט, נישט קיין זעהר גרויסע, האָבען געהאַט די לעצטע. דאָס רוב רוסישע מיטגליעדער פון גרויסען אַקציאָנס-קאָמיטעט זענען זעהר שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען אוגאַנדא. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיגער אָפּאָזיציע איז געשטאַנען טשלענאָוו. שוין אַ פּאָר טעג פאַר דער אָבשטימונג, האט זיך אין דער רוסישער לאַנדסמאַנשאַפט צעפלאַקערט אַ העפטיגער קאַמף צווישעןביידע פּאַרטייען. די העכסטע מדרגה האָט דער קאַמף דערגרייכט פארמיטאָג פון אָבשטימונגס-טאג — דעם 13 אויגוסט 1903, אין קליינעם קאָנגרעס זאַל. די געמיטער זענען געווען אויפגערעגט, דער שטורם איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט; איינער דעם צווייטען האָט חושד געווען אין פעררעט און אין אַנדערע שווערע חטאים. עס איז געקומען צו דיסציפּלינלאָזיגקייט בנוגע די פיהרער. מ'האָט זיך אינגאַנצען פערגעסען...

אין דער זעלבער צייט האָבען זיך אין גרויסען קאָנגרעס-זאַל אָנגעהויבען די הכנות צו דער אָבשטימונג. הערצל איז נאָר וואָס אַריינגעקומען, ער האָט זיך געזעצט אויף זיין פּרעזידענטען-שטוהל און האָט מיט אַ דורכדרינגענדען בליק בעטראַכט דעם פּראָנט פון זיין קומענדיגען נצחון. נישט ווייט פון איהם איז געזעסען טשלענאָוו,

בלייך ווי קרייד. מיט אַ פּאָר מינוטען פריהער האָט איהם הערצל איינגערוימט אין אויער די פאלגענדע זעהר שארפע התראה: „געדענקט, אז יענע, וועלכע געהען זיך היינט מיט אונז פונאנדער אין אזא פראגע, וועלען נישט קאנען זיצען מיט אונז ביי איין טיש".

אין דעם דאזיגען מאמענט איז איינער פון די דעלעגאטען צוגעלאפען צום זשורנאליסטען-טיש, און האט גראד נעבען מיר — איך האב מיך בעטייליגט אין יענעם קאנגרעס אלס בעריכט-אבגעבער פון דער פעטערבורגער העברעאישער טעגליכער צייטונג „המליץ" — אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש א קליין, אפען צעטעלע, געשריבען מיט א בלייפעדער, מיט דער בקשה, עס איבערצוגעבען ווי-עס-איז דעם ד"ר טשלענאוו. אין דעם דאזיגען צעטעלע האט איהם א גרופּע פון רוסישע דעלעגאטען מיטגעטיילט, אַז אין קליינעם קאָנגרעס-זאַל טהוט זיך חושך, און געבעטען טשלענאָוו'ן, אז ער זאל וואס שנעלער אראבקומען, ווייל אנדערש קאנען זיי נישט גאראנטירען פאר דער גאנצקייט פון דער ארגאניזאציע. וואנדערענדיג פון האנד צו האנד, איז דאס צעטעלע אנגעקומען צו טשלענאָוו'ן. אנפאנגס האט טשלענאוו דורך האנדבעוועגונגען געגעבען צו פערשטעהן, אז ער קאן נישט אוועקגעהן. מיט א פּאר מינוטען שפּעטער האט טשלענאוו אראבדערלאנגט פון דער טריבונע זיין וויזיט-קארטע מיט א קורצען ענטפער: „איך קאן נישט און דארף נישט אוועקגעהן פון דאנען, בעת עס שפּיעלט זיך אב אזא טראגישער אקט אין אונזער בעוועגונג".

ער האט זיך אבער נישט געקאנט איינהאלטען און איז אראָבגעגאנגען. ס'האט זיך אין איהם דערוועקט דער פיהרער. איך קאן מיך איצט נישט דערמאהנען, וואס עס האט מיך דעמאלט בעוואויגען, איך זאל אויפשטעהן פון זשורנאליסטען-טיש און איהם נאכגעהן. ווי נאר טשלענאוו האט זיך בעוויזען אין קליינעם זאַל, איז דארט אויסגעבראכען א געוויין... און אלע, אלע האבען געוויינט, נישט נור די צוקונפטיגע „ניין זאגערס", נור אפילו די, וועלכע האבען געהאט פעסט בעשלאסען צו זאגען „יא". טשלענאוו, האט זיך געשטעלט אויף אַ שטוהל און האָט גערופען מיט זיין ווייכער, אנגענעהמער שטים: ברידער! אויף ד ע ם אָרט איז מיט זיעבען יאָהר צוריק געשאַפען געוואָרען דאָס באַזעלער פּראָגראַם. לאַנגע הייסע און שטורמישע דעבאַטען זענען דאן פארגעקומען וועגען דעם אויסדרוק „עפנטליך-רעכטליך" אדער „פעלקער-רעכטליך". וועגען איין זאד

האט מען אבער דעמאָלט נישט דעבאַטירט, איינס איז געווען קלאר פאר אלעמען: „אין ארץ־ישראל". פון דענסטמאָל אָן זענען אריבער נאך א פּאר יאָהר, און אָט קומט מען און מ׳וויל מיט איין מאָל אויסשטרייכען די דאזיגע צוויי ווערטער פון פּראגראַם. אבער מוטיג, פריינד, זייט רוהיג און געלאסען! געהט אלע אין זאַל, און זאָל יעדער שטימען לויט זיין ריינעם געוויסען! לאָמיר זיך טרייסטען דערמיט, וואס דער נצחון וועט סוף כל סוף זיין אויף אונזער זייט, אויף דער זייט פון אונזער אלטער היים — „ארץ־ישראל".

א שטורמישער „הידד" האט בעגלייט טשלענאוו׳ס לעצטע ווערטער, און די דעלעגאטען זענען באלד נאך איהם אריין אין גרויסען קאָנגרעס־זאַל.

II

אין זאַל האט זיך נאָר וואס געהאט אָנגעהויבען די אבּ־שטימונג. דער סעקרעטאר לעאָן רייך האט אויסגערופען כסדר די נעמען פון די דעלעגאטען. יעדע סעקונדע האט געקלונגען דורך דעם זאַל: „ניין!" „יאָ!" „ניין"! „יאָ!" א קורצע צייט האט אויס־געזעהן, אז דער נצחון וועט אויספאַלען פאַר די „ניין"־זאגערס. דאס אומגליק איז אָבער געקומען פון אַ זייט, פון וועלכער מ׳האט עס ג׳מיזעניגסטען ערווארט. אויף דער טריבונע איז אַרויף דער פיהרער פון די „מזרחים", דער פערשטאָרבענער גאון פון לידא, ר׳ יצחק יעקב ריינעס, און האט מיט א שטארקער און קלינגענדיגער שטים אַרויסגעשאסען: „יאָ!". דאס איז געווען דער סיגנאַל פאר אלע אַנדערע רעליגיעז־געשטימטע ציוניסטען. אז זיי זאלען שטימען אין הסכם מיט זייער פיהרער. איך האב פון דערווייטענס בע־מערקט ווי טשלענאוו קאן נישט איינזיצען אויף זיין ארט, און אז ער איז זעהר אויפגערעגט. פּלוצלינג איז ער פער־שוואונדען געווארען.

שפּעטער האָב איך מיך דערוואוסט, אַז ער האט אונטער די קוליסען אבגעהאַלטען א צוויי־מינוטען־לאַנגע בעראַטונג מיט די רו־סישע מיטגליעדער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, און אַז מ׳האָט בעשלאסען, דאס טשלענאָוו זאָל באלד נאך דער אָבשטימונג פארלעזען אין נאָמען פון זיי אַלע א פּ־אָטעסט־ערקלערונג. די דאזיגע ערקלערונג האָ־בען בלויז זיבען מיטגליעדער געהאַט אונטערגעשריבען. צוויי זענען געווען געגען, איינער האט נעפעהלט, און אַ פיערטער, וועלכען דער

ספק האט אזוי געפייניגט, אז עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף איהם, האט זיך אָבגעהאלטען צו געבען זיין אונטערשריפט. טשלענאוו איז צוריק צוגעגאנגען צום פרעזידענטען-טיש און האט איבערגעגעבען הערצל'ען די שריפטליכע ערקלערונג מיט די ווערטער: „מיר זענען גרייט אויף אלע קאנסעקווענצען".

דאס דאזיגע געשעהעניש האט טשלענאוו אליין שפּעטער אויספיהרליך געשילדערט אין זיין בראשור „ציון און אַפריקאַ". דעם זעלבען טאג האט טשלענאוו אין א געשפּרעך מיט מיר אויסגעדרוקט זיין בעדויער איבער דעם, וואס די דאזיגע ווערטער זיינע, צו וועלכע קיינער האט איהם נישט בעפולמעכטיגט — אזוי האט ער זיך דעמאלט פאר מיר מודה געווען — האבען אפשר פערשאפט עגמת נפש דעם גרויסען פיהרער. כמעט פינף יאהר זענען שוין צייט דעמאלט אריבער, און נאָך קלינגט אין מיין אויער זיין ציטערדיגע שטים. אזוי טיעף האבען זיך אַיינגעקריצט זיינע ווערטער אין מיין זכרון.

„איהר קאנט זיך קוים פארשטעלען — אזוי האט טשלענאוו אנגעהויבען — אין וואס פאר א שווערען, דרוקענדען צושטאנד איך האב מיך געפונען אין יענע מינוטען. פון איין זייט האב איך געפיהלט, אז דאס, מיט וואס מיין גאנצער איך איז געווען צוזאמענגעוואקסען, אז דאס, וואס איז פאר מיר געווען א הייליגטום, דאס הייליגסטע אויף דער וועלט, ווערט געשטעלט אין סכנה חרוב צו ווערען. פון דער אַנדערער זייט האב איך מיך נישט געקאנט בעפרייען פון דער ציהונגס-קראפט פון יענעם, וועלכער איז געווען די סבה פון אלץ... ער האט מיך גלייכצייטיג בעצויבערט און אויפגערעגט, צוגעצויגען און אבגעשטויסען. ער איז מיר פארגעקומען אלס דער גרעסטער, עקשנות'דיגסטער געגנער. ווי האט מען אבער געקאנט נישט פיהלען קיין סימפּאטיע צו יענעם, וואס יעדעס ווארט זיינס, יעדע בעמערקונג האט געאטעמט מיט טיעפער איבערגעבענהייט צו דער פאלקס-זאַך און מיט א פעסטען גלויבען, אז דאס, וואס ער טהוט און פאר וואס ער קעמפט, ברענגט דורך דעם וועג צום פאלקס-גליק? איך און אלע אונזערע האבען היינט אין דער פריה אויסערגעוועהנליך געליטען. איך בין אבער זיכער, אז ער, זיין גרויס האַרץ ליידט נישט ווייניגער און אפשר נאך מעהר".

דאס, וואס טשלענאוו האט אבער ווירקליך קערפּערליך און גייסטיג אריבערגעטראגען אין דעם טאג פון דער אבשטימונג, און

אין דער שפּעטערדיגער צייט, איז געווען אמת׳ע גיהינום־יסורים. בעת דער אבשטימונג, וועלכע האט געדויערט אנ׳ערך פון צוויי ביז דריי שעה, האט זיך די פארב פון זיין פנים כסדר געביטען, ער איז געזעסען אויף זיין ארט צוטראגען און אומרוהיג. דער אוגאנדא־פּראיעקט האט געהאט א סך געגנער אין זאל, אבער די גאנצע משא פון מאָמענט איז געלעגען נור אויף טשלענאָוו׳ן. ווי נור עס איז בעקאנט געווארען דער רעזולטאט פון דער אבשטימונג, האט ער זיך אויטאמאטיש אויפגעהויבען פון זיין ארט, האט צוזאמענגענומען זיינע פּאפּירען און ביכער, האט גענומען זיין הוט און פערלאזען דעם זאל, פּארוואס און וואוּ אהין, דאס האט ער אין יענער מינוט אליין נישט געוואוסט; איינס נור האט ער געפיהלט: דא, אין דעם זאל קאן ער אין דעם מאמענט בשום אופן נישט בלייבען. דאָ האט ער מעהר נישט וואס צו טהון.

טשלענאָוו איז ארויסגעגאנגען, נישט וויסענדיג, צי עמיץ געהט איהם נאך. ער האט זיך וועגען דעם מיט קיינעם נישט צונויפגערעדט. זיין ארויסגעהן האט פונדעסטוועגען געמאכט א שטארקען רושם. די ערשטע זענען איהם נאכגעגאנגען זיינע פריינד, וועלכע האבען מיט איהם געהאט אונטערגעשריבען די פּראטעסט־ערקלערונג. באלד האבען עס די אנוועזענדע בעמערקט אונטען אין זאל און אויבען אויף דער גאלעריע, און פּלוצלינג האבען דעם זאל פערהילכט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען. טשלענאָוו איז, נישט אומקוקענדיג זיך, גאנץ געלאסען ווייטער געגאנגען, און נאך איהם זענען געגאנגען זיינע פריינד. איינציגווייז איז צו זיי צוגעשטאנען א גרויסע מחנה.

דער צוג איז געגאנגען צום קליינעם קאנגרעס־זאל. טשלענאוו האט זיך געזעצט אן א זייט ביי א פענסטער און האט פון גרויס הארץ־קלעמעניש נישט געקאנט ארויסרעדען קיין ווארט. דאס דאזיגע בילד האט אַזוי שטארק געריהרט דאס רוב אָנוועזענדע, אז זיי האבען אנגעהויבען צו וויינען. ווען אבער א יונגער ציוניסט איז אַרויף אויף דער טריבונע און אנגעהויבען צו קריטיקירען הערצל׳ען, איז טשלענאוו אויפגעשפּרונגען און האט געשריגען כמעט מיט אַ איבערמענשליכער שטים: „רעדט וואס איהר ווילט, אבער איהם דעם פיהרער, זאלט איהר נישט וואגען אַנצוריהרען. גלויבט נישט, אַז ער פיהלט זיך איצט גוט נאכ׳ן נצחון, זיין עדעל הארץ

בפגיעסט זיך מיט בלוט. ער בלייבט פאר אונז גרויס, אפילו אין זיין מאָמענטאלער אונגערעכטיגקייט!"

דערווייל איז געוואקסען די אויפרעגונג פון די פערזאמעלטע צו-ליעב דעם אנגענומענעם בעשלוס צו שיקען א עקספעדיציע קיין אוגאנדא. עס האבען זיך געלאזט הערען שטימען, אז מ'זאל צורייסען די אָרגאַניזאַציע, אַז מ'זאָל זיך אָרגאַניזירען אהן הערצל'ען. מ'האָט פערלאַנגט באלד אנצונעהמען אַ בעשלוס וועגען דעם. די לופט איז געוועזען פול מיט אויפרייס-שטאָף. עס איז געגאַנגען אַזוי, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל צוריסען ווערען אויף צוויי. דאָ איז טשלענאָוו געווען דער ערשטער, וועלכער האט געפיהלט די גאנצע היסטאָרישע פעראַנטוואָרטליכקייט פון מאָמענט. דערצו האָט איהם נאָך געפּלאָגט דער געדאַנק, אַז ווען ער וואלט הייגט נישט פערלאָזען דעמאָנסטראַ-טיוו דעם זאַל, וואלט אפשר די דאָזיגע געפעהרליכע שטימונג אַזוי ווייט נישט געקומען. ער האט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע כּוחות און איז אַרויף אויף דער טריבונע. אין זאַל איז געווארען טויט-שטיל. און טשלענאָוו האט אָנגעהויבען מיט אַ ציטערדיגער שטים: „הערט איהר, ברודער, דאס געוויין, וואס הערט זיך פון קאָרידאָר? דאס איז אונזער נצחון! מיר ערווארטען אָבער נאָך אַ גרעסערען נצחון, דעם נצחון איבער זיך אַליין. מיר זענען אַלע אין דעם מאָ-מענט אַזוי אויפגערעגט און נערוועז, אַז קיינער קאָן איצט נישט פעראנטווארטליך זיין פאר זיינע מענשען. דער קלענסטער שריט פון אונזער זייט קאָן אַ תּל. מאכען פון אונזער פיעל-יעהריגער נאַציאָנאלער אַרבייט. דערפאר וואלט איך פאָרגעלייגט, אז מיר זאלען זיך איצט פונאנדערגעהן, און ערשט אין אָוועגד, ווען יעדער וועט זיין אַ ביסעל בערוהיגט, וועלען מיר זיך ווידער צוזאַמענקומען און פאָרזיכ-טיג זיך בעראטען, וואָס מיר האבען צו טהון".

די ווערטער האבען געווירקט. דאָס פּובליקום האט שטיל פער-לאזען דעם זאַל, אומעטיג, מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, ווי אַ בלום.

III

עס איז געקומען די היסטאָרישע נאכט פון'ם 13-טען אויגוסט. עס איז געווען אַ ריכטיגע „וואַך-נאַכט". די זיצונג האט זיך אנגעהויבען אין אוועגד, אין דעם זעלבען קליינעם זאַל, וואו עס זענען אין די לעצטע טעג געזעסען יודען און געוויינט, געדענקענדיג אָן ציון, און

זי האָט זיך געענדיגט 5 אַזייגער אין דער פריה. מ׳האָט נאָך אלץ
נישט געקאנט גלויבען, אז די דעלעגאַטען האבען זיך שוין אינגאַנ־
צען בערוהיגט. מ׳האט נאך אלץ געשפירט א קאַמפּס־לופט, דערפאַר
איז אבער טשלענאוו געווען פאָלשטענדיג רוהיג. ער איז געווען
זיכער, אז די אָרגאַניזאַציע וועט זיך נישט צופאַלען. די דאָזיגע
רוהיגקייט, וועלכע האָט איהם נישט פערלאָזען אין משך פון דער גאנצער
נאַכט־זיצונג, האָט זיך אויסגעדרוקט אין דער זאכליכקייט פון זיינע
רעדעס און אויך אין זיין אַנגענעהמען, ווייכען טאָן. נור צוויי מאָל
האט זיך טשלענאָוו שטאַרק אויפגערעגט ביי דער דאָזיגער זיצונג,
אוןביידע מאָל צוליעב דעם כבוד פון הערצל׳ס פערזאָן. בעת דער
זיצונג איז מיטגעטיילט געווארען, אַז הערצל בעט די ערלויבעניש
אריינצוקומען אין זאַל, און עס האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע
האָבען געהאט די העזה פאָרצולעגען, אַ זמ׳זאָל איהם נישט פריהער ערלוי־
בען אריינצוקומען, ביז ער וועט מבטיח זיין מסכים צו זיין צום בע־
שלוס פון די ניין־זאָגערס. אנדערע האבען אַפילו פארגעלעגט, אז
מען זאל איהם דעמאָנסטראַטיוו קאַלט אויפנעהמען, איהם נישט בעג־
ריסען וכדומה. דאָס האט טשלענאָוו׳ן זעהר דערצערנט, „מיינע
פריינד, האט ער אויסגערופען, זייט דאָך נישט קיין קינדער! מיר
זענען גאָר נישט אומשטאַנד איהם צו בעליידיגען. פערגעסט נישט,
אז מיר האבען צו טהון מיט׳ן גרעסטען פון אונזער דור, מיט׳ן גע־
ביאַלען שעפער פון אונזער וועלט־אָרגאניזאציע. נאך שטארקער איז
טשלענאָוו געווארען אויפגערעגט, ווען מ׳האָט איהם דערצעהלט, אז
אויף אַ פערזאַמלונג פון די יאָ־זאַגערס, וועלכע איז גלייכצייטיג פאָר־
געקומען, האָט א סטודענט פון דער אַגראנאָמישער שולע אין מאַנט־
פּולאַ, זיך ערלויבט צו ווארפען הערצל׳ען אין פנים אריין דעם
פארוואורף, אז ער איז אַ פעררעטער פון ציוניסטישען אידעאַל. „דאָס
איז דער שכר, וואס מיר צאָהלען אונזערע פיהרער״, האט טשלענאָוו
געזאגט, און דערביי טיעף און ביטער אבגעזיפצט.

די היסטאָרישע נאַכט־זיצונג איז גליקליך אריבער. אין דער פריה
זענען אַלע ניין־זאָגערס מיט טשלענאוו׳ן בראש צוריקגעקומען אין
קאָנגרעס זאל צו דער פאַרמיטאָג־זיצונג. אַזוי האט טשלענאוו מציל
געווען די אָרגאניזאציע.

* *

*

צוריק פאָהרענדיג פון באַזעל האָב איך טשלענאָוו׳ן געטראָפען אויפ׳ן ציריכער וואקזאל. אין א לענגערען געשפרעך, וואס איך האב מיט איהם געהאט וועגען די רעזולטאַטען פון קאנגרעס, האט מיר טשלענאָוו צווישען אנדערען געזאָגט:

„א סך האב איך איבערגעטראָגען אויף דעם דאזיגען קאנג־רעס. איך האָב מורא געהאַט פאר דריי סכנות, קודם כל, פאר אונזער ציוניסטישען אידעאַל, דערנאך פאר אונזער אָרגאַניזאַציע. און צום סוף פאר אונזער הערצל׳ען. איצט בין איך זיכער, אז ציון וועט אבּ־האַלטען אַ נצחון איבער אַפריקאַ, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט בלייבען פעלזען־פעסט. איך בין אבער נישט זיכער, צי וועט נאך הערצל לאַנג האבען די איבערמענשליכע כוחות צו טראָגען אויף זיך דעם שווערען, ביטערען גורל פון אַ יודישען פיהרער”.

טשלענאָוו האָט נישט געפיהלט, ווי שנעל דאס דאזיגע אומ־גליק וועט קומען...

יהושע אייזענשטאדט (ברזלי).

אַ בלעטעל געשיכטע פון דער יודישער קאלאניזאציע אין פאלעסטינא.

דער נאָמען פון דעם אָקאָרשט-פערשטאָרבענעם אייזענשטאַדט — ברזלי איז ענג פערקניפּט מיט דער געשיכטע פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינאַ פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר. פאַר דעם משך צייט איז אין לעבען פון נייעם יודישען ישוב אין ארץ-ישראל נישט אויסגעפיהרט און נישט פערווירקליכט געוואָרען קיין איין-איינציגע, וועלכע-עס-איז נוצליכע און בעדייטענדע אונטערנעהמונג אהן דער בעטייליגונג און מיטהילף פון יהושע אייזענשטאַדט. ביים היינטיגען טאָג איז נישטאָ אין ארץ-ישראל קיין איין אֶינסטיטוציע אויף די פערשיעדענסטע געביטען, הן קולטורעל, הן עקאָנאָמיש, וואָס זאָל נישט האָבען צו פערדאַנקען איהר אויפבליהונג און ענטוויקלונג איינציג און אַליין אייזענשטאַדט׳ן. אין איינ‍יגע פון די ארץ-ישראל׳דיגע שאַפונגען איז ער אַליין געווען סיי דער איניציאַטאָר, סיי די רעאַליזירענדע קראַפט. פון דער נאַטור טעמפּעראַמענטפול, מיט אַנ׳אונערשעפּליכען יוגענד-פייער, אַגיטאַטאָריש בעגאַבט אין שריפט און וואָרט און שטאַרק בעגייסטערט פאַר דעם אידעאַל פון דער יודיש-נאַציאָנאַלער אויפלעבונג — האָט ער פערשטאַנען צו ווירקען אין דעם זין אויך אויף אַנדערע.

אַדאַנק זיין קעמפער-נאַטור, האָט זיך אייזענשטאַדט אין זיין טעטיגקייט פאַר דער יודיש-נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין פאַלעסטינאַ פאַר קיין שום מניעה נישט אָבגעשראָקען און פאַר קיין שום שוועריגקייטען זיך נישט אָבגעשטעלט. יעדע אַרבייט פאַר׳ן פאָלק איז איהם געווען וויכטיג און טייער, און דאָס שווערסטע איז פאַר איהם

געוואָרען לייכט, בעת עס האָט זיך נאר געהאַנדעלט וועגען דער טובה פון דער ציוניסטישער בעוועגונג אין דעם אָרט פון איהר ענדע-ציעל.

און דאָס אַלץ האָט אייזענשטאַדט אויפגעטהון ביי זעהר אַ שווערען און קאַמף-פולען פערזענליכען לעבען און ביי זעהר אונערטרעגליכע עקזיסטענץ-בעדינגונגען, ווי עס איז אַרויסצוזעהן פון די אייניגע ביאָגראַפישע נאָטיצען, וועלכע איך ברענג דאָ.

I

יהושע אייזענשטאַדט איז געבוירען געוואָרען דעם 6-טען אלול תרט״ו (1855) אינ׳ם ליטווישען שטעדטיל קלעצק, מינסקער גובערניע. אין זיין קינדהייט האָט ער בעקומען אַ טראַדיציאָנעלע, שטרענג-אָרטאָדאָקסישע ערציהונג. געגען דעם רצון פון זיינע פאנאַטישע עלטערן האָט ער געפרובט אָנקומען אין אַ רוסישע גימנאַזיע. ער איז אָבער דאָרט לאַנג נישט פערבליבען. צום סוף האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבען דעם ווילען פון זיין פאָטער און צוריק אַרויסטרעטען פון דער קריסטליכער שול.

פון דעמאָלט-אָן האָט זיך אייזענשטאַדט בעשעפטיגט מיט זעלבסט-בילדונג, און אַזוי איז פערפלאָסען זיין יוגענד, ביז עס זענען מיט אַמאָל פאָרגעקומען געשעהענישען, וועלכע האָבען געגעבען אַ בעזונדער שטויס דער ווייטערדיגער ריכטונג פון זיין לעבען. אייזענשטאַדט אַליין דערצעהלט וועגען די דאָזיגע געשעהענישען פאָלגענדעס:

„אויפ׳ן ניין-און-צוואַנציגסטען יאָהר פון מיין לעבן איז פאָרגעקומען עפּיס אַ זאַך, וואָס האָט מיך איבערצייגט אין דער פאָלשטענדיגער נישטיגקייט פון אַלע מיינע פריוואַט-אינטערעסען; די פאָגראָמען, כאָטש זיי האָבען נישט אויסגעבראָכען נאָהנט פון מיר, האָבען מיך אַריינגעבראַכט אין זעהר אַ טיעפען טרויער, און איך האָב מיר אַ נדר געטהון, צו ווידמען מיין גאַנץ לעבען מיין פאלק און זיין ווידער-אויפלעבונג אין דעם לאַנד פון זיינע אָבות. מיין לאַנגאָניגע בענקשאַפט נאָך ארץ-ישראל איז געוואַקסען... און צו מיין דרייסיגסטען יאָהר האָב איך מיך מיט איין מאָל אַרויסגעריסען פון אַלע מיינע בעשעפטיגונגען און בין אַוועקגעפאָהרען קיין פאַלעסטינאַ״,

פון יענעם מאָמענט אָן ווערט אייזענשטאַדט׳ס לעבען אַ קייט פון די פערשיעדענאַרטיגסטע איניציאַטיוון און אַרבייטען אויפ׳ן

פעלד פון דעם יודיש־נאַציאָנאַלען אויפלעבונגס־געדאַנק.

דאָס ערשטע מאָל איז אייזענשטאַדט געקומען קיין ארץ־ישראל אָנהויב זומער 1887, און געפונגען האָט ער דאָרט נישט דאָס, וואָס עס האָט זיך איהם אויסגעמאָהלט אין זיין פאַנטאַזיע. קודם האָבען אויף איהם זעהר אַ שווערען איינדרוק געמאַכט די האַרטע בעציהונגען פון באַראָן ראָטשילד'ס אַדמיניסטראַציע צו די קאָלאָניסטען. בעזונדערס האָט איהם אויפגערעגט די לאַגע פון די קאָלאָניסטען אין דער ערשטער יודישער קאָלאָניע „ראשון לציון". דאָרט האט דער אַדמיניסטראַטאָר, אַנ'אויסגעדיענטער פראַנצויזישער אָפיציר, — הירש האט ער געהייסען — געפאדערט פון די קאָלאָניסטען, זיי זאלען זיך אלע אונטערשרייבען אויף אַנ'אָבמאך, אז זיי זענען בלויז געדונגענע טאָג־ארבייטער, וואס בעארבייטען פרעמדע ערד. אויסער דעם, האט דער זעלבער אַדמיניסטראַטאר גוזר געווען אויף דריי זעהר חשוב'ע פערזאנען, וואס זענען געווען די גרינדער פון „ראשון לציון" און האבען אין איהר אריינגעלעגט אַלע זייערע קרעפטען, זיי זאָלען פערלאזען די קאלאניע. אלע טענות פון די קאלאניסטען, אז זיי בעטראכטען די ערד פאר זייער אייגענס און אז באראן ראטשילד האט זיי נישט גענומען צו פערשקלאפען, האבען נישט געהאלפען. דא האט זיך אין אייזענשטאַדט'ן דערוועקט דער קעמפער... דורך צוויי פייערדיגע ארטיקלען, וועלכע ער האט פערעפענטליכט אין פעטערבורגער „המליץ" און אין דעם ירושלים'ער „הצבי" — דאס איז געווען זיין ערשטער זשורנאליסטישער ארויסטריט — וועגען דעם מצב אין דעם באראנ'ס קאָלאָניעס, האט ער אויפגערודערט די יודישע עפענטליכע מיינונג, און עס האבען זיך גענומען שיטען פון אלע זייטען פראטעסטען אויף פראטעסטען געגען הירש'ן, ווי אויך געגען דעם „נדיב הידוע". אייזענשטאדט האט שוין אבער מעהר אין „ראשון־לציון" נישט געקאט פערבלייבען. הירש האט בעפוילען זיין בעל־הבית ארויסצוטרייבען איהם פון דירה... דאן איז אייזענשטאדט אריבער אין אנ'אנדערע פון דעם באראנ'ס קאלאניעס. דארט איז ער קראנק געווארען אויף קדחת. ווען דער דאקטאר האט איהם פעראר־דענט חינין, און מען האט עס געדאפט ברענגען פון דער „ראשונ'ער" אפטייק, האט הירש נישט דערלאזט מאכען דעם רעצעפט. אזוי שטארק האט געברענט זיין צארן אויף אייזענשטאדט'ן. אייזענשטאדט האט דעמאלט אנגעפיהרט א שטארקע אגיטאציע צווישען די קאלאניסטען

צו בעפרייען זיך פון דער אַדמיניסטראַציע, און האָך געבראַכט דער־צו, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַ געהיימע חברה, וואָס האָט געדאַרפט רעוואָלוציאָנעריש ארויסטרעטען געגען דעם גאַנצען סיסטעם פון דעם באַראָנ׳ס פערוואַלטונגען אין די קאָלאָניעס. הירש האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט, און פון יענער מינוט אָן האָט זיך אייזענשטאַדט׳ס פוס נישט געטאָרט געפונען אין קיין שום קאָלאָניע.

אַ יאָהר האָט אייזענשטאַדט פערבראַכט אין ארץ־ישראל, און דער אַלגעמיינער איינדרוק, וועלכען ער האט פון דאָרט אַרויסגעטראָגען, איז פאַר איהם געווען נישט קיין דערפרעהענדער. אָנשטאָט פרייע, אָנאָבהענגיגע יודישע ערד־ארבייטער האָט ער פאַר זיך געפונען מענשען פערקנעכטעטע, ווילענסלאָזע... פון דער אַנדער זייט האָט ער געהאַט פיעל צער, איבערצייגענדיג זיך, אז דער גרעסטער פראָצענט פון די קאָלאָניסטען הויבען גאָרנישט אָן פערשטעהן זייער פיאָנערישען בערוף און האָבען גאָר קיין שום השגה נישט פון דעם אויפלעבונגס־אידעאַל, וועלכע זיי דאַרפען דיענען אַלס ערשטע פונדאַמענט־שטיינער... יעדער פון זיי האָט נור געהאַט איין געדאַנק און איין האָפנונג — אויף מאַטעריעלען נוצען. אייזענשטאַדט׳ס דעמאָלדיגע געדריקטע שטימונג ווייזט זיך אַרויס גאַנץ בולט פון די פאָלגענדע העכסט־כאַראַקטעריסטישע בעמערקונגען, וועלכע ער האָט דאַן פערצייכענט אין זיין טאָג־ביכעל:

„צי זענען מיר אהער געקומען נור צוליעב געלד, צוליעב פראַנקען און באַשליקען? צי זענען מיר דען אהער נישט געקומען אויפצובויען אונזערע, פון פערפוילטקייט איינגעפאַלענע, לעבענס־יסודות, צו בעשאַפען זיך א נייעם גייסט און איבערצואַנדערשען אונזער גאַנץ וועזען, און צוליעב נאך אזעלכע זאכען, וואס ווערען נישט געוואויגען מיט רענדלעך? דאס האט מיך אַרויפגעבראַכט אויפ׳ן פאלגענדען געדאַנק: מיר מוזען האבען נייע מענשען, וועלכע זאלען ווידמען זייערע בעסטע קרעפטען און אלע זייערע געדאנקען דעם איינציגען פונקט — דעם אויפלעבונגס־אידעאַל, יענעם אידעאַל, וואס ער אליין איז אלץ און אויסער איהם איז גארנישט.

און וויסענדיג, אז עס איז אונמעגליך, אז די קליינע געזעלשאפט, וואס מיר האבען איצט דא אין ארץ־ישראל, זאל פון זיך ארויסגעבען די דאזיגע מענשען, די דאזיגע גייסט־העלדען, האב איך ביי זיך בעשלאסען אבצופאהרען אויף אַ געוויסע צייט צוריק קיין חוץ־

לאַרץ: אבער וועל איך דאָרט געפונען די מענשען וואָס איך זוך".

און אין חודש מאַי 1888 איז אייזענשטאַדט געקומען צוריק קיין רוסלאַנד. זיין ערשטער אָבשטעל איז געווען אין אַדעס, און גראָד צופעליג האָט ער דאָרט „באמת געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט..."

II

מיט אַ גאַנצען פּאַק פּראָיעקטען און פּראָיעקטען איז אייזענשטאַדט געקומען קיין רוסלאַנד, און כּמעט אַלע זענען בעשטאַנען אין דעם, ווי און אויף וועלכע אופנים אָנעקצושטעלען אויף פעסטע יסודות די לאַגע פון דעם יודישען ערד-אַרבייטער אין ארץ-ישראל. אייזענשטאַדט האָט איינגעזעהן, אַז דער יסוד פון דעם יודישען עתיד אין פּאַלעסטינאַ איז נור דער „אַרבייטער". העכסט מערקווירדיג איז דער פאַקט, וועלכער איז בעקאַנט נור זעהר ווייניגע, אַז מיט איינעם פון זיינע פּראָיעקטען איז אייזענשטאַדט געווען אַ פאָרלויפער פון פּראַנץ אָפּענהיימער'ס גענאָסענשאַפטליכער אַרבייטער-קאָלאָניע. דעמאָלט אָבער האָט זיך אפילו נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל דאָס נעהמען אין אַכט.

אין אַדעס האָט אייזענשטאַדט מיטגעטיילט זיינע פּראָיעקטען דער גאַנץ קליינער כּנופיה'לע פון די חובבי-ציון-פאַרשטעהער, וואָס זענען דאָרט געווען. אין יענער צייט איז נאָך דער אַדעסער פּאַלעסטינאַ-קאָמיטעט נישט געווען געגרינדעט; אַדעס, מיט'ן ד"ר פּינסקער בראש, האָט שוין אָבער דעמאָלט אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער אונלעגאַלער אַרבייט פון די רוסישע חובבי-ציון אויפ'ן אָרט און אין ארץ-ישראל. אויף אַ זיצונג פון געצעהלטע מענשען האָט אייזענשטאַדט רעפערירט איבער דער לאַגע אין פּאַלעסטינאַ און האָט אויספיהרליך ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז די ערד פון ארץ-ישראל מוז בעאַרבייט ווערען נור דורך יודישע אַרבייטער, און אַז קודם-כל מוז געגרינדעט ווערען אַ גרויסער, בעזונדערער פאָנד לטובת די פועלים. אייזענשטאַדט'ס פלאַמענדע און בעגייסטערטע רעדעס האָבען געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק. אַלע האָבען באַלד איינגעזעהן, אַז דאָ האָט מען צו טהון מיט אַן ערשט-קלאַסיגען אַגיטאַטאָר פאַר דעם יודישע אויפלעבונגס-געדאַנק. אַ גאַנץ בעזונדערן רושם האָט אייזענשטאַדט דעמאָלט געמאַכט אויף איינעם פון די אַנוועזענדע. דאָס איז געווען אשר גינצבערג, דער שפּעטערדיגער

אחד-העם, וועלכער האט דערזעהן אין אייזענשטאַדט'ן צום ערשטען מאָל אַ מענש מיט אַזוי פיעל התלהבות און מיט אַזא שטאַרקען, טיעפען גלויבען אין דער צוקונפט פון דעם יודישען פאָלק אין זיין אַלטער, היסטאָרישער היים. עס איז אינטערעסאַנט, וואס עס דער-צעהלט אייזענשטאַדט אין זיינע ערינערונגען וועגען דעם, אז באלד ביי זיין ערשטען בעגעגעניש מיט אחד-העם האָט איהם אַ בליק גע-טהון דער געדאַנק, אז דאָס איז דער מענש, וועלכען ער זוכט, אז דאס איז דער, „וואָס דאַרף צוריקגעבען דער אויפלעבונגס-אידעע איהר קראַפט און איר שוואונג". די דאָזיגע בעקאַנטשאַפט צווישען אייזענשטאַדט און אחד-העם האט געהאט אויף זיי ביידע אַ געגענ-זייטיגע ווירקונג. אחד-העם, וואס איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען גאַנץ ווייט פון דער ליטעראַטור און האָט גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו ווערען קיין ליטעראַט, האט דורך אייזענשטאַדט'ס אנרעגונג און אונטער זיין דרוק פערעפענטליכט דערנאָך אין „המליץ" זיין ערשטען אַרטיקעל „לא זה הדרך", וועלכער האט אין זיין צייט געמאַכט אַ גרויסען רעש און אַ גאנץ איבערקעהרעניש אין דעם ענטוויקלונגס-פּראָצעס פון חבת-ציון-געדאַנק. ווי בעקאַנט, איז דער דאָזיגער אַר-טיקעל געווען דער גרונד-שטיין פון אחד-העם'ס וויטערדיגע פּובליציסטיש-פילאָזאָפישע אַרבייטען, פון דעם אזוי-גערופענעם „אחד-העמ'יזם".

אנדערטהאַלב יאָהר האט אייזענשטאַדט דאן פערבראכט אין רוסלאַנד. ער איז אַרומגעפאָהרען איבער פערשידענע שטעדט און שטעדטליך און האָט הייס אַגיטירט שריפטליך און מינדליך פאַר דעם „אַרבייטער-פאָנד" און פאַר דער אונטערשטיצונג פון די געוועזענע „בילויצעס", די קאָלאָניסטען פון גדרה, וועלכע האָבען זיך דע-מאָלט געפונען אין זעהר אַ קריטישער לאַגע. סוף ווינטער 1889 איז אייזענשטאַדט געקומען אַ צווייט מאָל קיין אדעס. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען עטליכע מענשען, מיט אחד-העמ'ן בראש, האָבען זיך דאָרט אין דער שטיל אַרומגעטראָגען מיט דער אידעע צו גרינדען אַ געהיימע לאָזשע, וועלכע זאָל אַרבייטען צווישען פאָלק מיט דעם צוועק, צו ערציהען אַ דור פון הייסע, איבערגעגעבענע נאַציאָנאַליסטען, וואָס די אויפלעבונגס-שטרעבונג זאָל ביי זיי ווערען דער לעבענס-אינהאַלט. אחד-העם האט באלד אייזענשטאַדט'ן בעקאַנט געמאכט מיט זיינע פּלענער, און תיכף ווי די לאָזשע האט זיך געגרינדעט, אונטער'ן

נאָמען „ב נ י - מ ש ה״, איז אייזענשטאַדט בעפּאָלמעכטיגט געוואָרען אַרויסצופאָהרען אַלס דעלעגירטער אין פערשיעדענע שטעדט און צו ווערבירען פאר איהר מיטגליעדער צווישען די חשוב׳סטע און מאָראַליש הויך שטעהענדע פערזענליכקייטען צווישען פאָלק. די רעזולטאַטען פון אייזענשטאַדט׳ס נסיעות איבער׳ן תחום זענען אַ בעזונדער עהרענ-פולער קאַפּיטעל פאר זיך אין דער געשיכטע פון דער „בני-משה״-בע-וועגונג און פונ׳ם ג ײ ס ט י ג ע ן חבת-ציון.

סוף 1890 איז אייזענשטאַדט אַ צווייט מאָל געקומען קיין ארץ-ישראל און האָט זיך דאָרט בעזעצט אויף שטענדיג מיט זיין פרוי און קינדער. ער האָט מאַטעריעל פיעל געליטען. אַ געוויסע צייט האט ער מיט דער פאַמיליע געוואוינט אין אַ באַראק, און אַ משך פון אַ האַלב יאָהר האט ער זיך געשפּייזט מיט טרוקען ברויט און זיתים. ער האָט אָבער דורכדעם דעם מוטה נישט פערלוירען און פאָרטגעזעצט זיין טעטיגקייט מיט נאָך מעהר פלייס און ענערגיע.

אין יענער צייט האט שוין די רוסישע רעגירונג לעגאַליזירט די אַרבייט פון די חובבי-ציון, און די לעצטע האָבען געהאט אין יפו אַנ׳עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, וואָס האט אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער טעטיגקייט אין ארץ-ישראל. אין דעם דאָזיגען קאָמיטעט איז אייזענ-שטאַדט בעשט מט געוואָרען אלס סעקרעטאַר, און ענדליך איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען די גאַנצע לייטונג. פינף יאָהר כסדר האט אייזענשטאדט אַרויסגעגעבען די בעוואוסטע „בריעף פון ארץ-ישראל״, וואס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען אין אַלע גלות-לענדער אין צעהנדליגער טויזענדער עקזעמפּלאַרען און האבען אַ געוויסע צייט גע-דיענט אַלס א ײ נ צ י ג ע ר אָרגאַן, וואס דריקט-אויס די עפענטליכע מיינונג פון ארץ-ישראל. די דאָזיגע בריעף האבען ערפילט די פונקציע פון אַ פערבינדענדען צעמענט צווישען די צוזייהטע און צושפּרייטע חובבי-ציון. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אייזענשטאדט פיעל אָבגעגעבען מיט דער קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט. דורך זיין מיטווירקונג זענען געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניעס: סעדזשערא, קוסטינאַ, רחובות, מתולה און משמר-הירדן. זעהר פיעל האט דאַן אייזענשטאדט אויפגעטהון אויפ׳ן קולטורעלען געביט. מיט זיין הילף האָבען זיך געעפענט אין יפו די צוויי שולען, פאַר יונגלעך און פאר מיידלעך. ביי דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער און אָנגעשטרענגטער אַרבייט האט ער נאָך געפונען צייט אויך פאר זיין ליטעראַרישער

טעטיגקייט און איז געווען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון אַלע העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלען, וועלכע האָבען געדיענט דעם חבת-ציון-געדאַנק, און נאָכדעם—דעם ציוניזם.

III

בעת אין דער ציוניסטישער וועלט איז ארויפגעשוואומען דער געדאנק וועגען גרינדען די קאָלאָניאַל-באנק, איז אייזענשטאדט אַרויסגערופען געוואָרען פון יפו קיין רוסלאנד, וואו ער איז בעפאָלמעכטיגט געוואָרען צו בערייזען דאס לאנד, אַגיטירען פאר דער באנק און פערשפרייטען איהרע אקציעס. מיט גרויס התלהבות האט זיך אייזענשטאדט איבערגעגעבען דער דאָזיגער מיסיע און זיינע רייזעס האָבען געבראכט גלענצענדע רעזולטאטען. סוף יאָהר 1902 האט אייזענשטאדט גענומען אנטייל אין דעם מינסקער ציוניסטען-קאָנגרעס, וואו זיינע פייערדיגע רעדעס וועגען ארץ-ישראל האבען ממש אָנגעצונדען די הערצער און געוועקט צו ציוניסטישער ארבייט.

אין יאָהר 1904 האט אייזענשטאדט אָנגענומען אַ שטעלע אין דער יפו׳ער אנגלאָ-פאלעסטינא-באנק. שפעטער האט זיך, לויט זיין איניציאַטיווע, געגרינדעט אַ פיליאלע פון דער באנק אין ירושלים, וואוהין ער איז דערנאך אריבער אלס פערוואלטער, און ביי דעם אַמט איז ער פערבליבען ביז דער לעצטער צייט. אין ירושלים איז אייזענשטאדט געווען פון די בעליעבטעסטע פערזענליכקייטען, הן ביי יודען און הן ביי די אראבער. דורך אייזעגשטאדט׳ס אָנרעגונג האט זיך געגרינדעט אין ירושלים דער „בית-עם”, וועלכער איז געוואָרען דער צענטער און זאמעל-פונקט פון דער יודישער אינטעליגענץ, און האט ארום זיך גרופירט די בעסטע אינטעלעקטועלע קרעפטען. אייזענשטאדט איז געווען דער ערשטער אַגיטאטאָר פון דער גרינדונג פון דער העברעאישער גימנאזיע אין ירושלים, ווי אויך פון אנדערע אינסטיטוציעס. און נאך זיינע אלע פיעל-זייטיגע ארבייטען איז ער קיינמאל מיט זיך נישט צופריעדען געווען. תמיד האָט זיך איהם געדוכט, אז ער טהוט צו-ווייניג און שטענדיג האט ער פאר זיך געזוכט נייע ארבייטס-געביטען. כמעט כל ימיו איז ער געשטאנען אין אָפּאָזיציע צו די „געשוואוירענע” עסקנים פון ישוב; ער האט ביי זיי תמיד געמאָהנט מעהר ערנסט, מעהר פלייס און מעהר ענערגיע צו דער

אַרבייט. מיט אַ בּעזונדער פייער האָט אייזענשטאַדט כּסדר פער־טיידיגט די אינטערעסען פון די אַרבייטער געגען זייערע בעלי־בתּים, און דורכדעם האָט ער זיך זעהר פּאָפּולער געמאַכט אויך אין די ארץ־ישראל׳דיגע דעמאָקראַטישע קרייזען. אין זומער 1912 האט דער גאַנצער יודישער ישוב אין ארץ־ישראל, אָהן אונטערשיעד פון קלאַסען און שיכטען, געפייערט אייזענשטאַדט׳ס 25־יעהריג יובּילעאום פון זיין געזעלשאַפטליכער און ליטעראַרישער טעטיגקייט.

אייזענשטאדט האט געגאָלטען אלס בעגאַבטער העברעאישער זשורנאַליסט. אינ׳ם משך פון די לעצטע 30 יאהר האט ער פער־עפענטליכט אַ מאסע אַרטיקלען, און אלץ וועגען פּאַלעסטינא־אנגע־לעגענהייטען, אין פערשיעדענע צייטשריפטען און זשורנאַלען. אַ גע־וויסע צייט איז ער געווען דער ארץ־ישראל׳דיגער קאָרעספּאָנדענט פון „השלח" און „העולם". צווישען אנדערן, האט ער אין „העולם" פערעפענטליכט אַ גאנצע רייה העכסט אינטערעסאנטע סטאַטיסטישע אַרטיקלען וועגען די חשוב׳סטע געזעלשאַפטליכע אינס־טיטוציעס אין יפו און ירושלים. אויף אלץ, וואס עס איז ארויס פון אייזענשטאַדט׳ס פעדער, איז געווען אויסגעגאָסען האַרציגקייט און פּאַטאָס. יעדע שורה זיינע אָטעמט מיט אונבעגרענצטער ליעבע און איבערגעגעבענקייט צו דעם יודיש־נאַציאָנאַלען אויפלעבונגס־געדאַנק און מיט אַ פעסטען טיעפען גלויבען אין דעם ליכטיגען עתיד פון יודישען פאָלק. אייזענשטאדט האָט געשריבען אלע זיינע אַרטיקלען אונטער׳ן נאָמען „ברזלי", און מיט דעם דאָזיגען ליטעראַרישען פסעוודאָנים איז ער געבליבען בעוואוסט דעם העברעאישען לעזער־פּובּליקום.

* *

*

די לעצטע צייט פאַר דער מלחמה האט אייזענשטאַדט געטרוימט וועגען מאכען אַ נסיעה קיין רוסלאנד, כּדי צו אַגיטירען דאָרט פאר דעם געדאנק פון „גאולת־הארץ". אין מיטען האט אויסגעבראָכען דער וועלט־קריעג, און זיין פּלאַן איז צושטערט געוואָרען. צוזאמען מיט אנדערע עסקנים האָט אייזענשטאַדט מיט אַ צובראָכענעם האַרץ און מיט אַ טיעפען טרויער פערלאָזט ארץ־ישראל אין מיטען דער רעכטער אַרבייט, און איז אָוועק אין דער שווייץ, וואו ער האָט געוואוינט

ביז זיין לעצטער מינוט. נישט בעשערט איז געווען דעם שטאָלצען, ענערגישען קעמפּער פון דער יודישער ערלעזונג צו זעהן די ליכטיגע האָריזאָנטען, וואס האָבען זיך געעפענט פאַר אונזער פאָלקס-בעפרייאונג...

איך וועל שליסען מיין ארטיקעל מיט די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע זענען אַרויסגענומען פון אייזענשטאַדט׳ס אַ מאַנוסקריפּט:

„עס זענען געווען טעג און חדשים, ווען איך מיט מיין פאַמיליע האָבען ממש געליטען הונגער; פונדעסטוועגען האב איך פון קיינעם קיין שטיצע נישט אָנגענומען, און איך האב מדחה געווען אלע פאָר־שלאגען, וואס מען האט מיר געמאַכט איבערצולאָזען דאָס לאנד. מיין שטענדיגער לאָזונג איז געווען: אָדער אויף דער ערד, אָדער אונטער דער ערד, אָבער נישט פון דער ערד"!

עס איז אָבער געקומען די וועלט־מלחמה און האָט איהם מיט געוואַלט אַרויסגעריסען פון דער ערד און פערוואָרפען אין דער פרעמד.

א בלעטעל ציוניסטישע געשיכטע.

I

די ערשטע פיער קאָנגרעס-יאהרען איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געוועזען ווי אויסגעגאָסען פון איין שטיק, דאָס הייסט, אהן אַ שום פערצווייגונג אין וועלכער ס'איז פאַרטייען און שטרעמונגען. אַ מיטגליעד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז געוועזען יעדער איינציגער, וואס האָט נאר אנערקענט, אז אין גלות איז דאס יודישע פאלק פערמשפט אַסימילירט צו ווערען און ביסלעכווייז אונטערצוגיין, און אז צו זיין נאַציאָנאַלער עגזיסטענץ מוז ער האָבען אנ'אייגענע היים מיט לייטען גלייך. אין דער דאָזיגער אנערקענונג האבען זיך צוזאמענגעשלאָסען מענשען פון פערשיעדענע פאַרטייען, וועלכע האבען אבער זייערע פאַרטיי-אינטערעסען אין דער בעוועגונג נישט אריינגעטראגען.

דערווייל האט זיך די צייט געטהון איהר זאך. דאָס ציוניסטישע לעבען האט אַוועקגעשטעלט די ציוניסטען פאר אזוינע פּראָבלעמען, וואס זייער פתרון האָט געמוזט, נישט ווילענדיג, אַרויסרופען אַ צוזאַמענשטויסונג צווישען די פערשיעדענע אַנשויאונגען. צום ערשטען מאָל איז דאָס פאָרגעקומען אויפ'ן פערטען לאָנדאָנער קאָנגרעס, בעת ס'איז אַרויפגעשוואומען די פראגע וועגען קולטור-אַרבייט, און בעזונדערס וועגען דער יודישער קינדער-ערציהונג אין גלות. דעמאָלס זענען דאס געוועזען די רבנים, וועלכע האָבען אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג אין דעם נאמען פון דער ארטאדאקסיע, אַז זיי קענען נישט שווימען מיט דעם אלגעמיינעם שטראָם, און האָבען דעריבער געגרינדעט א בעזונדערע פראקציע פאר זיך. די דאזיגע פראקציע, וואָס האָט זיך געשטעלט צום הויפט-צוועק צו פערטיידיגען די רעליגיעזע אינטערעסען אין דער בעוועגונג, האָט מיט אַ פּאָר יאָהר שפעטער

בעדיענט אַלס גרונד־שטיין צום „מזרחי״. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז צווישען די פּראָגרעסיווערע עלעמענטען, און בעזונדערס צווישען דער שטודירענדער יוגענד, האָבען זיך באַלד אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך גענומען אָרגאַניזירען אין אַ בעזונדערע פראַקציע. אויפ׳ן 5־טען קאָנגרעס, אויף דער קאָנפערענץ פון די „יוגענד״ איז שוין די דאָזיגע פראַקציע געווען אָרגאַניזירט, אָבער נאָך אָהן אַ פעסטגעשטעלטען פּראָגראַם. מיט אַ פּראָגראַם, און אונטער אַ בעזונדער נאָמען „דעמאָקראַטישע פראַקציע״, זענען די „יוגענד״ ערשט געקומען צום 6־טען באַזעלער קאָנגרעס. און געקומען זענען זיי נישט אַליין. זייער דעמאָקראַטישער פּראָגראַם האָט צוגעצויגען צו דער בעוועגונג נייע עלעמענטען, וועלכע זענען ביז אַהער געשטאַנען ווייט נישט פון ציוניזם אַליין, נאָר פון יודישקייט בכלל, און זייערע אידעאַלען זענען תמיד געווען ריין מענשליך־קאָסמאָפּאָליטישע, די דאָזיגע עלעמענטען האָבען נישט געקענט, געוועהנליך, אָבענדיגען אַזוי גיך זייערע חשבונות מיט די אַלטע האָפנונגען און אידעאַלען, און האָבען געזוכט אַריינצוטראָגען זיי אויף וועלכע ס׳איז אופנים אין דער בעל־הבית׳ישער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע. אַלע צוזאַמען האָבען זיי לויט זייער פּראָגראַם געדאַרפט בילדען דעם לינקען פליגעל אויפ׳ן קאָנגרעס, שטעלען זיך אין אָפּאָזיציע צו הערצל׳ס אַבסאָלוטיסטישער הנהגה, אונטערציהען אונטער אַ שאַרפער קריטיק די אונטערנעהמונגען פונ׳ם אַקציאָנס־קאָמיטעט, און, הויפּטזעכליך, אָבצוהיטען די דעמאָקראטישע פּרינציפּען פון דער בעוועגונג. אין דער שפּיץ פון דער „דעמאָקראַטישע פראַקציע״ זענען דאַן געשטאַנען די היינטיגע בעוואוסטע ציוניסטישע עסקנים: חיים ווייצמאַן און לעאָ מאָצקין.

אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר פון די רוסישע ציוניסטען אין מינסק ענדע זומער 1902, האט זיך שוין די „דעמאָקראטישע פראַקציע״ גאנץ שטארק געלאָזט פיהלען. מיט גרויס ענערגיע איז זי דעמאָלס בעזונדערס ארויסגעטרעטען געגען דער פשרה־פּאָליטיק פון דער הנהגה און געגען דער בורזשוא־קלעריקאַלער שטרעמונג פון דעם אָפיציעלען ציוניזם. פון דעם האט מען געקאנט אַרויסזעהן בעשיינפערליך, אַז די „דעמאָקראַטישע פראַקציע״ פערנעמט זיך אַרויסצוטרעטען אויפ׳ן נאָהענטען קאָנגרעס שטארק אָפּאָזיציאָנעל געגען די ציוניסטישע פיהרער, און בעזונדערס געגען ד״ר הערצל׳ען, מיט וועלכען זי האָט

אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אונצופריעדנהייט צוליעב דעם „אָווטאָקראַטי־שען רעזשים". וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין דער הנהגה. צום 6־טען קאָנגרעס איז די „דעמאָקראַטישע פראַקציע" געקומען אנגע־וואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַרטילעריע און מיט שווערע האַרמאַטען און מיט גאר אַ סך אויפרייסונגס־מאַטעריאַל. בעזונדערס ערביטערט זענען די פראַקציאָניסטען געווען געגען הערצל'ען וועלכער האָט לויט זייער מיינונג, אָפּגעטהון זעהר אַ סקאנדאַליעזע זאַך: זייענדיג האַרט פאַר'ן קאָנגרעס אין פעטערבורג, האָט ער דארטען בעזוכט דעם דעמאָלסדיגען אינערן־מיניסטער, דעם בעוואוסטען צורר היהודים פּלעווע, אונא ווען איז דאס געווען? — אַ קורצע ציי[ט] נאָך דער קישענעווער שחיטה! אין אַלע בעזונדערע זיצונגען, וואָס די מיטגליעדער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" האָבען אָבגעהאַלטען אין באַזעל די לעצטע טעג פאַרן קאָנגרעס, איז דער ענין „פּלעווע" נישט אַראָב פון סדר־היום, און ער האָט אַרויסגערופען זעהר שטורעמדיגע דעבאַטען. מ'האָט דעבאַטירט וועגען דער פראַגע: ווי אַזוי, און אויף וואס פאַר אנ'אופן די פראַקציע זאָל אויף דער זאַך רעאַגירען. עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פערשיעדענע מיינונ־גען, און אַלע געגען הערצל'ען. מ'האָט הערצל'ען נישט געוואלט מוחל זיין: ווי קומט ער דאָס צו בעטרעטען דעם שוועל פון אַ מענשען, וואָס זיינע הענד זענען בעשמוצט מיט יודיש בלוט? אנדערע האָבען געשריגען, אַז הערצל איז אַ אוזיפּאַטאָר, אַ דעמאַגאָג, און אַלס אַזעלכען טאָר מען איהם נישט דערלאָזען צו שטעהן אין דער שפּיץ פון דער בעוועגונג. צום סוף איז געבליבען, אַז מ'זאָל דורך פערשיעדענע אָבסטרוקציעס זעהן שטערען די פיהרונג פון קאָנגרעס, וואו הערצל וועט בפני כל עם ועדה נישט בעטען קיין מחילה וסליחה פאר דעם בעזוך, וואס ער האט געמאַכט ביי פּלעווע'ן. באַלד האָט מען זיך וועגען דעם דערוואוסט אין די קרייזען פון די אַלגעמיינע ציוניסטען, און אויך צווישען זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען שטאַרק נישט צופריעדען געווען מיט הערצל'ס וויזיט ביי דעם אַנטיסימי־טישען מיניסטער. געהאַלטען שטאַרק מיט די פראַקציאָניסטען אין דער זאַך האָט בעזונדערס די קליינע גרופּע פון דער ניי־געבילדע־טער אויך דעמאָקראַטישער פּאַרטיי „חירות" אונטער דער אָנפיהרונג פון ד"ר נחמן סירקין.

אַזוי אַרום האָבען זיך די פראַקציאָניסטען אין דער דאָזיגער

אַנגעלעגענהייט געקאַנט שטיצן נישט נאָר אויף זייערע אייגענע שטימען אַליין, נאָר אויך אויף געוויסע שטימען פון אַנדערע פּאַרטייען, און האָבן פעסט בעשלאָסען אויפצוהויבן די פראַגע אין קאָנגרעס און אַרויספאָדערן הערצל'ען צום קאַמף.

הערצל האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, און ווי ס'האָט זיך אַרויס־געוויזען איז דאָס גאָר פאַר איהם נישט געווען קיין סיורפּריז; דער דאָזיגער גרויסער מערב־יוד האָט גאַנץ גענוי געקאָנט די שטרעמונ־גען און די שטימונגען פון דער יודישער יוגענד אין רוסלאַנד, און האָט דעריבער זעהר גוט געוואוסט, אַז אויף די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע געזונגענע וועט זיין וויזיט ביי פּלעהוע'ן מאַכען זעהר אַ שווערען רושם. און הערצל אַליין האָט די דאָזיגע שטימונג געפונען גאַנץ נאַטירליך. אין אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט נאָך זייענדיג אין פּעטערבורג געהאַט וועגען דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט מיט איינעם פון די דאָרטיגע ציוניסטישע עסקנים, האָט ער זיך אַזוי אויסגעדריקט: „איך אַליין בין אין יענע מינוטען געזעסען פאַר דעם „יודישען תלין" מיט אַ צע־בלוטיגט האַרץ און מיט הענד, וואָס האָבן שטאַרק חשק געהאַט אויסצוגלעגען זיך אין קולאַקעס. אָבער דער ציוניסטישער געדאַנק, צו־ליעב וועלכען איך בין צו איהם געקומען, האָט אין מיר בשעת מעשה גובר געווען די געפיהלען פון האַס און פון צאָרן. וויסענדיג ריכטיג, אַז פּלעווע קאָן אונז בייהעלפיג זיין צו פערווירקליכען דעם ציוניסטי־שען אידעאַל, האָב איך מיך בעשלאָסען צו פּועל'ן ביי איהם ער זאָל דאָס טהון, און האָב גע'פּועל'ט. אַז מ'וויל אונז העלפען צו בע־קומען ארץ־ישראל, זאָל איך זיך דערפון אָבזאָגען דערפאַר, וואָס זענען אַנטיסעמיטען און טהון דאָס, אפשר, נור דעריבער, ווייל זיי ווילען פון אונז פטור ווערען?

האָבענדיג אַנ'אייגען לאַנד, לאַכען מיר דאָך אויס פון טויזענדער אַזעלכע שונאי־ישראל ווי פּלעווע! זיצענדיג ביי איהם אין קאַבינעט האָב איך איהם אַליין אויף דעם אָנגעוויזען זאָגענדיג: „אונטערשטי־צענדיג אונז צו בעקומען אונזער היסטאָריש לאַנד בעפרייט איהר זיך דאָך פון אַזאַ שווערער לאַסט ווי די „יודען־פראַגע", און ער, פּלע־ווע, האָט מיר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געענטפערט: „געוויס, געוויס"! און האָט אויף דעם מוסיף געווען: „אַך, די יודען־פראַגע, די יודען־פראַגע!"...

און בשעת מ'איז בעקומען און מ'האָט דערציהלט הערצל'ען

וואָס עס קאָכט זיך ביי די פּראַקציאָניסטען, האָט ער אויף דעם גע-זאָגט גאַנץ געלאַסען: „לאָזט זיך זיי קאָכען; זיי האָבען גאַנץ רעכט; איך בין אָבער אויך נישט אונגערעכט. אָט לאָזט עס מיה, איך וועל שוין מיט זיי פאַרטיג ווערען"...

און אַלע האָבען געגאַרט מיט גרויס אונגעדולד צו זעהן, וואָס עס וועט דאָ זיין דער סוף.

II

אַ פּאָר טעג פאַר'ן קאָנגרעס האָבען זיך צווישען די פּראַקציאָ-ניסטען געפונען עטליכע מעהר מיושב'דיגע חברים, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז מ'טאָר אַ מענשען נישט משפט'ן אונטער די אויגען און אַז מען דאַרף גאַרנישט נישט אָנהויבען צו טהון ביז מ'וועט אַ פּריי-ער נישט איבערעדען מיט הערצל'ען. די דאָזיגע מיינונג האט אָבער געהאַט אַ קנאַפּען ערפאָלג. די מערהייט איז געבליבען שטאָל און איי-זען פאַר איהר בעשלוס, אַז מ'מוז הערצל'ען מאַכען אַ סקאַנדאַל פאַר דער גאַנצער וועלט, לאָז ער וויסען... עס איז בעשלאסען געוואָרען אָבצוטהון די זאַך דעם ערשטען טאָג תיכף ווי הערצל וועט נור עפּענען דעם קאנגרעס. אַלע זענען געווען זיכער, אַז אין זיין עפּע-נונגס-רעדע וועט הערצל נישט איבערגעהן בשתיקה אויף דעם ר ו ס י ש ע ן וויזיט, און דאָס האט געזאָלט דיענען פאַר אַ סיגנאַל אָנצוהויבען דעם קאַמף.

און כך הוה. הערצל האט געעפענט דעם קאנגרעס. אין זיין רעדע האט ער דערמאהנט אין עטליכע, געצעהלטע ווערטער זיין פּעטערבורגער נסיעה און די הבטחה, וואס ער האט דארט בעקומען פון דער רוסישער רעגירונג, ממליץ צו זיין לטובת דעם ציוניזם פאר'ן סולטאַן עבדול-חאַמיד. און קיינער האט נישט געוואוסט, צי האט דאס הערצל געטהון לכתחילה מיט אַ בעזונדערע כונה, אדער דאס איז אזוי ארויסגעקומען צופעליג, נישט געריכט. די איינציגע מינוט, וואס הערצל האט גערעדט וועגען זיין פּעטערבורגער נסיעה, האבען זייבע ווערטער בעקומען אַ גאנץ בעזונדערע ענערגישע, דרייסטע פעסטקייט, מיט וועלכער עס איז מסוגל צו רעדען נור ד ע ר, וואס גלויבט אויפ-ריכטיג אין דער נויטיגקייט און אין דער גערעכטיגקייט פון זיינע מעשים. אין פון אַ בעזונדער פּאַטאָס האט אבגעקלונגען זיין שטים בעת ער האט אַ זאג געטהון: „מיט פרישען מוטה און מיט גרעסערע

האפענונגען קאנען מיר פארטזעצען אונזער זאך פאַר ארץ-ישראל". און פיעל פיעל פייערדיגער האבען אבגעגלאַנצט זיינע קאַרשען-שווארצע אויגען און עפּיס ווי געזוכט האבען זיינע טיעף-אריינדרינגענדע בליקען אט יענע, וואָס שטעהען פון לינקס בשעת ער האט אויסגערופען: — „עס וועלען זיך געוויס געפונען מענשען, וועלכע וועלען נור דעם ביטערען צד פון דעם ערפאלג ארויסזעהן. מיט דער הילף פון די מלוכות, אזוי וועלען זיי זאגען, איז זיך נישטא וואס צו פרעהען. זיי ווילען פון אונז פטור ווערען, אדער זיי ווילען אונז נישט אַריינלאָזען. גוט! אויב עס ליגט אין דעם אנ׳עולה געגען אונזער פאלק, וועלען מיר אויף דעם ענטפערען אין דער צוקונפט אין אונזער צוקונפט אין אונזער לאַנד. דער ענטפער וועט בעשטעהן אין — דער פערבעסערונג פון דער מענשליכע מאָראַל".

מיט די דאזיגע ווערטער האט הערצל געענדיגט זיין רעדע, וועלכע איז אויפגענומען געווארען פון גאַנצען קאנגרעס מיט דונערענדע אפלאדיסמענטען און גרויס בעגייסטערונג. קיינער פון די פראקציאָניסטען האט זיך נישט געוואגט אַמויל צו עפענען. זעהענדיג אויף וויפיעל פער׳כשופ׳ט דער גאנצער עולם איז געוועזן אונטער דעם איינדרוק פון הערצל׳ס קראפטפולער רעדע, האבען זיי פערשטאַנען, אז טאמער וועט ווער עס איז פון זיי אין דעם מאמענט ארויסטרעטען געגען הערצל׳ען, וועט מען איהם צערייסען ווי א הערינג, און דעריבער האבען זיי געשוויגען. ביי זיי איז אבער געבליבען אויסצופיהרען זייער פלאַן בשעת עס וועט געלייענט ווערען דער בעריכט פון אקציאנס-קאמיטעט, אין וועלכען עס וועט אויך געוויס דערצעהלט ווערען וועגען הערצל׳ס אויפטהו אין פעטערבורג.

און אזוי איז אויך געוועזן. ארכיטעקטאר מאַרמאָרעק האט אין דער נאכמיטאג-רעדע פונ׳ם זעלבען טאג געלייענט פאַר׳ן קאנגרעס דעם אויספיהרליכען יערליכען דין-וחשבון פונ׳ם אקציאנס-קאמיטעט, און האט בעזונדערס אונטערגעשטראכען די שעהנע האפנונגען, וועלכע זענען פערבונדען פאר׳ן ציוניזם אין הערצל׳ס פעטערבורגער רייזע. פלוצלונג האט זיך דערהערט איבערען גאנצען זאַל:

— „פפוי!"

און מיט דעם האט זיך געענדיגט. אויף מעהר האט ביי די פראַקציאניסטען קיין מוטה נישט געקלעקט...

אויף מארגען איז אין דער באזעלער קאנגרעס-אויסגאבע פון

דער „וועלט" פערעפענטליך געווארען דער פראַנצויזישער טעקסט פון דעם בריף, וואס פלעווע האט געשריבען הערצל'ען. דאס האט נאך אַרויפגעגאסען בוימעל אויפ'ן פייער, און צווישען די פראקציאניסטען איז געווארען א גרויסער „ויצעקו". ספּעציעל צוליעב דעם איז בעשטימט געווארען א אווענד-זיצונג אין קאַפע „זאַפראן". צו דער דאזיגער זיצונג זענען שוין אבער נישט אלע פראקציאָניסטען געקומען. פאַר די לעצטע פאר טעג האבען זיך פון דער פראקציע אבגעברעקעלט א היבשע ביסעל מיטגליעדער, און צווישען זיי אזעלכע חשוב'ע ווי ד"ר בערנשטיין-כהן, מאָצקין, בוכמיל און אנדערע. און אוועקגעגאנגען זענען די דאזיגע חברים פון דער פראקציע, ווייל זיי האבען נישט געקאנט פערטראגען, אז אין דעם היסטארישען מאמענט, ווען דער ציוניזם איז אוועקגעשטעלט געווארען פאר אזא קארדינאלע פראגע: ארץ-ישראל אדער מזרח-אפריקא? זאלען זיך מענשען פערנעמען מיט אזוינע קלייניגקייטען ווי ענין פלעווע, און צו וועלען שטערען צוליעב דעם די ארבייט פון קאָנגרעס. די איבעריגע זענען אבער געבליבען ביי דאס זייעריגע, אז אויב מ'וועט הערצל'ען נישט „אבלערנען" פאר דער „מעשה-פלעווע", וועט דאס זיין א בגידה אין די דעמאקראטישע, און בעזונדערס אין די סאציאליסטישע פרינציפען. נאך לאנגע וכוחים איז בעשלאסען געווארען, אז ווען הערצל וועט אוועקשטעלען פאר'ן קאנגרעס די צוטרוי-פראגע, זאלען איהם די מיטגליעדער פון דער פראקציע אויסדריקען זייער אונצוטרוי.

דער בעשלוס איז אָבער אויך נישט אויסגעפיהרט געווארען. בשעת הערצל האָט אַ פרעג געטהון: „ווער איז געגען דעם צוטרוי צום אקציאָנס-קאָמיטעט?" האָבען זיך פון די הונדערטער דעלעגאטען אויפגעהויבען נור פיער הענד, צווישען וועלכע ס'האָבען זיך געפונען מעהר נישט ווי איין פראקציאָנער. די איבעריגע דריי זענען געווען: ד"ר אַלפרעד נאסיג, טריטש און ד"ר נחמן סירקין. מ'האָט זיך ווייטער בעראטען, און ס'איז געבליבען, אַז מ'זאל אנווענדען דעם לעצטען מיטעל: פאַר'ן שלוס פון קאָנגרעס, בעת עס וועט קומען צו די וואַהלען פון וויענער אונפירענדען קאָמיטעט, זאל מען ערשטענס זעהן ברענגען דערצו, דאס עס זאל אויסגעדריקט ווערען דער פערלאַנג, אַז מ'זאָל אויסקלויבען נישט אַלע מיטגליעדער מיט אַמאָל, אן בלאָק, ווי שטענדיג, נור יעדערען בעזונדער, און

בשעת עס וועט האלטען ביי הערצל'ען אלס פרעזידענט, זאל מען זיך ארויסזאגען געגען איהם.

דאס מאל האבען שוין די פראקציאניסטען געהאט ע פ י ס מזל: אויסנוצענדיג די גרויסע אונצופריעדענהייט פון א טייל אלגעמיינע ציוניסטען מיט הערצל'ען פאר דעם אוגאנדע-פראיעקט, האט זיך זיי איינגעגעבען זייער פלאן. א גרויסע מעהרהייט פון קאנגרעס האט פערלאנגט, דאס מ'זאל וועהלען יעדער מיטגליעד בעזונדער. ווען ס'איז אויסגערופען געווארען דער נאמען פון ד"ר הערצל אלס פרעזידענט, האט דער זאל אויף דעם געענטפערט מיט א שטורעם פון אפלאדיסמענטען. בשעת הערצל האט נאך דעם געשטעלט די פראגע: „ווער איז געגען"? האבען זיך אויפגעהויבען ז י ע ב ע ן הענד.

מיט דעם האט זיך געענדיגט די געפלאנטע פראקציאניסטישע מלחמה געגען הערצל'ען פאר זיין בעזוך ביי פלעווע'ן. בכלל האבען די פראקציאניסטען אפילו גארנישט אויסגעפיהרט; אבער אין איין פרט האבען זיי אבגעהאלטען א שטיקעל נצחון: ד א ס א י ז ג ע ו ו ע ז ן ד ע ר ע ר ש ט ע ר מ א ל ו ו א ס ס'ה א ב ע ן ז י ך א ו י ף א ק א נ ג ר ע ס ג ע פ ו נ ע ן ש ט י מ ע ן ג ע ג ע ן ה ע ר צ ל'ע ן.

* *
*

צוריקפאהרענדיג פון קאנגרעס איז מיר אויסגעקומען צו זיצען אין איין וואגאן מיט עטליכע פראקציאניסטען, וועלכע האבען צווישען זיך געפיהרט א שמועס וועגען זייער נישט געלונגענעם פראיעקטירטען קאמף געגען הערצל'ען. איך געדענק, אז דער רושם וואס זייער דעמאלסדיגער געשפרעך האט אויף מיר געמאכט, איז געוועזן דער: ווי ערביטערט זייער אלעמענס שטימונג איז נאך געוועזן געגען הערצל'ען, האבען זיי דאך געמוזט מודה זיין, אז דער צויבער פון זיין אנבליק, דער רייץ פון זיין רעדען און די גאנצע מאיעסטעטישקייט פון זיין וועזען, דאס אליץ צוזאמען האט ביי יעדען איינציגען פון זיי אבגענומען דעם מוטה און דעם חשק ארויסצוטרעטען עפענטליך געגען דעם גרויסען ציוניסטישען מנהיג.

א קליינע זעהר כאראקטעריסטישע בעמערקונג, וואס איינער פון די פראקציאניסטען האט דאן געמאכט איז פערבליבען אין מיין זכרון ביז אויף דעם היינטיגען טאג:

— נישט איין מאל איז מיר אויסגעקומען ארויסצוטרעטען אין גאַנץ גרויסע זשענעווער פערזאַמלונגען אין אַ צוויי־קאַמף מיט דעם סאָציאַליסטישען בערען אליין, מיט פ ל ע כ אַ נ אָ ו ע ן, און גאר אהן אַ שום פחד; אַרויסטרעטען געגען הערצל׳ען האב איך בשום אופן נישט געקאָנט; ס׳האָט מיר, פשוט, אָבגענומען דער לשון...

פון וואס נאָרדוי האט זיך בערוהיגט...

(אנ'איבערדערצעהלטער עפּיזאד).

הערצל און נאָרדוי האבען אָנגעהויבען פּאָפּולער צו ווערען ביי יודען כמעטביידע אין איין צייט. דערביי איז אָבער דאָ אַ קליינער אונטערשיעד: הערצל איז ביז דאַן געוועזן אין דער יודישער גאַס אַ לגמרי אונבעקאַנטע פּערזענליכקייט, בעת אז וועגען נאָרדוי'ען האט מען שוין דאָרטען לאנג גערעדט, נאָר מ'האָט נישט געוואוסט, אז ער איז אַ יוד.

בנוגע צו דעם האָט מיר אַמאָל לודוויפּאָל, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „הצופה", ערצעהלט דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען און פאר מאַקס נאָרדוי'ען זעהר כאַראַקטעריסטישען עפּיזאָד:

זינט דעם ערשטען קאָנגרעס אָן פלעגט נאָרדוי האָבען אַ סך בעזוכען פון סתם אינטעליגענטע רוסישע יודען, און בעזונדערס פון ציוניסטישע שריפטשטעלער און עסקנים, וואָס פלעגען דורכפאָהרען פּאַריז. דערביי פלעגען די דאָזיגע בעזוכער כמעט אלע עפּיס האַלטען ווי פאַר אַ חוב ביי'ם ערשטען שמועס אויסצורופען פּאַטעטיש צו נאָרדוי'ען: שטעלט אייך פאָר; מיר האָבען דאָך גאָר ביז אַהער נישט געוואוסט, אז איהר זייט אַ יוד!

דער דאָזיגער, אין פלוג גאַנץ נאַאיווער אויסרוף, וועלכער איז תמיד און פון יעדערען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אָהן אַ שום זייטיגער פּניה, און וואָס האָט גיכער געקלונגען אלס קאָמפּלימענט, האט קיינמאָל דעם גרייזען שריפטשטעלער נישט געשמעקט און איז איהם נישט געוועזן צום האַרצען. ווי ער האט שפּעטער ביי אַ געוויסער

באַלעגענהייט אַרויסגעזאָגט פאר איינעם פון זיינע מקורבים, פלעגט זיך איהם יעדעס מאָל, הערענדיג דעם דערמאָהנטען אויסרוף, אויס-דוכטען, אז יענער איז דאָ דערמיט אויסען איהם אַ שטאָך צו טהון פארוואָס ער האט זיך כל ימיו מרחיק געווען פון יודען און פון יודישקייט. פיהלענדיג ביי זיך, אז ער האָט דעם פּיק כשר פער-דיענט, האט ער אויף דעם קיינמאָל נישט רעאַגירט, און איז שטענ-דיג אויף איהם אַריבער מיט אַ שמייכל צו אַנ׳אנדער ענין.

נור איינמאָל האט פּאסירט אַ זא פאל:

דאס איז שוין געווען נישט אין פּאַריז, נאָר אויפ׳ן זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל. דאן אין אַ געוויסען נאָכמיטאג האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען אויף אַ בעזוך ביי נאָרדוי׳ען אין זיין האָטעל איינער פון די ציוניסטישע טהוער, אַ רייכער און אַ גע-בילדעטער יונגערמאן פון וואָהלינער גובערניע, מיט ר׳ פינחס ראָזאָווסקי׳ן, וועלכער איז פריער געווען אַ רב אין דעם קליינ-שטעדטל פּאָלאָנקע ביי סלאָנים און דערנאָך אין שווענצאן ווילנער גובערניע.

דער דאָזיגער ראָזאָווסקי איז געווען אין זיין צייט, און אפשר נאָך עד היום, אלס רב אַ יחיד במינו. אויסער זיין גרויסער גאונות אין לערנען און זיינע פיעלע יודישע ידיעות, האָט ער נאך דערצו בעזעסען אויך אַ קאָלאָסאַלע וועלטליכע ערודיציע. בעזונדערס איז ער געווען בעהאַווענט אין דער דייטשישער ליטעראַטור; אין די דייטשישע קלאַסיקער און פילאָסאָפען איז ער געווען קלאָר ווי אַ יוד אין „אשרי״, און האָט זיך תמיד שטארק אינטערעסירט מיט יעדער נייער ערשיינונג אויפ׳ן דייטשישען ביכער-מאַרק. שמואל יוסף פין פלעגט זאגען: „דער שווענצאנער רב קען אויף אויס-ווענדיג אַלע ספרים פון ר׳ מאַתעסעס (שטראַשינס) ביבליאָטעק און פון מיינער״...

אין דעם זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט זיך הרב ראָזאָווסקי בעטייליגט אלס דעלעגאַט פון „מזרחי״. זענענדיג פון נאָרדוי׳ס הייסע אנהענגער, האָט ר׳ פינחס ראָזאָווסקי געפונען אלס זיין חוב צו מאכען איהם אַ וויזיט. האַלטענדיג נאָך ביי׳ם אָנפאנג שמועס מיט נאָרדוי׳ען, איז אַריין דער וואָהלינער יונגערמאַן,

וועלכער האָט תּיכּף נאָך זיין פאָרשטעלן זיך אויסגערופן מיט גרויס התלהבות:

— שטעלט אייך פאָר: מיר האָבען דאָך גאָר ביז אַהער נישט געוואוסט, אז איהר זייט אַ יוד!

קוים האט דער יונגערמאַן בעוויזען צו פערענדיגען די דאָזיגע פראַזע, וועלכע האט ארויסגערופען ביי נאָרדוי'ען זיין ביי־אזעלכע פאלען געוועהנליכען שמייכעל, האט זיך ר' פינחס ראַזאָוווסקי אַ הויב געטהון פון זיין אָרט און אויך מיט התלהבות אויסגערופען: גאָט איז מיט אייך! ווי אזוי זאָגט איהר דאס, אז מיר האבען ביז אַהער נישט געוואוסט, דאס הער נאָרדוי איז אַ יוד? וואס הייסט מיר האבען נישט געוואוסט? מיר האבען עס גאנץ גוט גע־וואוסט. און וואס איז דאָ דער וואונדער? האט דען אזוינע ספרים ווי די „קאָנווענציאָנעלע ליגען", „פאראדאָקסען" און „ענטארטונג" געקענט שרייבען נישט קיין יוד? זעהט איהר דען נישט פאר אייך אין יעדע שורה, אין יעדער פראזע, דעם גרויסען יודישען נביא, דעם גרויסען יודישען מוכיח, וואס טרעט ארויס ווי אַבּי־אמאָליגער ישעיה אלס בעשולדיגער געגען דער וועלט און דער מענשהייט, וועלכע זינקען אין דעם תהום פון זינד? איז דען אַ נישט־יוד מסוגל צו נעהמען זיך מיט אזא דרייסטקייט פאר דעם אנאליטישען מעסער אום צו בעווייזען די פרינציפּענלאזיגקייט פון די אנער־קענטסטע וועלט־אוטאָריטעטען? געפינען מיר דען נישט אין „ענט־ארטונג" די אלטע מלחמה, וואס דאס יודענטום האט געקעמפט אין נאמען פון מוסר און גערעכטיגקייט געגען דער אינוועניג צעפוילטער שענקייט און געגען יענע העלעניסטישע גייסטיגע שאפונגען, „וואס האבען נישט קיין פרוכט, נור בלויז בלומען"?

נאָרדוי, וועלכער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט געקענט פאָר־שטעלען, אז אַ קליינשטעטלדיגער רוסישער רב'ל זאָל האָבען ווען עס איז געלייענט זיינע ווערק, האָט נישט געוואָלט גלויבען זיינע אויערען און איז געבליבען זיצען שווייגעדיג פון פריידיגער אויפרעגונג.

דער רב האט אויסגענוצט די אַריינגעטראָטענע פויזע און האָט זיך אָבגערופען:

— נור איין זאך וואונדערט מיך אויף אייך, און, אויב ס'איז ערלויבט צו זאָגען, פערדריעסט מיך אויך... געוועזן אַזוי נאָהענט, אזוי נאָהענט, און נישט אַראָב אפילו אויף אַ ווייל...

נאָרדוי האָט אָנגעקוקט דעם רב זעהר ערשטוינט נישט פער־שטעהענדיג וואָס ער האָט מיט דעם געהאָלט זאָגען. ראָזאָווסקי האט נישט געוואָרט ביז נאָרדוי וועט איהם פרעגען, און האט גלייך מוסיף געווען:

— איך האָב געלייענט אייער רייזע־בעשרייבונג „פאָן קרעמל צום אלבאמבראַ". ווי שען, ווי קונסטפול איהר שילדערט דאס לעבען אין די רוסישע הויפטשטעדט! פאַרוואָס האָט איהר זיך שוין אָבער פאַר איין וועג נישט פעראינטערעסירט, לאָמיר זאָגען, למשל, מיט אונזער אַלטער ירושלים דליטא? וויפיעל אוצרות פון איינדריקען וואָלט איהר דאָרטען אַרויסבעקומען, און פון יודישע איינדריקען?!

נאָרדוי, עפּיס ווי ער וואָלט זיך געפּרובט פערטיידיגען, האָט אויף דעם געענטפערט:

— מיין נסיעה האָב איך געמאַכט ווינטער־צייט. אייך איז דאָך, מן הסתם, בעקאַנט די רוסישע וועג־פערבינדונג, און בעזונדערס אין ווינטער?

דער רב, וועלכער האָט, קענטיג, געקריגען גרויס חשק נאָך מעהר אַרויסצוווייזען זיין גרויסע בקיאות אין דער דייטשישער ליטער־אַטור, האָט זיך אָבגערופען אין אַ גאַנץ בנעימות־דיגען טאָן:

— ווינטער, זאָגט איהר; היינריך היינע'ס רייזע איבער פוילען, אזוי הייסט, דוכט זיך, זיין אַרטיקעל: „איבער פוילען"? איז אויך געווען אין ווינטער, און דאָך, איהר געדענקט דאָך, געוויס, זיינע איינדריקען איבער די פוילישע יודען?

ווי גערירט פון דעם רב'ס תמימות האָט זיך נאָרדוי האַרציג פונאַנדערגעלאַכט. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטהון:

— אין ווילנא וואָלט זיך ווירקליך געלוינט צו זיין; פון אַרום ווילנא שטאַמט דאָך מיין מוטער...

און צווישען דעם גרויסען אייראָפּעאישען שריפטשטעלער מיט דעם קליינשטעטלדיגען רב'ל האט זיך ענטשפּונען אַ געמיטליכער, אָבער גאַנץ ערענסטער שמועס וועגען די אָפּטימיסטישע און פּעסי־מיסטישע וועלט־אָנשויאונגען אויף וויפיעל זיי שפּיגלען זיך אָב אין די שאַפונגען פון די פערשיעדענע דייטשישע קינסטלער און פילאָזאָפען.

פון דעמאָלסט אָן — אזוי האָט פערענדיגט לודוויפאָל — ווען עמיצער פלעגט ווען עס איז אַ זאָג טהון נאָרדוי־ען: „מיר האָבען זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אז איהר זייט אַ יוד!״ פלעגט ער זיך אין יענער פאַר איהם זעהר אונאַנגענעהמער מינוט דערמאָהנען אָן זיין שמועס מיט׳ן שווענצאַנער רב, און פלעגט זיך תיכף בערוהיגען...

שאול פנחס ראבינאוויטש (שפ"ר).

I

בשעת דעם אויסברוך פון די ערשטע פאָגראָמען, אין די יאָהרען 1881—2, ווען די רוסישע צייטונגען האָבען, אויס מורא פאר דער צענזור, נישט געקאָנט פערעפענטליכען די פאָרגעקומענע געשעהענישען, האָבען זיך דאַן אין דעם לאָנדאָנער „טיימס", דאָס גרעסטע און חשוב'סטע ענגלישע טאָגבלאַט, געדרוקט נאָך דער רייה גרויסע בריעף פון רוסלאַנד, וועלכע האָבען איבערגעגעבען די פאַקטען אין זייער גרויזאַמער ווירקליכקייט.

די דאָזיגע בריעף האָבען אויפגערודערט אין זייער צייט די גאַנצע וועלט. די עפענטליכע מיינונג אין אייראָפאַ און אַמעריקאַ האָט זיך עמפערט געגען די עוולות, וואָס ווערען בעגאַנגען מיט יודען אין רוסלאַנד; פון אַלע זייטען זענען געפלויגען די שאַרפסטע פראָטעסטען מיט די אונטערשריפטען פון גרעסטע פערזענליכקייטען, קריסטליכע און יודישע, און פילאַנטראָפען מיט ווייכע הערצער האָבען אָנגעהויבען צו שיטען נדבות לטובת די אומגליקליכע, די קרבנות פון די פאָגראָמען.

אין די קרייזען פון דער העכסטער ביוראָקראַטיע האָבען די דערמאָהנטע בריעף אַרויסגערופען גרויס צער און עגמת-נפש. אין דער בעריהמטער פעטערבורגער „דריטער אָבטיילונג", וואוהין עס זענען זיך דעמאָלט צוזאַמענגעלאָפען די פעדים פון דעם פאָליטישען שפיאָנאַזש, איז מען געזעסען און מ'האָט זיך געבראָכען דעם מח: ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט פאַסירען? דורך וועמען איז דאָס אַלץ דערגאַנגען צום „טיימס"?

אין יענער צייט האָבען געוואוסט נור ווייניגע, געצעהלטע מענשען, פון וואַנען די בריעף שטאַמען. זיי האָבען געוואוסט, אז עס פערנעהמט זיך מיט דעם אַ גאַנץ קליינע גרופּע פון העב־רעאישע שריפטשטעלער, און אז דער הויפּט-אנפיהרער פון דער זאַך איז—שאול פינחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר) פון וואַרשא.

און שפ״ר איז דעמאָלט געווען אַ האַלבער שריפטשטעלער און אַ האַלבער לעהרער. ביז מיטאָג איז ער געזעסען און געשריבען פּאָליטיק אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה", און פון נאָכמיטאָג ביז 11 אין אָווענד איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און „געגעבען שטונדען" אין העברעאיש, און נאָכהער ביז זייגער 2 אָדער 3 נאָך האַלבע נאַכט האָט ער ביי זיך אין אַלקערל געלייענט די „איוב׳ס-פּאָסטען", די „מגלות איכה", וואס זענען ערהאַלטען געוואָרען אויף זיין נאָמען אין פערלויף פון טאָג, און, לייענענדיג, האָט ער סאָרטירט די ידיעות און די פרטים, האָט צוגעגעבען, וואו מען בע־דאַרף, די נויטיגע ערקלערונגען און האָט עס איבערגעשריבען אויף ריין, און אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך שוין דער „לאָגעל פון די יודישע טרעהרען" געקייקעלט אויפ׳ן וועג קיין לאָנדאָן...

און שפ״ר איז דאַן געווען אַ פאָטער פון פינף קינדער, און די זשורנאַליסטיק צוזאמען מיט דער מלמדות האָבען איהם נישט גע־געבען אפילו די העלפט חיונה, און געפינענדיג זיך אין אזא לאַגע האָט ער גאַנץ אָפט פערברויכט זיינע לעצטע גראָשענס אויף פּאָסט-מאַרקעס...

די פּאָגראָמען האָבען זיך דערווייל געטהון דאָס זייעריגע. טויזענדער יודישע פאַמיליעס זענען רואינירט געוואָרען און פער־בליבען הויל און נאַקעט, נאָך אַנדערע טויזענדער האָבען זיך גע־פונען זיצען ווי אויף אַ וואולקאַן, און אַלע האָבען זיי גענומען אין דער האַנד דעם וואַנדערשטעקען און האָבען זיך געלאָזען לויפען וואוהין די אויגען וועלען זיי טראָגען. די גאַליצישע גרעניץ-שטאָדט בראָד איז ממש פערפלייצט געוואָרען מיט ענטרונענע היימלאָזע יודען, וועלכע האָבען זיך געריסען קיין אַמעריקא. עס זענען זיך דאָרט דאַן צוזאַמענגעפאָהרען אייניגע פון די פּראָמינענטע יודישע פּערזענליכקייטען, ווי ר׳ שמואל מאָנטאַגאָ, בעקאַנט אונטער דעם נאָמען לאָרד סוויטלינג, פון לאָנדאָן; קאַרל געטער, דער פער־וואַלטער מיט די ענינים פון דער פּאַריזער חברה „כל ישראל

חברים״; און מיט זיי איז געקומען אויך דער דעמאָלט אונטער יודען פּאָפּולער געוועזענער קריסטליכער פילאַנטראָפּ לאָרענס אָליפאַנט. די דריי זענען, געריהרט פון׳ם יודישען קאַטאַסטראָפּאַלען צושטאַנד, געקומען קיין בראָד מיט דעם גוטען ווילען, עפּיס אויפצוטהון פאַר די אַנגעלאָפענע מאַסען. זיי האָבען אָבער נישט געוואוסט וואס צו אונטערנעהמען און ווי אַזוי צו לינדערן די נויט.

אט האבען זיי זיך דערמאהנט אָן דעם וואַרשאווער העברעאישער לעהרער, אָן שאול פּינחס ראַבינאָוויטש׳ן, און האבען איהם טעלעגראַפיש אַרויסגערופען קיין בראָד.

אין יענער צייט האט זיך שוין שפ״ר פיעל אבגעגעבען מיט דעם פּראָבלעם פון דער יודישער עמיגראַציע. „בשעת דער שטראָם פון דער יודישער עמיגראַציע האט זיך אנגעהויבען צו שטאַרקען — אַזוי דערצעהלט שפ״ר׳ס ביאָגראַף, אברהם יעקב סלוצקי — האט שפ״ר וועגען דער פראגע קארעספּאָנדירט מיט פערשיעדענע עסקנים אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד 18 שעה אין מעת-לעת״. שפ״ר, וועלכער איז געווען אַן׳עני מדוכא און פערשלונגען אינגאַנצען אין פערזענליכע דאגות פאַר דער עקזיסטענץ פון זיין פאַמיליע, האט זיך מיט אמאָל אבגעזאגט פון זיינע אייגענע, טאג-טעגליכע פרנסה-אינטערעסען און האט אַוועקגעגעבען זיין גאַנצע צייט מיט די כחות די געזעלשאַפטליכע ענינים פונ׳ם יודישען פאלק.

שפ״ר איז געקומען קיין בראד צוזאמען מיט דעם בעוואוסטען ביאַליסטאָקער רב ר׳ שמואל מאָהילעווער. דאָרט האט ער זיך בעגעגענט אויג אויף אויג מיט די פּאָגראמירטע יודען, וואס ער האט געשילדערט זייער אומגליק אין „טיימס״, און דארט איז ער דער ערשטער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז נישט פון אַ פּאַנישען אנטלויפען, נישט דורך אַ בהלה-עמיגראַציע וועלען יודען געהאָלפען ווערען, און אז דאס פּראָבלעם פון דער עמיגראַציע איז אַ שטיק תורה, וועלכע מען דאַרף לערנען און שטודירען. און אין זיין מוח זענען שוין אַרויפגעשוואומען פערשיעדענע פלענער און פּראָיעקטען, ווי און אויף וואס פאַר אַנ׳אופן איינצואָרדנען און צו ארגאניזירען די בעוועגונג און צו געבען איהר אַ געהעריגען נארמאַלען פנים.

פון דעמאלט-אָן איז שפ״ר מפורסם געוואָרען אלס בקי אין די ענינים פון „די יודישע צרות״, און בעת ס׳איז אין אַ קורצער צייט אַרום פאָרגעקומען אין פּעטערבורג דער צוזאַמענפאָהר פון די

יודישע קהלות. איז ער געווען, אויסער נאָטאָוויטש׳ן, דער דעמאלס־דיגער אַרויסגעבער פונ׳ם גרויסען רוסישען טאגבלאט „נאָוואסטי״, דער איינציגער זייטיגער מענש, וועלכער האט בעקומען אנ׳איינ־לאדונג צו בעטייליגען זיך אין דער קאנפערענץ. אין דער אנ־וועזענהייט פון פאליאקאוו׳ן און באַראן הארץ גינצבורג און די אלע אנדערע יודישע פלוטאקראַטען, די דעמאלסדיגע פארשטעהער פונ׳ם רוסישען יודענטום, האט שפ״ר אבגעגעבען אנ׳אויספיהרליכען בעריכט וועגען די פאגראמען און זייערע סבות, און וועגען דער פראגע פון עמיגראַציע, און ווי מען דאַרף די זאך איינאָרדנען; דערביי האט ער פאָרגעלעגט אַ גאנצע רייה פראָיעקטען, ווי אזוי לייכטער צו מאכען דעם יודישען מצב צייטווייליג. אין דעם צו־זאמענפאהר האבען אבער דאן געבלאָזען לגמרי אנדערע ווינטען. דער פאלשער פאַטריאָטיזם האט מנצח געווען די אמת׳ע בע־דערפנישען פונ׳ם יודישען פאלק, און פאָליאַקאוו האט אָבגע׳־פסק׳ענט, אז אוב פאר יודען איז נישטא קיין אנדער רעטונג, ווי נור צו פערלאזען דאס לאנד, איז שוין גלייכער, אז זיי זאָלען בעזעצען די מדבריות פון אונזער, ד. ה. פון דער רוסישער, אַחאַל טעקע, איידער זיי זאלען אויסוואַנדערן אין דער פרעמד. מיט אַ צעוועהטאגט האַרץ האט זיך דאן שפ״ר צוריקגעקעהרט פונ׳ם דאזיגען צוזאמענפאהר אהיים קיין ווארשא.

שפ״ר האט זיך דעמאלט צוריקגעקעהרט צו דער זשורנא־ליסטיק; ער האט בענייט זיין אַרבייט אין „הצפירה״, און איז אויך געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פונ׳ם יודיש־רוסישען וואכענבלאט „רוסקי יעוריי״, וועלכער איז דעמאָלט ארויס אין פעטערבורג אונטער דער רעדאקציע פון ד״ר י. ל. קאַנטאָר.

אין איינעם פון יענע טעג — איך האב דאן געוואוינט אין ווארשא — האב איך ערהאלטען אַ בריעף פון דעם דעמאָלט ווייט און ברייט בעריהמט געוועזענעם יודיש־רוסישען נאָוועליסט לע־וואַנדע פון ווילנא, וועלכער האט מיר געשריבען אונטער אנ־דערן: „אפשר קענט איהר אין ווארשא דעם שרייבער פון דער סעריע אַרטיקלען אין „רוסקי יעוריי״ אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען „פון די ברעגען פון ווייכסעל״, וועלכער חתמ׳עט זיך „פ. ר.״? אויב איהר זענט מיט איהם בעקאַנט, גערי‌סט איהם אין מיין נאמען

און זייט מיר מודיע, ווי אזוי איז זיין מיינונג וועגן דעם געדאנק פון ישוב ארץ־ישראל".

איך האב שוין דאן געוואוסט, אז אט דער „פ. ר.", וואס לע־וואנדע פרעגט זיך אויף איהם נאך, איז שאול פינחס ראבינאוויטש; איך האב אויך געהערט פון לייטען, אז שפ"ר איז נישט קיין חסיד פון דעם חבת־ציון־געדאנק, און אז ער האלט מיט די, וואס גע־פינען פאר גלייכער צו גרינדען א יודישען צענטר אין אמעריקא, כאטש ער האט עפענטליך די דאזיגע מיינונג קיינמאל נישט ארויס־געזאגט. איך האב מיך אבער נישט געוואלט פערלאזען אויף די רעד פון אנדערע, און איידער איך האב אבגעענטפערט לעוואנדע'ן, האב איך מיך בעקענט מיט שפ"ר'ן, אום צו הערען זיין מיינונג פון איהם אליין פערזענליך.

און איך האב אויף דעם קיין חרטה נישט געהאט. קוים האט שפ"ר גענומען רעדען וועגען דעם ענין, האב איך מיך באלד איבערצייגט, אז עס שטעהט פאר מיר א פלאמענדיגער חובב־ציון.

II

שפ"ר האט מיר דערצעהלט, אז טאקע נאך דא גאר נישט לאנג איז ער געווען א געגנער פון חבת־ציון און האט זיך אנגעשלאסען אן דער פארטיי פון „עם־עולם", וועלכע זעהט א האפנונג פאר דער יודי־שער צוקונפט נור אין אמעריקא. אבער די פאריגע וואך איז דורכגע־פאהרען ווארשא סמאלענסקין, דער רעדאקטאר פון „השחר", און ער האט אויף איהם געווירקט און געוואונען איהם פאר דעם געדאנק פון ישוב ארץ ישראל.

— זעהר שווער איז אנגעקומען סמאלענסקינ'ען — אזוי האט מיר דעמאלט שפ"ר דערצעהלט — אריבערצוציהען מיך אויף דער זייט פון די חובבי־ציון. צוויי נעכט נאכאנאנד האט ער מיט מיר דיסקוסירט. ער האט כמעט איבערגע'חזר'ט פאר מיר אויסוועניג זיין גאנצען „עם־עולם" מיט א גאנץ פעקעל נייע טענות און ראיות, און איז מיר נישט בייגעקומען. די דריטע נאכט האט ער אויף מיר אבגעהאל־טען א נצחון.

און שפ"ר האט פערענדיגט:

— אויב סמאלענסקין האט געווירקט אויף מיין הארץ און מיינע געפיהלען, איז נאכהער געקומען דוד גארדאן, דער רעדאקטאר

פון „המגיד", און האט בעאייגפלוסט מיין פערשטאנד און מיין לאגיק, און איצט בין איך א חובב־ציון פון הארצען און אויך פון מוח.

מ׳דארף בעמערקען, אז שפ״ר איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך אנגעהויבען צו בענוצען מיט דעם אויסדרוק „חובב ציון" אין זין פון איבערגעבענהייט צו דעם גדאנק פון ישוב ארץ ישראל.

נאך דעמזעלבען טאג האב איך געשריבען לעוואנדע׳ן און איבערגעגעבען איהם דעם אינהאלט פון מיין געשפרעך מיט שפ״ר׳ן. דערביי האב איך געפרעגט לעוואנדע׳ן, מיט וואס אזוינס האט ביי איהם אזוי שטארק אויסגענומען דער שרייבער פון דער ארטיקעל־סעריע „פון די וויכסעל־ברעגען", דאס ער האט געפונען פאר נויטיג צו אינטערעסירען זיך מיט זיין מיינונג וועגען ישוב ארץ־ישראל.

אויף מיין דאזיגער פראגע האב איך פון לעוואנדע׳ן דעמאלט קיין תשובה נישט בעקומען.

ערשט אין עטליכע יאהר ארום, אז איך האב מיך אמאל גע־טראפען מיט לעוואנדע׳ן ביי איהם אין ווילנא, און דאס געשפרעך איז צווישען אונז אריבער וועגען שפ״ר, האט ער מיר, פארבייגעהענ־דיג דערצעהלט, אז נאך דעם פעטערבורגער קהלות־צוזאמענפאהר פון יאהר 1881 האט ער זיך בעגעגענט מיט נאטאוויטש׳ן, וועלכער האט זיך בעקענט אויף דער קאנפערענץ מיט א יודישען שריפט־שטעלער, וואס האט אויף איהם געמאכט א גוואלדיגען איינדרוק מיט זיין טיעפזין און חריפ׳ישען מוח און מיט זיין גרויסער ערודיציע אין דער יודען־פראגע לויט איהר מצב אין רוסלאנד און אין דער גאנצער וועלט, און אז דער דאזיגער שריפטשטעלער איז דאס „פ. ר.", דער שרייבער פון די ווארשאווער בריעף, וועלכע דרוקען זיך כסדר אין „רוסקי יעווריי".

הערענדיג דאס פון לעוואנדע׳ן איז מיר אויפגעקלערט געווארען מיין אלטע פראגע.

שפ״ר איז צוגעשטאנען צו דער חבת־ציון־בעוועגונג א סך שפע־טער ווי אלע אנדערע, מיט וועמען איהם איז נאכהער אויסגעקומען צו ארבייטען. אין ארץ ישראל האבען זיך שוין געהאט געגרינדעט די ערשטע דריי קאלאניעס, און ער האט זיך נאך אלץ נישט בעוויזען צווישען די רייהען פון די אפיציעלע חובבי־ציון.

ערשט אנהויב זומער 1883 האט שפ״ר צו זיך צוזאמענגערופען

אַ מנין מענשען, און געגרינדעט מיט זיי אַ חברה פאר ישוב אֶרץ ישראל אונטערן נאמען „שארית-ישראל". צווישען די חברים פון דער דעמאהנטער חברה איז געווען אויך דער שפּעטער אזוי בעריהמט געווארענער ערפינדער פון „עספּעראַנטאָ", ד"ר לודוויג זאמענהאף.

פון יענער צייט אָן האט זיך אנגעהויבען די אמת'ע ארבייטס-עפּאכע אין דער געשיכטע פונ'ם פּאלעסטינא-געדאנק.

ביז יענער צייט איז די בעוועגונג געווען בעגרעניצט אין צייטונגס-ארטיקלען און אין בראשורען, אין דיסקוסיעס און אין רעדעס. שריפטשטעלער האבען געשריבען און רעדנער האבען גערעדט, און מיט דעם האט זיך עס פערענדיגט. די אַרטיקלען האבען געווירקט און געמאכט אַ רושם; דא און דארט האבען זיך דערוועקט יחידים און עפּיס געטהון. אבער די יחידים זענען געווען צעווארפען, צוזייהט און צושפּרייט אהן אַ וועלכער ס'איז פערבינדונג, און די מעשים האבען נישט געהאט אונטער זיך קיין באדען. אָפט האט אַ צווייטער צעשטערט דאס וואס דער ערשטער האט אויפגעבויט, אפט האט מען געטהון דאס, וואס מ'האט גאר נישט געדארפט, אדער נישט וואו מען דארף און ווען מען דארף, און אלץ איז געווען ווי צושוואוּמען אהן אינהאלט, אהן אַ פאָרם.

אָן אלץ האט זיך געשפּירט, אז עס פעהלט אַ פעסטע און אַ שטארקע האנד, וואס זאל צוזאמענבינדען און צוזאמענהאלטען די צושפּרייטע קרעפטען, אז עס פעהלט אַ צענטראלע פיגור, וואס זאל זיין דיענען אלס וועג-ווייזער, און וואס זאל אנפיהרען מיט דער גאנצער ארבייט.

און אלס אזעלכער האט זיך אָנגעפונען שפּ"ר.

זינט שפּ"ר איז געווארען אַ חובב-ציון, האט ער אוועקגעלאזט די „הצפירה" מיט דער רוסישער זשורנאליסטיק מיט דער מלמדות מיט זיינע שטוביגע ענינים און אַלץ, וואס ס'האט איהם ביז-אהער אינטערעסירט און געווען איהם נאהנט צום הארצען, און האט זיך איינגאנצען אבגעגעבען דער ארבייט פאר ישוב ארץ-ישראל. דער דאזיגער קרענקליכער און בלאסער מאן האט בעזעסען אנ'אויסער-געוועהנליכע ענערגיע מיט אנ'אייזערנעם רצון און מיט אנ'אויס-דויער-קראפט, וועלכע זענען זעלטען צו געפונען אפילו ביי די טיכטיגסטע כלל-טהוער. פלייסיג און ארבייטס-לוסטיג פון דער נאטור

האט ער זיך אריינגעווארפען אין דער חבת-ציון-בעוועגונג מיט לייב און זעעל.

זיין ערשטע אַרבייט איז געווען צו פעראייניגען די צעוואָרפע-נע כחות פון די איינצעלנע חובבי-ציון. געטהון האָט ער עס דורך זיין רייכער קאָרעספּאָנדענץ. דער מענש האָט ממש נישט געגעסען און נישט געטרונקען און מיט אַנ'אויג נישט צוגעטהון, נור געזעסען כסדר טאָג און נאכט פערשפּאַרט אין זיין קאַבינעט און געשריבען בריעף. ער האָט קארעספּאָנדירט מיט מאסען מענשען אין לאַנד און אין אויסלאנד. און געשריבען האט ער צו יעדען, אין וועמען ער האָט אַליין דער-פיהלט, צי ער האט געהערט וועגען איהם פון אַנדערע, אז ער איז נוטה, אדער אַז מ'קאן איהם צוציהען צו דעם פּאַלעסטינאַ-געדאַנק. ער האָט געשריבען צו פעריזאנען פון די פערשיעדענסטע פאלקס-שיכטען: צו כלל-טהוער, צו פרנסים, צו פאָרשטעהער פון קהלות, צו בע-וואוסטע גבירים, צו רבנים, צו לעהרער, מלמדים און צו ישיבה-בחורים. און יעדער בריעף איז געווען אַ מגלה, אַ גאַנצער קונטרס, אַ גרויסער ים פון דריי-גאָרענדיגע תנ"כי'שע מליצות, וועלכע האָבען געאָטעמט מיט א שטארקער ליעבע און מיט גרויס בענקעניש צו דעם לאנד פון די אבות, צו ציון און צו ירושלים. דער דאזיגער טרוקענער מענש, דער דאזיגער חריפות-למדנ'ישער האָהר-שפאַלטער, וועלכער האט קיינמאָל נישט געהאט קיין אויער פאר'ן פּאָעטישען, קינסטלערישען ווארט, איז געווען אַנ'אויסטערלישער מליץ לויט דעם געשמאַק פון יענער צייט, און זיינע מליצות האבען זיך געגאסען פון דער פעדער ווי פון א שטראמיגען קוואל און האבען געמאכט אויף די לעזער אַ גוואלדיגען איינדרוק. יעדער בריעף, וואס פלעגט אנקומען פון שפ"ר'ן אין אַ אגודה פון חובבי ציון, איז געווען אין זיין צייט ווי אַ העכסט-וויכטיג געשעהעניש, וואס פלעגט בעגייסטערן דעם עולם, אויפמונטערן די אָבהענדיגע און אריינפליסען פרישען מוט צו ארבייט. שפ"ר'ס בריעף פלעגען געלעזען ווערען אויף פאלקס-פערזאמלונגען און אויף די בימות פון די שוהלען און בתי-מדרשים; שפ"ר'ס בריעף פלעגען איינגעבונדען ווערען אין גאנצע ביכער, וועלכע פלעגען ארומ-וואנדערן פון האנד צו האנד, און נישט אין איין שטאדט געפינט איהר נאך ביים היינטיגען טאג די דאזיגע איינגעבונדענע שפ"ר'ס בריעף אין הייזער פון יחידים, ווי א זעלטענער אוצר.

פלעגט אנקומען פון ארץ-ישראל א פרעהליכע ידיעה, אז אין

דער און אין דער קאלאניע זענען געראטען די ווייץ, און אז אין דער אנדער קאלאניע דארף מען ערווארטען א גוט גערעטעניש אויף טרויבען, פלעגט עס שפ״ר תיכף מפרסם מאכען צווישען די חברות אין הונדערטער פלאמענדיגע און בעגייסטערטע בריעף. טאמער פלעגט, פערקעהרט, אנקומען פון פאלעסטינא א טרויעריגע ידיעה וועגען אנ׳איבערפאל פון בעדואינער, פלעגט עס שפ״ר אויך באלד מודיע זיין די אגודות מיט א צוגאב פון טרייסט־ווערטער און פון גוטע הבטחות אויף דער צוקונפט, געשריבען לויט דעם טאן און דעם נוסח פון די נחמות פון די אמאליגע נביאים, און דאס אלץ נור כדי צו פערהיטען, אז די הערצער זאלען נישט אבגעקיהלט און די געפיהלען זאלען נישט פערגליווערט ווערען. טאמער האט שפ״ר בעמערקט, אז אין א וועלכער־עס־איז שטאדט איז שוואך געווארען די ארבייט, האט ער באלד אנגעהויבען צו פערווארפען די טהוער מיט מוסר־בריעף און גיסען אויף זיי „פעך און שוועבעל״, און פלעגט נישט רוהען ביז ער פלעגט בעקומען פון דער דאזיגער שטאדט א תשובה מיט א צוזאג „גוט און פרום צו ווערען״. ווען שפ״ר פלעגט בעקומען א ידיעה פון א וועלכער־עס־איז אגודה, אז דער שטאדטישער פרנס, דער גביר אדער דער רב, לעגען שטרויכלונגען די חובבי־ציון און שטערען זיי אין זייער ארבייט, האט ער זיי תיכף פערפלייצט מיט א מבול בריעף, געשריבען זעהר שטרענג און מיט מאסען ציטאטען, גענומען פון דער תלמודי׳שער און פון דער רבנ׳ישער ליטעראטור און אויך פון דער געשיכטע. יעדען איינציגען פון זיי פלעגט ער שרייבען לויט זיין געשמאק און זיין השגה, און אלץ מיט דעמזעלבען מליצה־סטיל, געפלאכטען פון האלבע פסוקים, און תמיד פלעגען די בריעף מאכען א רושם, און פון די שטאדטישע „חובבים״ פלעגט באלד אנקומען אנ׳ענטפער, אז די שטערער האבען אוועקגעלעגט זייערע כלי־זיין און זיי ארבייטען שוין נישט געגען די בעוועגונג.

און שפ״ר פלעגט שרייבען זיינע בריעף נישט בלויז אין העברעאיש, נור אויך אין רוסיש און דייטש, וואס ער האט געשריבען מיט א סך עטימאלאגישע און סינטאקסישע פעהלער, אבער אין זעהר א שעהנעם און מאדערנעם ליטערארישען סטיל. יעדעס ווארט איז געווען אויף זיין ארט, און יעדער אויסדרוק — געפיילט און געשליפען. לצוואנדא פלעגט שטענדיג זאגען, אז איהם איז שווער צו גלויבען, אז די רוסישע און העברעאישע בריעף ווערען געשריבען פון איין

מענשען. גלייך זענען געווען די בריעף אין דעם, וואס אין זיי אלעמען האט זיך אויסגעדריקט א טיפע איבערגעבענהייט צו דער בעוועגונג און א שטארקער גלויבען אין איהר צוקונפט.

דער היסטאָגראַף, וועלכען ס׳וועט אמאָל אויסקומען צו שרייבען די געשיכטע פון דער חבת־ציון־בעוועגונג אין איהר ערשטער תקופה, וועט געפונען פאר זיך אין שפ״ר׳ס בריעף צו די אגודות און צו פריוואט־מענשען זעהר א רייכען און וויכטיגען מאטעריאל.

שפ״ר האט געשריבען נישט בלויז בריעף, נור אויך פארשלא־גען, פראיעקטען און פלענער פאר דער ארבייט אין גלות און אין א״י, וועלכע ער פלעגט איבערשיקען צום בעטראַכטען די פארשטעהער פון די חברות אין די גרעסערע פראווינץ־שטעדט. אזעלכע פארשלא־גען פלעגט ער אריינשיקען די אגודות עטליכע צעהנדליג א וואך. דערביי איז ער געווען אַ גרויסער קפדן און האָט נישט נאָכגעלאָזט פון זיינע פלענער אפילו אַ קוצו של יוד, סיידען נאָך אַ לאַנגען און זעהר א האַרטען בריעפליכען קאַמף. גאַנץ אָפט פלעגט טרעפען, אז ער פלעגט זיך פלוצלינג דערמאָהנען, אַז ער האט פערגעסען אַריינ־צושרייבען אין דעם און דעם פארשלאג א נויטיג ווארט; אין אזעל־כע פאלען פלעגט ער נאכשיקען דאס אַרויסגעפאַלענע וואָרט אין אַנ׳עקסטרא־טעלעגראַמע. און אַזוי ווי ער איז תמיד געווען אַ גרויסער טרוד אין זעהר צושטרייט, פלעגט ער שטענדיג אויסלאָזען ווערטער און פסדר טעלעגראַפירען. נישט איין טהוער פון די חובבי־ציון אין דער פראָווינץ האָט אויף שפ״ר׳ן געהאַט תרעומות, פאַרוואָס ער פער־מאַטערט איהם מיט זיינע בריעף און מיט זיינע טעלעגראַמעס. אין איין נאַכט האָט אַמאָל לעוואַנדאָ דערהאַלטען פון שפ״ר׳ן פינף טעלע־גראַמעס וועגען וויסאָצקי׳ס נסיעה קיין ארץ־ישראל. די לעצטע דעפע־שע וועגען דעם דאָזיגען ענין האָט ער פון איהם בעקומען 6 פארטאָג, און לויט ווי עס איז געווען צו זעהן, איז זי איהם ארויסגעשיקט געוואָרען פון ווארשא זייגער 3 נאָך האַלבע נאַכט.

לעוואַנדאָ, און אויך אַנדערע טהוער, האָבען אבער שפ״ר׳ן תמיד עס מוחל געווען, ווייל זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אז זי שטאַמט נור פון זיין טיעפער איבערגעבענהייט צו דעם פאַלעסטינאַ־אידעאל, פאַר וועלכען ער האט אלץ אויפגעגעבען.

שפ״ר׳ס בריעף בעשאפען אין זייער צייט אנ׳ערך 60 גוט־אָרגאַניזירטע חברות פון חובבי־ציון אין פערשיעדענע שטעדט. די מיטגליעדער פון

די חברות זענען געווען פערזאָנען פון אַלע פאָלקס־שיכטען: אַרטאָ־דאָקסען און פּראָגרעסיסטען, אינטעליגענטען און מאַסען־מענשען. אין די אוניווערזיטעטס־שטעדט זענען דורך איהם געגרינדעט געוואָרען חברות פון סטודענטען, און פאַר אַלעמען איז געווען שפּ״ר׳ס אבע־פּעהל — קודש קדשים. עס פלעגט אַמאָל אָנקומען אַ פעראָרדנונג פון ביאַליסטאָק און אַמאָל פון אָדעס, און ביידע פלעגען ווערען אָבגע־וואָרפען; פלעגט זי נור קומען מיט שפּ״ר׳ס הסכמה, איז דאָס תיכף אָנגענומען געוואָרען. מ׳האָט איהם בעטראַכט פאַר דעם גענעראַל פון די חובבי־ציון. אזוי גרויס איז געווען זיין השפּעה.

III

שפּ״ר האָט זיך נאָך אָבער נישט בענוגענט מיט דער בלויזער עקזיסטענץ פון די דערמאָהנטע אגודות, און ער האָט גע־שטרעבט צו עפּיס גרעסערס. סוף־כל־סוף איז די טעטיגקייט פון די אגודות געווען אַנ׳אונטערערדישע, אויס מורא פאַר דער מאַכט, און די גרויסע מאַסע האָט זי לחלוטין נישט געקאַנט, אָדער זי האָט וועגען דעם, וואָס עס קומט פאַר צווישען די חובבי ציון, גע־האַט אַ גאַנץ שוואַכע און נעבעלהאַפטע ידיעה. דאָס האָט שפּ״ר גענומען אין אַכט און בעשלאָסען צו מאַכען אַנ׳עפענטליכע דעמאָנסטראַ־ציע דעם חבת־ציון־געדאַנק, וואָס זאָל צוגלייך דיענען אַלס פּרובּיר־שטיין, אויב עס טליעט נאָך ערגיץ אינ׳ם הארץ פון יודישען פאָלק אַ וועלכער עס איז פונק פון בענקעניש נאָך ארץ־ישראל. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און ער האָט געפונען צו דעם אַ פּאַסענדע געלעגענהייט. ס׳איז דאַן גראַד אויסגעקומען דער הונדערט־יעהריגער געבורטס־טאָג פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע. מאָנטעפיאָרע איז געווען דער פּאָפּו־לערסטער נאָמען ביי אַלע שיכטען פון פאָלק. די פאַנטאַזיע פון דער יודישער מאַסע האָט בעשאַפען אַרום דער גלענצענדער פּער־זענליכקייט פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, דעם דאָזיגען „שר וגדול בישראל״, אַ סך בעצויבערנדע לעגענדעס, וועלכע זענען איבער־דערצעהלט געוואָרען פון טאַטעס צו קינדער, און אינ׳ם צענטער פון די דאָזיגע אַלע לעגענדעס איז געשטאַנען זיין פלאַמעדיגע ליעבע צו ציון און ירושלים. בכן דאַרף מען זעהן אַגיטירען — אַזוי איז געווען שפּ״ר׳ס פּלאַן — צווישען דעם יודישען עולם, וואָס שטאָלצירט מיט מאָנטעפיאָרע׳ן, און נעהמט זיך איבער מיט

זיינע מעשים, צו פערשפרייטען זיין פאטאגראפיש בילד אין יעדען הויז, און האבענדיג איהם תמיד פאר די אויגען, וועט מען זיך שוין ממילא דערמאהנען אויך אין ארץ־ישראל. דאס בילד דארף געמאכט ווערען דורך אַ קינסטלער, און ס׳איז נויטיג, עס זאל האבען ביי דער זייט אַ שיר פון אַ בעריהמטען העברעאישען דיכטער, וועלכער זאל אין שענע, אנציהענדע פערזען מסביר זיין דעם עולם, וואס די ארויסגעבער פון דער פאטאגראפיע זענען אויסען און צו וואס זיי שטרעבען ...

די פראגע: וועלכען דיכטער מ׳זאל איבערגעבען צו פערפאסען דעם שיר — האט דאן געבראכט צו גרויסע חלוקי־דעות צווישען שפ״ר׳ן און די איבריגע שריפטשטעלער פונ׳ם חובבי־ציונ׳ישען לאגער. שפ״ר האט זיך פון דער ערשטער מינוט אָן אבגעשטעלט אויף יל״ג׳ן (יהודה ליב גארדאן), ווייל ער האט איהם געהאלטען פאר דעם גרעסטען העברעאישען דיכטער פון זיין צייט, און בע־זונדערס ווייל ער האט מורא געהאט, אז ווען דער שיר וועט פערפאסט ווערען דורך יהל״ל׳ן, צי דאליצקי׳ן אדער דורך אנ־אנדערן פון די חובבי־ציונ׳ישע דיכטער, וועט דאס צוגעבען דעם בילד אַ פארטייאישען כאראקטער און ס׳וועט דאן נישט קאנען ווערען קיין פאלקס־זאך. געגען דעם האט גע׳טענה׳ט לילינבלום אז דער שיר דארף געשריבען ווערען מיט אַ ריין־נאַציאָנאליסטישער כוונה, און יל״ג׳ן האט ער חושד געווען, אז ער איז אסימילאַטאריש גע־שטימט. אנדערע ווידער האבען פארגעלעגט, אז מ׳זאל דאס שטעלען פאר אַ קאנקורס פון אלע העברעאישע דיכטער; אבער צום סוף האט זיך אין דער זאך אריינגעמישט לעוואנדע און עס איז בע־שלאסען געווארען — מסכים צו זיין מיט שפ״ר׳ן און איבערגעבען צו פערפאסען דעם שיר יל״ג׳ן.

דער בריעף, וואס שפ״ר האט דעמאלט געשריבען יל״ג׳ן וועגען דעם דאזיגען ענין, איז געווען כמעט אַ גאנצער ספר וועגען דעם פאלעסטינא־געדאנק. שפ״ר האט געוואוסט, אז יל״ג איז אַ געגנער פון דעם רעיון, און דעריבער האט ער געוואלט אויס־נוצען די געלעגענהייט צו מאכען איהם פאר אַ חובבי ציון. יל״ג האט גערן אָנגענומען דעם פארשלאג צו פערפאסען דעם שיר צו מאנטאַ־פיאָרע׳ס בילד, אָבער מיט דער אידעע פון ישוב ארץ־ישראל האט ער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין, כל זמן מ׳וועט איהם

נישט געבען קיין ערבות, אז יודען וועלען, קומענדיג קיין ארץ־ישראל, נישט וועלען אויפבויען צוריק דעם בית־המקדש און אָבּ־שיידען תרומות און מעשרות און איינפיהרען אַ סנהדרין מיט די „ארבע מיתות בית־דין" וכדומה. לויט דער דאָזיגער תשובה, האט שפ"ר דערזעהן אויף וויפיעל דער דיכטער דרינגט נישט אַריין אין דעם מהות פונ׳ם חובבי־ציון־אידעאל און אין זיינע לעצטע צוועקען, און פון דעמאָלט אָן האט ער אויפגעהערט קאָרעספּאָנדירען מיט איהם אויף דער טעמע, און האט עס איבערגעגעבען ליליענ־בלום׳ען, אז ער זאל מיט איהם דיספּוטירען.

דאס אַרויסגעבען מאָנטעפיאָרע׳ס בילד האט געהאט אַ גלענ־צענדען ערפאָלג. די בילדער זענען פערקויפט געוואָרען אין טויזענדער עקזעמפּלאַרען און האָבען געפונען אַנ׳אָבגאנג אין דער גאנצער וועלט. אביונים האָבען ארויסגענומען פון טאש דעם לעצטען גראָשען און געקויפט מאנטעפיאָרע׳ס בילד. אויסער דעם מאַטעריעלען ערפאָלג איז דאס נאָך געווען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר דעם חבת־ציון־געדאנק.

שפ"ר איז נאָך אבער אלץ געבליבען אונצופריעדען. איהם האט זיך געוואלט, אז די זאך זאל נאך מעהר דעמאָנסטרירט ווערען. אויסערדעם האט ער געוואָלט אַריינברענגען אין די אגודות אַ וועלכע־עס־איז בעוועגונג פון ווירקליכע מעשים, געבען זיי אַר־בייט און שטעלען זיי אין קאָנטאַקט מיט די געזעלשאַפטליכע טהוער אויף די ערטער. צו דעם צוועק האט ער אָבגעגעבען אַ בעפעהל צו די אגודות, אָנצוהויבען אַ ברייטע אַגיטאַציע, יעדע אין איהר שטאָדט, אז די אָרטיגע קהלה זאל שיקען מאנטעפיאָרע׳ן אַ ברכה־אדרעס צו זיין הונדערט־יעהריגען געבורטס טאָג. אין דעם צירקולאַר, וואס שפ"ר האט וועגען דעם ענין אַריינגעשיקט די אגודות, האט ער זיי אָנגעזאָגט קאַטעגאָריש, אז דער אַדרעס דאַרף געשריבען ווערען דורך אַ סופר סת"ם און אויף פּאַרמעט, און אז עס מוזען אונטער איהם זיין געחתמ׳עט די גרעסטע און שענסטע פּער־זענליכקייטען פון דער קהלה רבנים, פּרנסים, גבירים, געלערנטע א. א. וו. און אָבשיקען קיין ווארשא מוז מען איהם נישט שפּעטער פון דעם און דעם טאָג, אין וועלכען אַלע אדרעסען וועלען אַריינגעלעגט ווערען אין אַ קינסטלערישען פּוטליאַר, וואס איז צו דעם צוועק געמאַכט געוואָרען, און ר׳ דוד גאָרדאָן, דער

רעדאַקטאָר פון „המגיד״, וועט עס אָבפיהרען קיין לאָנדאָן און איבער־געבען מאנטעפיאָרע׳ן אין האנד.

איצט, ביים היינטיגען טאָג, בעת מיר האבען אַנ׳אָרגאַניזאציע מיט אַ גרויסען און מיט אַ קליינעם אַקציאָנס־קאָמיטעט מיט צענ־טערס און מיט לשכות און מיט סעקרעטאַרען, העכערע און נידריגערע, מיט שרייבער און איבער־שרייבער און מיט אָפיציעלע צייטונגען, און בעת די חברים האָבען שוין בעוויזען אויסצולערנען זיך אויף די קאָנגרעסען און צוזאַמענפאָהרען אַ ביסעלע דיס־ציפלין, — איצט וואָלט אַזאַ אויפטהו געוועזען גאָרנישט פון די גרויסע זאַכען. אָבער דעמאָלט, אין יענער צייט, מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק, בעת די גאַנצע פערצווייגטע אַרבייט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענד פון איין מענשען, האָט מען דערצו געדאַרפט בעזיצען ממש אַ ריעזען־קראַפט מיט אַנ׳אויסטער־לישען אָרגאַניזאַטאָרישען טאַלענט. די אַלע, וועלכע זענען אין יענער צייט געשטאַנען אַ ביסעל אָן אַ זייט, האבען זיך אפילו נישט געקאָנט פאָרשטעלען וויפיעל כחות דער מענש האָט אַריינגעלעגט, וויפיעל שלאָפלאָזע נעכט ער האט פערבראַכט, און וויפיעל צער און יסורים, פיזישע און מאָראַלישע, ער האט איבערגעליטען ביז זיין פּלאַן וועגען דעם אַדרעס איז פערווירקליכט געוואָרען.

די אגודות האָבען אָנגעהויבען פערשיטען ממש שפ״ר׳ן מיט שאלות, און כמעט אַלע זענען זיי געוועזען אינהאַלטסלאָז, קליינליך און נישט צו דער זאַך, און האָבען איהם דעריבער נור דערעסען, ווי בייזע פליגען. פון איין אָרט, למשל, האט מען איהם אָנגע־פרעגט, צי מ׳דארף שרייבען דעם אַדרעס מיט נקודות צי אָהן נקודות; אַנדערע האבען געפרעגט, צי מ׳דאַרף שרייבען דעם אדרעס אין פּראָזע, אָדער אין פערזען; ווידער האָט מען געפרעגט, ווי זאל מען טהון אין אַ שטאָדט, וואו עס געפינען זיך צוויי רבנים, איינער אַ מתנגד׳ישער און דער צווייטער אַ חסיד׳ישער, אוןביידע פון זיי ווילען זיך נישט חתמ׳ענען אויפ׳ן אדרעס, אויב ס׳וועט זיך חתמ׳ענען אויך דער צווייטער; ווייטער האט מען געפרעגט, אויב מ׳דאַרף אַוועקלעגען אויפ׳ן אַדרעס דעם סטעמפּעל פון דער אַגודה, אָדער ס׳איז רעכט אָהן דעם. פון איין אגודה איז אָנגע־קומען אַנ׳אָנקלאַגע אויפ׳ן שטעדטעלדיגען מורה־הוראה, אז ער וויל זיך נישט חתמ׳נען אויפ׳ן אַדרעס, ווייל ער איז אין כעס אויף

מאנטעפיאָרע׳ן פאַרוואָס ער האָט נאָך איהם עד היום נישט אָפּ־געשיקט קיין געצאָהלט פאַר זיין חבור, וואס ער האָט איהם אַריינ־געשיקט מיט צוויי יאָהר צוריק. פון אַ צווייטער אגודה האָט מען זיך געקלאָגט אויפ׳ן ראַבינער, וועלכער איז געוועזן אַ צאָהן־דאָקטאר, אז ער וויל זיך חתמ׳ענען דוקא אין רוסיש, און נאָך אַ סך אַזעלכע פראַגען און אָנקלאַגעס האָט שפ״ר דערהאַלטען מיט יעדער פּאָסט, און ער האָט געמוזט ענטפערן יעדערן תיכף ומיד, אָהן אַ שום פערשפּעטיגונג, כדי נישט אויפצוהאַלטען די זאך. און שטערונגען זענען אויך אָהן דעם געוועזן אַ סך נאָך צוליעב פיעל אַנדערע סבות, און אָבציהען האט מען נישט געקאָנט אפילו אויף אַ מינוט, ווייל מ׳האָט געטריבען פון אַלע זייטען. געטריבען האָט דער רעדאַקטאָר פון „המגיד״, וועלכער האט נישט געקאָנט פאָהרען קיין ענגלאַנד אין אַנ׳אנדער צייט; געטריבען האט אויך מאנטע־פיאָרע׳ס לייב־דאָקטוירים פון לאָנדאָן. דאָ האט שוין שפ״ר אויפ־געהערט צו שרייבען בריעף און אָנגעהויבען צו שיקען טעלע־גראַמעס, איינע נאָך דער אַנדערער, איינפאַכע און עקסטרא, און פון ערגערניש איז זיין סטיל געוואָרען אַלץ מעהר האַרטער און שאַרפער, און צום סוף שוין כמעט בעליידיגענד: „קיינ־מאָל וועט אייך נישט פערגעבען ווערען אייער פערברעכען!“ „איהר האַלט אויף די גאולה!״...

געלויבט איז גאָט! די אַדרעסען זענען שוין אָנגעקומען און אַלץ איז פאַרטיג; מ׳דאַרף זיי נור אָבשיקען. ערשט מיט אַמאָל — אַ טרויעריגע איבערראַשונג! פון לאָנדאָן איז דערהאַלטען געוואָרען אַ טעלעגראַמע, אז מאנטעפיאָרע איז נישט מסכים אויפצונעהמען דעם דעלעגאַט מיט די אַדרעסען. ווי געטראָפען פון אַ דונער האט זיך שפ״ר דערפיהלט. ער האָט אויסגעוויזען ווי אַ בר־מינן; זיין געזיכט — אַ שטיק וואַקס. אז איך בין צו איהם אַריינגעגאַנגען יענעם טאָג נאָכמיטאָג, האָב איך איהם געפונען וויינענדיג. אזוי צו־בראָכען איז איהם געווען דאס האַרץ.

יענע נאכט איז געווען פאר שפ״ר׳ן אַנ׳אמת׳ע „ליל שמורים״.

ביז פאַרטאָג איז ער געזעסען און האָט געשריבען אַ בריעף צו מאנטעפיארע׳ן. און געשריבען האט ער דעם בריעף נישט מיט טינט, נור מיט בלוט. און נישט קיין בריעף איז דאס געווען, נור אַ קינה, צוזאַמענגעשטעלט סטיליסטיש אין דעם נוסח פון „איכה״.

אין דער דאָזיגער קינה האט שפּ״ר אויסגעגאָסען דעם גאַנצען צער און שמערץ, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אין די הערצער פון די גלות־יודען אינ׳ם משך פון דורות, און האט אויסגעדריקט דאס גרויסע בענקעניש פון דער אומה נאָך ערלייזונג און פרייהייט.

דער בריעף האט געווירקט. גלייך אַנ׳אַכט טאָג אַרום איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַפישע תשובה פון לאָנדאָן, אַז מאָנטעפיאָרע איז גרייט אָנצונעהמען דוד גאָרדאָנ׳ען מיט די ברכה־אַדרעסען. שפּ״ר האט ממש אָבגעלעבט.

שפּעטער איז אויפגעקלערט געוואָרען, אַז סעבאַג מאָנטעפיאָרע, ר׳ משה מאָנטעפיאָרע׳ס פּלימעניק, האט אָנהויב אָבגעהאַלטען זיין פעטער פון אָנצונעהמען דעם דעלעגאַט פון די חובבי־ציון, מורא האָבענדיג, אַז ער זאל נישט אָבגעבען אַ גרויסען טייל פון זיין אייגענס לטובת ישוב ארץ־ישראל. דער דערמאָהנטער סעבאַג איז געוועזען, ווי בעוואוסט, מאָנטעפיאָרע׳ס איינציגער יורש.

אָט די אַלע זאַכען, וואָס זענען אָבגעטהון געוואָרען לויט שפּ״ר׳ס איניציאַטיווע, האָבען ערוואָרבען פיעל מיטגליעדער פאַר דעם חבת־ציון־געדאַנק און פיעל מיטגעהאָלפען צו פערשטאַרקען די אגודות און צו פערפעסטיגען צווישען זיי דעם אינעווענינסטען בונד. פון דעמאָלט אָן האט שפּ״ר אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען צונויפרופען אַ צוזאַמענפאָהר פון אַלע גרעסערע עסקנים. פיעל און שווער זענען געווען די צוגרייטונגס־אַרבייטען צו דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר, און די גאַנצע משא האט אַריבערגעטראָגען אויף זיינע פּלייצעס בלויז שפּ״ר אַליין אָהן שום זייטיגער הילף. מ׳האט געדאַרפט אויסאַרבייטען אַנ׳אויספיהרליכען בעריכט וועגען דעם מצב פון די אגודות און וועגען דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון יעדער איינציגער בעזונדער; מ׳האט געדאַרפט אָנוואַרפען אַ פּלאַן און פּראָגראַם פאַר דער אַרבייט פונ׳ם צוזאַמענפאָהר, מ׳האט געדאַרפט פונאַנדערשיקען הונדערטער בריף מיט שאלות ותשובות וועגען דעם, וואו דער צוזאַמענפאָהר זאל פאָרקומען און וועלכע פערזאָנען זאָלען זיך אין איהם בעטייליגען; מ׳האט געדאַרפט איינלאַדען צום צוזאַמענפאָהר די בעשטימטע חברים און צוגלייך ענטשולדיגען זיך ביי די, וועלכע מ׳האט נישט איינגעלאַדען צוליעב פערשיעדענע סבות.

איינער פון די לעצטע, וואס האט זיך בשום אופן נישט געוואלט לאזען איבערבעטען — און מיט רעכט — איז געוועזן פרץ סמאָלענסקין, דער רעדאקטאר פון „השחר". דער דאזיגער מאן, דער בעשעפער פון דער מאָדערנער יודיש־נאַציאָנאַלער בעוועגונג, וועלכער האט געקעמפט ווי אַ העלד פאַר דער יודישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, איז נישט איינגעלאדען געוואָרען צו דער קאַטאָוויצער צוזאַמענפאָהר. מ'האט איינגעלאַדען גאָרדאָנ'ען, דעם רעדאקטאָר פון „המגיד", מ'האט איינגעלאדען צעדערבוימ'ען דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ", און אָן דעם רעדאַקטאָר פון „השחר" האט מען לחלוטין פערגעסען! און דאס איז געשעהן אין דער צייט, ווען ביי דעם בעליידיגטען גרויסען העבּרעאישען שריפטשטעלער האבען זיך שוין בעוויזען די ערשטע סימפטאָמען פון יענער שרעקליכער קראַנקהייט, וועלכע האט איהם אין דריי חדשים אַרום דערפיהרט צום טויט, און ווען די קלענסטע אופרעגונג האט שעדליך געווירקט אויף זיין געזונד־צושטאנד!

דער דאזיגער פאַקט וועגען דעם, ווי די חובבי־ציון האבען בשעת דעם קאַטאָוויצער צוזאמענפאָהר בעליידיגט סמאָלענסקינ'ען, איז שוין לאנג פערעפענטליכט געוואָרען דורך ראובן בריינין אין זיין „סמאָלענסקינ'ס ביאָגראפיע". איך וויל דאָ נור אָנמערקען, אז עס האָבען זיך דאַן געפונען אַזעלכע, וועלכע האבען אין דעם חושד געווען שפ"ר'ן, ווייל ער האט צוזאמענגעשטעלט דעם רייסטער פון די איינגעלאַדענע און האט בכלל אָנגעפיהרט מיט דעם גאַנצען צוזאמענפאָהר. אין אמת'ן איז דאס אבער געוועזן אנ'אומזיסטער חשד. שפ"ר האט דעמאָלט דוקא אַוועקגעשטעלט סמאָלענסקינ'ען בראש פון דער רשימה פון די איינגעלאַדענע, אָבער נאָכדעם איז געקומען דער ביאַליסטאָקער רב, דער בעוואוסטער גאון ר' שמואל מאָהילעווער, און האט איהם אויסגעמעקט פון רייסטער. געבראַכט דערצו האָבען די זעהר שאַרפע אַרטיקלען, מיט וועלכע סמאָלענסקין איז דאַן אַרויסגעטרעטען אין „השחר" געגען די אַסימיליאַטאָרישע טענדענצען פון דער פאַריזער „חברה כל ישראל חברים", ביי וועלכער ר' שמואל מאָהילעווער האט געהאָפט צו בעקומען אַ גרויסע געלד־שטיצע פאר ישוב ארץ־ישראל.

* * *

אין יענער צייט האָט שוין דער פּאַלעסטינא-געדאַנק געהאַט שאַרפע געגנער מצד פערשיעדענע קרייזען, אַסימילאַטאָרישע און קלעריקאַלע, וועלכע האָבען כסדר בעקעמפט די בעוועגונג, אָבער דאס רוב נישט אידעאיש, נור דורך קליינליכע מיטלען. דורך פערשפּרייטען אַלערליי רכילות'ן און פאלשע חשדים. ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז ווינקעל-מגידים, וואס פאָהרען אַרום איבער די שטעדטלעך, פלעגען פון דער בימה אַראָב אין די קלויזען און בתי-מדרשים דערצעהלען פאַר'ן עולם פערשיעדענע בבא-מעשיות, ווי למשל, אז לעוואַנדע האט זיך בענוצט מיט געלד פון די חובבי-ציון אויסצולייזען זיין זוהן פון מיליטער-דיענסט, און אז ד"ר פינסקער, דער מחבר פון דער עפּאָכעמאַכענדער „אויטאָעמאַנציפּאַציע", האט געגעבען זיין טאָכטער דריי טויזענד רובל נדן פון די נדבות פאר ישוב ארץ-ישראל, וועלכע מ'האט איינגעלעגט ביי איהם, כאָטש ביידע, הן לעוואַנדע, הן פינסקער, זענען געבליבען זייער גאַנץ לעבען אונבעווייבט...

בעזונדערס האָבען זיך דאן די געגנער געציעלט אין שפ"ר'ן. זיי האבען געהאָפט, אז אויב זיי וועט זיך איינגעבען צו פערטרייבען דעם דאָזיגען העלדישען קעמפער פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, וועט שוין דעמאָלט, ממילא, פונאנדערפאלען דער גאַנצער לאַגער, ווייל שפ"ר איז זיי געווען געפעהרליך נישט בלויז אלס טוער פאר ישוב ארץ-ישראל, אויך נישט אלס זשורנאַליסט, נור אלס פלאַמענדיגער און ענערגישער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַטאָר, וואס פערשטעהט בעסער פון אלעמען צו דערוואַרימען די הערצער, צו דערוועקען איינגעשלאָפענע כחות און צונויפצובינדען און צו אָרגאַניזירען זיי צו געמיינשאַפטליכער אַרבייט. אָנגעזעצט אויף שפ"ר'ן האט זיך דעמאָלט בעזונדער דער בעוואוסטער משומד קאָנסטאַנטין שאַפּירא, וועלכער איז געווען זעהר אויפגעבראכט געגען די חובבי-ציון, פאַרוואס זיי בלאָזען אזוי פונאנדער דעם יודיש-נאַציאָנאַלען געדאַנק און וועקען דורכדעם זיינע אַלטע וואונדען... שפ"ר האט דערפון געוואוסט, און, נישט זעענדיג גענוג פאָרזיכטיג, האט ער אין זיינע שמועסען מיט לייט

שטאַרק פּעראורטיילט שאַפּיראַ׳ן, פאַרוואָס ער ערלויבט זיך צו האַלטען פאַר אַ יוד און גאָר פאַר אַ נאַציאָנאַלען יוד. ס׳האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבען עס דערטראַגען שאַפּיראַ׳ן, און ער, זעענדיג, ווי די טבע פון דאָס רוב משומדים, תמיד אויפגערייצט און פאַרביטערט, האָט זיך גענומען רודפ׳ן שפּ״ר׳ן פריהער דורך עפענטליכע פּאַמפּלעטען, און שפּעטער שוין אויך דורך שטילע מסירות צו וועמען מען דאַרף...

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און די מסירות האָבען גע-בראַכט פרוכט...

אין אַ געוויסען ווינטערדיגען פרייטאָג-צונאַכט — דאָס איז גע-ווען אין יאָהר 1886 — האָבען זשאַנדאַרמען מיט אַ קאַפּיטאַן בראש, געמאַכט אַ פּלוצלינגע רעוויזיע אין שפּ״ר׳ס וואוינונג. דאָרט האָבען זיי דורכגעזוכט אַלע כתבים און די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ. נאָך דער רעוויזיע האָט דער קאַפּיטאַן געהייסען שפּ״ר׳ן קומען מאָרגען, שבת, נאָכמיטאָג אין פעסטונג, וואו ער וועט בעקומען בעשייד. דערביי האָט ער איהם אויך אָנגעצייכענט דעם נומער פון׳ם פּאַוויליאָן, וואוהין ער דאַרף זיך ווענדען. ביים היינטיגען טאָג האָב איך שוין פאַרגעסען דעם נומער פון׳ם דאָזיגען פּאַוויליאָן; איך געדענק אָבער, אַז דער נומער האָט אָנגעוואָרפען אויף שפּ״ר׳ן גרויס פּחד, ווייל דאָס איז געווען איינער פון יענע „פּאָליטישע״ פּאַוויליאָנען, פון וועלכע נישט אַלע געהען אַרויס... איך בין געוועזען דערביי בעת שפּ״ר האָט זיך יענעם שבת געזעגענט מיט ווייב און קינדער און איז אַוועק אין פעסטונג. איך וועל יענע טרויעריגע סצענע קיינמאָל נישט פאַרגעסען. אָבער זיינע שונאים האָבען דאָסמאָל קיין ערפאָלג נישט געהאַט. אין פעסטונג האָט דער קאַפּיטאַן אָבגעגעבען צוריק שפּ״ר׳ן אַ טייל פון זיינע כתבים, און די איבריגע האָט ער געלאָזט און איהם געהייסען געהן אהיים. פאַר זיין אַוועקגעהן האָט איהם דער קאַפּיטאַן דערצעהלט, אַז ס׳איז דערהאַלטען געוואָרען וועגען איהם אַ מסירה פון פּעטערבורג...

דאָסמאָל האָט זיך שפּ״ר נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אָנגעשריבען אַנ׳עפענטליכע תשובה אויף שאַפּיראַ׳ס פּאַמפּלעט. אין זיין ענטפער האָט שפּ״ר, צווישען אַנדערן, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אַ משומד, וואָס היינט אָדער מאָרגען זענען עלול זיינע קינדער

צו מאכען אַ פּאָגראם אויף יודען, האט נישט קיין שום מאָראַלישע רעכט צו מישען זיך אין די ענינים פון כלל־ישראל. באלד האט זיך שפ״ר געכאפּט, אז זיין בראָשור קאן נאך אֶפשר אומגליקליך מאכען די גאנצע פּאלעסטינא־בעוועגונג, און האט זי גיך מבער געווען. אבער זיינע שונאים האט זיך איינגעגעבען צו בעקומען אין דרוק אנ׳איבער־געבליבענעם עקזעמפּלאַר און האבען עס אַריינגעשיקט שאַפּיראַ׳ן. שאַפּירא איז געוואָרען אנ׳אויפגעקאָכטער און האט בעשלאסען צו בעהמען נקמה, נישט בלויז פון שפ״ר׳ן, נור פון די חובבי־ציון בכלל. אין יענער מינוט האט זיך געפונען די גאנצע בעוועגונג אין גרויס געפאהר, און דאס האט בעוואויגען שפ״ר׳ן אבצוזאגען זיך פון זיין שטעל אלס גענעראל־סעקרעטאר פון די חובבי־ציון. שאַפּירא האט דאן טריאומפירט, און שפ״ר איז געבליבען אָהן חיונה.

אין אַ קורצער צייט ארום בין איך געקומען קיין ווארשא און האב געפונען שפ״ר׳ן צוריק ביים טייטעל. דער גרויסער נאַציאָנאַלער עסקן און געלעהרטער איז געווארען אַ מלמד דרדקי און האט גע־האלטען אַ חדר אויף דזיקא גאס אין ראַבעס הויף...

דער חלום און זיין פתרון.

(צו דער געשיכטע פונ'ם נאציאנאל־פאנד).

איך דערמאָהן זיך אָן דער אויפשפראָצונג פונ'ם חבת־ציון־געדאַנק אין די ערשטע אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

אונזער לאַגער: אינטעליגענטען אַרויסגעגאַנגענע פון די ישיבות, רבנים און מורי־הוראה'ס — פון זיי אַ צוויי, דריי מיט גרויסע נעמען — העברעאישע שריפטשטעלער, גרעסערע און קלענערע, לעהרער און מלמדים און בתי־המדרש'ניקעס און סתם יודען פון אַ גאַנצען יאָהר.

אין ארץ־ישראל האָט זיך שוין אָנגעהויבען עפיס צו טהון, פון דאָ און פון דאָרט האָבען אַרויסגעבלישצעט ליכט־פונקען: די ערשטע ציגעל אינ'ם גרויסען פאָלקס־בנין...

ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די ווינציגע כחות האָבען זיך אויסגענומען, די בויער זענען געוואָרען אָבהענדיג, און די אַרבייט האָט זיך אָבגעשטעלט אינמיטען.

איז אין די העברעאישע בלעטער געוואָרען אַ ליאַרים, אַ געפילדער: גיט אַנ'עצה, ווי אַזוי און פון וואַנען מען בעקומט די נויטיגע געלד־סומעס אויפ'ן דאָזיגען ריעזיגען ווערק? און ווי ס'איז געוועזען דער שטייגער אין יענע „גוטע טעג", האָבען זיך גענומען אין די צייטונגען פאַר דער לעזונג פונ'ם דאָזיגען פראָבלעם, וואו נור אַ יונגערמאַנטשיק, וואָסביים שווער אויף קעסט, און וואו נור איינער מיט איבעריגער צייט און ווי נור איינער מיט אַנ'אָנגעגרייטען טינט־און־פעדער אין קעסטעל. אַלע פריהמאָרגען האָבען געבראַכט די צייטונגען נייע עצות מיט נייע פראָיעקטען, און — איינס נאַרישער און לעכערליכער פון דעם אַנדערן.

איך וויל דאָ אָנפיהרען אין קורצען אַ דריי, פיער פון די דאָזיגע פראָיעקטען:

איינער האָט פאַרגעלעגט אין „המגיד“, אַז די חובבי־ציון אויף די ערטער זאָלען נעהמען אין מאָנאָפּאָל די ניס מיט די ראָזשינקעס, וואָס מען וואַרפט אויף חתן־כלה בעת מ׳פיהרט זיי צו דער חופּה; דער צווייטער אין „המליץ“ האָט „געפונען פאַר נויטיג“, אַז די חו״צ זאָלען ערב סוכות אַרומגעהן איבער די הייזער און פערקויפען רינג־לעך און פלעכטלעך צו די לולבים; אַ דריטער האָט אויפגעוויזען מיט ראיות, אַז אַ גוט געשעפט וואָלטען די חו״צ געקאָנט מאַכען מיט „מצה־שמורה“, און אַ פיערטער האָט אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז די יונגע לייט, וואָס ווערען בעפרייט פון מיליטער־דיענסט, זאָלען מנדב זיין געוויסע סומעס פאַר ישוב ארץ־ישראל.

און נאָך און נאָך אַ זעלכע מיני עצות און פראָיעקטען.

פון יענער, פאַר די אַלערליי „פיניע טינטלערס“ „גאָלדענער צייט“, איז ביי מיר פערבליבען אין זכרון דער פאָלגענדער כאַראַק־טעריסטישער עפּיזאָד:

געהענדיג אַמאָל — דאָס איז געוועזען, געדענק איך, צום גדליה — אין גאַס, איז מיר אָנגעקומען ענטקעגען אַ בעקאַנטער יונגערמאַנטשיק, דעם שטעדטעלדיגען גביר׳ס איידים, און האָט מיר אָנגעזאָגט מיט גרויס שמחה:

— נור־וואָס האָב איך אַוועקגעשיקט אַ „מאמר“ אין „המליץ“!

איך האָב געוואוסט פון לאַנג, אַז דער דאָזיגער פּאַרשוין האָט אויף זיין לעבען קיין פעדער אין האַנד נישט גענומען, און האָב איהם בעפרעגט גאַנץ ערשטוינט:

— איהר?... אַ „מאמר“... אין „המליץ“?

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:

— וואָס וואונדערט איהר אייך אַזוי? איהר ווייסט דאָך, מן הסתם, אַז די צייטונגען נעהמען־אָן „פּראָיעקטען“, ווי צו מאַכען געלד פאַר׳ן „ישוב“, און אַז אַזוינער, ווי איך, האט אַ פּראָיעקט, און דוקא אַ פוּיגעלדיגען, זאָל ער מיט איהם בלייבען אונטער׳ן אויוון?

— וואָס, למשל, לעגט איהר פאָר? — האָב איך איהם געפרעגט.

— אָט הערט: איך זאָג מיר אַזוי נעכטען די ראש־השנה׳דיגע „שמונה עשרה“ און קום צו די ווערטער „ועריכת נר“, ערשט מיט אַמאָל האָט מיר אויפגעבליצט אין געדאַנק, אַז פינף טויזענד רובל, לכל־הפּחות, יעהרליך קאָנען די חובבי־ציון פערדיענען, זאָלען זיי נור וועלען פערשפּרייטען יעדערער ביי זיך אויפ׳ן אָרט די לאַנ־

גע יום-כפור-ליכט. ווי נאר מיין שווער האט געמאכט „הבדלה" האב איך זיך אוועקגעזעצט און אנגעשריבען וועגען מיין פראיעקט א לאנגען מאמר אונטער'ן נאמען „ועריכת נר".

איך ווייס נישט, אין וועלכען בלאט איז דאן פערעפענטליכט געווארען דער „מאמר" פונ'ם דאזיגען יונגענמאן, מיין בן-עיר, און אויב ער איז בכלל געווען ערגיץ געדרוקט. אבער אזעלכע „מאמרים" מיט נעמען, גענומען פון מחזור, האבען ממש פערפלייצט די דע-מאלדיגע העברעאישע פרעסע.

די דאזיגע פראיעקטען, וועלכע האבען נור קאליע געמאכט אונצעהליגע בויגענס וויס פאפיר, האבען זעלבסטפערשטענדליך, נישט געמאכט אין זייער צייט קיין שום רושם. נישט איינער פון זיי האט זוכה געווען גענומען צו ווערען אין אכט מצד די חובבי-ציון, און דאך איז נאך א לאנגע צייט די געלד פראגע נישט אראב פון די צייטונגס-שפאלטען און האט נישט אויפגעהערט צו זיין א טעמע פאר אלע מיני קליינקעפעלדיגע און בטלנ'ישע שרייבערלעך.

אין א געוויסען טאג איז דורכגעפלויגען דורך די צייטונגען א פרעהליכע ידיעה: עס איז פונאנדערגעבונדען געווארען דער גארדן-קנופ: די געלד-פראגע איז געווארען געלעזט, און כמעט איבער נאכט.

עס איז ארויפגעשוואומען דער „בעוואוסטער נדיב" מיט זיינע שווערע מיליאנען פראנקען; די ערשטע קאלאניעס, וועלכע האבען שוין געהאלטען ביי א קריזיס, זענען פון איהם ארויס בשלום. דער אַנאָני-מער נדיב האט פערשאטען דעם ישוב מיט גאלד, און די חובבי-ציון האבען איהם דערפאר פערשאטען מיט ברכה-אדרעסען געשריבען אויף פאַרמעט.

ביי די חובבי-ציון האט זיך אראבגעקויקעלט א שווערער שטיין פון הארצען. סוף-כל-סוף — אזוי האבען זיי געגלויבט — וועט מען זיך ארויסדרעהען פון דעם געדריקטען מצב; היינט דער נדיב, מארגען וועט אויפשטעהן א צווייטער נדיב און איבערמארגען א דריטער, און אלע וועלען זיי זיין נישט-אויסשעפענדיגע קוואלען פאר'ן ישוב...

די יונגע-לייטעלעך מיט זייערע „פראָיעקטען" האבען זיך אנגע-הויבען ארויסצומאכען אייגציגווייז פון די צייטונגען, און די געלד-פראגע איז אראב פון סדר-היום.

ס'זענען אָבער אריבער וואָכען און חדשים און דער פערבאָר-

גענער נדיב איז געבליבען שטעהן איינזאַם און אַליין; פון די איי־בעריגע יודישע געלד־זעק האָט זיך נישט געפונען קיין איין־איינציגער בעלן נאָכצוטהון איהם און נעהמען איהם פאַר אַ מוסטער. יעדער טאָג שטעלט אַוועק דעם ישוב פאַר נייע פראָבלעמען, און עס איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל זיי לעזען: די פערוויסטע ערד פון דער אַלטער היים שרייט: „לייז מיך אויס פון פרעמדע הענד, וואָרום באַלד קאָן שוין ווערען צו שפעט". און פון קיינעם איז נישטא קיין ענטפער. די איינציגע אָפענע האַנד איז שוין מיעד געוואָרען געבענדיג...

און ווידער האָט אין די מוחות גענומען עגבערן און נאָגען די פראַגע: — וואו נעהמט מען די נויטיגע קאַפּיטאַלען?

און גאָר פון דאָס־ניי האָבען זיך אַלאָז געטהון אויף די ציי־טונגען ווי די היישעריקען אַלערליי יונגע־לייטלעך, איטליכער מיט זיין „פראָיעקט", יעדער מיט זיין „עצה".

אין יענער צייט איז זיך געזעסען אין איינער פון די מערב־אייראָפּעאישע אוניווערזיטעט־שטעדט, ווייט פון די גרויסע יודישע צענטרען, אַ הויכגעלעהרנטער מאַן, אַ פערברענטער חובב־ציון, פער־דאַגה'ט און פערזאָגט, צוקוקענדיג זיך פון איין זייט צו דער פוילער, לאַנגזאַמער אנטוויקלונג פונ'ם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל, און פון דער אַנדערער זייט צו די קליינליכע לעכערליכע השגות פון די „פראָיעקטען"־מאַכער, און אויך ער, דער גרויסער מלומד, האָט זיך אין דער שטילקייט פון זיין קאַבינעט געבראָכען דעם מוח, ווי אַזוי צו לעזען די „פערשאָלטענע" געלד־פראַגע. דער וועלט־בעריהמטער מאַטעמאַטיקער, וועלכער האט כסדר צו טהון מיט די פערפלאָנטערטע מאַטעמאַטישע טעאָריעס, האָט זיך דאָס מאָהל אַראָבגעלאָזט פון זיין געוועהנליכער הויך און גענומען מאַכען חשבונות פון גראָשענס, און נישט בלויז חשבונות פון נעכטען און פון עהערנעכטען און פון דער נאָהענטסטער פערגאַנגענהייט און פון דעם נאָהענטסטען עתיד בכלל, נור חשבונות פון דורות און תקופות, אַוועק־געגאַנגענע און קומענדיגע. פארביי זיינע אויגען האָבען גע־שוועבט גאַנצע ימים פון ציפער, יעדער ציפער בעדייט אַ גראָשען, און די צאָהל פון די גראָשענס גלייכט זיך אויס מיט דער צאָהל מיליאָנען יודען, און די מיליאָנען וואַקסען און וואקסען ביז עס ווערט פון זיי אַ פאָלקס־אוצר, און די אויגען פונ'ם גרויסען מאַטעמאַטיקער הויבען אָן צו לייכטען פון גרויס פרייד: ער האָט ענטפלעקט דעם

פתרון פון אַ נייער שווערער טעאָרעמע: אַט מיט דעם אוצר וועט מען אויסלייזען פון פרעמדע הענד די ערד פון ארץ-ישראל...

און דער טרוקענער מאַטעמאַטיקער ווערט אַ ראָמאַנטיקער און הויבט-אָן וועבען אַ גאָלדענעם חלום: די פיעל מיליאָנען יודען, וואָס זענען צוזייט און צושפּרייט אין אַלע עקען וועלט, וועלען פון היינט אָן אריינטראָגען אין דער נאַציאָנאַלער קאַסע אַ גראָשען אַ טאָג, און אַמאָל אין יאָהר וועלען די מנהיגים פונ׳ם יודישען פאָלק עפענען די קאַסע און פאַר דעם געלד וועלען זיי טריט נאָך טריט אָבקויפען די ערד פון ארץ-ישראל פאַסענווייז, באופן, אַז אין אַזוי פיעל און אַזוי פיעל יאָהר וועט זי זיך געפונען אינגאַנצען צוריק אין יודישע הענד.

און דער גרויסער מאַטעמאַטיקער איילט זיך נישט אַרויסצו-טרעטען מיט זיין חלום אין דער ברייטער עפענטליכקייט, און ער האַלט איהם נאָך ביי זיך ווי אַ טייערן אוצר. יעדע מינוט פּרובט ער און קאָנטראָלירט איהם, צי עס איז נישט אריינגעפאַלען אַ וועל-כער עס איז טעות אין דער, צי אין יענער ציפער, אין דער, צי אין יענער דאַטע. דערווייל איז דאָס נאָך טאַקע מעהר נישט, ווי אַ חלום, אָבער אויך אַ חלום פון אַ מאַטעמאַטיקער דאַרף זיין מיט דער גרעס-טער מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט...

און אַזוי האָט דער מאַן גע׳חלומ׳ט און גערעכענט, גערעכענט און גע׳חלומ׳ט פּיפּצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד און האָט געשוויגען...

דערווייל האָט פאַסירט אַן׳אויסטערליש היסטאָריש געשעהעניש:

די שמאָלע און ענגע חבת-ציון האט זיך אַריינגעגאָסען איב׳ם גרויסען ים פון דעם ציוניזם. דער יודישער נאַציאָנאַלער אויפ-לעבונגס-געדאנק האט פערגרעסערט און פערברייטערט זיינע גרעניצען און איז געוואָרען אַ פאָלקס-בעוועגונג. מיט דעם אַרויפשווימען פונ׳ם ציוניזם האט זיך איבערגערוקט דער שווער-פונקט פון דער אויפלעבונגס-ארבייט פון דעם יחיד צום צבור און פון צבור צום פאָלק. אזא ריעזען-ווערק, ווי די צוריק-אויפבויאונג פון אַ פאָלק קאָן נישט געטראָגען ווערען אויף די פּלייצעס פון יחידים — אט דעם לאָזונג האט דער ציוניזם פון דער ערשטער מינוט אָן אַרויסגעוואָרפען אין דער יודישער גאַס.

אין יענער שעה האט דער גרויסער יודישער געלעהרטער געפונען פאר פאַסיג אַרויסצוטרעטען פאַר׳ן יודישען פאָלק מיט זיין

חלום. אויף דעם ערשטען באַזעלער קאָנגרעס איז דאס געווען, אין יענע טעג, וועלכע האבען מיט זיך געעפענט אַ נייע עפּאָכע אין דער יודישער געשיכטע, האט דער פּראָפעסאָר פון דער היידעלבערגער אוניווערזיטעט, הערמאן (צבי הירש) שאַפּירא דאס ערשטע מאָל ענטוויקעלט פאַר'ן עולם זיין אויספיהרליכען פּראָיעקט וועגען גרינדען אַ נאַציאָנאַל-פאָנד אויף אויסצולעזען די ערד פון ארץ-ישראל פאַר'ן יודישען פאָלק.

דער פּראָיעקט איז בעשטאַנען אין גאַנצע בערג מיט ציפער אין דעם פאָרם פון לאָגאַריטמען, ציפער פון מענשען, פון גראָשענס און פון דאַטעס מיט אַ צוגאָב פון פירושים און בעלייכטונגען, פון וועלכע ס'האט זיך געשאפען אַ פּראַכט-בילד, ווי אזוי דאס פאלק אהן אַ לאנד קאן, ווען עס האט נאר דערצו דעם רצון, ווערען אַ פאלק מיט אַ לאנד!

דער גרויסער געלעהרטער, דער בעשאפער פון פּראָיעקט, האט דעמאָלט פערענדיגט זיין רעדע מיט די פאלגענדע ווערטער:

„ווען אונזערע עלטערן, די ארויסגעטריבענע פון שפּאַניען, וואלטען זיך בעדאכט, אַוועקגעהענדיג אין גלות, אנהויבען צו קלויבען אַ גראָשען נאך אַ גראָשען, וואלטען מיר און אונזער לאנד שוין לאנג געווען אויסגעלייזט. איצט, אז זיי האבען דאס נישט געטהון, דארפען מיר צום ווייניגסטענס, זעהן פערריכטען דעם פעהלער. „בעסער שפּעט, איידער קיינמאל נישט".

דער פּראיעקט פון פּראָפעסאר שאַפּירא, וועלכער איז אנגענומען געווארען פונ'ם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס מיט גרויס סימפּאַטיע, איז געווען אין זיין צייט נור דער סקעלעט, פון וועלכען ס'האט זיך געשאפען ביסלעכווייז, אַ יאהר פאר אַ יאָהר, יענע גרויסע נאַציאנאַלע אינסטיטוציע, וועלכע האט בעוויזען בעזונדערס געשעצט און געליעבט צו ווערען פון אלע שיכטען פונ'ם יודישען פאָלק, דאס איז דער „קרן-קימת-לישראל", וואס נור איהם צו פערדאנקען האבען מיר ביזן היינטיגען טאג אויסגעלייזט פיעל, פיעל צעהנדליגער טויזענדער דונאמס ערד פון אונזער אלט-נייער היים און אויסגעבויט אויף זיי ריעזיגע און מאָנומענטאלע נאַציאָנאַל-היסטאָרישע בנינים.

III

א בלעטעל געשיכטע פון נישט לאנג.

(א שבועות-מעשה).

I

די רוסישע צענזור בכלל איז פון תמיד אָן געוועזן זעהר א שטרענגע; זי האָט, ממש, געזוכט צו דערשטיקען יעדעס פרייע וואָרט. בעזונדערס דעספּאָטיש האָט זיך די צענזור בעצויגען צו יודי׳ע ביכער. דאָ האָט די ווירקליכקייט דערלאַנגט צו איהר העכסטען אַגיי. דער קלענסטער פּראָווינץ-צענזאָרעל האָט זיך געקאָנט טהון מי׳ן יודישען ספר אַלץ וואָס זיין הארץ האָט געגלוסט: מעקען, שניידען, אויסרייסען גאַנצע בלעטער און אַמאָל אויך איינגאַנצען דאָס בוך צו פערטאָטען. דאָס יודישע בוך איז איינגאנצען געוועזן אָבהענגיג פון דעם צענזור׳ס קאַפּריזען און שטימונגען. טאָמער האָט זיך ווער עס איז עוואַגט צו בעקלאָגען זיך אויפ׳ן צענזאָר פאַר דער העכערער מאַכט, איז דערפון געוועזן דער איינציגער פועל-יוצא, דאָס אינגיכען האָט יער דאָזיגער צענזאָר בעקומען אַן אויסצייכענונג און א בכבודיגע שטעל.

אַלע צענזאָרען פאַר יודישע ספרים זענען בעשטימט געוואָרען פון דער רעגירונג דאָס רוב משומדים, וועלכע האָבען געהאַט פּראָטעקציעס אין די „הויכע פענסטער”. אַ וועלכען ס׳איז צענז פון יודישען וויסען האָט זיך דאָ נישט געפאָדערט; דער טויף-אַקט האָט פערביטען דעם העכסטען דיפּלאָם. דאָס האָט גאנץ אָפט געבראַכט דערצו, אַז די צענזור פון יודישע ספרים איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון עם-הרצים גמורים, וועלכע האָבען, אפשר, אַמאָל געלערנט אין אַזדר, אָבער שוין לאנג בעוויזען צו פערגעסען זייער גאנץ ביסעל ידישקייט. די דאָזיגע עם-ארצות האָט געגעבען דעם

צענזאָר אַ ברייט פעלד פאַר די אייגענזיניגסטע און ווילדסטע אָנפאַלען אויפ׳ן יודישען ספר. די סאַמע נאַאיווסטע און פּאָליטיש-כשר׳סטע פראַזען האָבען ביי איהם אַרויסגערופען די שווערסטע חשדים, און די אונשולדיגסטע ספרים זענען דורך איהם צוגעשטעלט געוואָרען צו דער האַרבסטער עקזעקוציע. נאָך עד-היום געהען אַרום אין ליטא און פוילען גאַנצע פעק אַנעקדאָטען און וויצען וועגען דער לעכערליכער און אונגעלומפּערטער עם-הארצות׳קייט פון פערשיעדענע געשמד׳טע צענזאָרען. די דאָזיגע אַנעקדאָטען זענען אַ שטיק יודיש-רוסישע קולטור-היסטאָריע, וועלכע פערדיענט פערשריבען צו ווערען לזכרון פאַר די קומענדיגע דורות.

אַלץ התחלה וויל איך דאָ איבערגעבען אַ געוויסען צופאַל מיט אַזאַ מין צענזאָר, וועלכער האָט דורך זיין משונה׳דיגער עם-הארצות׳קייט שיער נישט דערוועקט ביי דער רוסישער רעגירונג אַ מסכּנ׳דיגען חשד אויף יודען, אַז זיי טראָגען זיך געגען איהר ארום מיט בייזע מחשבות, און ווילען זי אומברענגען...

די געשיכטע האָט פּאַסירט אונטער דער ממשלה פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און צוליעב אַ — „תיקון שבועות"...

II

געטראָפען האט עס מיט׳ן צענזאָר פאַר יודישע ביכער אין זשיטאָמיר, וועלכער איז געוועזען אַ גע׳שמד׳טער יוד פון די גוועזענע קאַנטאָניסטען. דער מענש איז געוועזען אַזוי ווייט פון ווישקייט, אַז אָנקומענדיג אויף זיין שטעל האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז ער האָט אָבגעפרישט אין זיין זכרון די צורות פון די יודישע אותיות. ער איז אבער געוועזען אין דער מדרגה פון אַ „פּאָדפּאָלקאָווניק", און נור דעם צו פערדאַנקען האָט ער בעקומען אַ „גרויסען צד אין טיש", און דער דאָזיגער צד האָט פאַר איהם אויסגעוועל׳ט, ביי וועמען מען בעדאַרף, די שטעל פון אַ צענזאָר פאַר יודישע ספרים. וויסענדיג ביי זיך גאַנץ גוט, אַז ער „הינקט צו אויף דער עברי", האָט ער זיך פון ערגעץ-וואו אויסגעזוכט אַ יודישען יונגערמאַנטשיק, אויך נישט קיין קליינער עם-הארץ, וועלכער פלעגט כּמו׳שט לייענען די ביכער און איבערגעבען איהם נאָכדעם זייער אינהאַלט. דער דאָזיגער יונגערמאַנטשיק האָט כמעט קיין ספר נשט דורכגעלאָזט בשלום; אין איטליכען האָט ער באַלד אויסגעפונען אַ שטיקעל סירכא

פאַר וועלכער דער מחבר, אָדער דער פערלעגער, האָט שוין נאַכהער געהאַט פון צענזאָר „צו זינגען און צו זאָגען”. פון אנפאַנג פלעגט ער דאס טהון נור כדי אויסצופיינען זיך פאר זיין בעל־הבית; מיט דער צייט האָט ער דערשמעקט, אַז דאָס קאָן ווערען פאר איהם אַ מקור פון גרויס הכנסה, ווייל ס׳האָבען זיך אָבגעפונען עטליכע אַזעלכע, בעזונדערס דרוקער, וואָס האָבען איהם געפרובט אָנבאָטען באַבאַר, און ער האָט זיך נישט געפוילט צו נעהמען. פון דעמאָלט אָן איז ער פיעל שטרענגער געווארען, האָט זיך געטשעפּעט, ממש, צו יעדער קלייניגקייט, און וואָס ער האָט נור געזאָגט, איז, געוועהנליך, באַלד אַקצעפּטירט געווארען פון צענזאָר.

האָט זיך אַמאָל געדאַרפט מאַכען, אַז איינער אַ זשיטאָמירער מדפיס האָט אָבגעדרוקט אַ נייע אויפלאַגע פון „תקון שבועות”. אַז דער ספר איז פערטיג געוואָרען, האָט ער צוגעשטעלט פון איהם אַ עקזעמפּלאַר אין צענזור. אַבוואַרטענדיג עטליכע טעג, איז דער דרוקער אַוועק אין צענזור אַרויסצונעהמען דעם בילעט, דורך וועלכען ס׳ווערט ערלויבט צו פערקויפען דאס בוך. איהם האָט בשום אופן נישט געקאנט איינפאַלען, אַז אַזאַ כשר׳ער רומל־ספר ווי דער „תקון־שבועות”, וועלכער דרוקט זיך שוין ביי יודען מכמה דורות און איז תמיד דורכגעלאָזען געוואָרען בשלום פון אַלע רוסישע דרוקערייען דורך די פערשיעדענע צענזור־קאָמיטעטען, זאָל זיך ווען עס איז אָנשטויסען אין צענזור אויף אַ וועלכער ס׳איז שטרויכלונג, און דעריבער האט ער געפונען פאר גאנץ איבעריג צו בעוואָרענען זיך פריהער ביים יונגערמאַנטשיק דורך אַ מתנת־יד... ס׳איז זיך נאָכדעם גאַנץ לייכט פאָרצושטעלען, ווי ערשטוינט ער איז געוואָרען דערוויסענדיג זיך אין צענזור, אַז לא די וואס מען האלט ביים קאָנפיסקירען די גאַנצע אויפלאַגע פון „תקון שבועות”, איז נאָך אויך אַ סברה, מ׳זאָל די זאַך איבערגעבען דער זשאַנדאַרמעריע... דער דרוקער איז תיכף אַריבערגעלאָפען צום יונגערמאנטשיק אַהיים, אָבער יענער האט זיך שוין נישט געלאָזט רעדען: פערשפּעטיגט! איצטער ווענדעט זיך שוין דאס אָן איהם, אָן דעם צענזאָר אַליין.

דער צענזאָר, וואָס איז געווען בטבע אַ ערליכער מאן, אָבער איינגאַנצען אונפערטרויט אין דעם יונגערמאנטשיק, וועלכען ער האָט געהאלטען פאר א גרויסען בר־סמכא אין די ענינים פון דער „יודישער וויסענשאַפט”, האט דעם דרוקער אויפגענומען מיט גרויס רוגזה, און

נישט לאָזענדיג איהם עפּענען אַמויל, האָט ער זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען מיט טענות: ס׳טייטש, ווי ווערט דאָס רעכט אָפּצוּ־דרוקען און צו ווערען פערשפּרייטען אַזאַ ספר, אזא ספר?!

וואָס דער דרוקער האָט זיך נישט געמאַטערט אויפצוּווייזען דעם צענזאָר באותות ומופתים, אז דאָס איז אַהעכסט לעגאַלער ספר ווי אַלע אנדערע רעליגיעזע ביכער, וואס דרוקען זיך אין רוסלאנד פון קדמונים און ווערען ערלויבט צום פערשפּרייטען אין דער גאנצער מדינה אָהן שום שוועריגקייטען—קיין זאך האט איהם נישט געהאָלפען. אויף אַלץ האט דער צענזאר געהאט נור איין תשובה:

— איך קוק אויף קיינעם נישט. אַלץ איז ביז אצייט. יענע צענזאָרען האבען זיך נישט געכאַפּט. און איך האב מיך געכאַפּט.

— וואָס האט איהר זיך געכאפּט? — האט איהם געפרעגט דער דרוקער.

— אז דאס איז נישט קיין גלאטער ספר; עפּיס איז ער דורכ־אויס פון שטיקלעך און ברעקלעך, פון בלויזע אָנהויבען און סופ׳ן, אַלעק פון דאָרטען און אשמעק פון דאנען, און אויף אַלע פערצייי־טיגע יודישע לשונות. ביי וועלכען פאלק אויף דער וועלט געפונט איהר נאך אזא פערדעכטיג ווערק?

דא האט זיך דער דרוקער געפּרובט צו ערקלערען דעם צענזאר דעם כאראקטער פון דעם ספר און זיין בעדייטונג פאר דעם שבועות־יום־טוב, דער יום־טוב פון קבלת־התורה. זיינע ערקלערונגען האבען אבער נישט געבראכט צו קיין רעזולטאט. דער צענזאר איז געבליבען ביי דאס זייניגע און האט זיך נישט אויפגעהערט צו קאָכען.

— דער חשד אויפ׳ן ספר ווערט נאך ביי מיר פיעל גרעסער — האט ער מיט אמאָל אזאג געטהון ארייגקוקענדיג אין אפאפיר — נעהמענדיג אין אכט דעם פאקט, אז די יודען לייענען איהם פער־בעהאלטענערהייט, אין פערבאָרגעניש, בעת די גאַנצע וועלט שלאָפט. מען איז פארזיכטיג, מען היט זיך, מען זאָגט עס ביי נאכט, כדי אַז קיינער זאָל נישט אנקוקען. און נאכדעם קומט איהר צו געהן און ווילט מיר איינרעדען, אז דאס איז אַכשר׳ער ספר?

— און טאָמער איז דאָס נאָך פאַר אייך ווייניג — האָט דער צענזאָר, נישט אַרויסנעהמענדיג די אויגען פון פּאַפּיר, אַגעשריי גע־טהון אויפ׳ן דרוקער, אַז יענער איז אַזש פערציטערט געוואָרען — זאָגט דאָך שוין די הקדמה אויס דעם גאַנצען סוד. עפּיס ווערט דאָרט

געזאָגט, אַז דער שוואַכער דאַרף ווערן אַ גבור, און אַז אַלע דאַרפֿן ווערן סאָלדאַטן *). וואָס, דאָס האָט, אפשר, אויך אַ שייכות צו שבועות? איז דאָס נישט גיכער אַ פֿערשטעלטער אויפֿרוף צו אַ בונד? און איך זאָל געהן דורכלאָזען אַזאַ ספר, דורך וועלכען יודען ווילען אַרויספֿברענגען רוסלאַנד אויפ'ן פֿייער? איהר וועט אָבשפּיעלען מיט גליק, ווען איך וועל מעהר נישט ווי קאָנפֿיסקירען די אויפֿלאַגע און וועל די זאַך ווייטער נישט דערלאַנגען...

אַזאַ קבלת-פּנים האָט דער זשיטאָמירער מדפּיס, דער פֿערלעגער פֿון דעם גאַנץ אונשולדיגען „תּקון-שבועות", געהאַט ביים גע'שמד'טען צענזאָר.

III

נישט טוידט נישט לעבעדיג האָט זיך דער דרוקער צוריקגעקעהרט אַהיים. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם שרעקליכען גזר-דין, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אויסגעגאָסען געוואָרען אויף די סלאַוויאַטער מדפּיסים, די ברידער שאַפּיראָ, וואָס זענען פֿאַר אַ פֿאַלשען בלבול פֿער'משפּט געוואָרען דורך ניקאָלאַי דעם ערשטען פֿערשיקט צו ווערען אויף אייביג קיין סיביר. אינגאַנצען אַ פֿערציטערטער איז ער גלייך אַוועקגעלאָפֿען צום רב און האָט איהם דערצעהלט די זאַך. נאָך דעמזעלבען אָוענד האט דער רב צונויפֿגערופֿען צו זיך די פּרנסים פֿון שטאָדט, און ערקלערענדיג זיי, אַז דער דאָזיגער ענין איז עלול אוועקצושטעלען אין סכנה נישט בלויז דעם מדפּיס, נור אויך דעם גאַנצען יודישען כּלל, האָט ער זיך מיט זיי מישב געווען וואָס צו טהון. נאָך לאַנגע ויכּוחים איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצוריכטען תּיכּף צוויי ספּעציעלע שלוחים; איינעם אין דער קיעווער הויפּט-צענזור און דעם צווייטען קיין פּעטערבורג מיט אַ בקשה צו די דאָרטיגע יודישע עסקנים, אַז טאָמער וועט מען אין קיעוו גאָרנישט קאָנען פּועל'ן, זאָלען זיי זעהן אָנווענדען אַלע מיטלען צו צערייבען די זאַך אין די העכערע ספֿערען.

דער סוף איז געווען, אַז די ישועה איז געקומען פֿון קיעוו. דאָרטען האָבען שוין אין יענער צייט אָנגעהויבען צו שפּיעלען

---

*) אין דער הקדמה צום „תקון שבועות" געפֿונען זיך די פֿראַזען: „החלש יאמר גבור אני", „והייתם לבני-חיל".

אַ היבשע ראָליע אין דער ביוראָקראַטישער וועלט דער בעוואוסטער
משומד גרינבוים–פּיאָדאָראָוו, וועלכער איז פערבליבען
כל ימיו אַ גרויסער אוהב־ישראל. דערוויסענדיג זיך פון דער זשיטאָ־
מירער שליחות, האָט ער תיכף דערלאנגט אין דער קיעווער הויפּט־
צענזור אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכען ער האָט אויפגעוויזען די גראָבע
עם־הארצ׳ישע בעציהונג פון דעם זשיטאָמירער צענזאָר צום „תקון־
שבועות” און האָט אויסגעפועל׳ט, אַז מ׳זאָל איהם באַלד אַריינשי־
קען אַ טעלעגראַפישען בעפעהל דורכלאָזען דעם „תקון שבועות” פראַנק
און פריי צום אַלגעמיינעם פערקויף. די געפלאַנטע נסיעה קיין פעטער־
בורג, איז שוין ממילא געפונען געווארען פאַר איבעריג.

א רעוואלוציאנערע „לשנה טובה".

I.

אין די ערשטע יאהרען פון חבת־ציון, בעת די חברות זענען נאך נישט געווען לעגאליזירט און די ארבייט האט זיך ענטוויקעלט אונטערערדיש, און וועגען וועלכע עס איז הכנסות, ווי חברים־אבצאהלונגען וכדומה האט מען אפען נישט געקאנט רעדען און שרייבען, האט דאן די צענטראל־לייטונג, וואס האט זיך געפונען אין ווארשא און איז אנגעפיהרט געווארען דורך דעם בעקאנטען העברעאישען שריפטשטעלער און היסטאריקער שאול פנחס ראבינאוויטש (שפ"ר), תמיד געמוזט פאלען אויף פערשיעדענע „המצאות", ווי אזוי צו בעקומען די נויטיגע געלד־מיטלען אויף אויסצוהאלטען זיך אליין און איהר ארץ־ישראל'דיגע אבטיילונג. די דאזיגע „המצאות" האבען געהאט דעם צוועק צו פערבלענדען די אויגען פון דער מאכט, וואס זינט מען האט ערמארדעט אלעקסאנדער דעם צווייטען, האט זי כסדר געזוכט און גענישטערט נאך סאציאליסטען און האט זיך דעריבער שטארק צוגעקוקט צו יעדער בעוועגונג און צו יעדען ריהר פון די „חובבי־ציון".

דער ערשטער איינפאל פון דער ווארשאווער לייטונג איז געווען, ארויסצוגעבען אין טויזענדער עקזעמפלארען דאס בילד פון ר' משה מאנטעפיארע מיט א שענעם דערצו פערפאסטען שיר פון'ם בעוואוסטען דיכטער יהודה ליב גארדאן, און פערשפרייטען עס פאר א קליינעם פרייז צווישען פאלק. דער איינפאל האט זיך גוט איינגעגעבען. מאנטעפיארע, וועלכער איז, כידוע, געווען ביי יודען זעהר פאפולער, האט גראד אין יענער צייט געפייערט זיין הונדערט־יעהריגען געבורטס־טאג, און דעריבער האט דער עולם

צוכאפּט זיין בילד ממש ווי „מצה-וואַסער”. אַ צווייט מאָל האָבען די „חובבי-ציון” אויף די ערטער צעטיילט פאַר פּסח „מצה-שמורה”, אַריינגעשיקט יעדען אין שטוב אריין מיט אַ שיר פון דעם העברעאישען פּאָעט יהל״ל אין אנדערע שטעדט האט זיך צוגעקלעבט דער מנהג פונאנדערצושיקען ערב סוכות די חברים ארץ-ישראל׳דיגע אתרוגים, און אויך מיט אַ שיר; אהן דעם איז דאס נישט געגאנגען, ווייל ערשט דורך די שירים האט מען געגעבען דעם עולם צו פערשטעהן מיט אַ מין „קאָפּולער אנצוהערעניש” וואס מ׳מיינט מיט דער זאך, און וואס מ׳איז מיט דעם אויסען... די דאזיגע „המצאות”, און נאך אנדערע אזעלכע האָבען שטענדיג געהאַט אַ גרויסען מאטעריעלען ערפאָלג.

איינמאָל האָט אָבער פּאַסירט, אז די ווארשאווער צענטראַלע איז ארויס מיט אַ „המצאה”, און די „המצאה” איז נישט בלויז דורכגעפאַלען, נאָר אויך שיער נישט געשטעלט אין גרויס געפאַהר די מנהיגים מיט דער גאַנצער בעוועגונג, און געבראכט דערצו האט נישט דער פּלאן גופא, נור דער בייגעלעגטער שיר.

און אָט ווי די זאך איז געשעהן:

II

דאס איז געווען פאַר ראש-השנה. דאַן האט די לייטונג אַרויסגעגעבען אַ גרויסע אויפלאַגע פון קינסטלעריש-פערפאַרטיגטע ניי-יאָהר-ברכות מיט דער כוונה, פונאנדערצוטיילען זיי דורך די „חובבי-ציון” אין יעדען יודישען הויז. די ברכות זענען בעשטאַנען אין גאָרדאָנ׳ס אַ העברעאישען שיר, און ווייל דאָס איז געווען אויסגערעכענט אויף די ברייטע יודישע פאָלקס-מאסען, האט מען דעריבער געפונען פאַר נויטיג אָבצוגעבען אַנ׳אָרט ביי דער זייט אויך דער יודישער איבערזעצונג פונ׳ם שיר פון דעם אין זיין צייט בעריהמטען בדחן אליקום צונזער.

בעת די אויפלאַגע איז שוין געווען אינגאַנצען פאַרטיג, און מ׳האט נור געדארפט אַרויסנעהמען פון צענזור די ערלויבניש צו פערשפּרייטען די עקזעמפּלארען, איז דער פערוואַלטער מיט די דרוק-ענינים פון דער הנהגה יעקב כאַפּירשטיין, דער שפּעטערדיגער רעדאַקטאָר-ארויסגעבער פון ניו-יאָרקער „מאָרגען-זשורנאַל”, אַריינגעלאָפען נישט טויט נישט לעבעדיג צו שפ״ר׳ן און האט איהם אָנ-

געזאָגט, אז די ראש-השנה-ברכות זענען קאָנפיסקירט געוואָרן.

דער צענזאָר פאַר יודישע דרוק-ענינים אין ווארשא איז דאן געווען דער לעהרער פון יודישער רעליגיע אין די דאָרטיגע גימנאַזיעס, זאַמענהאָף, דער פאָטער פון׳ם בעוואוסטען „עספעראַנטאָ-ערפינדער. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ רוסישען „טשינאָווניק" פון קאָפּ ביז די פיס, אַן איבערגעגעבענער דיענער פון דער מלוכה, און דערצו נאך אַ גרויסער פּחדן.

אז שפ"ר האָט אַ פרעג געטהון דעם צענזאָר, פאַרוואס ער האָט פערבאָטען די ברכות, האט ער איהם לכתחילה בייז אָנגעקוקט און גאָרנישט געוואָלט ענטפערען, אין אַ ווײַלע אַרום האט ער מיט כעס ארויסגערעדט:

— מעהר ליעגט אייך שוין נישט אין קאָפּ ווי נור צו שפּיעלען זיך מיט פייער.

שפ"ר, נישט פערשטעהענדיג, וואָס ער וויל מיט דעם זאָגען, האט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— צי וואס דאַרפט איהר דאָס לאָזען דרוקען אַזעלכע רעוואָ-לוציאָנערע זאַכען? — האט זאַמענהאָף אויסגערופען אנ׳אָנגעצונדענער — קיין אַנדערע טעמעס פאַר ראש-השנה-ווינשונגען האָט איהר שוין נישט געקאָנט געפינען?

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט זאַמענהאָף בעטראַכט פאַר רעוואָלוציאָנער בעזונדערס די פאָלגענדע פערזען:

„אֵין ישע
במקום הרשע
נרמס בו כסוחה;
הבה נלכה
עם הלכה.
לא מאת המנוחה"...

אין יודיש, לויט צונזער׳ס פרייער בעאַרבייטונג, האָט עס גע-הייסען אומגעפעהר:

„נישטאָ קיין רעכטס
אין דעם לאַנד פון שלעכטס
מיר ווערען דאָ צעטראָטען;
יודען, לאָמיר געהן,
נישטאָ וואָס צו שטעהן,

לאָמיר פּטור ווערען פון שטן..."

וואָס שפּ"ר האט זיך נישט צומאַטערט אויסווייזען דעם צענ-זאָר, אז דער שיר איז אַ גאַנץ כשר'ער, אז דאָ ווערט גערעדט ווענען סתם אַ לאַנד און ס'ווערט נישט דערמאָהנט וועלכעס, בכן קאָן דאָך דאס נישט געהן דוקא אויף רוסלאַנד, — קיין שום טענה ומענה האָט נישט געהאָלפען. דער צענזאָר האָט זיך נישט אויפ-געהערט קאָכען און נאָך געדראָהט שפּר"ן, אז ווען ער נעהמט און ראַפּאָרטירט ווענען דעם ענין אין דער זשאַנדארמעריע — דאס, וואס ער האט, אייגענטליך געדאַרפט טהון לויט זיין דינסט-פליכט — קאָן דאס שמעקען פאַר די חובבי-ציון מיט זייערע פיהרער נישט בלויז מיט קאָנפיסקאַציע פון דער גאַנצער אויפלאַגע, נאָר אויך מיט עפּיס ערגערס...

מיט אַ שווער געמיט, איז שפּ"ר אַרויס פון זאַמענהאָפ'ן, ווייל דאָ איז געגאַנגען נישט בלויז אין דעם פערלוירענעם ריוח נור אויך אין אַ בעדייטענדער געלד-סומע, וואס די לייטונג האָט אַריינגעלעגט אין דער אויפלאַגע.

שפּ"ר האט נאך אָבער געפּרובט און מודיע געווען די זאך דעם מחבר פונ'ם אומגליקיכען שיר, גאָרדאָנ'ען, קיין פּעטערבורג, און געבעטען איהם צו אַפּעלירען ווענען דעם צו דער הויפּט-פערוואַלטונג איבער די דרוק-ענינים, וואס זענענדיג די העכסטע אינסטאַנץ, קאן זי אויף זיך שטעלען מעהר ווי די פּראָווינציעלע צענזאָרען, וועלכע זענען איהר אונטערגעוואָרפען, און איז בכלל אין די דינים פון צענזור נישט אזוי שטאַרק מחמיר ווי דאָ. גאָרדאָן האט גלייך איבערגעשריבען זיין שיר, און האט בלויז פון אויבען מוסיף געווען די אויפשריפט: „ברכת ראש-השנה ליהודי רומניה", און האָט עס דערלאַנגט אין דער הויפּט-צענזור מיט אַ בקשה ווענען אנ'ערלויבניש צו פערעפענטליכען דעם שיר אין דרוק. שוין אויפ'ן דריטען טאָג האט גאָרדאָן פון דער הויפּט-פערוואַלטונג בעקומען די ידיעה, אז זיין בקשה איז ערפילט געוואָרען און אז מ'האָט אָבגעשיקט אַ פעראָרדנונג אין דער ווארשאווער צענזור צו ערלויבען פערשפּרייטען די ראש-השנה-ברכה מיט זיין שיר. גאָרדאָן האָט דאָס תיכף מודיע געווען שפּ"ר'ן קיין ווארשא.

צו ראש-השנה זענען שוין פערבליבען נישט מעהר ווי עטליכע טעג. מ'האט זיך געדאַרפט צואיילען, אז די ברכות זאָלען אָנקומען

אין דער פּראָווינץ בעצייטענס. עס זענען תּיכּף מאָביליזירט געוואָרען אַלע מיטגלידער פון דעם וואַרשאווער סטודענטען־פעראיין „בני־ציון‟, וועלכע זענען אָבגעזעסען גאַנצע טעג און האָבען כסדר צוגעשפּילעט צו די ברכות מיט קליינינקע שפּילקעלעך אַ בעזונדערס שעהן פערצירט קאַרטעל מיט די ווערטער „ברכת ראש־השנה ליהודי רומניה‟, און דערביי אויך אויף יודיש: „אַ ראש־השנה וואונש פאַר די רומענישע יודען‟.

די פּעקלעך מיט די ראש־השנה־ברכות זענען באַלד אָבגעשיקט געוואָרען אין די געהעריגע ערטער. אין וועג האָט אָבער אַן אומגליק פּאַסירט: צוליעב דער הפקירות פון דער פּאָסט האָבען זיך די קאַרטלעך אָבגעשפּילעט און געבליבען זיך ערגיץ־וואו וואַלגערן. די „רעוואָלוציאָנערע לשנה טובה ברכות‟ זענען אָבער אָנגעקומען צו דער צייט. די פּראָווינץ האָט זיי באַלד צעכאַפּט און די לייטונג פון די „חובבי־ציון‟ האָט אָן זיי נישקשה פערדיענט...

די אַלטע פורים'דיגע קאָנסטיטוציע

אין דער וואלאזשינער ישיבה.

I

אין דער וועלט-בעריהמטער וואָלאָזשינער ישיבה איז פון תמיד אָן געוועזן איינגעפיהרט זעהר אַ שטרענגע דיסציפּלין. ס'איז געגוג געוועזן, למשל, אַז דער משגיח זאָל וואַרפען אויף אַ וועלכען עס איז תלמיד דעם קלענסטען חשד, אַז ער היט נישט אָב צו קומען אַלע אין דער פריה צום דאַווגען, אז ער לייענט פער'גנב'עטערהייד די נייע מליצה-ביכלעך, און ס'האט איהם, דעם תלמיד, שוין געדראָהט צו פערלירען זיין וואָכען-געלד, און אַמאָל אויך נאך אַ האַרבערע שטראָף: אַרויסגעטריבען צו ווערען פון דער ישיבה. אין אַזעלכע פאַלען איז דער ראש-הישיבה, ר' הירש-לייב, געוועזן האַרט און גרויזאַם און האָט זיך נישט געלאָזט בעאיינפלוסען נישט פון בקשות און אפילו נישט פון טרעהרען, סיידען דער בעטרעפענדער תלמיד האט אָבגעגעבען אַ שבועה בפני קהל ועדה, אַז מהיום והלאה ווערט ער אַ בעל-תשובה.

נור איין טאָג אין יאָהר איז די דיסציפּלין אין דער וואָלאָזשינער ישיבה געוואָרען געבראָכען. די לאָזונג פון יענעם טאָג איז געוועזן: „לית דין ולית דיין", נישטאָ קיין ראש-ישיבה און נישטאָ קיין משגיח, „איש כל הישר בעיניו יעשה", איטליכער קאָן זיך טהון, וואָס ער בעגעהרט; וויל ער — קומט ער צום דאַווגען, וויל ער נישט — קומט ער נישט; וויל ער, נעהמט ער אַ גמרא אין האנד, וויל ער נישט — נעהמט ער נישט, און קיינער האָט נישט דאָס רעכט צו פאָדערן פון איהם אַ דין וחשבון. אויסנאַהמסווייזע האט מען נישט געטאָרט לייענען קיין השכלה-ביכלעך אפילו אין יענעם טאָג; טאָמער, אָבער,

האט מען עמיצען געכאַפּט מיט אַ ביכעל אין דער האַנד, האָט מען איהם געגעבען נור אַ לייכטע נזיפה און אוועקגענומען ביי איהם דעם טריף-פסול.

דער דאָזיגער „פרייער" טאָג איז געוועזען דער טאָג פון פּורים, וועלכער האָט געהאַט אַ בעזונדער קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל נאָך האָבען געשטאַמט פון'ם גרויסען גאון ר' ח״ם, דער גרינדער פון דער ישיבה. די דערמאָהנטע קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט בעשטימט דעם טאָג פון פּורים אַלס טאָג פון פערשיעדענע פרייערליכקייטען, האָט ענטהאַלטען אַ גאַנצע רייה פּאַראַגראַפען וועגען די צערעמאָניעס, וואָס דאַרפען דערביי אָבגעהיט ווערען.

די פייערליכע שטימונג האָט זיך אָנגעהויבען צו מערקען אין דער ישיבה נאָך אַ טאָג פאַר „אסתר-תענית". אין יענעם טאָג האָבען זיך די עטליכע הונדערט תלמידים צוטיילט לויט זייערע בעזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטען: פּוילען, ליטאָ, זאַמוט, אוקראַינע, לעטלאַנד, קאַווקאַז א. א. וו., וועלכע האָבען געהאַט, יעדע לאַנדסמאַנשאַפט פאַר זיך, אויסצוקלויבען איינעם פון איהרע מיטגליעדער פאַר אַ גבאי. די דאָזיגע גבאים האָבען נאָכהער געוועהלט איינעם פון די תלמידים פאַר אַ ראש-ישיבה — אין וואָלאָזשין פלעגט דאָס הייסען: אַ ר ב — אָנשטאַט ר' הירש-לייב'ן, וועלכער איז פּראָוויזאָריש אַראָבגעזעצט געוואָרען פון זיין שטעל פערלירענדיג מיט דעם אלע זיינע זכיות.

לויט דער קאָנסטיטוציע האָט מען געדאַרפט אויסקלויבען פאַר אַ ראש-ישיבה אויף'ן פּורים'דיגען טאָג בלויז אַ זעלכען, וואָס איז, ערשטענס, געוועזען בעקאַנט אַלס עלוי מופלג, און אויף וועלכען מען האָט זיך גאַנץ רוהיג געקאָנט פערלאָזען, אַז ער בעזיצט דעם בעזונדער טאַלענט נאָכצוקאָפּירען ר' הירש-לייב'ן מיט אלע תג'ען און אין די פערשיעדענע מאָמענטען פון זיין ראש-ישיבה'שער טעטיגקייט, הן ביים זאָגען דעם „שיעור" הן ביים פערהערען די תלמידים און אויך ביים דורכשמועסען זיך מיט'ן משגיח און מיט די צוויי מנהלים, וועלכע האָבען געדיענט אין דער ישיבה אלס געהיים-פּאָליציסטען, וואָס האָבען געהאַט די אויפגאַבע אַכטונג צו געבען אויף דער הנהגה פון די תלמידים מחוץ דער ישיבה.

נאָכדעם ווי דער „רב" איז שוין געוועזען אויסגעקליבען, האָבען איהם די גבאים געפיהרט אונטער געזאַנג אין מרחץ, וואו זיי האָבען איהם גוט אויסגעבעזימט אויף דער אויבערשטער „פּאָלקע", און אָב-

געפיהרט איהם, לויט דעמזעלבען צערעמאָניאַל, אין דער ישיבה. דאָרט האט מען איהם דערלאַנגט ר׳ הירש-לייב׳ס אויבערמאנטעל מיט זיין פיינער שטריימעל, און פון יענער מינוט אָן האט ער בעקומען די אלע נויטיגע פולמאַכטען און קאָמפעטענצען פון אנ׳אונבעגרענצטען, אַבּ-סאָלוטען מושל איבער דער וואלאָזשינער ישיבה אין איהרע עטליכע הונדערט תלמידים.

II

אין דער צייט ווען איך, דער שרייבער פון די דאזיגע צייל ען, האב געלערענט אין דער וואלאָזשינער ישיבה — דאס איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון די זיבעציגער יאָהרען — איז נאך דארטען די פורים-קאָנסטיטוציע אָבגעהיט געוואָרען מיט׳ן גאנצען צערעמאָניאַל און מיט אלע פיטשעווקעס.

מען האט דאַן — אזוי געדענק איך — אויסגעקליבען פאר א רב א געוויסען יונגענמאן, א פרוש, וועלכער איז געווען בעקאנט אין דער ישיבה אונטער דעם נאמען „ברוך מאָסקווער". באמת, איז ער נישט געווען קיין מאסקווער געבוירענער, נור א מאָהילעווער; דעם נאָמען „מאסקווער" האט מען איהם געגעבען צוליעב דעם, וואס ער האט דארט חתונה געהאט און פון דארט איז ער געקומען לערנען אין דער וואלאזשינער ישיבה. דער דאזיגער יונגערמאן, וועלכער האט גע׳שמ׳ט פאר דעם גרעסטען עילוי אין דער ישיבה, און האט שוין פון א פאָר יאָהר געהאט סמיכה אויף הוראה פון די בעדייטענדסטע גאונים, איז נאך דערצו געווען א מענש א פקח, מיט א גרויסער ערו-דיציע אין הויות-העולם, און אלע האבען געהאלטען פאר זיכער, אז דאס וואקסט א קאנדידאט אויף רבנות אין איינער פון די חשוב׳סטע קהלות. צווישען די ישיבה-לייט האט מען אויף איהם אונטערגעמור-מעלט, אז ער איז א פערכאפטער „משכיל", אז ער ווארפט אמאל א קוק אין א העברעאיש ביכעל און לערנט זיך אין דער שטיל רוסיש און אנדערע וועלטליכע ידיעות. פאר׳ן האנד האט מען איהם קיינמאל נישט געכאפט, ווייל ער איז געווען געגוג קלוג און פארזיכטיג. אבער די צוויי מנהלים, וועלכע האבען בעזעסען א שטארק ענטוויקעלטען חוש-הריח בנוגע צו די בעהאלטענע „משכילים", האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז מיט דעם מענשען איז עפּיס נישט גלאַט און האבען וויפיעל מאל אויף איהם אויפמערקזאם געמאכט ר׳ הירש-לייב׳ען

וואלט עס זיך געהאנדעלט אום אנ'אנדער תלמיד, וואלט איהם שוין ר' הירש-לייב לאנג מרחיק געווען פון דער ישיבה, אבער ברוך מאסקווער איז געווען א גאנץ נאהענטער קרוב פון דעם בעוואוסטען ארטאדאקסישען גביר און מעצענאַט שמעריל צוקערמאן, וועלכער האט זיך געלאזט קאָסטען גענוג געלד אויף דער וואלאזשינער ישיבה. נעהמענדיג דאס אין אכט האט ר' הירש-לייב געמוזט פערבייסען מיט די ליפען און שווייגען. ברוך מאסקווער, וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ר' הירש-לייב איז פון איהם נישט צופרידען און גערען געוואלט פון איהם פטור ווערען, האט געזוכט איהם נאך מעהר צו דערצאָרנען. קוים פלעגט זיך ר' הירש-לייב אוועקזעצען זאגען דעם „שיעור", פלעגט זיך באלד ברוך מאסקווער אריינלאזען מיט איהם אין א פערביטערטען תורה-געראנגעל, פלעגט איהם בעשיטען מיט קשיות, און אזוי-ארום פערמאטערען איהם שעה'ן-לאנג און צוקוועטשען איהם ממש צו דער וואנט... ר' הירש-לייב פלעגט, אפילו, יעדעס מאל מיט זיין גרויסער חריפות אבשלאגען די פיילען. אבער ער פלעגט דערביי תמיד בלייבען אהן כחות.

בעת ר' הירש-לייב האָט זיך דערוואוסט, אז מ'האָט אויסגעקליבען פאַר דעם פורים-„רב" ברוך מאָסקווער, האָט דאס איהם זעהר נישט געשמעקט, אזוי ווי דאָס הארץ האט איהם געזאָגט, אז „כאן מצא בעל-חוב לגבות את חובו", אז דאָס וועט זיין פאַר ברוך סאָסקווער אַ גוטע געלעגענהייט, צו פערפיהרען מיט איהם אַ שווערען און פער'עקשנ'טען תורה-קאַמף, און דאָס קאָן נאך איהם, חלילה, פערשטערען די פורים-שמחה...

אָנפאַנגס האָט ר' הירש-לייב געוואָלט ווירקען אויף די גבאים, מ'זאָל קאַסירען די וואַהלען און אויסקלויבען פאַר אַ רב אַ „רוהיגערען תלמיד-חכם"... ער האט אָבער נישט געהאט קיין ערפאָלג, און די קאַנדידאַטור איז פערבליבען פעסט ביי ברוך מאָסקווער.

III

פורים אין דערפר ה, באלד נאכ'ן דאוונען, האָט זיך ברוך מאָסקווער אַוועקגעזעצט אין דער ישיבה זאגען דעם „שיעור". צו דער אייניגע הונדערט-קעפיגער ישיבה-אוידיטאָריע, זענען נאך היינטיגעס מאָל צוגעקומען אַ סך לומדים פון שטאָדט. די שטאָדטישע לומדים האבען שוין פון לאנג אָן געקענט דעם פסעוודאָ-קעמפערישען

כאַראַקטער פון די פורים׳דיגע „שיעורים״, און דערוויסענדיג זיך, אַז הײנטיגען פורים וועט זיין דער הויפּט־„גלאַדיאַטאָר״ ברוך מאָסקווער, זענען זיי געקומען מיט מעהר אינטערעס און אין אַ גרעסערער צאָהל, ווי געוועהנליך.

ברוך מאָסקווער האט גענומען זאָגען דעם „שיעור״ נאָכ־מאַכענדיג דערביי קינסטלעריש ר׳ הירש־לייב׳ס חתוך־הדבור מיט זיין נגון און מיט זיין בעזונדער אַרט שאָקלען זיך. אנגעהויבען האט ער מיט ר׳ הירש־לייב׳ס לעצטע פּשט׳לעך און חדושים, וועלכע ער האָט גרינדליך צוגלידערט און געמאַכט פון זיי אַ תל. די ערשטע מינוטען איז ר׳ הירש־לייב געזעסען און געשמייכעלט, ווי איינער זאָגט: רעד, רעד; באַלד וואַרף איך מיך אויף דיר ארויף און צוקלאַפּ דיך אינגאַנצען. אָבער וואָס ווייטער ווערט דער שמייכעל אויף ר׳ הירש־לייב׳ס ליפּען אַלץ מעהר פערביטערטער. אויסער ברוך מאָסקווער לאָזען זיך אריין אין קאַמף אויך פיער פון די ישיבה־לייט. אויפ׳ן גאנצען פּראָנט געהט די מלחמה אויף לעבען און טויט... ר׳ הירש־לייב גורט־אָן די לענדען, נעהמט צו הילף די גאַנצע כלי־זיין פון זיין בקיאות און קעמפט ריטערליך; אָבער צום סוף דערפיהלט ער זיך אַטאַקירט פון אַלע זייטען און ער גיט זיך אונטער...

די מלחמה האט זיך פערענדיגט מיט דעם גלענצענדען נצחון פון ברוך מאָסקווער און מיט דער פולשטענדיגער קאַפּיטולאַציע פון דעם גרויסען וועלט־גאון.

שטאָלץ אויף זיין זיעג הויבט־אָן ברוך מאָסקווער צו רעגענען מיט תורה, אבער דאס מאל שוין נישט ערענסט, נור לייכט פלאַטע־רענדיג. ער זאָגט אַ „הדרן״ אויף ש״ס, פליהט דורך כהרף עין, ווי אַ פייל פון בויגען, אַלע זעקס סדרים גמרא, טשעפּעט־אָן אַ מימרא צו אַ מימרא, בויט אויף זיי אויס פּיתום ורעמסס, און פון דער הויך פונ׳ם דאָזיגען פּיעל־גאָרענדיגען בנין שליידערט ער אַלערליי מינים וויצען און הלצות און שטעכווערטלעך אויף ר׳ הירש־לייב׳ען מיט דעם משגיח, מיט די מנהלים, וועלכע שטעהען דערביי און שלינגען בשעת מעשה אַראָב די ביטערע פּילען גאַנץ רוהיג אין דעם בעוואוסטזיין, אַז היינט, פּורים, איז „הותרה הרצועה״, און קיינער טאָר געגען דעם נישט פּראָטעסטירען.

אזוי שטעהט מפורש אין דער פורים׳דיגער קאָנסטיטוציע פון דער וואָלזשינער ישיבה...

IV

דער טאג פון פורים נויגט זיך צום אונטערגעהן. אין דער ישיבה רייסט זיך אַריין דער בין־השמשות. מ׳צינדט אָן די לאָמפען. די לאַנגע טישען ווערען געדעקט. עס געהט אריין די אלטע, שטענדיג קרענקליכע רבּ׳יצין, ר יי נ ע ב אַ ש ע, און בעט דעם עולם זיך זעצען צו דער סעודה.

ביים עסען נעהמט דער עולם צו ביסלעך משקה, אזוי לאנג ביז מען ווערט בגלופנ׳דיג... באלד מאכט מען אַ רקוד׳ל: מען געהט אינאיינעם אַ קאַראַהאָד, ברוך מאָסקווער אין ר׳ הירש־לייב׳ס פיי־נער שטריימעל, און ר׳ הירש־לייב אין אַ ישיבה־בחור׳ישער היטעל מיט אַ דאשיק. מען טאנצט אונטער דעם געזאנג פון די תלמידים מיט גרויס התלהבות. די אלטע רבּי׳צין רייסט זיך אַריין אין קאַראהאָד, און איהרע קוים זיך שלעפּענדיגע פיס טאנצען מיט. ר׳ הירש־לייב מיט ברוך מאָסקווער וואַרפען זיך איינער דעם צווייטען אויפ׳ן האלז און מ׳צוקושט זיך. ר׳ הירש־לייב וויינט פון שמחה...

אזוי האט זיך עס געצויגען פון יאָהר צו יאהר. ערשט אין די מיטעלע אכציגער יאהרען איז די פורימ׳דיגע קאנסטיטוציע אין דער וואָלאָזשינער ישיבה בטל געווארען...

שבועות אין דער השכלה־געשיכטע פון די ליטווישע יודען.

I

שווער און ביטער איז געווען דער מצב פון די ליטווישע השכלה־פיאָנערן, אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם פאָריגען יאהרהונדערט. פערשידענע קהל׳שע קאָכלעפעל און פאַנאטיקער, האבען זיי נאָכגעלויערט אויף יעדען שריט און טריט און צושטערט אלע זייערע פלענער, בענוצענדיג זיך דערצו גאנץ אפט מיט די שענדליכסטע מיטלען, און אפילו מיט מסירות פאר דער מאכט. בראש פון די העצער זענען געשטאנען די מלמדים, וועלכע האבען געגלויבט צו זעהן אין די אויפטהועכצען פון די משכילים אַ גרויסע געפאהר פאר זייער פרנסה, און נאך זיי האבען זיך נאכגעשלעפט רעדעל־פיהרער פון די די אָבגעשטאנענע עלעמענטען.

אָרים אין קרעפטען, צוברעקעלט און צושטויבט, אַ צוויי, דריי אין אַ שטאדט, האבען די משכילים נישט געקאנט אויפנעהמען דעם נישט־גלייכען קאמף און ענטפערן ווי געהעריג אויף די רדיפות, און האבען זיך געמוזט פערהאלטען פאַסיוו צו די אָפטע אַרויכטרעטונגען מצד די געגנער.

נישט בעסער איז דעמאָלט געווען די לאגע אין ווילנא, הגם זי האט גע׳שמ׳ט פאר דער „פעסטונג״ פון דער השכלה. אויך די ווילנער משכילים, וואס האבען אָנגעפיהרט מיט דער גאנצער בעוועגונג, האבען אין יענער צייט געליטען אַ מפלה נאך אַ מפלה. אנגעהויבען האט עס זיך מיט דער ענטשטיונג פון די גרויסע

האפנונגען, וואס מען האט אין דעם משכיל'ישען לאגער געלעגט אויף דאָקטאר ליליענטאַל'ס נסיעות איבער יודישע שטעדט צו אגיטירען פאר דער אויסבעסערונג פון דער יודישער ערציהונג אין גייסט פון דער נייער צייט.

נאך דעם ערפאָלג, וואס ליליענטאַל האט געהאט ביי די ווילנער אָרטאָדאקסען, האט ער בעקומען אַ גרויסען אָבשניט אין מינסק, וואו מ'האט פערוואָרפען זיין קאַרעטע מיט שטינקענדיגע אייער און מיט צופוילטע אוגערקעס, און אזוי שלימזל'דיג איז איהם שוין אוועק כסדר אין דער גאנצער פראָווינץ, ביז דאס האט צום סוף געפונען אנ'אבקלאנג אויך אין ווילנא, און האט געווירקט אויף די דארטיגע אָרטאדאקסען, חרטה צו האבען אויף זייערע הבטחות און צו ברעכען זייער ווארט.

באלד נאכדעם האבען די ווילנער משכילים בעקומען אַ צווייטען קלאפּ. ס'איז אַראָבגעפאהרען ר' משה מאָנטעפיאָרע, און די משכילים האבען אנגעווענדט זייער גאנצע ענערגיע צו ווירקען אויף איהם, ער זאל מיט זיין אויטאָריטעט פועל'ן ביי די אָרטאדאקסען נישט צו לעגען זיי קיין שטרויכלונגען אין וועג. מאנטעפיארע האט זיי עס צוגעזאגט צו טהון, אבער ער האט אויך נישט דערפילט זיין הבטחה.

שפעטער האט מען דערצעהלט, אז שולדיג אין דעם איז געוועזן מאָנטעפיאָרע'ס סעקרעטאר און זיין גאנצער בעל־יועץ, ד"ר לעווי, וועלכער האט געהאט אַ בעזונדער סימפאַטיע צו די אָרטאדאקסען און זיי אלץ געגלויבט.

אין אַ קורצער צייט ארום האבען די ווילנער משכילים פערלוירען איינעם פון זייערע אַקטיווסטע טהוער: עס איז געשטאָרבען ר' נח בלאָך, וועלכער האט תמיד אַרויסגעוויזען א בעזונדער מוט אין קאמף פאר דער השכלה אויף דער יודישער גאס, און אַרום וועלכען עס האט זיך גרופירט די נאך קליינצאהליגע אינטעליגענטע יוגענד.

די משכילים האבען געוואָלט אויסנוצען בלאָכ'ס טויט אלס מאַניפעסטאַציע פאר זייערע צוועקען און געמאכט הכנות צו אַ גראַנדיעזער לויה מיט הספדים פון די גרעסטע העבּרעאישע שריפטשטעלער און געלעהרטע. באלד אבער האבען זיך דערפון דערוואוסט די אָרטאדאקסישע רעדעל־פיהרער און אונטער זייער

ווירקונג האבען די גבאים פון חברה-קדישא נישט בלויז צושטערט די משכיל׳ישע פלענער, נור אויך דעמאנסטראַטיוו מבזה געווען דעם מת, אבהאלטענדיג איהם אין שטוב גאנצע דריי טעג. באופן, אז זיינע פאמיליאַנטען האבען קוים דערלעבט צו ברענגען איהם צו דער קבורה.

פאר די ווילנער משכילים, וועלכע האבען זיך גאר קיינמאל נישט געריכט אויף אזא חוצפה מצד זייערע געגנער, איז דאס געווען ממש אַ טויט-קלאַפּ. ערשט איצט האבען זיי דערפיהלט ווי שוואַך און ווי הילפלאז זיי זענען. דער ערשטער געדאנק, וואס האט זיך דאן דערוועקט ביי די משכילים, איז געווען, צו קאָמפּראָמיטירען די גבאים פון חברה קדישא אין די אויגען פון דעם המון. אייזיק מאיר דיק האט דעמאלט אויפגעשריבען זיין בעוואוסטע סאַטירע וועגען די „אַטוּנער קברנים״, און אפילו דער העברעאישער דיכטער אדם הכהן לעבענזאהן האט זיך דאסמאל אראבגעלאזט פון זיין הויך און פערפאסט אַ בייסענדיג יודיש ליעדעל געגען דעם הויפּט-גבאי — אבא פּרוכט האט ער געהייסען — וואס האט זיך אנגעהויבען מיט פאלגענדע פערזען:

„אבא איז נישט דער טאטע,
וואס פערקויפט סאַלאטע,
וואס געהט מיט׳ן קאסיק,
וואס קען נישט קיין פּסוק״... *)

דאס איז נאָך אבער נישט גאר. אין דעמזעלבען יאהר האבען די ווילנער משכילים געליטען נאך אַ גרעסערען פערלוסט: ס׳איז געשטארבען דער גרעסטער העברעאישער שריפטשטעלער פון יענער צייט, די זייל פון השכלה אין ליטא, מרדכי אהרן גינזבורג. אנגעלערנטע פון פריהער, האבען שוין די משכילים דאסמאל נישט געקלערט וועגען מאַניפעסטאציעס. זיי האבען נור בעשטעלט ר׳ וועלוועל׳ען דעם שטאדט-מגיד, ער זאל מספּיד זיין גינצבורג׳ן אויפ׳ן בית-עלמין. דער דאזיגער מגיד, ר׳ וועלוועלע. וועלכער איז געווען אַ „יוד מיט פליגען״, פלעגט אַמאל ליעב האבען

---

*) די זעלבע פערזען האב איך שוין אמאל ציטירט „ביי פרצ׳ן צו דער סעודה״.. — צ.

צו קאָקעטירען מיט די משכּילים, און בעזונדערס מיט גינצבורג'ן, זינט דער גאון ר' אבאל'ע פּאָסלאַווער האט איהם געגעבען אַ הסכּמה אויף זיין „גלות הארץ החדשה". אויף דעם סמך האט מען גערעכענט, אז ר' וועלוועל'ס הספּד וועט אויפהויבען דעם פּרעסטיזש פון דער השכּלה ביים המון. דאס איז אָבער אויך געווען נור אַ טעות.

אויפ'ן בית-עולם האט דער שטאָדט-מגיד פערקעהרט דעם דישעל, און אנשטאט צו לויבען דעם נפטר, האט ער אויף איהם איבער געלייגט אַ גאַנצען בעשולדיגונגס-אקט. דאס האט אַרויסגערופען צווישען די משכּילים אַ שרעקליכע פערביטערונג, און נאָך אין דעמזעלבען אָווענד האָבען זיי זיך צוזאַמענגעקליבען ביי איינעם פון די — דאס איז געווען ר' צבי הירש קאַצענעלענבויגען — צו בעטראַכטען די לאַגע. די ווילנער משכּילים האבען זיך געפיהלט צושלאָגען און בעזיגט אויפ'ן גאַנצען פראָנט, אַ שטארקער יאוש האט בעהערשט זייערע רייהען, און אַ געוויסע צייט האָבען זיי נישט געקאָנט אויפהויבען קיין קאָפּ.

II

אזוי האט געדויערט ביז די לעצטע פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר-הונדערט. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, וועלכער האט זיך אין יאהר 1848 פונאַנדערגעגאָסען אין מעכטיגע שטראָמען איבער איירָאפּא, האט אויפגעמונטערט אויך די הייפלעך פערבאָרגענע ליטווישע משכּילים אַרויסצוקריכען פון זייערע לעכער און צונויפצובינדען זיך צוזאַמען.

באלד האָט די פּראָווינץ אַרויסגעוויזען אין דעם זין אַ שטארקע ווירקונג אויפ'ן ווילנער צענטר. איינער פון די געוועזענע בעהאלטענע משכּילים, און דערצו אַ גרויסער עושר, אַליין אַ געבורטיגער פון קליינשטעדטעל יאַסיאָווקע — ניסן ראָזענטהאַל האט ער געהייסען — איז אַוועק וואוינען קיין ווילנא, און באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן האט ער בעלעבט די שוין כמעט פּאַראַליזירט געוואָרענע השכּלה-בעוועגונג. ער האָט פערווענדט פיעל ענערגיע און פלייס צו פערטרייבען דעם יאוש, וועלכער האט בעהערשט די ווילנער משכּילים און אויפצוועקען זיי צו נייער אַרבייט. זיין מיה האט געהאַט ערפאָלג, און אין גיכען האבען זיך די איבער'ן שטאָדט צוזייהטע און צושפּרייטע משכּילים גענומען

קלויבען און גרופירען אַרום ניסן ראָזענטהאַל׳ס הויז. דאָס דאָזיגע הויז איז געוואָרען אַ צענטר פאַר די גרעסטע יודישע פערזענליכקייטען, שריפטשטעלער און געלעהרטע פון יענעם דור, און אַהין זענען זיך צוזאַמענגעלאָפען די פעדים פון דער אויפקלערערישער טעטיגקייט אין גאַנץ ליטא.

צוליעב זיין הויכער בילדונג און גרויס עשירות איז ראָזענטהאַל געשטאַנען אין בעציהונגען מיט דער העכסטער ווילנער ביוראָקראַטיע, דורך וועלכער ס׳איז איהם געלונגען צו פערקניפּען אַ פערבינדונג אויך מיט דעם דעמאָלסדיגען בילדונגס־מיניסטער גראַף אובאראָוו. די דאָזיגע פערבינדונג האט געפיהרט צו דעם, אז אין אַ געוויסען טאָג האט ראָזענטהאַל דערהאלטען אַנ׳איינלאַדונג פונם מיניסטער צו קומען קיין פעטערבורג אויף אַ בעראַטונג וועגען יודישע בילדונגס־ענינים. אין דער דערמאָהנטער בעראַטונג איז אויספיהרליך ארומגערעדט געוואָרען דער פלאַן, וועלכער איז נאָך געווען אַריינגעטראָגען דורכ׳ן ד״ר ליליענטאַל, וועגען עפענען צוויי ראַבינער־שולען, אין ווילנא און אין זשיטאָמיר. ראָזענטהאַל האָט שטאַרק אונטערשטיצט דעם דאָזיגען פלאַן און פאָרגעלעגט פאר דער קאָמיסיע אייניגע גרונד־ליניעס, ווי די זאַך צו פערווירקליכען. און ער איז געווען אויך דער ערשטער יודישער עסקן, וועמען דער מיניסטער האָט פערטרויט, אז דער ענין איז שוין כמעט ווי בעשלאָסען, אָבער צוליעב געוויסע פּאָליטישע טעמים דאַרף נאָך דאס אַ געוויסע צייט געהאַלטען ווערען בסוד.

מיט גרויס בעגייסטערונג האָט דער ענגער קרייז פון די ווילנער משכילים אויפגענומען די געהיימע בשורה, וואס ראָזענטהאַל האט זיי געבראכט וועגען דער ראַבינער־שול. זיי האָבען דאס בעטראַכט אַלס גרויסען נצחון, און האָבען אין דעם געפונען פאַר זיך טרייסט איבער די ביז־אַהעריגע דורכפאַלען. פון דעמאָלט־אן האט ראָזענטהאַל געזוכט ענגער צו פערקניפּען די ווילנער משכילים צווישען זיך, כדי צו בילדען אַ שטאַרקע געמיינזאַמע קראַפט געגען דעם אַלגעמיינעם שונא. ביי עטליכע פון זיי איז דאַן אַרויפגעשוואומען דער געדאַנק צו גרינדען פאַר זיך אַ שול צום דאַווענען, אום צו בעגעגענען זיך טעגליך אין אַ בעזונדערער אייגענער סביבה פון אידעאישע חברים, און נישט אָנצושטויסען זיך מיט געגנער. צו די איניציאַטאָרען פונ׳ם דאָזיגען פלאַן האָבען אָנגעהערט: אדם הכהן לעבענזאָהן, קלמן

שולמאַן, מרדכי פּלונגיאַן, אייזיק מאיר דיק און אַנדערע אַזעלכע פּאָפּולערע פּערזענליכקייטן.

מען איז באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבייט. מורא־האָבענדיג, אַז די אָרטאָדאָקסיע זאָל אין דעם נישט שטערן, האט אַלץ געמוזט אָבגעטהון ווערען בשתיקה. אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער זאַך האָט אַלץ דערזעלבער ראָזענטהאל, און נור אַ דאנק זיין תקיפות ביי דער ווילנער אַדמיניסטראַציע האט זיך די משכילים איינגעגעבען צו עפענען זייער אייגענע שול, וועלכע זיי האָבען אָנגערופען מיט דעם נאָמען „טהרת־הקודש״.

דער יום־טוב פון חנוכּת־הבית איז פאָרגעקומען מיט גרויס פייערליכקייט דעם ערשטען טאָג שבועות אין יאָהר 1848 אין דער אַנ־וועזענהייט פון דעם ווילנער גובערנאַטאָר און אַלע אַנדערע העכערע אַדמיניסטראַטאָרען.

לכּבוד דעם חנוכּת־הבית האָט אדם הכהן פערפאַסט אַ העברעאישען שיר, וועלכער האט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „שיר המעלות לטהרת־קודש מזמור״ און יעדער פערז האָט זיך פערענדיגט מיט דעם פאָלגענדען צושפּיעל פאַר׳ן כאָר: „התחדשי כנשר כסהר בחודש״.

אד״ם הכהן, וועלכער איז, אגב, געווען אַנ׳אויסגעצייכענטער רעדנער, האט געהאַלטען אַ רעדע וועגען שבועות, דעם יום־טוב פון מתן־תורה, אַלס סימבאָל פון לערנען און וויסען. דערביי האָט ער נישט פערגעסען אָבצורעכענען זיך מיט ר׳ וועלוועלע דעם שטאָדט־מגיד פאַר זיין הספד אויף מרדכי אהרן גינצבורג. דאָ האָט ער זיך גע־פיהרט מעשה דרשן און צו דער שבועות׳דיגער הפטורה אָנגעשעפּעט דעם ערשטען קאַפּיטעל פון שמואל ב׳, אָבשטעלענדיג זיך אויף די צוויי מאָל איבערגע׳חזר׳טע ווערטער „הנער המגיד״, פון וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסדרינגען, אז דאָ מיינט דער פּסוק יענעם „נאַר״ דעם „מגיד״ פון דער עיר ואם בישראל ווילנא...

* * *

די פּלוצלינגע ערעפענונג פון „טהרת־הקודש״ האָט די אָרטאָדאָקסען ממש צעדולט. פון גרויס צוטומלעניש האָבען זיי נישט געוואָלט גלויבען זייערע אויגען, שוין אויף מאָרגען נאָך שבועות האָבען זיי בענייט די מלחמה געגען די העזה׳דיגע משכילים. בראש פון די קעמפער

האָט זיך געשטעלט דעה דאָמאָלסדיגער ווילנער גביר און מקורב למלכות
יודעל אָפּאַטאָוו. ס׳זענען אָוועקגעגאַנגען אין שפּיעל מסירות און
ס׳איז געקומען דערצו, אז מ׳האט די משוררים פון כאָר אָבגעגעבען
פאַר סאָלדאַטען און אייניגע פון די שוהל מיטגליעדער האָט מען אַריינ־
געזעצט אין געפענגעניש. ס׳האט שוין אויך געהאַלטען דערביי, מ׳זאָל
„טהרת־הקודש” איינגאַנצען פערמאַכען. ס׳איז אַוועק פוןביידע צדדים
אַ קאמף אויף לעבען און טויט. צום סוף האָבען אָבער געזיעגט
די משכילים.

די טהרת־הקודש־שוהל איז געבליבען שטעהן, און אין די אַנאַלען
פון דער השכלה-געשיכטע אין ליטא איז יענער שבועות שנת תר״ח
פערצייכענט אלס יום־טוב פונ׳ם ערשטען גרויסען נצחון, וואָס די
ווילנער משכילים האָבען אָבגעהאַלטען אויף זייערע געגנער.

ניקאָלאַי דער ערשטער און דער ריגער יוד ליליענטאַל.

דער פּלאַן אבצושמד'ען אַלע רוסישע יודען.

ס'איז דא ביי אונז אַ פאַלקס-ווערטעל:

„הימעל און ערד האבען געשוואוירען, אז קיין פערבאָרגענישען זאָלען נישט זיין".

און אזוי איז טאקע באמת, און בעזונדערס בנוגע היסטארישע סודות, וועלכע מוזען דאך, זיי מעגען זיך אפילו זיין אינ'ם משך פון גאנצע דורות און יובל'ען פערהילט אין די געדיכטעסטע נעפּלען, סוף כל סוף ענטפּלעקט ווערען.

די צייט איז אַ זעלטענע מייסטערין אויף אַזעלכע ענטפּלעקונגען; ווי אַ שטיל וואסערעל גראָבט זי דורך אַלערליי אונטער-און הינטער-וועגלעך אין די טיפענישען פון די וועלט-געשעהענישען, ביז זי דערגרייכט זיך צו זייער אמת'ן פּרצוף.

וועגען אזא מין היסטארישען סוד, וועלכער האט, אַ ב, אַ שטיקעל שייכות מיט ריגאַ — ריכטיגער; מיט דער יודישער ריגאַ — וויל איך מיך דאס מאל דורכשמועסען מיט די לעזער.

* *
*

בעת ניקאָלאַי דער ערשטער האט זיך פאָרגענומען צו רוסיפיצירען זיינע יודישע אונטערטאַנען, האט ער פערשטאנען, אז דער ענין איז אזא דעליקאטער, דאס מען קאן זיך דא, ביים ערשטען ארויספאהר צום וועניגסטען, נישט בענוצען מיט קייזערליכע בעפעלען,

אין מיט פּאָליציייאישע מיטלען בכלל. ער האט בעטראַכט די רוסיפי־קאַציע פאַר אַ מין שידוך צווישען צוויי צדדים, וועלכער דאַרף אויסגע־פיהרט ווערען נור דורך פערמיטלער, מיט אַ בעפאָלמעכטיגטען פון זיין זייט, ד. ה. מצד דער רוסיפיקאַציע, האט ער זיך שוין בע־זאָרגט; דאס איז געווען דער בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוו, וואס האט געקאָנט אַ ביסעל העברעאיש (מ׳האט אויף איהם זאָגאַר געזאָגט, אז ער האט געלייענט און פערשטאַנען דעם „אהבת ציון״) און האט געהאַט אַ נאָמען פון אַ שטיקעל ידען אין יודישקייט. וואו נעמט מען אבער דעם צווייטען שדכן מצד די יודען?

האט ניקאָלאַי געזוכט און געגנישטערט אינ׳ם יודישען „תּחום״, האט דורכגעזיפּט ליטא און ראָסען און ווייס־רוסלאַנד, און האט ערגיץ דעם געוואונשטען שדכן נישט געפונען.

לסוף האט ער זיך אָבגעשטעלט אויף ר י ג א.

פאַר וואס עפּיס דוקא אויף ריגא, וואס האט אין פלוג, שוין צוליעב איהרע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע בעדינגונגען אַליין, נישט געדאַרפט דערוועקען אפילו די מינדסטע האָפנונג אויף סימפּאַטיע פאַר אַ וועלכער עס איז רוסיפיקאַציע עס זאָל זיך דאָ ־נישט האַנדלען?

ווייל דאָרטען האט גאַנץ צופעליג געוואוינט אַ יוד אַזוינער, ד״ר מ א ק ס ל י ל י ע נ ט א ל האט ער געהייסען, אפילו אַ פרעמד־געבוירטיגער, זאָגאַר נישט קיין ריגער „נכתּב״, אבער דערפאַר אַ „מאַן מיט אייראָפעאישער בילדונג״ און „סעמיטישער טעמפּעראַטור״, ווי אויך — און דאס איז דער עיקר — מיט „סעמיטישער געשעפטס־פיפיקייט״...

אַלס אַזעלכען האט אוואַראָוו פאָרגעשטעלט ליליענטאַל׳ען פאַר ניקאָלאַי׳ען, און עס איז פערבליבען אונבעקאַנט, מיט וואס האט ליליענטאַל מעהר נושא חן געווען ביים רוסישען קייזער: מיט זיין „אייראָפּעאישע בילדונג״, צי מיט זיין „סעמיטישער געשעפטס־פיפי־קייט?״ אַ פאַקט איז נור, אז ניקאָלאַי האָט נישט געפונען קיין אַנדערען וועמען אָנצוטרויען די מיסיע מזווג צו זיין דאס רוסישע יודענטום מיט דעם רוסישען פאָלק, ווי נור דעם פערוואַלטער פון דער ריגער יודישער צוויי־קלאַסיגער שול.

ליליענטאַל האט אָנגענומען די מיסיע גאַנץ גערען. דער קייזער וויל, אז יודען זאָלען זיך בילדען, זיך אַליין לערנען די לאַנד־שפּראַך, — פאַרוואָס נישט? דאַרפען דען יודען באמת זיין פערגליווערט

און אָבגעשטאַנען? וואָרום זאָלען זיי טאַקעווירקליך נישט אַרויף אויפ׳ן ברייטען שלאַך פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס?

און נאָך מעהר צוגעצויגען לילִיענטאַל׳ען צו דער מיסיע, האט, אפשר, דער צווייטער זייט פון דער מטבע: איידער צו זיין אַ מלמד, ווען אפילו אין אַנ׳אייראָפּעאישען פראַק, און אויסצוקוקען דעם גראָשען פון קהל׳שע הענד, איז שוין פיעל גלייכער צו זיין אין שליחות פון ניקאָלאַי׳ען און בעקומען שכירות פון דער רוסישער „קאַזנאַטשייסטוואָ“...

און מען מוז לילִיענטאַל׳ען נאָכזאָגען זיין שבח: ער איז באמת געווען „געשעפּטס-פּיפּיק“, וויסענדיג גאַנץ גוט, אז יודען שטעלען מיט זיך נישט פאָר איין מהותן נור אַ סך מחותנים, וועלכע זענען זיך צוריסען און געווען, ממש, „אויף מעסערס“, האט ער געפונען פאר גלייך אריינצושמעקען אין אלע קלייזלעך און קרייזלעך, זאגען א גוט וואָרט דעם און יענעם, אריינצושושקען אויפ׳ן אויער דעם — דאָס און יענעם — יענץ, איטליכען, וואס איהם איז אַנגענעהם און וואויל-געפעלען, און יוצא צו זיין אזוי ארום לכל הדעות.

אזוי, למשל, איז לילִיענטאַל די גאַנצע צייט, וואס ער האט פערבראַכט אין ווילנא, געווען דער גאַסט פון ניסן יאַשינאָווקער, וועלכער פלעגט שבת נאָכ׳ן טשאָלענט הייסען דער דיענסט צומאכען די לאָדען, כדי ער זאל קאנען מאַכען „הבדלה“ און פער-רויכענען די ליולקע...

און פון ווילנא האט ער זיך אַראָבגעכאַפּט קיין וואלאזשין, וואו ער איז איינגעשטאַנען ביי דעם גאון ר׳ חיים, מיט וועלכען ער האט זיך מפלפל געווען אין דברי-תורה, און צווישען איין פשט׳ל און דעם אנדערען האט ער ביי איהם ארויסגעקראָגען א הסכם אויף דער זאך, צוליעב וועלכער ער איז צו איהם געקומען.

אָנגעפּייערט פון די ווילנער משכילים און מיט ר׳ חיים וואלא-זשינער׳ס „הסכם“ אין קעשענע, האט זיך לילִיענטאַל געלאָזט פאָהרען איבער שטעדט און שטעדטליך, אומעטום האט ער צונויפגערופען דעם עולם אין בית-המדרש, וואו ער האט פון דער בימה אַראָבדער-צעהלט די פערזאמעלטע מיט גרויס פּאטאס וועגען די גאלדענע בערג, וואס ערווארטען זיי, אויב זיי וועלען ממלא זיין דעם רצון פון קייזער, וועלכער פערלאנגט פון זיי, אז זיי זאלען ארויסגעהן פון זייער אָבגעשלאסענקייט און זיך זעהן מקריב צו זיין צו דער רוסישער בעפעלקערונג.

דער קייזער פערלאנגט פון יודען התקרבות — מהיכי תיתא? ווארום דען נישט? וואס קאן מען דערצו צולעגען? דערפאר קאן מען אבער דערפון פיעל פערדיענען.

אזוי האבען יודען געאורטיילט כמעט אין אלע פונקטען, וואס ליליענטאל האט בעזוכט, אויפ'ן סמך פון די וואונדער-שעהנע אידיליעס, וועלכע ער האט זיי געשילדערט פונ'ם יודישען לעבען אין דייטשלאנד.

עס איז אבער געווען אויך א יוצא מן הכלל — מינסק. מינסקער יודען האבען פון קדמונים אָן גע'שמ'ט פאר נישט קיין גרויסע דזשענטעלמענער און פאר נישט קיין איבעריגע מפונקים. אליין גרויס אין לומדות און גרויס אין עשירות, האבען מינסקער יודען נישט געפיהלט קיין שום אראבפאל אפילו פאר גדולים. זיי האבען שוין אמאל געפרובט נישט נושא פנים זיין אפילו דעם „שאגת-אריה"... היינט וואס פאר א ראל האט ביי זיי געקאנט שפיעלען עפיס אנ'אונבעקאנטער יודישער דייטשעל, וואס קומט א ראב פון מרחקים? אי, א שליח פון ניקאלאי'ען אליין? זענען אבער די מינסקער יודען געווען אזוינע, וואס האבען געהאט קנאפ וואס התפעלות אפילו פאר ניקאלאי'ען.

— ניקאָלאי איז טאַקע אַ קייזער, און אַ שטאַרקער — אזוי האָבען די מינסקער יודען געענטפערט ליליענטאַל'ען — אָבער טרויען קענען מיר איהם נישט. נישט אַזאַ איז מסוגל צו טראַכטען גוטס אויף יודען און צו טהון גוטס יודען; דאָס איז אַ מענטש פון גאָלע רשעות; און ווער ווייסט, וועלכע שלעכטע כוונות עס זענען פערבאָרגען אין זיין פערלאַנגען אונזער התקרבות. ניין, „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם!"...

דערצעהלט מען, אז ליליענטאַל איז אַריין מיט די מינסקער אידען בחדרי-חדרים, און דאָרטען האָט ער זיי געשוואוירען „ביי אַ ספר", דאס ביי דער מינדעסטער אַהנונג וועגען אַ וועלכען ס'איז הינטער-געדאַנק מצד דער רוסישער מאַכט, זאָגט ער זיך תיכף אָב פון דער מיסיע.

מינסקער יודען האָבען זיך נאָך אַ ביסעל געאַמפערט, אָבער צום סוף זענען זיי געוואָרען ווייכער און נאָכגעגעבען.

האָבענדיג ביי זיך דעם הסכם פונ'ם גאַנצען יודישען תחום, איז ליליענטאַל געקומען מלא שמחה קיין פעטערבורג. דער שידוך

איז געשלאָסען געוואָרען מיט מזל. העברעאישע משוררים האבען בעזונגען דאס געשעהעניש אין פּאַטעטישע שירים לכבוד ניקאָלאַי׳ען און לכבוד אוואראָוו׳ען, און ס׳איז געווען „ליהודים״...

ס׳איז אַוועק אַ געוויסע צייט. אין דער רוסישער רעזידענץ-שטאָדט האט מען שוין געמאַכט די לעצטע הכנות צו די „תנאים״, און מ׳האָט דאָרטען ערוואַרט פון טאָג צו טאָג לילִיענטאַל׳ען, וועלכער איז פאַר דער צייט אָבגעפאָהרען קיין ריגא, וואו ער האט געדאַרפט אויסזוכען און געפונען אַ ממלא מקום פאַר דער פערוואַלטונג פון דער אידישער שול. ער, לילִיענטאַל אַליין, האט געזאָלט ווערען לויט׳ן מדובר דער הויפּט-אָנפיהרער מיט די בילדונגס-אינטערעסען פונ׳ם גאַנצען אידישען „תחום״.

דאָ איז אָבער געשעהען אַ גאַנץ אונערוואַרטעטער פאַל: לילִיענטאַל איז פּלוצלונג נעלם געוואָרען! עס זענען געפלויגען שטאַ-פעטען פון פעטערבורג קיין ריגא, און פון ריגא קיין פעטערבורג, אומעטום האָט מען איהם אויסגעזוכט, אומעטום האט מען וועגען איהם חוקר ודורש געווען, מ׳האָט איהם אָבער ערגיץ נישט געפונען; ער איז אַריין, ווי אין תהום...

ערשט אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען זיך דערוואוסט, אז תּיכּף נאָך דעם ווי לילִיענטאַל איז געקומען פון פעטערבורג, איז ער אין דער שטיל אָבגעפאָהרען מיט דער ערשטער שיף קיין אַ מ ע ר י ק א.

צעהנדליגער יאהרען איז לילִיענטאַל׳ס פּלוצליכער אנטלויפען פון רוסלאַנד בעטראכט געוואָרען אלס אויסטערלישע רעטעניש, וועגען וועלכער די וועלט האָט זיך פערלויערען אין אַ גאנצען לאַבירינט פון השערות, און לייט ווי יודען, נישט און יודען, האָבען זיך אויף איהר געבראָכען די מחות. מ׳האָט גערעכענט, אז דאס וועט שוין אזוי פערבלייבען אנ׳אייביגער היסטאָרישער סוד.

ס׳האט אָבער אויסגעבראָכען אין רוסלאנד די גרויסע איבער-קעהרעניש, וועלכע האָט אַראָבגעווישט דעם צאַריזם, און צוזאמען מיט איהם אויך, דעם שטויב פון די צאַרישע פערריגעלטע אַרכיוון. אָפען זענען געוואָרען פאר אַ צווייטע אויג די סודות-פולסטע פּאַפּירען און דאָקומענטען, און לויט איינעם אזא דאָקומענט ווייזט זיך ארויס, אז דער גאַנצער ניקאָלאַי׳ס פּלאַן וועגען דער רוסיפיקאציע האט געצויגען זיין יניקה פון זיין „מאַיעסטעטישען״ פערלאנג: נישט

מעהר און נישט וועניגער ווי נור אָבצושמד׳ען זיינע אידישע אונטערטאנען. אָט אזא נאַאיווער מושל איז דאס אָט דער ניקאָלאי געוועזן.

פֿיליענטאל איז דערפון דערגאנגען, דערמאהנענדיג גיך אָן דער שבועה, וואס ער האט געגעבען די מינסקער אידען, האט ער גע־נומען און געמאכט פליטה...

דער צושטערטער ראָמאַן.

קומט דער שבועות, דערמאָהנט ער מיך יעדעס מאָל אָן אַנ'אַנעקדאָטישען עפּיזאָד פון מיינע יונגעלשע יאָהרען, בעת כ'בין נאך געווען אַ תלמיד פון דער וועלט־בעריהמטער וואָלאָזשינער ישיבה. פיעל וואַסערען זענען שוין פון דאַמאָלסט אָן אַריבער, אָבער יענער עפּיזאָד לעבט נאך אזוי פריש אין מיין זכרון עפּיס ווי דאָס וואָלט פּאַסירט נישט מיט אַ יאָהר עטליכע און פופציג צוריק, נור ערשט נעכטען...

I

איך האב דארטען דאַן געוואוינט אויף איין קוואַרטיר מיט אַ ביאַליסטאָקער בחור'ל, אַ זוהן פון רייכע עלטערען, וועלכער האט געשמ'ט אין דער ישיבה פאַר אַ וואוילערנער, און דערצו נאָך פאַר אַ גרויסען מתמיד. דעריבער האָבען זיך אַלע, אָנהויבענדיג פון ר' הירש ליב דער ראש־הישיבה ביז הירשעל־שייע דעם מנהל, בעצויגען צו איהם מיט אַ בעזונדער רעספּעקט. מ'האט איהם אויך געלאָזט געניסען פון פערשיעדענע פּריווילעגיעס און ערלייכטערונגען, וואס אַנדערע האָבען זיי נישט געהאַט. האט ער זיך, למשל, אַמאָל פערשפּעטיגט צו קומען אינדערפריה צום דאַוונען, האט ער דערפאַר קיינמאָל קיין אויסרעד נישט בעקומען; זענען זיינע פּאות געווען אַ ביסעל צו קירצליך געשוירען, האָט עס קיינעם נישט געאַרט; האט מען איהם אַמאָל אין אָוועגד בעמערקט זיטצענדיג ביי דער גמרא מיט אַ פּאַפּי־ראָס אין דער האַנד — וואס עס האט זיך גערעכענט אין דער ישיבה אַלס איינע פון די האַרבסטע עבירות געגען דעם דיסציפּלין — האט

מען דערפֿון קיין שום וועזן נישט געמאַכט. א י ה ם האָט מען אַלץ מוחל געווען.

אין אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע האָב א י ך מיך געפֿונען אין דער ישיבה. נישט האָבענדיג קיין פֿערמעגליכע עלטערען, האָב איך מיך געמוזט מפרנס זיין מיט די פֿופֿציג קאָפּיקעס אַ וואָך, וואָס איך האָב בעקומען פֿון דער אַלגעמיינער ישיבה־קאַסע. דאָס אַליין האָט שוין אַ ביסעל אונטערגעגראָבען מיין פּרעסטיזש. דערצו בין איך נאָך געוועזן כאָטש אַ שטיקעל „עלוי", אָבער אַ גאַנץ קנאַפּער מתמיד. אויך האָט מען געוואוסט, אַז ווען קיינער זעהט נישט, כאַפּ איך אַמאָל אַריינקוקען אין אַ העברעאיש השכלה־ביכעל. דעריבער האָט אויף מיר די אַדמיניסטראַציע פֿון דער ישיבה תמיד געהאַט אַן־אויג, און פֿלעגט זיך צו מיר טשעפּען פֿאַר יעדער קלייניגקייט. גאַנץ אָפט פֿלעגט אויך הירשע־שייע מאַכען ביי מיר אין מיין אָבוועזענהייט רעוויזיעס, זוכענדיג טריף־פּסל'ען. ער האָט אפילו אַמאָל דערביי געהאַט אַ גרויסען פּסק: פֿון לאַנג אָן האָט ער געוואוסט, אַז דער געפֿעהרליכסטער ביכעל איז דער „אהבת־ציון", און דעריבער איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלען, ווי גרויס עס איז געווען זיין שמחה אין יענער נאַכט, בעת ער האָט ביי מיר דערטאַפּט גראָד דעם דאָזיגען ספר. ער האָט שוין מעהר ביי מיר קיין זאַך נישט געזוכט, נור געכאַפּט דאָס בוך אונטער'ן אָרעם, און איז מיט איהם העַנדום־פּענדום אַוועקגעלאָפֿען צום ראש־הישיבה און דער ערוואַרטונג, צו בעקומען פֿון איהם פֿאַר זיין ענטדעקונג אַ גרויסען יַשֶר־כּוח, און אפשר נאָך מיט אַ מטבע אַלס בעלוינונג פֿאַר זיין טרחה. אין הירשעל־שייעס פּראַקטיק זענען שוין פֿאָרגעקומען אַזעלכע פֿאַלען, ווען ער האָט פֿאַר דער פֿון איהם ענטפּלעקטער אַפּיקורסישער ליטעראַטור, בעקומען פֿון ר' הירש־ליב'ען אַ דאַנק, און דערצו נאָך אַ פּאָר גילדען מזומן געלד. אָבער ווי ענטוישט איז ער, הירשעל־שייע, דאָס מאָל געוואָרען, ווען בעטראַכטענדיג דעם ספר, האָט דער ראש־ישיבה אויסגעגלאָצט אויף איהם אַ פּאָר אויגען, און אַ זאָג געטהון דערביי ווי מיט רוגזה: „געה שוין, טפּש איינער!" די סבה דערפֿון איז געווען דאָס, וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז יענער „אהבת־ציון", וועלכען הירשעל־שייע האָט ביי מיר געפֿונען, איז געווען נישט קיין ראָמאַן אין נישט פֿון א ב ר ה ם מ אַ פּ ו'ן, נור אַ שאלות־ותשובות־ספר פֿונ'ם גאון ר' י ו נ ה פּ ל ע ק ל י ש!.. פֿון דאַמאָלסט אָן האָט מען אָנגעזאָגט הירשעל־שייע'ן,

ער זאָל וויסען, אַז די פערבאָטענע השכלה-ביכלעך זענען העכסטענס צוויי טפחים די גרויס...

איך האָב געמיינט, אַז נאָך יענער רעוויזיע, וועלכע איז פערבליעבען אָהן רעזולטאַטען, בין איך שוין פּטור. כ'האָב מיך אָבער טועה געווען, כ'בין נאָך אַלץ געשטאַנען אונטער אַ חשד, אַז איך לייען דאָס, וואָס מען טאָר נישט, און הירשעל-שייע האָט בעקומען וויטערדיגע געהיימע אָנווייזונגען, אַזוי לאַנג צו פאָרשען און צו נישטערען, ביז ער וועט מיך ענדליך פּאַקען ביי דער עבירה באופן, אַז איך וועל מיך שוין נישט קענען אָב'פּטר'ען.

II

איינמאָל אין אַ זומער-נאַכט — דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר שבועות. — בין איך מיט מיין ביאַליסטאָקער חבר געזעסען אין דער ישיבה אַ „משמור". מיר האָבען זיך ביידע אַזוי פערטיעפט אין לערנען, דאָס מיר האָבען נישט בעמערקט, אַז דער זייגער האָט געשלאָגען דריי. אַז מיר זענען אַרויס אויפ'ן גאַס, איז שוין געווען דרויסען גרויסער טאָג. ביי'ם שוועל האָבען מיר בעגעגענט אונזער בעל-הבית, שוין אַ יוד אין די עלטערע יאָהרען אַ שניידער פון פאַך, וועלכער איז געגאַנגען מיט'ן טלית-זאַק אין דער האַנד אין בית-מדרש צום ערשטען מנין. ער האָט אונז אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— איהר האָט די נאַכט, קינדערלעך, און אַ נאָווינע געהאַט ביי זיך אַגאַסט.

— וועמען? — האָט איהם מיין חבר געפרעגט.

— הירשעל-שייקען — האָט דער אַלטער געענטפערט — אט דאָס איז אַ ביסעל אַ שעלמע! אפילו ביי נאַכט האָט מען פון איהם קיין רוה נישט.

הערענדיג דאָס, האָט מיר אַ ריס געטהון אין האַרצען. איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס האָט ער געמאַכט דעם וויזיט ביי מיר, און גראַד איז דאָמאָלסט געלעגען ביי מיר אין קעסטעל אַ שטיק קאַנטראַבאַנד — דער „מסתרי-פאריז"...

איך בין נישט טויט נישט לעבעדיג אַריינגעפאַלען אויפ'ן קוואַרטיר, האָב זיך איינגעבויגען אונטער'ן בעט, און אַרויסגעצויגען מיין קעסטעל, און באַלד ביי'ם ערשטען בליק איז מיר אַראָב דער

שטייך פון האַרצען: דער „מסתרי-פּאַריז" איז זיך געלעגען גאַנץ רוהיג דאָרט, וואו איך האָב איהם אַוועקגעלעגט.

— נו? — האָט מיך אַ פרעג געטהון דער חבר — האָט ער ביי דיר היינט עפּיס געפּאַקט?

— ניין, — האָב איך איהם געענטפערט — ווי עס ווייזט מיר אויס האָט ער דאַ דאָס מאָל נור אַ שמעק געטהון, ווי פון יוצא וועגען, און קיין זאַך נישט געזוכט, ובראיה: דאָס שלעסעל איז גאַנץ, און אין מיין קעסטעל איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג.

מיר האָבען זיך געלעגט שלאָפען.

עס זענען נאָך נישט אַריבער קיין דריי שעה, ערשט מיין חבר, וועלכער איז, ווי געוועהנליך אויפגעשטאַנען פריהער פאַר מיר, האָט מיך גענומען רייסען פון שלאָף:

— מינסקער! מינסקער! (אין וואָלאָזשין פלעגען זיך די ישיבה-לייט אָנרופען אויף די נעמען פון זייערע שטעדט) שטעה אויף, און זעה וואָס דאָ איז געשעהען!

איך האָב נאָך מיט האַלב פערשלאָפענע אויגען אַ קוק געטהון אויפ'ן בחור, און האָב איהם כמעט ווי נישט דערקענט; ער איז געווען בלאַס ווי אַ טויט, און ס'האָט איהם געטרייסעלט ווי אין קַדָחַת.

— וואָס איז מיט אייך? — האָב איך איהם געפרעגט דערשראָקען.

— קוקט אייך צו צום חורבן, וואָס אָט דער מְנֻוָל, אָט דער הירשעל-שייקע, האָט די נאַכט, קענטיג על-פי טעות, געמאַכט אין מיין קעסטעל. ער האָט אויפגעבראָכען דאָס שלעסעל, אַלץ איבער-געקעהרט מיט'ן קאָפּ אַראָב און...

— טאָ וואָס זייט איהר דאָ אַזוי צוטראָגען? — האָב איך מיך אָבגערופען פערוואונדערט — מִילא, האָט הירשעל-שייע געהאַט אַ טעות. איהר זייט דאָך אָבער פון די כשר'ע, קיין ביכלעך לייענט איהר דאָך נישט, און אונטער אַ וועלכען עס איז חשד שטעהט איהר דאָך אויך נישט, איז מה רעש?

— ער האָט אָבער ביי מיר צוגענומען אַ זאַך וואָס עס איז פיעל ערגער פון דעם טרייפסטען ביכעל! — האָט ער אויסגעשריגען ווי נישט מיט זיין קול.

וואָס איך האָב מיך ביי מיין חבר נישט צובעטען ער זאָל מיר זאָגען, וואָס אַזוינס האָט ביי איהם הערשעל-שייע געפונען און אַוועקגעטראָגען, האָב איך פון איהם בשום אופן קיין זאַך נישט

געקאנט דערגעהען. איינס האט ער נור גאנץ טרויעריג ארויס-
גערעדט: איצט וועל איך שוין פון וואלאזשין מוזען עוקר'ן.

און איך האב בעמערקט, ווי אין זיינע אויגען האט א פינקעל געטהון א טרעהר...

איך האב איהם געפרובט טרייסטען און געזאגט, אז ער האט זיך נישט וואס צו בעאונרוהיגען, אז איהם וועט מען מוחל זיין יעדער עבירה, ווי גרויס זי זאל נישט זיין, ווייל ערשטענס, גיעבען זיינע עלטערען יעהרליך א סך געלד אויף דער ישיבה, און צווייטענס, האט ער אליין אויך וואס צו זאגען: ער איז א למדן, א מתמיד און אזא שטילער דערצו.

מיין חבר האט זיך אבער נישט בערוהיגט, און איז ארומגע-
גאנגען א דערשלאגענער, און חושך ווי די ערד.

פון שעה צו שעה האב איך ערווארט, אז מיט דעם בחור וועט עפיס ארויסשפרינגען. ארויסגעשפרונגען איז עס אבער ערשט אויף מארגען נאך שבועות.

אסרו-חג ביי טאג האב איך דערזעהען ווי מיין חבר פאקט איין זיינע זאכען, און האב איהם פערוואונדערט געפרעגט:

— וואס איז עס מיט אייך? וואוהין קלויבט איהר זיך דאס?

אויף דעם האט ער מיר געענטפערט:

— כ'האב אייך געזאגט, אז כ'וועל מוזען עוקר'ן פון וואלאזשין, און איך עוקר...

און מעהר קייןווארט. אין דעמזעלבען אוועגד איז ער אבגעפאהרען.

III

אויפגעקלערט געווארען איז די זאך ערשט אין א צייט ארום. און אט וואס ס'האט זיך ארויסגעוויעזען:

דער ביאליסטאקער בחור האט זיך צופעליג בעקאנט מיט א שעהן וואלאזשינער בעל-הבתיש מיידעל, און זיי זענען זיך איינער דעם אנדערען זעהר געפעלען געווארען. דורך פערשיעדענע וועגען האבען זיי אנגעהויבען צו שיקען איינער דעם צווייטען ליעבעס-
צעטעלעך. אויס פארזיכט האבען זיי צווישען זיך אבגערעדט, אז ער זי זאל אנרופען מיט דעם נאמען „רות", און זי איהם —
בועז. דאס מיידעל פלעגט צו איהם שרייבען איהרע ליעבעס-
אויסגיסונגען אויף ראזע בויגעלעך פאפיר און אריינלעגען עס אינ

קליינע ראָזע קאָנווערטלעך. אין איהר לעצטען צעטעלע, וועלכען מ׳האט איהם איבערגעגעבען צוויי טעג פאַר שבועות, האָט זי איהם געשריבען, אז היות ווי די ערשטע נאַכט פון שבועות געהט איהר פאָטער באַלד נאָך וויעטשערע אַוועק אין בית-מדרש, און די מוטער מיט די קליינע ברידערלעך דרימלען איין, בכן וועט זי איהם דאַן ערוואַרטען ביי זיך אין דער היים, און פון דאָרטען וועלען זיי זיך אַ ביסעל דורכשפּאַצירען צו טישקעוויטשעס סאָד. גראָד האָט מען יענעם טאָג אין אָוונד אויסגעריכט הירשעל-שייען צו מאַכען ביי מיר אַרעוויזיע, און ער איז, ווי ס׳איז שוין דאָ געוועזען דער-צעהלט, פערקראָכען בטעות צו דעם ביאַליסטאָקער׳ס קעסטעל. נישט גע-פונענדיג אין זיין קעסטיל קיין שום השכלה-ביכעל, האָט איהם שטאַרק פערדראָסען וואָס זיין טרחה געהט שוין צוליעב מיר דעם צווייטען מאָל אַוועק לאבוד. פּלוצלונג האָט ער דערזעהען די אָפענע רויטע קאָנווערטען מיט די רויטינקע צעטעלעך, און זיי זענען איהם באַלד געוואָרען פערדעכטיג. ער האָט זיי געכאַפּט און אַוועקגעטראָגען גלייך צום ראש-ישיבה. ר׳ הירש-ליב האט אריינגעקוקט אין די צעטעלעך, און האָט תיכף פערשטאַנען, אז זיי האָבען אַ שייכות נישט צו מיר, נור צו דעם ביאַליסטאָקער. פערשטאַנען האט ער עס אָן דעם, וואס דאס קליינשטעדטעלדיגע מיידעל, ווי פאָרזיכטיג זי איז, דוכט זיך, געווען, איז פּאָרט געשטרויכעלט געוואָרען און האט אין עטליכע צעטעלעך אַריינגעוואָרפען די ווערטער: „ביי אייך אין ביאַליסטאָק״, און אין איין צעטעלע האָט זי זאָגאַר פּאַטעטיש אויסגערופען: „ווי מקנא בין איך דיין מינסקער חבר, וועלכער האָט דיך פאַר די אויגען ביי טאָג און ביי נאַכט״... די אַדמיניסטראַציע פון דער ישיבה האט אָבער איינגעפונען, אז אלס צו וויסען, מיט וואס און ווי אזוי צו בעשטראָפען דעם בעל-עבירה׳ניק, דאַרף מען נאך פריהער אויך זעהען, צי וועט ער ממלא זיין דעם רצון פון דעם מיידעל, און וועט אין דער הייליגער שבועות-נאַכט, בעת יודען זיצען אין די בתי-מדרשים און לערנען און זאָגען „תהלים״, איבערגעבען זיך זיינע זינדיגע גע-לוסטען, און מאַכען מיט איהר אַ שפּאַציר אונטער פיער אויגען. אויפ׳ן סמך פונ׳ם דאָזיגען איינזעהען, איז הירשעל-שייע געוואָרען בעפולמעכטיגט, אָבצוהיטען דעם בחור מיט דעם מיידעל לעבען טישקעוויטשע׳ס סאָד.

און די ערשטע נאַכט שבועות תיכף נאך וויעטשערע איז הירשעל-שייע אַוועק און האט זיך אוועקגעשטעלט הינטער אַ צוים ביי׳ם וועג.

וואס פיהרט צו טישקעוויטשע׳ס סאָד, און איז דאָרט אזוי לאנג געשטאנען ביז ער האט דאס יונגע פּאָרעל ענדליך געפּאַקט. דאן איז ער אונבעמערקט פון זיי מיט אַ טייוועלשען געלעכטער אויף די ליפּען אַוועקגעלאָפען אין דער ישיבה.

אסרו־חג אינדערפריה באלד נאכ׳ן דאַוונען האט דער ראש־ישיבה דורך הירשעל־שייען פּעררופען צו זיך דעם ביאַליסטאָקער, און נישט אריינגעהענדיג מיט איהם אין תוך פון דער זאך, האט ער אויף איהם גוזר געווען, תיכף צו פּערלאזען וואָלאזשין, און אוועקפאָהרען אהיים.

דער בחור האט נישט געפרעגט קיין שאלות, און האט מקיים פּסק געוועזן...

פארלאג „אחיספר“, ווארשע

ש. ל. ציטראָן, נייע ביכער:

שתדלנים

אינטערעסאנטע יידישע טיפּן פון נאָענטן עבר

פרייז 7.50 זל.

די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע

פון 1863 ביז 1884 יאָר.

פּרייז 3.50 זל.

דריי ליטעראַרישע דורות

כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן ייד. שריפטשטעלער

פּערטע טייל. פּרייז

משומדים

טיפּן און סילועטן פון נאָענטן עבר.

דריטע און פּערטע טייל. פּרייז

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער“ וואַרשע, נאַלעווקי 2a

ש. ל. ציטראָן. ש. ל. ציטראָן.

א פנקס פון א טויטער שטאט הורבן דובאָווע